Did you go across (.אָד over) the bridge?	זייט איהר געגאנגען איבער דער בריק?
I called to him across the street.	איך האב צו איהם גערופען איבער'ן גאס
Cut it across.	שניידט עס דורך אין דער קווער.
Across (אָקראָס), **הערי‎בער; דורך; איבער אין דער קווער.**	
Make a cross where you leave off.	מאכט א קרייץ (א צייכען), וואו איהר בלייבט שטעהן.
The cross (קראָס).	דאס קרייץ, דער צלם.
To leave off.	זיך אבשטעלען, בלייבען שטעהן; אויפהערען.
I crossed the street.	איך בין הערי‎בערגעגאנגען איבער דער גאס.
*To cross (קראָס).	הערי‎בערגעהן איבער; רייזען איבער; קרייצען.
Cross. Ill-tempered.	פערדריסליך, שלעכט, בייז.
She is a cross woman.	זיא איז א בייזע פרוי.
You are cross.	דוא ביסט שלעכט (בייז).
O, you are a cross boy!	אָ, דוא ביסט א בייזער יונג!
I have crossed the Atlantic three times.	איך האב גערייזט איבער'ן אטלאנטישען ים דרייא מאָל.
The Atlantic (אֶטלאֶנטיק).	דער אטלאנטישער ים, דאס אטלאנטישע מעער.
I have crossed the street four times.	איך בין הערי‎בערגעגאנגען איבער דער גאס פיער מאָל.
To cross the river.	הערי‎בערגעהן איבער'ן טייך.
To cross .אָד to cross out.	דורכשטרייכען; אויסשטרייכען.
Remind her to-morrow morning to put something over my books, when she sweeps the room.	עראינערט זיא מאָרגען אין דער פריה עטוואָס איבערצולעגען איבער מיינע ביכער, ווען זיא קעהרט דאס צימער.

מאַכט דערפון קיין וועזען.—איך דענק איהר וועט מיט דיא לייטע ניט רעדען ווענ
אונזערע געשעפטען.—עס מאַכט ניט אויס; עס איז אַלין דאס זעלבינע, אויב איך רעד
מיט זייא אדער ניט; זייא וועלען אונז ניט טהאָן קיין שאָדען (harm).—פירכטעט איהר
אייך ניט צו געהן אליין?—איך פירכטע מיך גאָר ניט.—פירכטעט ער צו זאָגען דיא
וואַהרהייט? ער ברויכט זיך ניט פירכטען צו זאָגען דיא וואַהרהייט.—איך פירכטע ער
וועט ניט בעצאהלען דעם וועקסעל.—איהר ברויכט ניט צו פירכטען; ער וועט אייך גע
וויס אין אַ וואָך בעצאָהלען, וואָס ער איז אייך שולדיג.—וואו איז אהינגעקומען זיין דיע
נער, האט ער איהם אָבגעשאַפט?—דער דיענער איז נאָך בייא איהם, ער האט איהם
ניט אָבגעשאַפט.

243. צום איבערזעצען.

אדיע! איך געה שוין אַוועג.—בלייבט אַ ביסעל לענגער, איך קען אייך נאָך ניט
אַוועגלאָזען.—האט איהר דאס גאַנצע געלד, וואָס איהר ברויכט?—ניין איך האב ניט;
עס פעהלען מיר צעהן דאָללער.—וויא פיעל פעלט נאָך אייער ברודער פול צו מאַכען
דיא סומע?—עס פעהלט איהם נאָר איין דאָללער און צוואַנציג סענטס.—וועט איהר
היינט קויפען אַ רעגענשירם און אַ הוט?—עס קען זיין, איך קען ניט זאָגען.—איז וועו
דאָ בייא אייך אין הויז יעצט?—ניין; איך ווינש מיינע עלטערן וואָלטען געוועזען צו הויז
יעצט.—וואו זיינען אייערע עלטערן יעצט?—זייא זיינען אַוועקגעפאָרען (=געגאַנגען) אויף
לאַנד אָבצושטאַטען אַ בעזוך מיין אַלטען פעטער.—איהר בעהאַנדעלט מיך וויא אַ
עדעלער מענש (עדעלער מענש, gentleman); איך בין אייך זעהר דאַנקבאַר פיר אייער
גרויסע פריינדליכקייט; עמפּפאַנגט מיין בעסטען וואונש; הלואי זאָלט איהר זיין רייך און
גליקליך!—מאַכט קיין וועזען דערפון; איך טהוא קיינע געפעליגקייטען אום (in order) גע
דאַנקט צו ווערען.—טהוט מיר דיזען געפאַלען.—מיט'ן גרעסטען פערגניגען, מאַדאם.—איך
דענק אייער ברודער'ס זוהן איז ניט געשיקט אין געשעפט.—איך וועל דאס אייך צוגעבען;
אבער ער איז אַ געלערנטער יונגער מאַן.—ווייסט איהר, דאס איך געה אויך עפנען אַ
נייעס געשעפט?—איך האב פון דעם געהערט; אייער שוואָגער האט מיר וועגען דעם
ערצעהלט; איך ווינש אייך גליק.—איך ווינש אייך דאס זעלבינע אין אייער נייעם גע
שעפט.—וועט איהר טרינקען אַ גלאָז וויין?—איך וועל מיך ניט ענטזאגען צו טרינקען
אַ גלאָז וויין, ווען דוא וועסט עס מיר געבען.—היר איז עס.—איך ווינש אייך געזונדהייט!
איך דאַנק אייך זעהר; איך ווינש אייך געזונדהייט און גליק.—וויא לאַנג וועט עס אייך
נעדויערן צו שרייבען דעם בריף צום קויפמאַן?—איך וועל עס האבען פערטיג אין אַ
שטונדע צייט.—איך הער (understand) איהר לאָזט אַוועג (part with) אייער דיענער;
זייט איהר אונצופרידען מיט איהם?—ניין, איך קען איהם רעקאָמענדירען צו אייך; איך
וואָלט איהם ניט אַוועגלאָזען, ווען איך וואָלט ניט גערעכענט אָבצורייזען פון היער
(to leave this place) אויף אַ לאַנגע צייט.—איך האָף, איהר האט קיין זאַך ערמאָהנט
פאַר אייער פאָטער, פון וואָס מיר האבען גערעדט נעכטען.—אַ וואָרט ניט.—נוא, מוזען
מיר אונז ווירקליך שיידען?—יע, ווירקליך; איך האָף אבער ניט אויף לאַנג.—אַדיע;
איך ווינש איהר זאָלט מיך ניט פערגעסען.—קען איך אייך זיין פון וועלכען נוצען (service)?
—איהר זייט זעהר פריינדליך.—איך גלויב הערר בלייק האט מיר היינט געשיקט דרייא

Upon my word, I never saw a prettier hat than yours.	אויף מיין וואָרט, איך האב קיינמאָל ניט געזעהן א שעהנערן הוט פאר אייערן.
Upon my word.	אויף מיין וואָרט, אויף מיינע נאמנות.
Will you give me your word of honor, that you will tell nobody?	וועט איהר מיר נעבען אייער עהרענ־וואָרט, דאס איהר וועט קיינעם ניט ערצעהלען?
The honor (אָנאָר).	דיא עהרע.
A word of honor.	אן עהרענ־וואָרט.
Upon my honor, I will not tell anybody.	אויף מיין עהרע, איך וועל קיינעם ניט זאָגען.
By all that is sacred, I swear to you, that I did not tell anything to your brother about it.	מיט אלעם, וואָס איז הייליג, שווער איך אייך, דאס איך האב אייער ברודער גאָרנישט געזאָגט וועגען דעם.
Sacred (סייקרעד).	הייליג.

242. צום איבערזעצען.

ווער איז העדר מאָרריסאָן?—העדר מאָרריסאָן איז דער גרויסער רייזענדער, פון וועלכען איך האב מיט אייך געשפראָכען עטליכע מאָל.—קען דיזע יונגע דאמע און דיזער יונגער העדר טאַנצען?—אָ יע; זייא זיינען גרויסע טענצער.—קען אייער טאָכטער טאַנצען?—זיא איז א גרויכע טענצערין.—לעזט איהר פיעל אין אבענד?—איך לעז זעהר פיעל; איך בין אַ גרויסער לעזער; מיין פרוי לעזט אויך זעהר פיעל; זיא איז א גרויסע לעזערין.—קענט איהר דעם יונגען מאָן, וועלכער ארבייטעט בייא דזשאָהנסאָן און קאָמפּ.?—איך קען איהם זעהר גוט: ער איז אַן אנשטענדיגער (respectable) יונגער מאָן און זיינע ארבייט־געבער זיינען זעהר צופרידען מיט איהם.—מיט (in) וואָס האנדעלט אייער פעטער?—ער האנדעלט מיט פאַפּיער; ער איז איינער פון דיא גרעסטע פּאַפּיער־העגדלער אין דיזער שטאָדט.—ווער איז זיין פערוואַלטער?—העדר דזשאָהנסאָן איז דער פערוואלטער פון זיין געשעפט.—האנדעלט אייער שוועסטער'ס מאָן מיט (in) טוך?—ניין, ער האנדעלט מיט האנדשוה; ער איז א האנדשוה־הענדלער.—האט איהר געהערט אונזער שוועסטערקינד רעדען?—מיר האבען איהם געהערט רעדען אויף פערשיעדענע געלעגענהייטען: ער איז ווירקליך א גרויסער רעדנער; ער רעדט זעהר שעהן.—האט איהר א שותף צו אייער געשעפט?—ניין; איך ברויך קיינע שותפים; איך האב האָלט אליין צו מאכען געשעפטען: מיט א שותף האט מען זעהר אָפט צרות (trouble).—האט איהר צו טהאָן מיט דער זאך, וועלכע איז אויבען ערמאָהנט געוואָרען?—איך האב גאָרנישט צו טהאָן מיט דער אויבענ־ערמאָהנטער זאך.—ווען האט איהר ערהאַלטען דעם אויבענ־ערמאָהנטען בריף?—דעם אויבענ־ערמאָהנטען בריף האב איך ערהאלטען צווייא וואָכען צוריק.—ערמאָהנט אייער פעטער איך צו בעצאָהלען דיא צווייא דאָללער, וועלכע ער איז איך שולדיג.—עס איז ניט וויכטיג צו ערמאָהנען.—ווען איהר זעהט אייער מוטער ערמאָהנט גאָר נישט וועגען דעם פאַר (to) איהר.—איך וויל עס (so) געוויס ניט טהאָן. איך בין אייך זעהר דאנקבאַר פיר אייער פריינדליכקייט.—

וויא פיעל פעהלט אייך?	How much are you short?
וואָס פעהלט אייך (נאָך)?	What are you short of?
עס פעהלען מיר נאָך צוואנציג דאָללער פול צו מאַכען דיא סומע.	I am short (.אָד I am wanting) twenty dollars to make up the sum.
מאַכען פול.	To make up.
ווען עס פעהלט אייך עטוואָס (נאָך), לאָזט מיך וויסען.	If you are anything short, let me know.
עס קען זיין איך קריג דיא צווייא הונדערט דאָללער, וועלכע פעהלען מיר, היינט; דאַן ברויך איך אייך ניט צו בעמיהען.	May be, I get the two hundred dollars which I am short of, to-day, then I need not trouble you.
עס קען זיין, פיעללייכט.	May be.
איך ווינש מיין פאָטער וואָלט היער געוועזן!	I wish my father were here!
עס קען זיין, ער קומט היינט.	May be, he comes to-day.
איך וועל פיעללייכט ניט קומען ווידער ביז מאָרגען.	I shall, may be, not come back (.אָד not return) till to-morrow.
זאָלט איהר האבען א גליקליכע רייזע און באַלד קומען צוריק.	May you have a safe journey and return soon.
מעגען, זאָלען, הלואי!	May.
הלואי זאָלט איהר זיין רייך!	May you be rich!
הלואי זאָלען מיר זעהר אָפט צוברייננגען אזעלכע גליקליכע אבענדען צוזאמען.	May we very often spend such happy evenings together.
געבען; צוגעבען; טהאָן.	*To grant (גראַנט).
טהוט מיר דיזע געפעלינגקייט.	Grant me this favor.
איך וועל דאס אייך צוגעבען.	I will grant you that.
דער ערפאָלג, דאס גליק.	The success (סאַקסעס').
איך ווינש אייך גליק!	I wish you success! / Success to you!
איך ווינש אייך געזונדהייט!	Health to you!
איך ווינש אייך געזונדהייט און געדייהונג!	Health and prosperity to you!
געדייהונג, גליק.	Prosperity (פראָספעריטי).
וועט אייך געדויערן לאַנג עס צו מאַכען?	Will it take you long to make it?
איך וועל עס האבען געמאַכט אין א וואָך (אָד. אין א וואָך צייט).	I shall have it made in a week's time.

צייט־בעשטימונגען ווערען אין ענגליש זעהר אָפט געמאַכט דורך דיא צושטעלונג פון דעם וואָרט time צום וואָרט, וואָס בעצייכענט דיא צייט. אין דיזען פאַל ווערט צום וואָרט צוגע־זעצט דאָס אַנגעהעריקייטס צייכען ('s אָד. ') צ. ב. in a week's time, אין אַ וואָך; in a month's time, אין אַ מאָנאַט; in three weeks' time, אין דרייא וואָכען או. אַז. וו.

יע, אָבער ער וועט זיך ניט שיידען מיט (אוועג־געבען) דיא וואַרע אויף יענעם פרייז.	I have, but he will not part with the goods at that price.
זיך שיידען מיט—, אוועגגעבען.	To part with—.
אויבען ערמאָהנט, אויבען געזאָגט.	Above mentioned .אָד above said.
דער אויבען ערמאָהנטער בריף.	The above mentioned letter.
עס איז ניט ווערטה צו ערמאָהנען. עס איז ניט ווערטה דיא רייד.	It is not worth mentioning.
ערמאָהנט גאָרנישט וועגען דעם פאר אייער מוטער.	Do not mention anything of (.אָד about) it to your mother.
ערמאָהנט עס ניט. מאַכט דערפון קיין וועזען. מאַכט דערפון קיין רייד.	Do not mention it.
עס מאַכט ניט אויס.	It matters not.
אויסמאַכען, דעראן ליעגען.	*To matter (מאֶט'טער).
עס איז אַלץ דאס זעלבינע. עס איז אַלץ איינס.	It is all the same.
פירכטעט איהר אייך צו געהן אליין?	Are you afraid to go (.אָד of going) by yourself?
ער ברויכט זיך ניט פירכטען צו זאָגען דיא וואהרהייט.	He need not be afraid of telling the truth.
איך פירכטע, ער וועט ניט בעצאָהלען דעם וועקסעל.	I am afraid he will not pay the bill.
האט נאָר קיין מורא ניט! ער וועט געוויס בעצאָהלען.	Never fear! He is sure to pay.
אָבשאַפען; זיך שיידען מיט; אוועגגעבען.	To part with—.
האט ער אָבגעשאַפט זיין דיענער?	Has he parted with his servant?
איך וועל אָבשאַפען (פערקויפען) מיין פערד.	I shall part with my horse.
בלייבט אַ ביסעל לענגער, איך קען מיך נאָך מיט אייך ניט שיידען (איך קען אייך נאך ניט אוועגלאָזען).	Stay a little longer; I cannot part with you yet.
איהר האט ניט געזאָלט אוועגגעבען דאס געלד, אֵיידער איהר האט געהאט דיא וואַרע.	You should not have parted with the money, before you had the goods.
זיך שיידען.	*To part.
מיר האבען אונז געשיידט אויף דער בריק.	We parted on the bridge.
דיא בעסטע פריינד מוזען זיך שיידען.	The best friends must part.
האבען צו וועניג, פעהלען.	To be short .אָד to be wanting.

I was a great traveller in my youth. — איך בין געוועזען א גרויסער הערומרייזער אין מיינע יונגע יאהרען.

מעהרסטע ווערטער, וואָס בעצייכנען ווירקענדע פערזאָנען, וויא: ל ע ז ע ר, ש פ י ע ל ע ר, ה ע ר ו מ ר י י ז ע ר או. אז. וו., ווערען געמאַכט פון אַנדערע ווערטער (מעהרסטענס פון האַנד־לונגסווערטער) דורך דיא צוזעצונג פון er (אָד. r ווען דאָס וואָרט ענדיגט זיך מיט e); צ. ב. player (אַ שפּיעלער)—פון play (שפּיעל׳ען); reader (אַ לעזער)—פון read (לעזען); saddler (אַ זאָטעל־מאַכער)—פון saddle (אַ זאָטעל) או. אז. וו.

ביי דער צוזעצונג פון er ווערט אַן איינצעלנער שלוס־קאָנסאָנאַנט, פאַר וועלכען עס גע־פינט זיך אַן איינצעלנער וואָקאַל, אימער פערדאָפּעלט, ווען דאָס וואָרט איז איינ־זילביג, אָדער ווען דער אַקצענט געפינט זיך אויף דער לעצטער זילבע פון וואָרט; צ. ב. to rob (ראַבּען)—robber (אַ ראָבּער).

ווען דאָס וואָרט ענדיגט זיך אויף l, קען עס אויך פערדאָפּעלט ווערען זאָגאַר, ווען דער אַקצענט געפינט זיך נ י ט אין דער לעצטער זילבע; צ. ב. to travel (טראַ׳ווועל)—traveller.

שרייבען.	to write	פון	The writer (ראַ׳יטער)	דער שרייבער
טאנצען.	to dance	„	The dancer (דאַ׳נסער)	דער טענצער
רייטען.	to ride	„	The rider (ראַי׳דער)	דער רייטער
ליעבען.	to love	„	The lover (לאַ׳וועד)	דער ליעבהאָבער
א גאָרטען.	garden	„	The gardener (גאַרדנ׳ער)	דער גערטנער
ארבייטען.	to labor	„	The laborer (ליי׳באָרער)	דער ארבייטער
בעשעפטיגען.	to employ	„	The employer (עמפּלאָי׳ער)	דער ארבייט־געבער.
האנדלען.	to deal	„	The dealer (דיי׳לער)	דער הענדלער
פערוואלטען.	to manage	„	The manager (מע׳נעדזשער)	דער פער־וואלטער.
א האנדשוה.	glove	„	The glover (גלאָ׳ווער)	דער האנדשוה־מא־כער, דער האנדשוה־הענדלער.
לויפען.	to run	„	A runner (ראַנ׳נער)	א לויפער
א קאנאָן.	gun	„	A gunner (גאַנ׳נער)	א קאנאָנען־שיסער
דרעהען, דרעקסלען.	to turn	„	A turner (טאָיר׳נער)	א דרעקסלער

דיא ווערטער מיט דער צוגעזעצטער ענדונג er קענען בעצייכנען אי א מענליכע פּער־זאָן אי א ווייבליכע: speaker, אַ ר ע ד נ ע ר, אַ ר ע ד נ ע ר י ן; dancer, אַ ט ע נ צ ע ר, אַ ט ע נ צ ע ר י ן או. אז. וו.

I am afraid you will have a poor partner in me. — איך האב מורא איהר וועט מיך ניט האָ־בען פיר א גוטען שותף.

The partner (פּאַרט׳נער). — דער טהיילהאָבער, דער קאָמפּאַניאָן, דער שותף.

Have you mentioned it to your partner? — האט איהר עס געמעלדעט אייער קאָמפּאַ־ניאָן (שותף)?

To mention (מענ׳שאָן). — ערמאָהנען, מעלדען, זאָגען.

ער איז זעהר שלעכט (אונפריינדליך).—וויא האט זיך הענריכ'ס שוועסטער אויפגעפיהרט? —עס איז געוועזן זעהר שלעכט (אונפריינדליך) פון איהר מיר ניט צו לייהען דאס בוך.— קען איך יעצט בעזוכען דיין ברודער?—געוויס ניט: ער איז יעצט שלעכט געשטימט.— איז ער ווען גוט געשטימט?—מאנכמאל; ער איז א גוט-הערציגער מענש.—זעהסט דוא יענעם מענשען? ער איז זעהר הארט הערציג.—אָ, איך קען איהם; דוא האָסט אַן אירטהום: ער איז זעהר א גוט-מוטהיגער מענש, נאָר יעצט איז ער בעדרענגט און איז יעצט שלעכט געשטימט.—זעהט איהר יענעם לאנג-האָריגען מענשען? ער איז איינער פון דיא גרעסטע קויפלייטע פון דיזער שטאָדט.—ער זעהט אויס זעהר אן איינפאכער מענש.—קענט איהר יענע קרייז-קעפּיגע און רויט-האָריגע דאמע? זיא איז דיא פרוי פון גענעראל מאָרטאָן.—איך וויים עס; זיא איז אבער זעהר העסליך (מיט מיאוסע געזיכטסציגען).—אומגעקעהרט (on the contrary), זיא האט רעגעלמעסיגע געזיכטסציגען (she is well-featured).—יענער לאנג-פיסיגער יונג איז דער זוהן פון הערן טשארלז, דעם לעהרער.—און ווער איז דאס לאנג-פיסיגע מיידעל?—איך וויים ניט.—ביי וועמען האט איהר געקויפט דיזע זאָקען?—אין דעם לאדען איבער דעם וועג.—האט איהר נייכטען געהאט אן אנגענעהמען נאכבאר צו מיטטאָג עסען?—זעהר: געגענאיבער איז געזעסען דאָס שעהנע פריילין מאָרריסאָן מיט דיא רויטהע באקען (=דאס שעהנע רויטה-באקיגע פריילין מאָרריסאָן) און צו (on) מיין רעכטער זייט דער יונגער קרויז-קעפּיגער פראנצויז.—איז אייער קוזינע נאָך ניט פערהייראטהעט?—ניין.—געהט איהר נאָך פאריז?—ניין, איך געה אין א געגענגעזעצטע ריכטונג: איך וועל געהן נאָך בערלין.—וויא געפעלט אייך מיין פלעמעניצע?—זיא געפעלט מיר זעהר: זיא זעהט אויס זעהר גוט מוטהיג (good-tempered). —וואָס מאכט איך היינט אזוי שלעכט געשטימט?—ווילט איהר האָבען אייער ראָק מיט צווייא אדער מיט איין רייהע קנעפּ?—ווער איז דער יונגער מאן מיט דיא בלויע אויגען?—קענט איהר איהם ניט? ער איז מיין פלעמעניק, וועלכער האט מיט מיר געריזט נאָך איירָאָפּא צוויי יאהר צוריק.—ווירקליך? איך וואָלט איהם ווידער ניט ערקענט; וויא ער האט זיך געענדערט, און וויא שעהן ער איז געוואָרען!—יע, און ער איז זעהר געשיקט און דער גוט-מוטהיגסטער (best-tempered) מענש אין דער וועלט; מיר זיינען גאנץ גליקליך צו האבען איהם בייא אונז.

76th Lesson.—76סטע לעקציאָן.

Does your son read much?	לעזט אייער זוהן פיעל?
He is a great reader; I can never get him away from his books.	ער איז א גרויסער לעזער; ער לעזט זעהר פיעל; איך קען איהם קיינמאָל ניט אוועגנעהמען פון זיינע ביכער.
Will you join us at a play of cards?	ווערט איהר מיט אונז מיטמאכען א פּארטיע קאָרטען?
*To join (דזשאָין).	מיטמאכען.
I am obliged to you; I am no player.	איך דאנק אייך; איך בין קיין שפּיעלער.

א בעט פיר אײן פערזאָן. A single bed.
א בעט פיר צװײא פערזאָן. A double bed.

240. צום איבערזעצען.

דיא ערוואַרטעטע נאַכריכט איז ניט געקומען.—איך קען ניט העלפען, עס איז ניט מיין שולד.—וואו האָסט דוא געקויפט דעם צובראָכענעם שטאָק?—איך האָב געקויפט דעם צובראָכענעם שטאָק בייא (of) פאָרטער און קאָמפ.—דיא לעצט פערעפענטליכטע בעריכטע זיינען ניט געווען וואהר.—איך דענק זייא זיינען געווען גאַנץ וואהר.—האָט איהר געזוכט מעבלירטע צימערן?—איך האָב געזוכט מעבלירטע צימערן, אבער איך האָב ניט געפונען.—געשעצטער פריינד, לאָז מיך וויסען, אויב דוא האָסט שוין געקריגען א בריף פון אונזער קוזינע מאַריע.—איך האָב ערהאַלטען פון איהר א פּאַקעט (packet) מיט אַן איינגעשלאָסענעם בריף; זיא שרייבט, זיא איז געזונד.—איך בין העכסט בעטריבט איבער דעם פערלוסט פון אונזער פריינד.—איך אויך.—איך בין געווען זעהר אונרוהיג איבער דיין לאַנגעס שטיל⸗שווייגען.—איך אויך.—ער איז אונצופרידען מיט זיין ברודער.—ער איז אונגערעכט.—וואָס זאָל איך טהאָן?—ווענד דיך צו איהם; ער וועט דיר געבען א גוטען ראַטה.—ווענסט דוא דיך ווענדען צו איהר?—ניין, איך וועל מיך ניט ווענדען צו איהר.—האָט אייער ברודער געמאַכט דיזען פעהלער?—מיין ברודער ניט.—מעג מיין שוועסטער נעהמען דיזע צוויא ביכער?—ביידע ניט; דעם צווייטען טהייל האָב איך נאָך ניט געלעזען.—דענקט איהר, עס וועט היינט רעגענען?—היינט ניט, עס איז צו ווינדיג.—ווענסט דוא געבען אַזוי פיעל פיר דיזעס בוך?—איך וועל געוויס אַזוי פיעל ניט געבען.—וועט ער היינט קומען?—ער קומט געוויס.—וועלען אייערע שוועסטערס מיר לייהען זייערע ביכער?—זייא וועלען זייא אייך לייהען מיט פערגניגען.—ווען וועט אייער פאָטער זיין היער?—ער וועט געוויס היער זיין אין א מינוט.—איך וויים ניט אויב אייער שוואָגער וועט מיט מיר גיהן.—האָט ער באַארעס געלד?—ער האָט געוויס. —וועט ער נעהמען א וועקסעל?—ער וועט געוויס נעהמען א וועקסעל, ווען איהר האָט קיין געלד.—וואס האָסט דוא געטהאָן מיט דעם איבריגען געלד?—איך האָב עס געגעבען קאַרלען, וועלכער איז געגאַנגען אויף לאַנד מיט דיא איבריגע יונגלאַך.—וואָס האָט קאַרל געטהאָן דעם איבריגען טהייל פון נאָכמיטטאָג?—ער איז געגאַנגען צו העררן קליוולאָנד, וועלכער וואוינט איבער'ן וועג.—וואוינט הערר קליוולאָנד היער?—ניין, ער וואוינט איבער'ן וועג.—ווער איז געזעסען אייך געגענאיבער?—מיין שוועסטער איז געזעסען מיר געגענאיבער.—וויא איז יאָהאַן געגאַנגען?—יאָהאַן איז געגאַנגען אין א געגענגעזעצטע ריכטונג.—זייט איהר געווען צופרידען מיט דעם פּלאַן?—ניין, איך בין געווען געגען דער אויספיהרונג פון דעם פּלאַן.

241. צום איבערזעצען.

ער איז יעצט אין גוטען מוטה, איך וועל פּראָבירען רעדען מיט איהם.—עס איז וואהר, דאס ער איז יעצט אין א גוטען מוטה, אבער ער איז צו בעשעפטיגט און איך גלויב ניט, דאס ער וועט דיך יעצט עמפּפאַנגען.—איז יענע פרוי גוט⸗מוטהיג?—איך קען אייך פערזיכערן, דאס זיא איז גוט⸗מוטהיג.—איז אייער פעטער א גוט⸗מוטהיגער מענש?—

דאָס האָאר.	The hair (הע־ר).
לאנג־האָאריג, מיט לאנגע האָאר.	Long-haired.
רויטה־האָאריג, מיט רויטהע האָאר.	Red-haired.
דער געזיכטסצוג.	The feature (פי־טשור).
העסליך, מיט מיאוסע געזיכטסציגען.	Ill-featured.
מיט גוטע געזיכטסציגען, מיט רעגעלמע־סיגע געזיכטסציגען.	Well-featured.
דער פוס.	The leg (לעג).
לאנג־פיסיג, מיט לאנגע פיס.	Long-legged.
קורצ־פיסיג, מיט קורצע פיס.	Short-legged.
דיא באק.	The cheek (טשי־ק).
רויטה־באקיג, מיט רויטהע באקען.	Red-cheeked. Rosy-cheeked.
דאס אויג.	The eye (אי).
בלוי־אויגיג, מיט בלויע אויגען.	Blue-eyed.
שווארצ־אויגיג, מיט שווארצע אויגען.	Black-eyed.
דאס געזיכט.	The face (פיים).
בלייך, מיט א בלייכען געזיכט.	Pale-faced.
רויטה, מיט א רויטהען געזיכט.	Red-faced.
דער פאָרהאנג.	The curtain (קאָיר־טיין).
א צימער מיט א פאָרהאנג.	A curtained room.
א פענסטער מיט א פארהאנג.	A curtained window.
דער טעפּיך, דער דיוואן.	The carpet (קאר־פעט).
א צימער מיט טעפיך.	A carpeted room.
דאס בעט.	The bed (בעד).
א דאָפּעל־בעטיגעס צימער, א צימער מיט צוויא בעטען.	A double-bedded room.
דיא ברוסט.	The breast (ברעסט).
א ראָק מיט צווייא רייהען קנעפּ.	A double-breasted coat.
א ראָק מיט אֵיין רייהע קנעפּ.	A single-breasted coat.
אן אבזאץ, א קנאפּעל.	Heel (הי־ל).
מיט הויכע קנאפעל. מיט נידעריגע קנאפּעל.	High-heeled. Low-heeled.
א שפּיץ (פון א שוך).	Toe (טאָו).
מיט ברייטע שפּיצען.	Square-toed.

צו דיא אייגענשאַפטסווערטער, וואָס ווערען געמאַכט פון זאכווערטער דורך דיא צוזעצונג פון ed אדער d, ווערט בייא א האַנדלונג צוגעזעצט דיא ענדונג ly, אזוי גוט וויא צו געוועהנ־ליכע אייגענשאַפטסווערטער; צ. ב.

ער איז זעהר פריידליך מיט אונז געגאנגען דעם גאנצען וועג.	He very good-naturedly went the whole way with us.

Oposite (אָפּפּאָזיט). Over the way.	געגענאיבער, איבער'ן וועג.
Does Mr. Smith live here?	וואוינט הערר סמיטה דאָ?
No, he lives opposite (.אָד over the way).	ניין, ער וואוינט איבער'ן וועג.
Who sat opposite you (.אָד to you)?	ווער איז געזעסען אייך געגענאיבער?
My sister sat opposite me (.אָד to me).	מיין שוועסטער איז געזעסען מיר געגענאי־בער.
Opposite.	געגענגעזעצט.
He went into an opposite direction.	ער איז געגאנגען אין א געגענגעזעצטע ריכטונג.
The direction (דירעקשאָן).	דיא ריכטונג, דיא ווענדונג.
*To oppose (אָפּפּאָוז).	זיך שטעלען געגען, זיין געגען.
He opposed the execution of the plan.	ער איז געוועזען געגען דער אויספיהרונג פון דעם פּלאַן.
The execution (עקסיקיו'שאָן).	דיא אויספיהרונג.
The disposition (דיספּאָזי'שאָן).	דאס געמיטה.
The nature (ניי'טשור).	דיא נאַטור.
She is very good-natured.	זיא איז זעהר גוט־מוטהיג.
Good-natured. Kind.	גוט־מוטהיג, פריינדליך.
Ill-natured. Unkind.	שלעכט, אונפריינדליך.
It was very ill-natured of her not to lend me the pattern.	עס איז געוועזען זעהר שלעכט (אונפריינדליך) פון איהר, מיר ניט צו לייהען דאס מוסטער.
The temper (טעמ'פּער).	דיא געמיטהסשטימונג, דער מוטה.
Ill-tempered.	שלעכט געשטימט, בייז.
Good-tempered.	פריינדליך, גוט.

פון דיא מעהרסטע זאַכווערטער קען מען אין ענגליש מאַכען אייגענשאַפטכווערטער דורך דיא צוזעצונג פון ed, אָדער d, ווען זייא ענדיגען זיך אויף e.

ביא דער צוזעצונג פון ed ווערט אַן איינצעלנער שלוס־קאָנסאָנאַנט, פאַר וועלכען עס געפינט זיך אַן איינצעלנער וואָקאַל, אימער פערדאָפּעלט; צ. ב. leg, א פוס—short-legged, קורץ־פיסיג.

The heart (האַרט).	דאס הערץ.
Good-hearted. Hard-hearted.	גוט הערציג. האַרט־הערציג.
Distress (דיסטרעס).	עלענד, נויטה.
Distressed (דיסטרעסט).	בעקימערט, בעדרענגט.
The head. Thick-headed.	דער קאָפּ. דיק־קעפּיג, גראָב־קעפּיג.
Curly (קאָיר'לי).	קרייזעלדיג.
Curly-headed,	קרייז־קעפּיג.

ביידע ניט; דעם צווייטען טהייל האב איך נאָך ניט געלעזען.	Not both; the second volume I have not read yet.
דער טהייל.	The volume (וואָליום).
דענקט איהר, עס וועט היינט רעגענען?	Do you think it will rain to-day?
היינט ניט; עס איז צוווינדיג.	Not to day; it is too windy.
געוויס.	To be sure. I am sure. You are sure. He is sure. They are sure .או. אַז. וו
איך וועל געוויס אזוי פיעל ניט געבען.	I am sure, I shall not give so much.
ער קומט געוויס.	He is sure to come.
מיינע שוועסטער וועלען עס אייך לייהען מיט פערגניגען.	My sisters are sure to lend it you with pleasure.
מיין פאָטער וועט געוויס היער זיין אין א מינוט.	My father is sure to be here in a minute.
וועט אייער שוואָגער געוויס מיט מיר געהן?	Will your brother-in-law be sure to go with me?
ער וועט געוויס מיט אייך געהן.	He is sure to go with you.
האט איהר באארעם געלד?	Have you ready money (.אָד cash)?
באארעם געלד, גרייט געלד.	Ready money .אָד cash (קאָש).
באארעם געלד האב איך קיינס; ווען א וועקסעל קען אייך טויגען, קענט איהר עס האבען.	Ready money I have none; if you can do with a bill, that you may have.
ניין, דאס וועט ער געוויס ניט נעהמען.	No, this I am sure, he will not take.
וואָס האסט דו געטהאָן מיט דעם איבריגען געלד?	What have you done with the remainder of the money?
איך האב עס געגעבען ווילהעלמען, וועלכער איז געגאנגען אויף לאנד מיט דיא איבריגע יונגלאך.	I gave it to William who went into the country with the rest of the boys.
דאס איבריגע, דער איבריגער טהייל.	The remainder (רימיינ׳דער). The rest (רעסט).
וואס האט איהר געטהאן דעם איבריגען טהייל פון נאָכמיטטאָג?	What did you do the remainder of the afternoon?
מיר מיידלאך זיינען געבליעבען צו הויז, אבער מיינע ברידער זיינען געגאנגען צו הערן מאָררימאָן, וועלכער וואוינט איבער׳ן וועג.	We girls stayed at home, but my brothers went to Mr. Morrison's, who lives opposite (.אָד over the way).

*To inclose (אינקלאָוז).	איינשליסען.
They are deeply afflicted at the loss of a near relative.	זייא זיינען העכסט בעטריבט איבער דעם פערלוסט פון א נאָהענטען פערוואַנד־טען.
*To afflict (אֶפפליקט׳).	בעטריבען.
Afflicted (אֶפפליק׳טעד).	בעטריבט.
The relative (רע׳לאֶטיוו).	דער פערוואַנדטער, דיא פערוואַנדטע.
We were quite alarmed at her long silence.	מיהר זיינען געוועזן זעהר אונרוהיג איבער איהר לאַנגעם שטיל־שווייגען.
Were not you quite charmed with her?	זייט איהר ניט געוועזן גאַנץ ענטציקט אי־בער זיא?
*To charm (טשארם).	ענטציקען.
Charmed (טשארמד).	ענטציקט.
He was highly (.אָד greatly) displeased with her and her sister.	ער איז געוועזן העכסט אונצופרידען מיט איהר און איהר שוועסטער.
*To displease (דיספלי־ז׳).	אונצופרידען מאַכען.
Displeased (דיספלי־זד׳).	אונצופרידען.
Highly (הא׳ילי). Greatly (גרייט׳לי).	העכסט, זעהר.

דיא פערגאַנגענהייטס מיטעלווערטער, וויא alarmed (פון to alarm), charmed (פון to charm), displeased (פון to displease) או. אז. וו., האָבען נאָך זיך דאָס ווערטעל at, ווען נאָך זייא געהט אַ פערזאָן, און דאָס ווערטעל with, ווען נאָך זייא געהט אַ האַנדלונג אָדער אַ טהואונג; צ. ב. he was alarmed at her loss, ער איז געוועזן בעאונרוהיגט איבער איהר פערלוסט; I am dissatisfied with her, איך בין אונצופרידען מיט איהר.

דאָס וואָרט זעהר ווערט נאָך אַ פערגאַנגענהייטס מיטעלוואָרט ניעמאַלס אויסגעדריקט דורך very, נאָר דורך much, highly, greatly און מאַנכמאָל אויך דורך quite.

Greatly alarmed.	זעהר בעאונרוהיגט.
Highly esteemed.	זעהר געשעצט.
Quite respected.	זעהר געעהרט.
I shall apply direct to him.	איך וועל מיך ווענדען גלייך צו איהם.
*To apply (אֶפפלאַי׳).	זיך ווענדען.
Will you apply to her?	וועסט דוא דיך ווענדען צו איהר?
No, not I.	איך ניט.
Has William made that mistake?	האט ווילהעלם געמאכט דיזען פעהלער?
Not William.	ווילהעלם ניט.

אין ענגליש קומט דאָס וואָרט ניט (not) אימער פאָרויס.

May I take these two books?	מעג איך נעהמען דיזע צווייא ביכער?

239. צום איבערזעצען.

זייט איהר שוין מיד?—יע, איך בין ציעמליך (מיד).—איז פריילין מאָררִיסאָן אזוי הויך, וויא איהר ברודער?—זיא איז עטוואָס העכער, דענק איך.—דיזעס מוסטער געפעלט מיר גאָר ניט; געפעלט עס אייך? (do you?)—מיר געפעלט עס נישקאָשע.—איז דיזעס צייג (stuff) אזוי ברייט וויא יענעס?—עס איז עטוואָס ברייטער, אונגעפעהר אָנדערטהאלבען צאָל.—זאָל איך אייך געבען עטוואָס מעהר רינדפלייש?—איך דאנק אייך; איך וועל נעהמען א ביסעל מעהר; עטוואָס וועניגער פעט (of the fat), זייט אזוי גוט.—האט איהר געלאָזען (had) דיזען ראָק אומענדערן?—יע, איך האב איהם געלאָזען מאכען א ביסעל קירצער און ברייטער.—איך ווינש צו האבען נאָך א פּאָר האנדשוה; זיינען דיזע מיין גרוים?—דיזע דרייא פּאָאר זיינען פון איין גרוים.—איז דיזע זייד ניט עטוואָס דונקעלער אלס דיא, וואס איהר האט מיין מוטער נעכטען געוויזען?—זייא זיינען ביידע פון איין קאָלאָר.—איך וואלט זייא וועלען האבען א ביסעל העלער.—זאל איך שיקען אלע פלאַשען אויף איין מאָל?—ניין, עס זיינען דאָ צו פיעלע פיר איהם צו נעהמען אויף איין מאָל. שיקט ניט מעהר אלס דרייא דוצענד אויף איין מאָל.—ניט איהם ניט אזוי פיעלע שטיקער צו טראָגען אויף א מאָל.—געהט איהר אויס? עס זעהט אויס וויא (=מעגליך, likely) אויף (for) רעגען.—איך מוז אויסגעהן, פון דעסטוועגען.—איך וועל איהם פון דעסטוועגען ניט לאָזען וויסען וועגען דעם.—ער וועט פון דעסטוועגען נעהמען דאס געלד, וועלכעס איך האב איהם געבאָטען.—ווען איהר ווילט אבער ניט האלטען דיא וואארען, מוזט איהר מיך לאָזען וויסען אם שפּעטעסטען מאָרגען אין דער פריה.—געווים (נאטירליך).—איהר האט געלאָזען דיא בריף איבערליפערן (deliver) גלייך (at once), ניט וואהר?—געווים (נאטירליך).—זייא האבען געזאָגט, זייא וועלען פון דעסטוועגען שרייבען צו זייער פריינד, דאס זייא האבען איינגעלעזט דעם וועקסעל.—איהר וועט זאָגען אייער מוטער, דאס עס איז ניט געווען מיין שולד, ניט וואהר?—נאטירליך, איהר מיינט אייך פערלאָזען אויף דעם.—קומט עס אייך ניט פאָר, וויא דיזעס וואָלט געווען קלענער?—איך קען ניט זעהן קיין אונטערשיעד.—איך קען, אבער.

75th Lesson.—75סטע לעקציאָן.

The expected advice.	דיא ערווארטעטע נאכריכט.
The advice (אַדוואַיס).	דיא נאכריכט.
The broken stick.	דער צובראָכענער שטאָק.
The last published reports.	דיא לעצט פערעפענטליכטע בעריכטע.
*To publish (פּאָבּליש).	פערעפענטליכען, בעקאנט מאכען.
The furnished apartments.	דיא מעבלירטע צימערן.
The apartment.	דאס צימער.
My esteemed friend.	מיין געשעצטער פריינד.
*To esteem (איסטים).	שעצען.
The inclosed letter.	דער איינגעשלאָסענער בריף.

237. צום איבערזעצען.

איז ניט דער כאַן משוגע (mad) צו פערלאַנגען אזא זאך פון מיר?—וויא משוגע עס מעג אייך פאָרקומען, מוז איך אייך דאָך זאגען, דאס איך שטים גענצליך מיט איהם איין.—האט איהר האָלט דיזען וויין? איך האב פיר איהם בעצאהלט פיער דאָללער און א האלב א דוצענד מעהר אַלס פיר יענעם, וואס מיר האבען געטרונקען נעכטען.—וויא טהייער ער איז, האב איך איהם דאך ניט גערן.—ווארום האט איהר גענומען אזא קליינעס הויז?—וויא קליין דאס הויז מעג אייך פאָרקומען, איז עס פיעל בעקוועמער אלס אייער שוואָגער'ס גרויסעס הויז.—דענקט איהר, דאס הערר כמיטה (Smith) וועט היינט איינלעזען דעם וועקסעל?—ער האט עס פערשפּראָכען.—איך דענק ער וועט ניט איינלעזען דעם וועקסעל.—וועט איהר אויסגעהן דיזען אבענד? עס איז זעהר נאס און קאַלט אין דרויסען; איהר זאָלט (had) בעסער בלייבען צו הויז און שיקען אן ענטשולדיגונג.—וויא נאס און קאַלט עס איז, מוז איך געהן, ווייל איך האב מיין שוועגערין פערשפּראָכען און איך דאַרף (must) זיא ניט טוישען (disappoint).—וועט איהר געהן אין טהעאטער מיט מיר? מאָררימאָן (Morrison), דער נייער אקטיאָר, שפּיעלט היינט בייא נאַכט.—וויא שטאַרק (much) איך פערלאַנג צו זעהן דעם מענשען שפּיעלען, וואָג איך דאך ניט אויסצוגעהן אין זאבענד.—וואָס איז געוועזען דיא מעלאָדיע (tune) פון דעם ליעד, וואס פריילין מאָררימאָן האט געזונגען פאָריגע נאַכט?—איך ווייס ניט; וויא אָפט איך האב געהערט דיזעס ליעד, קען איך דאך ניט געדענקען, וויא עס פאנגט זיך אָן.

238. צום איבערזעצען.

האט מען גענומען דעם בריף אויף דיא פּאָסט?—יע; עס וואָלט בייגאהע געוועזען צו שפּעט; עס האט עבען געשלאָגען זיבען, ווען איך בין אָנגעקומען (got) דאָרטען.—וועט איהר מיך בעגלייטען אהיים?—עס וואָלט מיך פרייען צו געהן מיט אייך; אבער איך מוז מאַכען (do) מיין ענגלישע אויפגאבע; איך וואָלט עס בייגאהע גאַנץ פערגעסען.—ווען האט אייער ברודער אבגערייזט?—אום א פערטעל צו זעקס היינט אין דער פריה; ער וואָלט עס בייגאהע פערשלאָפען (פערשלאָפען, to oversleep one's self).—זייט איהר געגאַנגען מיט איהם צו דער אייזענבאהן?—יע, געוויס, מיין שוועסטערקינד ווילהעלם און איך האבען איהם בעגלייטעט.—ווארום האט אייער ברודער ניט גענומען קיין אָבשיעד פון אונז?—איך האב צו מאַכען אן ענטשולדיגונג פיר איהם; ער איז געוועזען אין קאָנטאָר (counting-house) ביז עלף פאָריגע נאַכט, זאָנסט וואָלט ער אייך אבגעשטאַטעט א בעזוך.—געהט איהר נאָך מאָרגען פריה נאָך באַלטימאָר?—ניין, איך בין געצוואונגען עס אבצולעגען (to defer) ביז איבערמאָרגען.—האט איהר פיעלע אָבשיעדס בעזוכען (farewell visits) צו מאַכען (to pay)?—ניין, איך בין פערטיג.—וועט איהר מיר געבען ערלויבניס מיטצונעהמען דיזעס בוך אהיים?—געוויס; אבער איהר מוזט עס גוט היטען (take good care of it).—האט הערר מאָררימאָן געהאַלטען (made) א לאַנגע אָבשיעדס רעדע (speech)?—ניין, ער האט נאָר געזאָגט איינינע ווערטער; ער איז געוועזען אזוי גערירהט, דאס ער האט קוים געקענט רעדען.—אדיע; מיר וועלען אונז טרעפען בייא אונזער שוועָר הייט פארנאַכט, ניט וואהר?—איך האף אזוי; אדיע.

האט ער עס איהם געזאָגט?	Has he told it him?
עס פערשטעהט זיך, ער האט (איהם גע־זאָגט).	Of course, he has.
א נאַטירליכע זאַך, א זאַך וואס פער־שטעהט זיך פון זעלבסט.	A matter of course.
פאָרקומען, שיינען, אויסזעהן.	*To appear (אֶפּפּי־ר). *To seem (סי־ם).
עס קומט מיר פאָר זעהר זאָנדערבאַר (מאָדנע).	It appears (.אָד seems) very strange tc me.
דאס קומט מיר פאָר זעהר טהייער.	That seems to me to be very dear.
דער צוועק, דיא אבזיכט.	The purpose (פּאָירפּאָז).
בעאַבזיכטיגען, בעצוועקען, רעכנענען.	*To purpose (פּאָירפּאָז).
וואס איז אייער צוועק טהוענדיג דאָס?	What is your purpose in doing so?
איך בעאבזיכטיג (רעכען) איהם היינט צו שרייבען.	I purpose writing him to-day.
וואס רעכענט איהר צו טהאָן היינט אבענד?	What do you purpose doing this evening?
איך רעכען צו שרייבען א בריף.	I purpose writing a letter.

נאָך דעם האַנדלונגסוואָרט to purpose קומט געוועהנליך דאָס געגענווערטיגע מיטעל־וואָרט (—ing).

מיט דעם צוועק, אום—.	On purpose. For the purpose of—.
איך געה יעצט, אום מיט איהם וועגען דעם צו רעדען.	I am going now, on purpose to speak to him about it.
וואס קען זיין זיין אבזיכט? וואס קען ער וועלען?	What can be his purpose?
איך בין געגאַנגען דרייא מאָל צו אייך, אום אייך אבצושטאטען א בעזוך.	I went three times to your house, on purpose to pay you a visit.
איהר האט דאס געטהאָן, אום מיך צו ערגערן.	You have done that, on purpose to vex me.
אבזיכטליך, מיט אבזיכט, מיט פלייס, אומישנע.	On purpose.
ווירקליך, איך האב עס ניט געטהאָן מיט אבזיכט (מיט פלייס).	Really, I did not do it on purpose.
גאַנץ אומזיסט; עס העלפט (נוצט) ניט.	To no purpose.
עס איז גאַנץ אומזיסט (עס העלפט ניט) איהם צו זאָגען.	It is no purpose telling him.
עס וועט ניט נוצען צו פּרובירען.	It will be to no purrose trying.
עס איז אומזיסט, וואָס איך טהוא.	It is to no purpose, whatever I do.

Is not our house larger than your brother's?	איז ניט אונזער הויז גרעסער אלס אייער ברודער'ס?
I think not; they are about of a size.	איך גלויב ניט; זייא זיינען אונגעפעהר פון דער זעלבינער גרויס.
Is this piece as long as that?	איז דיזעס שטיק אזוי גרויס, וויא יענעס?
They are both of a length.	זייא זיינען ביידע פון דער זעלבינער לענג.
Of a size.	פון אֵיין גרויס, פון דער זעלבינער גרויס.
Of a length.	פון אֵיין לענג, פון דער זעלבינער לענג.
Of a color.	פון אֵיין קאָלאָר, פון דעם זעלבינען קאָלאָר.
At a time.	צו גלייך; צו גלייכער צייט. אויף א (אֵיין) מאָל.
One at a time.	איינער אויף אמאָל.
Two, three at a time.	צווייא, דרייא אויף א מאָל.
Why do you give him so much at a time?	ווארום גיט איהר איהם אזוי פיעל אויף א מאָל?
If you speak all at a time, I cannot hear any one.	ווען איהר רעדט אלע אויף אֵיין מאָל, קען איך קיין איינעם ניט הערען.

However (האַוע'ווער), אָבער, פון דעסטוועגען.

I cannot, however, come before eight o'clock.	איך קען אָבער ניט קומען פאַר אכט א זייגער.
We shall, however, accept the bill.	מיר וועלען פון דעסטוועגען אָננעהמען דעם וועקסעל.

However קען שטעהן ביי אין מיטען זאַין ביי אין אָנהויב זאַין—וויא מען וויל:

We shall, however, accept the bill. However, we shall accept the bill.	מיר וועלען פון דעסטוועגען אָננעהמען דעם וועקסעל.

But פיר אָ ב ע ר מוז אימער שטעהן אַם אָנפאַנג זאַין; וויל מען דאס וואָרט אָ ב ע ר (וויא דאָס קומט אָפט פאָר אין יודיש) שטעלען אין מיטען זאַין, מוז מען עס אויסדריקען דורך however. דאָס וואָרט however פיר אָ ב ע ר קען שטעהן ביי אם אָנפאַנג, סיי אין מיטען, סיי אַם ענדע.

He said, however, he would send him the money. However, he said, he would send him the money. He said he would, however, send him the money.	ער האט אבער געזאָגט, ער וועט איהם שיקען דאס געלד.
Have you taken up the bill?	האט איהר איינגעלעזט דעם וועקסעל?
To take up.	איינניהמען, איינלעזען.
Of course, I have.	געוויס, האב איך (איינגעלעזט).

פון קורצקייט וועגען בעדיענט מען זיך אָפט אין שרייבען מיט דיא בוכשטאַבען A. M. פיר פאָרמיטטאָג און P. M. פיר נאָכמיטטאָג. דיזע בוכשטאַבען זיינען אבקירצונגען פון לאַטיינישע ווערטער. A. M. זיינען דיא אָנפאַנגסבוכשטאַבען פון דיא ווערטער Ante, פאָר, און Meridiem, מיטטאָג; P. M.—פון Post, נאָך, און Meridiem.

To find fault with—.	טאַדלען.
He finds fault with me.	ער טאַדעלט מיך.

Rather, אַ ביסעל, עטוואָס.

Is not my coat rather too long?	איז ניט מיין ראָק אַ ביסעל צו לאַנג?
I think it might be rather shorter.	איך דענק ער האַט געקענט זיין אַ ביסעל קירצער.
Is it cold out of doors?	איז עס קאַלט אין דרויסען?
Out of doors.	דרויסען, אין דרויסען.
It is rather colder than it was yesterday.	עס איז עטוואָס קעלטער אַלס עס איז געוועזן נעכטען.
Is it not rather strange he should not write?	איז עס ניט עטוואָס זאָנדערבאַר, דאָס ער שרייבט ניט?
Strange (סטריינדזש).	זאָנדערבאַר, מאָדנע, אויפפאַלענד.
That is rather too bad.	דאָס איז עטוואָס צו שלעכט.
It is rather fresh this morning.	עס איז עטוואָס פריש (פרישליך) היינט אין דער פריה.
This is rather darker than that.	דאָס איז אַ ביסעל דונקעלער אַלס יענס.
I rather like it.	עס געפעלט מיר ציעמליך.

Rather, ציעמליך, נישקאָשע, נישקאָשעדיג.

She is rather pretty; but I have seen prettier.	זיא איז ציעמליך שעהן; אבער איך האָב געזעהן שעהנערע.
Is this book entertaining?	איז דיזעס בוך אַמוזאַנט?
Rather.	נישקאָשע, ציעמליך.
This hat is rather too tight, could you not stretch it a little?	דיזער הוט איז אַ ביסעל צו ענג; וואָלט איהר איהם ניט געקענט מאַכען אַ ביסעל ברייטער?
Tight (טאַיט).	ענג.
*To stretch (סטרעטש).	מאַכען ברייט, אויסשטרעקען, אויסציהען.
Have you had that stick shortened?	האָט איהר דעם שטאָק געלאָזען מאַכען קירצער?
*To shorten (שאָרטן).	קירצען, מאַכען קירצער.
*To widen (וואידן).	ברייט מאַכען.

דיא ענטשולדיגונג.	The excuse (עקסקיוז). The apology (עפּאָלאָודזשי).
זיך ענטשולדיגען, בעטען אום ענטשולדיגונג.	To make an axcuse .אָד apology.
איך מוז בעטען אום ענטשולדיגונג.	I must beg to be excused.
איהר מוזט מיך געפעליגסט ענטשולדיגען.	You must excuse me, if you please.
געהט איהר שוין?	Are you already going?
יע, עס ווערט גאנץ פינסטער.	Yes, it is getting quite dark.
ערלויבט מיר אייך צו בעגלייטען נאך הויז.	Permit me (.אָד give me leave) to see you home.
איך וועל אייך בעגלייטען אונטען.	I will see you down stairs.
אימעצן בעגלייטען (בּייא אַן אָבּרייזע, אין אַ הויז, אויף דיא פּאָכט, אויף דיא אייזענבּאַהן, אויף דעם וועג או. אַז. וו.)	To see a person off.
האט אייער שוועסטערקינד אָבגעריזט?	Has your cousin left?
יע, ער איז אַוועגגעגאַנגען היינט אין דער פריה אום האַלב זיבען; איך האָב איהם בעגלייטעט (צו דער בּאַהן).	Yes, he went this morning at half past six; I saw him off.
ווארום האט ער פון מיר ניט גענומען קיין אָבשיעד?	Why did he not take leave of me?
אָבשיעד.	Leave (ליוו).
איך האב פיר איהם צו בעטען אום ענטשולדיגונג; ער איז געוועזן ביז דעם סאמע לעצטען אויגענבליק צו בעשעפטיגט צו קענען געהן צו אימעצן.	I have to make an apology for him; he was too busy to the very last moment to be able to go to (.אָד call upon) any one.
בעטען ערלויבניס. זיך נעהמען דיא פרייהייט, זיך ערלויבען.	To beg leave.
נעהמען אבשיעד, זיך זעגנען. זיך נעהמען דיא פרייהייט, זיך ערלויבען.	To take leave.
איך נעהם מיר דיא פרייהייט צו—. איך ערלויב מיר צו—.	I take (.אָד I beg) leave to—.
ערלויבט מיר אייך צו זאָגען.	Give me leave to tell you.
זייא געזונד! אַדיע!	Farewell (פערוועל)! Good bye (גוד באַי)!
זאָגען „זייא געזונד“, זאָגען „אדיע“.	To bid (.אָד say) farewell.
איבערמאָרגען פריה אום זיבען.	The day after to-morrow at seven o'clock in the morning.
אום פינף פאָרמיטטאָג.	At five A. M.
אום פינף נאָכמיטטאָג.	At ffve P. M.

ווערט קיינמאָל בייז (angry).—איז דאָס א נייע פלינט?—יע, איך האב זיא ערסט נעכטען געקויפט.—וויא פיעל קאָסט זיא? (=וואָס איז דער פרייז דערפון?)—איך האב פיר זיא בעצאָהלט פינף און אכציג דאָללער; זיא איז זעהר א גוטע; איך האב מיט איהר היינט אין דער פריה געשאָסען, און האב געטראָפען אין ציעל דרייא מאָל נאָך אנאנד (successively).

74th Lesson.—74סטע לעקציאָן.

Do you like my uncle's new house?	געפעלט אייך מיין פעטער'ס נייעס הויז?
I cannot say I do; for large as it is, and many rooms as it has, there is not one comfortable room in it.	איך קען ניט זאָגען, דאָס עס געפעלט מיר; דען, וויא גרויס עס איז און וויא פיעלע צימערן עס האָט, איז ניט דאָ קיין איינציגעס בעקוועמעס צימער דערין.
Rich as he is, he is not happy.	וויא רייך ער איז, איז ער (דאָך) ניט גליקליך.
Little as he is, he is stronger than you are.	וויא קליין ער איז, איז ער שטארקער אלס איהר.
Whatever you may say, I do not believe you.	וואָס איהר מעגט זאָגען, איך גלויב אייך ניט.
Much as it pleases her, she does not show it.	וויא פיעל עס מעג איהר געפעלען, ווייזט זיא עס (דאָך) ניט הערויס.

אנשטאָט as קען אויך though געברויכט ווערען; אָבער נאָך though שטעהט דאָס האַנדלונגסוואָרט אין אונגעענדערטער פאָרם:

Rich though he be (is :ניט), he is not happy.	וויא רייך ער איז, איז ער (דאָך) ניט צופרידען.
Much though it please (pleases :ניט) her, she does not show it.	וויא פיעל עס מעג איהר געפעלען, ווייזט זיא עס (דאָך) ניט הערויס.
Comfortable (קאָמפּאָרטעבל).	בעקוועם.
Had like to have.	וואָלט ביינאהע. וואָלטען ביינאהע.
They had like to have all been drowned.	זייא וואָלטען ביינאהע אלע געוואָרען ערטרונקען.
She had like to have lost an eye.	זיא וואָלט ביינאהע פערלאָרען אן אויג.
We had like to have all been burnt.	מיר וואָלטען ביינאהע אלע פערברענט געוואָרען.
You had like to have been too late.	איהר וואָלט געווען ביינאהע צו שפּעט.
*To excuse (עקסקיוז).	ענטשולדיגען.
Will you excuse me?	וועט איהר מיך ענטשולדיגען?
I will certainly excuse you.	איך וועל אייך געוויס ענטשולדיגען.

איבער א מאָנאט.—איז עס א ריכטיגע זאך (a fact), דאָס דער הויכער מאן, װעלכער איז געװען בײא איך אײערנעכטען בײא נאכט, האט זיך געשאָסען הײנט אין דער פריה? —לויט דעם, װאָס איך האָב געהערט יעצט עבען, איז עס גאנץ װאהר.—װײס מען ניט, װארום ער האט עס געטהאָן?—איך דענק ער האט ניט געהאַט קײן גרויסע לוסט (wish) צו לעבען מעהר (any longer); און אזוי װיא ער איז געװען זײן אײגענער הערר (master), האט ער װאהרשײנליך גערענקט, (דאס) ער האט ניט נויטיג צו פערבלײבען היער לענגער אלס איהם האט געפעלען.—מען האט איהם געהאלטען פיר זעהר רײך.— ער האט געהאַט פון צװײא ביז דרײא טויזענד דאָללער א יאָהר; אבער ער האט גע- האַט אזוי פיעלע בעדירפניסע (wants), דאס מען האט איהם געקענט גיכער (rather) אנרופען אן אָרימער אלס א רײכער.—איהר װײסט (דאָך), מען קען זײן רײך מיט א ביסעל און אָרים מיט פיעל געלד.—דיזער מאן האָט אויסגעגעבען מעהר אלס ער האָט געהאט, דעריבער איז ער געװען, מיט אל זײן געלד, אן אָרימער מאן.—איך בין נײגיע- ריג צו װיסען, אויב מיר װעלען הײנט בעקומען (have) אונזער געלד פון הערכן קליװ- לאָנד.—װען (if) ער האנדעלט לויט זײן פערשפּרעכען, מוז ער עס האָבען אָבגעשיקט דעם פינפטען, אײערנעכטען, און אין דיזען פאל קענען מיר עס ניט ערהאלטען ביז מאָרגען; אבער איהר װײסט, אז מען קען זיך אויף איהם ניט פערלאָזען זעהר פיעל.

236. צום איבערזעצען.

רעכענט איהר הײנט צו שיקען דעם מאן דאָס געלד?—דיא װאָארען זײנען ערסט אָנגעקומען הײנט אין דער פריה.—איך װעל פון דעסטװעגען הײנט איהם שיקען זײן געלד, װײל, ערסטענס, װײס איך, דאס ער דארף עס האבען; און, צװײטענס, האב איך עס איהם פערשפּראָכען; דיא װאָארען זײנען לויט בעשטעלונג און זעהר גוט; עס װאָלט, אלזאָ (consequently), זײן זעהר אונרעכט איהם צו לאָזען (to have) װארטען (waiting); ער װײס, ער קען זיך אויף מיך פערלאָזען, און ער זאָל זיך ניט אירען.— װער האט הערויסגענומען מײן פראנצויזישעס בוך פון מײן צימער?—איך װײס ניט; איך האב קײנעם געזעהן הערײנגעהן אין אײער צימער; איהר האט עס װאהרשײנליך אלײן אװעגגעשיקט ערגעץ, װײל קײנער ריהרט עטװאָס אין אײער צימער.—האט איהר װידער גענומען מײן פעדער? איך האב מיך אָפט געבעטען (זיך בעטען, to beg) בײא (of) איך ניט צו ריהרען מײנע פעדערן.—װארום איז אײער שװעסטערקינד מיר פארבײגע- גאנגען הײנט אין דער פריה און האט ניט גערעדט (without speaking)?—האט איהר איהם ניט געזאָגט בײ'ן (at the) באל פאָריגע נאכט, (דאָס) ער דארף װידער נעהמען לעקציאָנען אין טאנצען (dancing lessons)?—יע, געװיס; איך האב גערענקט, עס איז געװען זעהר פרײנדליך פון (in) מיר איהם צו געבען א קלײנע אָנדײטונג.—איהר האט עס ניט געדארפט זאָגען; ער װעט עס קײנמאָל פערגעסען.—עס טהוט מיר לײד, (דאָס) ער קען ניט פערשטעהן (=נעהמען) א שפּאס (joke); װען איך זעה איהם דיזען אבענד, װעל איך איהם זאָגען, דאס ער האָט נאך עטװאָס (something else) צו לער- נען אויסער טאנצען (dancing).—ער איז פיעל אנדערס (very different) פון זײן ברודער; איהר קענט איהם זאָגען, װאָס איהר װילט; ער גיט עס אײך װידער צוריק, אבער ער

.234 צום איבערזעצען.

וועט איהר שיקען דעם מאן דיא וואַרען, וועלכע ער בעשטעלט?—וואָס אנבע-
טרעפט מיך אליין, וואָלט איך עס טהאָן; אבער מיין ברודער איז געגען דעם.—ער האָט
איך בעצאהלט דיא לעצטע סומע, ניט וואהר?—יע, דאס איז גראַדע דיא אורזאך:
ער וויל מיט איהם מעהר ניט האבען צו טהאָן.—האט אייער שוואָגער געקויפט דעם
הויז?—יע, ער האט עס געקויפט, ניט קוקענדיג אויף מיין אבריידען (dissuading) איהם
דערפון.—וועט אייער פאָטער ווידער איינלאַדען דעם איטאַליענער?—ער וועט איהם
ווידער איינלאַדען, ניט קוקענדיג אויף וואָס ער האט וועגען איהם געהערט: ווייל ער
האט פון איהם א צו גוטע מיינונג צו האלטען עס פיר וואהר.—וועט אייער מומע געהן
צו מאדאם קראַפאָרד נאך דעם, וואָס דיא לעצטערע האט געזאָגט אויף (of) איהר?—
זיא וועט פון דעכטוועגען געהן, ווייל זיא גלויבט עס ניט.—שרייבט דיא האמבורגער
פירמע (house) עטוואָס וועגען (respecting) דעם וויין?—זייא שרייבען, דאס זייא האבען
נאך אלץ ניט געהאט א גוטען באָט דערפיר; אבער זייא האפען פון דעכטוועגען איהם
אבצוזעצען (to dispose of it) אין דעם לויף (course) פון נעכסטען מאָנאט.—וועט אייער
זוהן עטוואָס פערלירען דורך וועכסטער און קאָמפּ.?—איך גלויב ניט, דאס זייער באנ-
קראָט וועט בעריהרען מיין זוהן.—איז עס ניט געוועזען זעהר א ריהרענדע סצענע?—וועגען
וואָס רעדט איהר?—וועגען דעם אָרימען מאן, וועלכען אייער מוטער האט געשיקט דעם
וויין. ער האט איהם ניט געוואָלט אָנרידרען, ביז זיין ווייב, וועלכע איז אויך געוועזען זעהר
קראַנק, האט דערפון געטרונקען.—קענט איהר זעהן, וויא דער ווייזער (finger אָד. hand)
פון דיזען זייגערל בעוועגט זיך?—איך קען עס קוים בעמערקען, ער בעוועגט זיך זעהר
לאַנגזאַם.—האט איהר ניט געזעהן דעם מאן הערייןלעגען עטוואָס אין זיין מויל, איידער
ער האט גערעדט מיט אייך?—איך האב זיכער בעמערקט, וויא ער האט עס געטהאָן,
אבער איך האב מיך געמאכט (זיך מאכען, to pretend) ניט זעהענדיג (not to see).

.235 צום איבערזעצען.

ווארום האט איהר מיר ניט געגעבען א ווינק, ווען איהר האט געוואָלט אוועג-
געהן?—איך האָב אייך געגעבען (I did give you) א ווינק, אבער עס האט אויסגע-
זעהן (it appeared), אזוי וויא איהר וואָלט מיך ניט פערשטעהן.—האט איהר בעמערקט,
וויא דער מאן האט הערייןגעוואָרפען א בריף אין פייער, ווען מען האט איהם געפרעגט,
אויב ער האט נאך וועלכע פאַפּיערען?—איך האב ניט נאָר געזעהן איהם דאָס טהאָן,
נאָר איך האב איהם געגעבען א ווינק עס צו טהאָן.—אויף וואָס האט איהר אָנגעדיי-
טעט (=געציעלט), ווען איהר האט געזאָגט פאָריגע נאכט, דאס געוויסע לייטע האָבען
אלעס בעמערקט, און דאך האבען זייא גאָרנישט געזעהן?—דאס איז געווען א ווינק,
וועלכען איך האב געגעבען אייער ברודער, וועלכער האט מיך פערשטאַנען זעהר גוט.—
האט איהר געטהאָן, וואָס איך האב אייך געראטהען?—איך האָב געהאנדעלט לויט דיא
אָנדייטונגען, וואָס איהר האט מיר געגעבען.—וועט איהר בלייבען לאַנג בייא אייער טאָכ-
טער אין פאַריז?—דאָס וועט זיך ווענדען אן (דיא) אומשטענדע. ווען איך וועל זיא טרעפ-
פען (find) אזוי געזונד, וויא זיא שרייבט מיר, אַז זיא איז, וועל איך דאָרטען ניט בלייבען

נאך —to object to קומט אימער דאס געגענווערטיגע מיטעלווארט, ד. ה. דיא פארם פון האנדלונגסווארט, וואס ענדיגט זיך מיט ing:

I object to singing now.	איך וויל ניט, דאס מען זאל יעצט זינגען.
He objects to writing.	ער איז נעגען שרייבען.
We object to your playing at cards.	מיר זיינען נעגען אייער שפיעלען אין קארטען.
Mr. Porter objects to receiving (.אד tak-ing) the money.	הערר פארטער וויל ניט אננעהמען דאס געלד.

233. צום איבערזעצען.

ווענעס פערד-מעסערל איז דאס?—דאס איז מיינס; עס איז גראדע דיא זאך, וועלכע איך האב געזוכט.—דארטן קומט הערר האררויסאן.—עס פרייט מיך; ער איז גראדע דער מאן, וועלכען איך דארף זעהן.—היער ברייננ איך אייך אן ענגלישעס בוך.—אך, דאס איז גראדע דיא זאך, וועלכע איך ווינש.—איהר טהוט אימער גראדע דיא זאך, וועלכע איהר דארפט ניט טהאן.—ער איז געשטארבען גראדע דעם טאג, וואס מיר זיינען אנגעקומען אהער.—ווען דארף (must) דיא לאנדאנער רעכנונג געשיקט ווערען נאך האמבורג?—זיא מוז אוועקגעשיקט ווערען טאקע היינט (this very day), זאנסט וועט זיא אנקומען (get) דארטן צו שפעט.—ווען רייזט איהר אב?—איך וועל אברייזען טאקע היינט נאכמיטטאג.—אין וועלכען גאסטהויז זייט איהר איינגעשטאנען אין פילא-דעלפיא?—אין דעם גאלדענעם אדלער.—דאס איז גראדע דאס זעלביגע הויז, אין וועלכען איך בין איינגעשטאנען דרייא יאהר צוריק.—איך בעט אייך אום ענטשולדיגונג; עס קען ניט זיין דאס זעלביגע הויז; ווייל דאס הויז, אין וועלכען איך בין געווען, איז ערסט געבויט געווארען צווייא יאהר צוריק.—זייט איהר אויפגעלעגט (disposed) צו מא-כען א שפאציער מיט מיר?—איך וויל, מיט פערגניגען, עס איז גראדע דיא זאך, וואס איך ברויך; איך בין דעם גאנצען טאג געזעסען, און איך וואלט וועלען מאכען (=נעה-מען) א ביסעל בעוועגונג (exercise).—קענט איהר מיר לייהען אייער פערד און וואגען אויף (for) א פאאר שטונדען היינט נאכמיטטאג?—וואס אנבעטרעפט דעם וואגען, דארף איך איהם האבען אליין, און וואס אנבעטרעפט דאס פערד, האב איך בייא מיר אבגעמאכט (I made up my mind) קיין מאל עס צו לייהען ווידער.—ווארום ניט? איהר האט עס מיר (דאך) געליהען פריהער.—דאס איז טאקע דיא מעשה (דיא זאך); דאס איז גראדע דיא אורזאך, ווארום איך וועל עס מעהר (=ווידער) ניט לייהען מיין סאמע בעסטען פריינד און פיר אזעלכען האלט איך אייך.—האט איהר נאכגעדענקט וועגען (דעם), וואס איך האב אייך פארגעלעגט (proposed) נעכטען?—יע; איך וועל נעהמען דעם פרייז, וועלכען איהר באט מיר; אבער, וואס אנבעטרעפט דעם קרעדיט (credit), וועלכען איהר פערלאנגט (require), איז גאר קיין רייד ניט (that is quite out of the question).—וועט איהר ערלויבען אייערע טעכטער צו קומען צו אונז היינט בייא נאכט?—וואס אנבעטרעפט מאריען און שארלאטטען, האב איך גארנישט דאגעגען (=קיין איינווענדונג); אבער עמיליען קען איך אויף קיין פאל (I cannot possibly) ערלויבען, אויך איז זיא ניט געזונד גענוג: עס קען דעריבער ניט זיין קיין רייד וועגען איהר אויסגעהן היינטיגען אבענד.

איך שטעה איין אין דעם נייען האָטעל.	I am stopping at the new hotel.
דאס גאַסטהויז — The inn (אין)	The hotel (האָטעל) — דער האָטעל
דער גאָלדענער אָדלער.	The Golden Eagle.
דער ווייסער הירש.	The White Hart.
דאָס ווייסע הויז. (נעמען פון האָטעלען אָד. גאַסט-הייזער.)	The White House.
לאָזשירען, איינשטעהן.	*To stop (סטאָפּ). To stay (סטיי).
איך שטעה איין אין דעם גאָלדענעם אָדלער.	I am stopping (אָד. staying) at the Golden Eagle.
אין וועלכען גאַסטהויז שטעהט איהר איין?	At what inn are you staying?
איך שטעה איין אין דעם ווייסען הירש.	I am staying at the White Hart.
איינקעהרען.	To put up.
אין וועלכעם גאַסטהויז (אָד. האָטעל) קעהרט איהר איין?	At what inn (אָד. hotel) do you put up?
איך קעהר איין אין דאס ווייסע הויז.	I put up at the White house.
דאס לעצטע מאָל, וואָס איך בין געוועזן אין לאָנדאָן, בין איך איינגעשטאַנען אין דעם רויטהען לייב.	The last time I was in London I put up at the Red Lion.
דיא פראַגע; דיא רייד.	The question (קוועסטשאָן).
פרעגען; אונטערזוכען; פערהערען.	*To question.
מעג איך הײַנט אויסגעהן?	May I go out to-day?
ניין; דאס איז גאָר אויסער פראַגע, ד. ה. וועגען דעם איז גאָר קיין רייד ניט.	No; that is quite out of the question.
דיא פראַגע איז, אויב ער וועט עס גלויבען.	The question is, whether he will believe it.
איך צווייפעל עס גאָר ניט.	I do not doubt it at all.
צווייפלען.	*To doubt (דאוט).
ער בעצווייפעלט מיינע ווערטער.	He questions my words.
בעצווייפלען, צווייפלען אין—.	*To question (קוועסטשאָן).
בעשטעלט דעם סטאָליער צו קומען צו מיר אום דרייא א זייגער.	Order the joiner to come to me at three o'clock.
בעאויפטראַגען, בעשטעלען.	*To order (אָרדער).
דער אויפטראַג, דיא בעשטעלונג.	The order.
דיזע וואַארען זיינען ניט לויט בעשטעלונג.	These goods are not according to (אָד. are not to) order.
איינווענדען, האַבען דאַגעגען, זיין געגען.	*To object (אָבדזשעקט).
איינווענדען געגען, ניט וועלען, אז—, זיין געגען.	To object to—.

Your subsequent statement differs much (אָד. widely) from the previous one.	אייער שפּעטערדיגע מיטטהיילונג אונטער= שיידעט זיך פיעל פון דער פריהערדינער.
He says he did not perceive me give him a hint.	ער זאָגט, ער האט ניט בעמערקט, דאס איך האב איהם געגעבען א ווינק.
The statement (סטייט׳מענט).	דיא אָנגעבונג, דיא מיטטהיילונג.
*To differ (דיפ׳פער). Te be different.	זיך אונטערשיידען, זיין אנדערס.
To aim (אֵיים).	ציעלען.
To aim at something אָד. somebody.	ציעלען אויף עפּעס אָד. אימעצן. אָנדייטען אויף עפּעס אָד. אימעצן.
At whom are you aiming?	אויף וועמען ציעלט איהר?
Are you perhaps aiming at me?	ציעלט איהר פיעללייכט אויף מיך?
He aimed (אָד. took aim) at his enemy and then fired into the air.	ער האט געציעלט אויף זיין פיינד און האט דאן געשאָסען אין דיא לופט.
To aim (אֵיים). To take aim.	ציעלען, ציעלעווען.
Deliberate (דילי׳בעריט)—Deliberately.	לאנגזאם, מיט בעדאכט.
He took deliberate aim at him and shot him dead on the spot.	ער האט אויף איהם געציעלט מיט בע= דאכט און האט איהם געשאָסען טוידט אויפ׳ן אָרט.
He killed him on the spot.	ער האט איהם געטוידטעט אויפ׳ן אָרט.
*To kill (קיל).	טוידטען, אומברייננגען.
To shoot (שוּט); shot (שאָט), shot.	שיסען; געשאָסען.
*To fire (פאיר).	פייערן, שיסען, אויסשיסען.
To fire a gun.	אויסשיסען מיט א פלינט.

The rifle (ראיפל)	דיא ביקס	The gun (גאַן)	דיא פלינט
The cannon (קאֶנ׳נאַן)	דיא קאנאָן	The pistol (פיס׳טאל)	דער פיסטאל

דאָס וואָרט cannon ענטערט ניט זיין פאָרם אין מעהרצאָהל, ד. ה. עס ערהאַלט ניט קיין s: the cannon, דיא קאַנאָן—two cannon, צוויא קאַנאָנען.

To hit (היט); hit, hit.	טרעפען; געטראָפען.
I could not hit the mark.	איך האב ניט געקענט טרעפען אין ציעל.
The mark (מארק).	דאָס ציעל.
You have hit it.	דוא האָסט עס געטראָפען. דאָס איז עס!
That was a good hit; a lucky hit.	דאס איז געוועזען א גוטער איינפאל; א גליקליכער איינפאל.
The hit (היט).	דער איינפאל.

*To hint (הינט). *To allude (אַלליוד). *To insinuate (אינסינ'יואֵייט).	אַנדייטען, אַנווינקען.
At what is he hinting? What is he hinting at?	אויף וואָס דייטעט ער אָן?
At what is he alluding? What is he alluding to?	אויף וואָס ווינקט ער אָן?
I gave you a hint.	איך האב אייך געגעבען א ווינק.
The hint (הינט).	דער וואונק, דער ווינק, דיא אַנדייטונג.
I acted according to the hints you gave me.	איך האב געהאַנדעלט לויט דיא ווינקען, וועלכע איהר האט מיר געגעבען.
According to what your brother says.	לויט דעם, וואָס אייער ברודער זאָגט.
According as he says.	לויט דעם, וויא ער זאָגט.
According as it is.	נאָך דעם, וויא עס איז.

According (אֶקקאָר'דינג), **לויט, נאָך דעם.**

According to circumstances.	נאָך אומשטענדע, נאָך דער לאגע.
The circumstance (סאָיר'קאָמסטאֶנס).	דער אומשטאנד, דיא לאגע.

According to שטעהט פאַר א זאַך אָדער אַ פּערזאָן; according as שטעהט פאַר אַ וואָרט, וואָס בעצייכענט אַ טהואונג.

Accordingly (אֶקקאָר'דינגלי), **לויט דעם; אַלזאָ.**

Accordingly, I have written to my friend.	איך האָב אלזא געשריבען צו מיין פריינד.

Consequently (קאָנ'סיקווענטלי), **so** (סאָו), **דעריבער, אַלזאָ.**

Consequently (אָד. so) you are wrong.	אַלזאָ האט איהר אונרעכט.
It depends upon whether he acts according to his promise (אָד. as he promised).	עס וועגדט זיך אָן דעם, אויב ער האנדעלט לויט זיין פערשפּרעכען.
I depended (אָד. relied) upon your speaking to him previously.	איך האב מיך פערלאָזען דערויף, דאס איהר וועט מיט איהם רעדען פריהער.
Previous (פּרי'וויאָס)—Previously.	פריהערדיג—פריהער.
A previous engagement.	א פריהערדיגע אנגענומענע איינלאדונג.
The engagement (ענגיידזש'מענט).	דיא אָנגענומענע איינלאדונג.
Your previous letter.	אייער פריהערדיגער בריף.
Subsequent (סאָב'סיקווענט). Latter (לאֶט'טער).	נאכהעריג, שפּעטער.
Subsequently (סאָב'סיקווענטלי). Afterwards (אֶפ'טערוואָרדז).	נאכהער, דערנאָך.

The admonition (עדמאָני'שאָן).	דיא ווארנונג.
Notwithstanding all the pains I take.	ניט קוקענדיג אויף אלע מיהע, וועלכע אין' גיב מיר.
I think he will come nevertheless.	איך דענק ער וועט קומען פון דעסטוועגען.

Notwithstanding האָט אויך דיא בעדייטונג פון דעסטוועגען, ווען עס קומט אין מיטען אָדער אַם ענדע פון זאַץ:

I think he will come notwithstanding.	איך דענק ער וועט קומען פון דעסטוועגען.
I have, nevertheless (אָד. notwithstanding), paid him his money. I have paid him his money nevertheless (אָד. notwithstanding).	איך האב איהם פון דעסטוועגען בעצאָהלט זיין געלד.

אין דער אלטעגליבער שפּראַכע בעדיענט מען זיך אויך מיט דיא ווערטער for all אין דיא בעדייטונגען פון ניט קוקענדיג און אָבוואָהל:

For all he promises so much.	ניט קוקענדיג, וואָס (אָבוואָהל) ער פער־שפּרעכט אזוי פיעל.
For all you say so.	אבוואָהל איהר זאָגט אזוי.
Does he not say anything respecting (אָד. concerning) the cotton?	זאָגט ער גאָרנישט וועגען דיא באוועל?
What does she say concerning (אָד. about) me?	וואָס זאָגט זיא וועגען מיר?

Concerning (קאָנסאָיר'נינג), respecting (ריספּעק'טינג), וועגען.

*To affect (אָפּפעקט'). *To concern (קאָנסאָירן').	אָנגעהן, בעטרעפען, בעריהרען.
That concerns you.	דאָס בעריהרט אייך.
How can that concern my brother?	וויא קען דאס אָנגעהן מיין ברודער?
*To affect (אָפּפעקט').	ריהרען (דאָס געמיטה).
It affected me.	עס האט מיך געריהרט.
An affecting scene.	א ריהרענדע סצענע.
He was much affected by it.	ער איז זעהר געריהרט געוואָרען דערפון.
*To touch (טאָטש).	אָנריהרען, בעפיהלען.
You must not touch everything.	מען דארף יעדע זאך ניט אָנריהרען.
*To move (מו־וו).	בעוועגען; זיך בעוועגען; זעצען אין בעוועגונג.
It moves very slowly.	עס בעוועגט זיך זעהר לאנגזאָם.
I can hardly perceive it.	איך קען עס קוים בעמערקען.
*To perceive (פּערסי־וו').	בעמערקען; זעהן.
I perceived him put something in his pocket.	איך האב בעמערקט, וויא ער האט עטוואָס הערייגעלעגט אין זיין טאַש.

צוועלף אק איהר האט אויך געדארפט זיין.—מיין שוועסטער שרייבט היינט צו איהר קוזינע, און איהר האט אויך געדארפט שרייבען.—איהר זאָלט (must) זאָגלייך זיין צוריק, זאָנסט וועל איך געהן אָהן אייך.—זאָגט איהם, איך בין היער, זאָנסט וועט ער מיינען, (think) איך בין אוועגגעגאנגען.—לעג דיזעס בוך אוועג (by), זאָנסט וועט עס ווערען שמוציג.—איהר מוזט אייך בעאיילען, זאָנסט וועט איהר זיין צו שפּעט.

73rd Lesson.—73סטע לעקציאָן.

The very—.	דער סאמע, דיא סאמע, דאָס סאמע—. גראדע דער, גראדע דיא, גראדע דאָס—.
This very day.	נאָך היינטיגען טאָג, נאָך היינט, טאקע היינט.
This very evening.	נאָך היינטיגען אבענד, נאָך היינט אבענד, טאקע היינט אבענד.
Just this very moment he has arrived.	טאקע עבען דיזען אויגענבליק איז ער אָנגעקומען.
You are the very man I am looking for.	איהר זייט גראדע דער מאַן, וועלכען איך זוך.
I shall leave this very day.	איך רייז אָב טאקע היינט.
He is the very man I want to speak to.	ער איז גראדע דער מאַן, מיט וועמען איך דארף שפּרעכען.
That is the very color I have been wishing for so long.	דאס איז גראדע דיא פארב, וועלכע איך האב אזוי לאנג געוואונשען.
*To wish for.	וינשען, וועלען האבען.

As to—, as for—, וואָס אנבעטרעפט—, וואס איז נוגע—.

As to (אָד. as for) my youngest son.	וואָס אנבעטרעפט מיין יונגען זוהן.
As for (אָד. as to) me.	וואָס אנבעטרעפט מיך.
As for (אָד. to) the books, you may keep them a litle longer.	וואָס אנבעטרעפט דיא ביכער, מעגט איהר זייא האלטען א ביסעל לענגער.
As to (אָד. for) myself and my sisters, we shall go nevertheless.	וואָס אנבעטרעפט מיך און מיינע שוועסטערס, וועלען מיר פון דעסטוועגען געהן.

Nevertheless (נעווערדהילעס'), פון דעסטוועגען.

What? notwithstanding all that you hear of the people?	וואָס? ניט קוקענדיג אויף אלעס, וואָס איהר הערט פון דיא לייטע?

Notwithstanding (נאָטווידהסטאָנ'דינג), ניט קוקענדיג אויף—, אָבוואָהל, כאָטש.

Notwithstanding all my admonitions, he did not stay at home yesterday.	ניט קוקענדיג אויף אלע מיינע ווארנונגען, איז ער (דאָך) ניט געבליבען צו הויז נעכטען.

דאס געלד, וועלכעס ער איז איהם געווען שולדיג?—ניין, ער האט איהם אָבגעצויגען
מיט דער צאָהלונג פון טאג צו טאג זייט צווייא וואָכען.—דענקט איהר דער מאן וועט איהם
בעצאהלען?—אָ, געוויס; דער מאן איז זעהר רייך און זעהר עהרליך, אבער ער קען זיך
ניט שיידען (part) מיט זיין געלד.—האט איהר אייך קיינמאָל נאָך בעגעגענט (זיך בע-
געגענען, to meet) מיט אזעלכע מענשען (=לייטע)?—יע, איך האב מיך בעגעגענט מיט
זייא; אבער עס איז זעהר אנגרעכט אזוי אבצוציהען מיין ברודער מיט פוסטע (לערע)
פערשפּרעכונגען פון טאָג צו טאָג.—איז דיזע פלאַש שוין לעער?—יע.—איך וועל זאָגליך
הערונטערשיקען נאָך (for) איינע אין קעלער.—איך דאנק אייך פיר אייער פריינדשאַפט.
—קענט איהר דיזען אדעלמאן?—איך קען איהם ניט.—דאס איז לאָרד טשעסטער
(Chester). דער לאָרד איז מיינער א פריינד און איך וועל אייך פאָרשטעלען פאר (to)
איהם.—גנעדיגער הערר, דאס איז מיין פריינד, הערר מילטאָן.—עס פרייט מיך זעהר
אייך צו קענען.—איך וועל אייך אויך פאָרשטעלען פאר דער אדעליגער (noble) דאמע,
דעם לאָרד'ס פרוי.—גנעדיגע פרוי, דאס איז מיין פריינד הערר מילטאָן.—עס פרייט
מיך זעהר אייך צו קענען, הערר מילטאָן.

232. צום איבערזעצען.

וויא לאנג וועט עס דויערן ביז איהר זייט פערטיג מיט דעם בריף?—עס וועט
דויערן א האלבע שטונדע ביז איך קען איהם האבען פערטיג, דען איך האב איבערצו-
שרייבען דיא רעכנונג.—וועט עס דויערן לאנג ביז אייער ברודער קעהרט זיך צוריק?—
עס וועט זיין האלב צעהן איידער ער קען זיין היער ווידער.—וויא איז דער ווינד?—עס איז
יעצט אן אָסט-ווינד; איך דענק עס וועט (it is going) פרירען.—פון וואנען קומען אלע
דיזע פליגען אויף איין מאָל?—איך קען ניט זאָגען, פון וואנען זייא קומען; עס פערדריסט
מיך נאָר, וואָס זייא זיינען היער, ווייל זייא זיינען זעהר בעלעסטיגענד (troublesome).—
וועט איהר געהן מיט מיר צו מיין פעטער?—איך וועל געהן מיט אייך; אבער איך זאָג
אייך פאָרויס, איך וועל ניט בלייבען איבער א האלבע שטונדע; דען אום האלב זיבען
וועל איך געהן אין טהעאטער.—איך אויך.—אלזאָ וועלען מיר אונז ניט קריגען
וועגען דעם.—איך האב גערן צו געהן אין טהעאטער בעצייטען (betimes); ווייל, ווען
איך בין ניט גאנץ אין פאָרנט קען איך ניט זעהן.—אזוי איז מיט מיר אויך. איך
וואָלט ליעבער גאָר ניט געהן איידער צו שפּעט.—וואו זייט איהר געווען נעכטען?—
איך בין פאָרמיטטאָג געווען צו הויז און אום צווייא א זייגער בין איך געגאנגען נאָך
ברוקלין (Brooklyn) מיט דער אייזענבאהן.—איך וואלט וועלען עסען מיטטאָג אויף (at)
דעם לאנד; אבער איך האב ניט ליעב צו געהן (going) אליין.—דאס איז אויך דער פאל
מיט מיר; אלזאָ לאָמיר געהן צוזאמען נאָך ברוקלין.—עס וועט זיין צו ווייט, האב איך
מורא; מיין פאָטער וויל, איך זאָל עסען אבענד-ברויט אום ניין.—אויך מיינער; איך
בין געוועהנליך צו הויז אום ניין.—נעכטען האב איך געארבייטעט דעם גאנצען טאָג.
—מיר אויך.—מיין טאָכטער האט עבען (just) אנגעפאנגען צו לערנען (learning)
איטאליעניש.—מיינע אויך.—איך בין זעהר שלעפעריג.—איך אויך.—דיזעס מוסטער
(pattern) איז זעהר שעהן.—און יענעס אויך.—אייער ברודער איז געווען צו הויז אום

שטעה אויף בענינען (=מיט טאגעס אנברוך): דעריבער קען איך מאכען מיינע וויזיטע אין דער פריה —ווארום געהסט דוא ניט מיט דיא אנדערע יונגלאך?—זייא ווען מיך ניט לאָזען מיטגעהן (—געה׳ מיט זייא׳ —ווארום ניט? וואָס איז דיא אורזאך? איך וועל דיר זאָגען: דוא קריגסט דיך אימער, ביסט קיין מאָל צופרידען, מיט וואָס דיא דיא אנדערע טהוען: דעריבער האבען זייא דיך ניט ליעב: און אזוי וועט עס זיין מיט דיר דורך דיין גאנצעס לעבען (דורך, through, [illegible]). ווען דוא ענדערסט דיך ניט.—עס איז דאָ אן אורזאך פיר יעדע זאך; ווער עס האט קיין פריינד, פערדיענט (deserves) קיינע. —ווארום דענקט איהר (=וואָס מאכט איך דענקען), אז דאָס וועטער וועט (is going) זיך ענדערן?—דער ווינד האט זיך געביטען. ביז נעכטען איז געווען אן אָסט=ווינד (the wind was east); פאָריגע נאכט איז געווען א זיד=ווינד, און יעצט איז א וועסט=ווינד; דערפון שליס איך, (דאכ) מיר וועלען דאבען רעגען היינט בייא נאכט אָדער מאָרגען אין דער פריה.—ווארום שטעהט איהר אויף שפעט? ווילהעלם איז אונטען (down-stairs) א האלבע שטונדע פאר דיר יעדען מאָרגען.—דער דיענער וועקט מיך קיינמאָל, ווען ער וועקט דיא אנדערע.—איך וויל איהם זאָגען דיך צו וועקען אום האלב זעקס; פון יעצט אן מוזט דוא זיין אָנגעטהאָן אום א פערטעל אויף זיבען, זאָנסט וועסט דוא ניט קריגען קיין פריהשטיק.

.230 צום איבערזעצען.

ווענט אייער שווענערין קומען צו אונז, ווען מיר לאדען זיא איין?—איהר קעננט (my) זיא פרעגען: אבער איך קען אייך זאָגען פאָרויס, דאס זיא וועט ניט אויסגעהן דיזען אָבענד, וויל זיא ערווארטעט איהר ברודער און שווענערין.—איך הער דוא געהסט הייראטהען, מיין טהייערער פריינד: מעג מען דיר געבען מזל=טוב?—יע, איהר קעננט מיר געבען מזל=טוב.—איך האב אייך צו ערצעהלען א נייס (a piece of news), וועלכע וועט אייך איבערראשען.—איך וויים, וואָס איהר ווילט (are going) זאָגען: אייער קוזינע, פרייליין קליוולאָנד, וועט (is going to get) הייראטהען מיט (to) הערן כטאָנטאָן. איהר זייט צו שפעט מיט אייער נייס, אייער שוועסטער האט עס מיר שוין ערצעהלט בריהער פאר אייך: זיא איז היער געווען א האלבע שטונדע צוריק, און האט מיר ערצעהלט אלעס וועגען דעם.—וועט איהר אויך גיהן צום קאָנצערט מאָרגען?—איך וועל געהן מיט מיין מומען; איך פערשפרעך מיר פיעל פערגניגען, וויל מען זאָגט, אז פרייליין קליוולאָנד איז א פאָרטרעפליכע (superior) זענגערין.—האט אייער פריינדין שוין געהערט, וואָס האט פאסירט איהר ברודער?—זיא האט עס געהערט פאָריגע נאכט, און איך האב מורא זיא צו זעהן: אבער איך מוז זיא געהן זעהן.—הערר קליוולאָנד, וואָס מאכט אייער פרוי?—מיין פרוי איז געזונד, איך דאנק אייך.—מאדאם דזשאָהנסאָן, וואו איז אייער מאן?—מיין מאן איז בייא מיין שוויגער.

.231 צום איבערזעצען.

האבען אייערע עלטערן שוין געמאכט זייער אָברייזע?—ניין; זייא זיינען געווען געצוואונגען זיא אבצולעגען אויף (for) א וואך.—ווארטען זייא, פיעללייכט, אויף אייער ברודער׳ס אנקונפט (arrival)?—יע.—האט דער מאן שוין בעצאָהלט אייער ברודער

To wish joy.	ווינשען פרייד.
May one congratulate you?	מעג מען אייך גראַטולירען? מעג מען אייך געבען מזל־טוב?
I wish you a happy new year.	איך ווינש אייך א גליקליכעס נייעס יאהר. איך ווינש אייך גליק צום נייען יאהר.
The nobleman (נאָובּלמאַן).	דער עדעלמאַן.
The noble lord.	דער עדעלער הערר.
His lordship (לאָרדשיפּ).	זיינע גנאַדען; דער גנעדיגער הערר.
Her ladyship (ליידישיפּ).	איהרע גנאַדען; דיא גנעדיגע פרוי.
Mylord (מאילאָרד); your lordship.	גנעדיגער הערר.
Mylady (מאיליידי); your ladyship.	גנעדיגע פרוי.
Mr. Crawford, where is Mrs. Crawford?	הערר קראָפאָרד, וואו איז מאדאם קראָ=פאָרד? (וואו איז אייער פרוי?)
Mrs. Crawford, where is Mr. Crawford?	מאַדאַם קראָפאָרד, וואו איז הערר קראָ=פאָרד? (וואו איז אייער מאַן?)

עס איז בייא דיא ענגלענדער און אַמעריקאַנער ניט דיא מאָדע, דאָס דער מאַן זאָל פון זיין פרוי רעדען מיט דיא ווערטער my wife (מיין וויבּ) און דיא פרוי פון איהר מאַן my husband (מיין מאַן); אָדער ווען מען רעדט צו אַ מאַן אָד. אַ פרוי צו זאָגען: your wife (אייער וויבּ), your husband (אייער מאַן); מאַן אָדער וויבּ ווערט גענאַנט מיט'ן נ א מ ע ן, וויא: Mr. Crawford, Mrs. Crawford. ווען מען רעדט מיט אנפערטרויטע פריינד זאָגט מען וויא מען וויל.

*To introduce (אינטראָודיוס).	פאָרשטעלען.
To introduce to—.	פאָרשטעלען פאר—.
*To distinguish (דיסטינגוויש).	אונטערשיידען.
The difference (דיפפערענס). The distinction (דיסטינקשאָן).	דער אונטערשייד.

229. צום איבערזעצען.

וועט איהר היער בלייבען פיעל לענגער? — איך בעדויער זעהר פיעל, דאס איך וועל אייך מוזען (have) פערלאָזען אין א פּאָאָר טעג. — געהט איהר גלייך אַהיים? — ניין, איך געה פון היער נאָך בערלין און פון דאָרטען צוערסט נאָך לייפּציג (Leipsic) און דרעז=דען (Dresden); עס וועט דויערן דרייא, אויב ניט פיער וואָכען, איידער איך וועל אָנ=קומען (reach) אַ היים. — רייזט איהר אין אייער אייגענעם וואָגען (carriage)? — ניין. — זייט=דער עס זיינען געוועזען אייזענבאהנען אין דייטשלאַנד, האב איך גערייזט אין מיין אייגענעם וואָגען, אבער יעצט רייז איך ענטוועדער מיט (by) אייזענבאַהן אָדער פּאָסט. — האָט איהר גערן צו רייזען מיט'ן דאַמפשיף? — ווען דאס וועטער איז שעהן, און הערונטער דעם טייך, האב איך עס גוט גערן. — פון דרעזדען קעהר איך מיך צוריק אין לייפּציג: פון דאָרטען אין בערלין, וואו איך האב צו זעהן מאַנכע פריינד, און פון וואַנען איך וועל, וואהרשיינליך, פאָרטזעצען מיין רייזע ביז (to) האמבורג מיט'ן דאַמפפער. — וויא קומט עס, דאס איהר האט אימער אזוי פיעל צייט איבּריג צו מאכען (to pay) וויזיטען? — איך

עס איז אזוי מיט—.	That is the case with—. It is so with—.
עס איז אימער מיט מיר אזוי.	It is always so with me. That is always the case with me.
אזוי אי'ז עס אימער.	So it is always. That is always the case.
אזוי וועט עס אימער זיין מיט אייך.	Thus (.אָד so) it will always be with you.
אזוי איז מיט מיר אויך.	That is my case, too.
עס איז דאָ אַן אורזאך פיר יעדע זאך.	There is a reason for everything.

So .אָד so and, אויך.

איך וועל געהן און מיין ברודער אויך.	I shall go and so will my brother.
איך געה.	I am going.
און איך אויך.	So am I. And so am I.
מיר האבען נעכטען געהאט א בריף פון קארלען.	We had a letter from Charles yesterday.
מיר אויך.	So had we. And so had we.
מיין פערד קען שפרינגען איבער דיזען גראָבען.	My horse can leap this ditch .אָד over this ditch.
שפרינגען.	*To leap (ליפּ).
דער גראָבען.	The ditch (דיטש).
מיינער קען אויך.	So can mine. And so can mine.
מיין ברודער'ס קען אויך.	So can my brother's.
הענריך שרייבט זעהר גוט.	Henry writes very well.
און ווילהעלם אויך.	And so does William.
דוא ביסט א נאר.	You are a fool.
דוא אויך.	And so are you.
ער איז א גרויסער גנב.	He is a great rogue.
און זיין זוהן אויך.	And so is his son.
דער גנב, דער מאָשעניק.	The rogue (ראָוג).
ערשטוינען.	*To surprise (סאָירפּראיז). *To astonish (אֶסטאָ'ניש).
איהר איבערראשט מיך.	You surprise me.
ער געהט הייראטהען, ער פערהייראטהעט זיך, ער הייראטהעט, ער האט חתונה.	He is going to be (.אָד get) married.
זייא געהען הייראטהען, זייא וועלען זיך פערהייראטהען, זייא וועלען חתונה האבען.	They are going to be married.
גראטולירען, געבען מזל-טוב.	*To congratulate (קאָנגראֶ'טיולייט).

It will be five o'clock, I think, before I can be here again.	עס וועט זיין פינף א זייגער, דענק איך, איידער איך קען היער ווידער זיין.
It will be long enough before—.	עס וועט דויערן לאנג גענוג ביז—.

Not—till, ניט ביז, ערסט.

We shall not be able to dine till half an hour hence.	מיר וועלען ערסט קענען עסען מיטטאָג אין א האלבע שטונדע.
This wine will not be fit to drink till it is at least a twelvemonth older.	דיזער וויין וועט ניט טויגען צום טרינקען ביז ער איז וועניגסטענס צוועלף מאָ־נאטען עלטער.
*To quarrel (קוואָר־רעל).	זיך קריגען.
To quarrel about—.	זיך קריגען וועגען—.
He quarrels with everybody.	ער קריגט זיך מיט יעדען.
*To scold (סקאָולד).	זידלען.
To be scolded.	ווערען געזידעלט, קריגען געזידעלט.
I shall be scolded, if I am not at home at five.	איך וועל קריגען געזידעלט, ווען איך בין ניט צו הויז אום פינף.
What use is quarrelling about it?	וואס פיר א נוץ איז זיך צו קריגען דעריבער?
*To alter (אָ־ל׳טער).	ענדערן; זיך ענדערן.
*To change (טשיינדזש).	בייטען; זיך בייטען.
The wind has changed.	דער ווינד האט זיך געביטען.
This morning the wind was south, and now it is west.	היינט אין דער פריה איז דער ווינד געווען א זיד־ווינד און יעצט איז ער א וועסט־ווינד.
How is the wind?	וויא איז דער ווינד? / וואס פיר א ווינד האבען מיר?
Have you had the coat altered?	האָט איהר געלאָזען איבערניצעווען דעם ראָק?
*To alter (אָ־ל׳טער).	איבערניצעווען.
To arise (אָראיז); arose (אָראָוז), arisen (אָריזן).	הערויסקומען, קומען פון; הערויסגעקומען, געקומען פון.
*To proceed (פּראָסי־ד׳).	קומען פון—.
Hence it arises that—.	דערפון קומט עס, דאס—.
Whence does it arise that?	פון וואנען קומט עס, דאָס—?
All these faults arise (אָד. proceed) from your inattention.	אלע דיזע פעהלערן קומען פון אייער אונ־אכטזאמקייט (נאכלעסיגקייט).
The inattention (אינאָטטענ־שאָן).	דיא אונאכטזאמקייט, דיא נאכלעסיגקייט.

I look forward with pleasure for his return.	איך קוק הערויס מיט פערגניגען אויף זיין צוריקקומען.
The return (ריטאָירן).	דער צוריקקעהר, דאס צוריקקומען.
I look forward with dread to to-morrow.	איך קוק הערויס מיט שרעק אויף מאָרגען.
Dread (דרעד). Fear (פּי־ר).	שרעק, פורכט, מורא.
*To dread (דרעד). To fear (פּי־ר).	זיך פירכטען, זיך שרעקען.
I dread seeing him.	איך שרעק מיך איהם צו זעהן.
The dawn (דאָ־ן).	דער טאָגעס אַנברוך.
*To dawn (דאָ־ן).	טאָגען, אנברעכען אויף טאָג.
Break of day. Day-break (דיי־ברייק).	טאָגעס אנברוך.
Before break of day אָד. day-break. Before dawn.	פאַר טאָגעס אנברוך.
*To prolong (פּראָולאָנג׳).	פערלענגערן.
To prolong one's stay.	פערלענגערן זיין אויפהאַלט.
The stay (סטיי).	דער אויפהאַלט.
*To defer (דיפאָיר׳). *To postpone (פּאָוסטפּאָן׳). To put off.	אָבלעגען (אויף אַן אַנדער צייט).
I have deferred (postponed אָד. put off) my departure until (אָד. till) the twelfth of this month.	איך האב אָבגעלעגט מיין אברייזע ביז דעם צוועלפטען פון דיזען מאָנאט.
The departure (דיפּאַר׳טשור).	דיא אָברייזע.
To put off.	אבציהען, אבפיהרען.
He has put me off from day to day.	ער האט מיר אָבגעצויגען פון טאָג צו טאָג.
It is very wrong of you to put him off with empty promises.	עס איז זעהר אונרעכט פון אייך איהם אָב־צוציהען מיט לעערע פערשפּרעכונגען.
*To proceed (פּראָוסי־ד׳). *To continue (קאָנטי׳ניו).	פאָרטזעצען, געהן ווייטער.
Proceed.	געה ווייטער; רעד ווייטער.

Direct (דירעקט׳) straight (סטרייט), גלייך, גראַדע.

Are you going straight (אָד. direct) home?	געהט איהר גלייך (אין גלייכען וועג) אהיים?
He came straight up to me.	ער איז הערויפגעקומען גלייך צו מיר.

Before (ביפאָור׳), ביז, איידער.

To be (till אָד. before).	דויערן, געוועהרען.
It will be a good half hour till (אָד. before) we dine.	עס וועט דויערן א גוטע האלבע שטונדע ביז מיר עסען מיטטאָג.

Hence (הענס), פון היער; **thence** (דהענס), פון דאָרטן.

*To attend (to—).	בעזאָרגען.
The steamer (סטי־מער).	דער דאמפפער, דאָס דאמפפשיף.
How did you know that my son would be here to-morrow?	וויא אזוי האט איהר געוואוסט, דאס מיין זוהן וועט זיין היער מאָרגען?
He intended to write to me in case he should not come; I have no letter, hence I conclude he will soon be here himself.	ער האט גערעכענט צו מיר צו שרייבען, ווען ער וועט ניט קומען; איך האב קיין בריף, דערפון שליס איך, דאס ער וועט באלד אליין זיין היער.

Whence (הווענס), פון וואַנען; דערפון, דעריבער.

Hence (הענס), פין היער; דערפון, דעריבער.

Thence (דהענס), פון דאָרטן; דערפון, דעריבער.

*To conclude (קאָנקליוד).	שליסען.
A week hence.	נאָך פערלויף פון א וואָך, אין א וואָך.
A month hence.	נאָך פערלויף פון א מאָנאט, אין א מאָנאט.

Hence (הענס), נאָך פערלויף.

A year hence.	נאָך פערלויף פון א יאָהר, אין א יאָהר.
Not many days hence.	אין פערלויף פון ווייניגע טעג, אין ווייניגע טעג.
We will talk about that two or three years hence.	מיר וועלען רעדען וועגען דעם אין צוויא אדער דרייא יאהר.

Forth (פאָורטה), אָב, אָן.

Henceforward (הענס־פאָרוואָרד), **Henceforth** (הענס־פאָורטה), פון יעצט אָן, קינפטיג.

Hitherto (הידהערטו׳). ביז אהער, ביז יעצט.

Heretofore (הירטופאָור׳), פריהער, ביז אהער.

Beforehand (ביפאָור־האָנד), פאָרהער, פאָרויס.

But I tell you beforehand he will not do it.	איך זאָג אייך פאָרויס, ער וועט עס ניט טהאָן.
*To anticipate (אָנטי־סיפּייט).	ערוואַרטען; האבען א פאָרגעפיהל, פיהלען פאָרויס.
I anticipate great pleasure from it.	איך ערוואַרט גרויסעס פערגנינגען דערפון.
To look forward to—.	הערויסקוקען אויף—.
I look forward with pleasure to to-morrow.	איך קוק הערויס מיט פערגנינגען אויף מאָרגען.

פיעל איהר גיט אויס.—דיזער מאַן איז זעהר ארים יעצט, און פינף אדער זעקס יאָהר צוריק איז ער געוועזן איינער פון דיא רייכסטע לייטע אין דיזער שטאָדט; ער האט פערשווענדעט זיין גאַנצעס פערמעגען.—וואָס האָט איהר געטהאָן בייא אייער פעטער פאָריגע נאַכט? האט מען דאָרטן געטאַנצט?—עס זיינען געוועזן וועניגע לייטע דאָרטן, און קיינע (not) דרייא יונגע דאַמען אונטער (among) זייא: דיא גאַנצע געזעלשאַפט, אויסער מיך און מיינע צווייא שוועסטערס, האט געשפּיעלט אין קארטען.—וועמען האָט דיא געמיינדע געוועהלט אלס איהר פּאָרזיצענדען?—זיא האט געוועהלט העררן קליוולאַנד (אלס) איהר פּרעזידענט.—וועט וועלען זייא מאַכען זעהר וואהל?—זייא וועלען מאַכען זעהר וואהל אזוי ניך, וויא מעגליך.—ווארום איז קיינער געוועזן פון אייער פאמיליע אויף (at) דעם קאָנצערט בייא העררן און מאדאם פּאָרטער אייערנעכטען?—אונזער גאַנצע פאַמיליע איז געוועזן אויף דעם לאַנד דיזע וואָך.—האב איך געהאַנדעלט רעכט (right)?—איך האָב געהאַנדעלט דאס זעלביגע וויא איהר (as you have done).—וויא אזוי האט דער מאַן געקענט האנדלען אזוי (this way)?—יעדער אנדערער (everybody else) וואָלט געטהאָן דאָס זעלביגע אויף זיין אָרט.—ווען איהר האנדעלט אזוי (thus), וועט איהר זעהר פיעל בלאָמירט ווערען (בלאָמירען, to blame).—ווען איך וואָלט געהאַנדעלט אזוי, וואלט איהר געוועזן זעהר אונצופרידען.—איך האב ניט געוואוכט, (דאס) איהר האנדעלט ניט מיט לייוענט.—איך האב ניעמאלס געהאנדעלט מיט אזעלכע וואארען.—מיר האבען געהאַנדעלט פיעלע יאהרען מיט דיזער פירמע (=הויז).—ער האט מיך גיט געדארפט בעהאַנדלען אזוי (בעהאַנדלען, to treat).—איך האב איהם בעהאַנדעלט וויא (like) א ברודער.—ער האט מיך בעהאַנדעלט וויא אַ פריינד.—זיא איז געוואָרען זעהר שלעכט (ill) בעהאַנדעלט.—דיא גאַנצע שטאָדט איז ערשטוינט איבער דעם (at it). איבער וואָס? פון וואָס רעדט איהר?—איך האב עבען ערצעהלט אייער שוועער פון דעם באַנקראָט פון קראָפאָרד און קאָמפּאַניע.—אָרימע לייט נעבאַך!—ליעבער (rather) זאָגט איך אָרימער; ווייל איך פערליער בייגאהע צווייא מיליאָנען אוּן פינף הונדערט דאָללאַר דורך זייא.—איז עס לאַנג זייט איהר זייט געוועזן בייא העררן קליוולאַנד?—איך בין בייא איהם געוועזן נעכטען.—איז זיין גאַנצע פאַמיליע געזונד?—דיא פאַמיליע איז גראָדע געוועזן בייםן מיטטאָג-עסען, ווען איך בין דאָרט געקומען, און איך האב יעדען פון זייא געפונען בייםן טיש, און אורטהיילענדיג פון דעם אַפּעטיט, מיט וועלכען זייא האבען געגעסען, קען איך אייך זאָגען, דאס זיין גאַנצע פאַמיליע איז געזונד.

72nd Lesson.—72סטע לעקציאָן.

Shall you embark at Hamburg for London?	וועט איהר אייך איינשיפען אין האַמבורג נאָך לאָנדאָן?
No, I have some business to attend at Rotterdam, so I shall go hence to Rotterdam to-morrow, and thence by steamer to London on Saturday morning next.	ניין, איך האב צו בעזאָרגען א געשעפט אין ראָטטערדאַם, אלזא וועל איך פון היער מאָרגען געהן נאָך ראָטטערדאָם, און פון דאָרטען מיטן דאמפּער נאָך לאָנדאָן נעכסטען שבת אין דער פריה.

227. צום איבערזעצען.

איז עס ניט געוועזן זעהר מזלדיג (=גליקליך), דאס עס איז געוועזן א שיפעל נאָ=
הענט, ווען איהר האט אייך נעכטען געבאָדען?—יע, געוויס; אָהן מיין הילף וואָלטען מיר
ערטרונקען געוואָרען.—איך האָף איהר וועט זיין פאָרזיכטיגער אין דער צוקונפט (future).—
וועט איהר בעהאַלטען דיזע האַלבע פלאַש וויין פיר מיך אויף (for) מאָרגען?—איך וועל
זיא בעהאַלטען פיר אייך; אבער ווען אייער ברודער זאָל (should) קומען אהיים און
בעטען א ביסעל (some), וועל איך זיא איהם מוזען געבען, ווייל עס איז ניט דאָ קיין
אַנדער וויין אין (דעם) הויז.—פיר ווען האלט איהר דיזע קאַרטאָפעל?—איך האלט
זייא פיר אייער קליינעם ברודער.—וואו זיינען דיא עפּעל, וואָס איהר האט געהאַלטען
פיר מיך?—היער זיינען זייא; אבער איהר מוזט אייער שוועסטער געבען איינעם פון
זייא.—וויא פיעל געלד האט איהר שוין געשפּאָרט?—איך האב שוין געשפּאָרט זיבּעצן
דאָללער און א האַלב.—ווען איך האָב געשפּאָרט פערציג דאָללער וועל איך קויפען א
גאָלדענע אוהר.—האב איך אייך געגעבען פאַפּיער גענוג?—יע, איך האב מעהר אלס
גענוג (אָד. גענוג און נאָך איבּריג).—זאָל איך אייך שיקען דיזע ביכער אהיים?—ניין,
איך וועל אייך פערשפּאָרען דיא מיהע; איך וועל זייא נעהמען אליין.—האט ווילהעלם
געקאָפּירט דעם בריף?—יע, ער האט איהם געקאָפּירט צווייא מאָל.—ער האט זיך גע=
קענט פערשפּאָרען דיא מיהע; איין מאָל וואָלט זיין גענוג.—איהר האט געזאָגט ער מוז
איבערגעשריבּען ווערען צווייא מאָל.—איך ווייס איך האב עס געזאָגט: אבער איך האב
געלאָזען העגריכן איהם איין מאָל איבערשרייבען.—וואו וועט אייער קוזינע וואוינען, ווען
זיא קומט אין (to) שטאָדט?—זיא וועט וואוינען אין (at) אונזער הויז; מיר האבּען אי=
מער אן איבריגעס בעט, פערשטעהט איהר מיך (you know).—וועט אייער פאָטער
זיין צו הויז היינט נאָכמיטטאָג?—ווארום פרעגט איהר?—דער ארימער מאַן, פון וועל=
כען איך האב מיט איהם גערעדט, וואָלט וועלען געהן איהם זעהן.—איך בעט אייך
(Pray) פערשווינט מיין פאָטער דיזען אונאנגענעהמען בעזוך; איך קען אייך פערזיכערן,
מיין פאָטער האט געטהאָן פיר דיזען אָרימען מאַן אזוי פיעל, וויא ער קען.—וועט אייער
מומע איבּנעהמען (receive) מאַדאַם קליוולאָנד (Cleveland), ווען זיא געהט צו איהר?
—איך האָף זיא וועט זיא גוט אויפנעהמען.

228. צום איבערזעצען.

איהר האט ניט געטהאָן א העלפט, פון וואָס איך האב אייך געגעבען צו טהאָן;
וויא האט איהר צוגעבראַכט (spent) דעם (=אייער) נאָכמיטטאָג?—איך האב געאַר=
בייטעט אזוי פיעל, וויא איך האב נאָר (ever) געקענט.—דוא האסט געשפּיעלט אָנ=
שטאָט צו ארבייטען, און פערבראַכט דיין צייט אויף גאָרנישט (=צונישטשען דיין
צייט); עס איז א גרויסער שאָדען, דאס דוא דענקסט קיינמאָל נאָך, וויא וויכטיג
(important) עס איז דיא צייט, וועלכע דוא האסט צום (for) לערנען.—וועט איהר מיר
געבען איניגע דאָללער?—איך האב מעהר קיין געלד.—איך האב אייך געגעבען צעהן
דאָללער פערצעהן טעג צוריק; איז שוין גאָרנישט דאָ פון זייא?—איך האב זייא אויס=
גענעבען אין גאַנצען.—איהר מוזט זיין מעהר שפּאַרזאַם; איהר פערשווענדעט זעהר פיעל
געלד; אייער פאָטער וועט גאר ניט זיין צופריעדען (pleased), ווען ער ערפאָהרט, וויא

וואָס מיינט איהר? / וואָס זאָל דאָס הייסען?	What do you mean?
אַוועג! טראָג דיך! טראָגט אייך!	Be off! Get off!
געה צו דיין געשעפט! / פּאַק דיך! אַוועג פון דאנען!	Get about your business!
זיך אָבטראָגען.	To go off.

226. צום איבערזעצען.

האט איהר געקענט ערפאהרען (to learn), וואו איז דער יונגער מאן, וועלכער האט געוואוינט דיא צווייטע טהיר?—איך האב מיך ערקונדיגט נאָך איהם בייא (of) נטליבע לייטע, ווייל ער איז שולדיג איבער צווייא הונדערט דאָללער מיינעם אַ בעקאַנטען, וועלכער האט איהם אימער בעהאַנדעלט, וויא (like) אַ פריינד.—ער האט זיך אָבגעטראָגען ניט (=אָהן) בעצאָהלענדיג זיין שולד (debt); מען רעכענט ער איז געגאַנגען נאָך האַמבורג.—איך האב איהם אימער געהאַלטען פיר אַן עהרליכען מאַן; איך וואָלט וועלען וויסען, אויב עס איז וואהר, דאס ער האט פערלאָרען זיין גאַנצעס געלד אין שפּיעלען (at play).—מען רעכענט אזוי: ווייל זיין פאָטער האט איהם בעשטימט (=געגעבען, allowed) דרייא טויזענד פינף הונדערט פראַנק אַ יאָהר, און ער איז שולדיג אַ סך געלד אין שטאָדט: עס איז ניט מעגליך, דאָס ער האט אויסגעגעבען (=ער קען אונמעגליך האבען אויסגעגעבען) דאָס גאַנצע געלד. מען זאָגט, ער האט פערלאָרען פון זיבען ביז אַכט טויזענד דאָללער אין איין נאַכט.—פאָריגען דיענסטאָג האט מען געזאָגט ער האָט זיך ערטרונקען; אבער עס איז ניט וואהר.—איך האָב קיין צווייפעל (doubt), דאס ער איז געגאַנגען נאָך באַלטימאָר, וואו מען זאָגט אַז ער האט רייכע פערוואַנדטע.—וואו איז אַהינגעקומען דער יונגער מאַן, וועלכער איז געוועזען אין אייער קאָנטאָר (counting-house) פאָריגעס יאהר?—עס האט מיר זעהר לייד געטהאָן צו הערען, דאס ער איז ערטרונקען געוואָרען אויף זיין רייזע (voyage) נאָך (to) אַמעריקאַ.—וואו איז דער קליינער הונד, וואָס איהר פלעגט (used) אימער האָבען מיט אייך?—ער איז פּלוצלינג געוואָרען (=געפאַלען, fell) קראַנק, האט גאָרנישט געגעסען, און האט געוואָלט (offered) בייסען יעדען, ווער עס איז איהם געקומען נאָהענט; אזוי, דאס איך האב געהאַט מורא ער וועט (was going) ווערען (to be) משוגע (mad); אַלזאָ (so) האב איך איהם גלייך געלאָזען (=לאָזען, to have) ערטרינקען.—איהר האט עס ניט געדאַרפט טהאָן; איהר האט איהם געדאַרפט לאָזען שיסען. ווער האט איהם ערטרונקען?—דער דיענער האט אָנגעבונדען אַ שטיין אָן (to) זיין האַלז און האט איהם הערייגעוואָרפען אין (דאס) וואַסער.—ווען איך וואָלט געוועזען אויף (in) דעם דיענער'ס אָרט, וואָלט איך עס ניט געוואָלט טהאָן. וויא וואָלט זיין, ווען דער הונד וואָלט איהם געביסען?—דער הונד האט איהם זעהר ליעב געהאַט (ליעב האבען, to be fond of) און וואָלט איהם ניט בייסען.—ווען הינד זיינען משוגע, בייסען זייא יעדען (anybody): עס זיינען דאָ פיעלע ביישפּיעלען (instances) פון משוגענע הינד, וואָס האבען געביסען קינדער, וועלכע זייא האבען פריהער זעהר ליעב געהאַט.

זיך נעהמען צו עפּעס.	To set about something. To set to something.
איך וועל מיך גלייך נעהמען צו דער ארבייט.	I will set to work directly.
ער האט זיך גלייך גענומען דערצו.	He set about it directly.
געווינען אין דער לאָטעריי.	To win אָד. gain in the lottery.
רייך, פערמעגענד.	Rich (ריטש). Wealthy (וועלטהי). Opulent (אָפּיולענט).
קלוג.	Prudent (פּרודענט). Wise (וואיז).
וועלען.	*To offer (אָפּפער).
זיך באָדען.	*To bathe (ביידה).
שווימען; געשוואומען.	*To swim (סווים); swam (סוועם), swum (סוואָם).
ער האט מיך געוואָלט שלאָגען.	He offered to strike me.
אָרים, נעבאך.	Poor (פּרר).
אָרימער מאַן! נעבאך!	Poor man!
דער אָרימער מאַן! ער האט נעבאך פער-לאָרען זיין גאַנצעס פערמעגען.	Poor man! he has lost his whole property.
דיא אָרימע קינדער! זייא האבען נעבאך פערלאָרען זייער מוטער.	Poor children! they have lost their mother.
איך אונגליקליכער! איך אָרימער!	Unhappy me! Poor me!
איהר גליקליכער!	You happy man!
איהר גליקליכע!	You happy woman!
דוא גליקליכער! דוא גליקליכע!	Happy you! Happy thou!
דער גליקליכער! דיא גליקליכע!	Happy he! Happy she!
דיא גליקליכע.	Happy they!
אך, מיר אונגליקליכע!	Alas, unhappy we!
אך!	Alas (אֶלאֶס׳).
אך! אָ!	Ah! O אָד. Oh!
אָ גאָט! הימעל!	O Lord! Heaven!
דער הערר, גאָט.	The Lord (לאָרד).
אָ וועה! וועה! אי, אי! אך! וואָס!	Oh dear! Dear me! Dear!

עס איז צו בעמערקען, דאָס Oh dear! Dear me! Dear! און ווערען זעהר אָפט געברויכט.

אך, וויא שעהן!	O dear, how pretty!
אי, אי, איהר טהוט מיר וועה!	O dear, you hurt me!
וועה, וויא לאַנג איהר זייט געוועזען אוועג!	Dear me, how long you have been away!
וואָס! זייט איהר נאָך היער?	Dear me! are you still here?
אָ וועה! וואו איז ער אהינגעקומען?	Dear me! what has become of him?

אַ וואָרט וואָס בעצייכענט אַ זאַמלונג פון מעהרערע פּערזאָנען אָדער זאַכען, וויא קאָמ־פּאַניע, פאַמיליע, קאָמיטע או. אַז. וו., ווערט אַ מאָל בעהאַנדעלט וויא אַן איינצאָהל און אַ מאָל וויא אַ מעהרצאָל, און דאָס ווענדעט זיך אָן דעם זין פון זאַץ, אין וועלכען עס גע־פינט זיך.

ווען דער זאַץ ווייזט אַ טהעטיגקייט, וואָס בעציהט זיך אויף יעדען איינציגען מיטגליעד פון דעו זאַמלונג, ווערט דאָס זאַמעל־וואָרט געברויכט אין דעם זין פון מעהרצאָהל; צ. ב. the whole company were dancing (דיא גאַנצע קאָמפּאַניע האָט געטאַנצט); the committee have spoken (דאָס קאָמיטע האָט גערעדט) או. אַז. וו. טאַנצען און רעדען זיינען אַזעלכע האַנדלונגען וואָס בעציהען זיך אויף יעדען איינציגען פו דער זאַמלונג, ווייל דאָס מוז יעדע איינ־ציגע פּערזאָן טהאָן בעזונדער.

ווען דער זאַץ ווייזט אַ צושטאַנד אָדער אַ טהעטיגקייט, וואָס בעציהט זיך אויף דיא גאַנצע זאַמלונג צוגלייך, ד. ה. ניט פערטהיילט בעזונדער, ווערט דאָס זאַמעלוואָרט בעהאַנדעלט וויא אַן איינצאָהל; צ. ב. the company was numerous (דיא געזעלשאַפט איז געווען גרויס); the whole town is in commotion (דיא גאַנצע שטאָדט איז אין אויפרוהר) א. אַז. וו.

דאָס קאָמיטע האָט איהם אויסגעוועהלט אלס זייער פּרעזידענט.	The committee elected him their president.
אויסוועהלען.	*To elect (אילעקט).
דיא וועהלונג, דיא וואהל.	The election (אילעק־שאָן).
אַ פּרעזידענט, אַ פאָרזיצענדער.	President (פּרע־זידענט).
דאָס קאָמיטע האָט איהם געגעבען פולע מאַכט צו האַנדלען אין זיין נאָמען.	The committee gave him full power to act in their name.
דיא קראַפט, דיא מאַכט.	The power (פּאו־ער).
האַנדלען, טהאָן.	*To act (אֶקט).
דאָס קאָמיטע האָט אבגעלעגט זיין פער־זאַמלונג אויף אַן אַנדערן טאָג.	The committee have postponed their meeting to some other day.
אבלעגען.	*To postpone (פּאָסט־פּאָון).
דיא געזעלשאַפט.	The association (אֶססאָוסיאֵיישאָן).
	The society (סאָוסאַי־איטי).
דיא געמיינדע.	The community (קאָממיוניטי).
דער קלוב, דיא געזעלשאַפט.	The club (קלאָב).
דער פעראֵיין (איבערהויפּט פון אַרבייטער).	The union (יוניאָן).
אַ פאָרזיצענדער.	A chairman (טשער־מאֶן).
האַנדלען; געהאַנדעלט (געשעפטליך).	To deal (דיל); dealt (דעלט), dealt.
האַנדלען מיט—.	To deal in—.
ער האַנדעלט מיט זייד־וואַרען.	He deals in silks.
איך האַנדעל מיט אַלע זאָרטען וואָל.	I deal in all kinds of wool.
מיט וואָס האַנדלען זייא?	What do they deal in?
אויפגעבען (אַן אַרבייט אָד. אַ לעקציאָן).	To set; set, set.
וועט איהר מיר אויפגעבען עטוואָס צו טהאָן?	Will you set me something to do?

דער גאנצער וואארענ־שפייכלער (warehouse) מיט וועניגסטענס פינף הונדערט פעקן באוועל דערין איז פערברענט געוואָרען.—איז לואיזע צו הויז?—ניין, זיא איז נעגאנגנען מיט דיא צווייא מיידלאַך צו זייער באָבען.—וויא איז יענער מאן געוואָרען אזוי רייך?—מאנכע זאָגען ער האט געוואונען (won) אין דער לאָטעריי, אבער דאס איז ניט דער פאל.—ער האט געמאכט זיין געלד דורך פלייס (industry) און שפּארזאמקייט (economy); דיזע זיינען דיא זיכערסטע מיטלען (means) צו ווערען רייך.—דיזער מאן איז א ביישפּיעל, וויא פלייס און שפּארזאמקייט קענען א מענשען מאכען רייך. ער האט מיך פערזיכערט, דאס ער האט קיינמאָל פערדיענט (earned) פיעל אויף איין מאָל; אבער ער איז אימער געוועזן שפּארזאם; און יעצט, אין זיין פופציגסטען יאהר, האט ער ניט נאָר גענונג פיר זיך, נאָר ער קען אויך שפּארען עטוואס פיר צווייא אָרימע פלעמע־ניצעס.—איך בין געוועזן זעהר ערפרייט צו ערפאהרען (to learn), דאס אייער שוועסטער־קינד האט זיך גערעטעט, ווען דאס שיפעל, אין וועלכען ער איז געוועזן, האט זיך איבערגעקעהרט און ווען צווייא אַנדערע יונגע מענשען זיינען אונגליקליכערוויז ער־טרונקען געוואָרען.—איך וואָלט וועלען (like) וויסען, אויב עס איז וואהר, דאס דיא פרוי, וועלכע איז געפונען געוואָרען אין דעם טייך א פּאָאר (a few) טעג צוריק, האָט זיך ערטרונקען.—וואָרום וואָלט איהר וועלען וויסען?—וויל איך קען איהרען מאַן זעהר גוט, און מען זאָגט, ער האט זיא ניט בעהאנדעלט (treated) גוט.—איך גלויב ניט, אז עס איז וואהר; איך קען אויך צופעליג דעם מענשען, און וויים, אז ער איז זעהר א גוטער מאן.

71st Lesson.—71סטע לעקציאָן.

Was the company numerous?	איז דיא געזעלשאפט געוועזן צאָהלרייך (גרויס)?
Numerous (נױמעראָס).	צאָהלרייך, גרויס.
The whole company were dancing, when I entered the saloon.	דיא גאַנצע געזעלשאפט האט געטאנצט, אלס איך בין הערייננעגאנגנען אין זאאל
*To enter (ענ׳טער).	הערייננעהן, הערייננטרעטען.
The whole town speak of it.	דיא גאַנצע שטאָדט רעדט דערפון.
The committee meet once a month and then they decide which of the accounts are to be paid.	דאָס קאָמיטע פערזאמעלט זיך איינמאָל א מאָנאט, און דאן בעשליסט עס וועלכע פון דיא רעכנונגען זאָלען בע־צאָהלט ווערען.
The committee (קאָממיט׳טי).	דאָס קאָמיטע.
*To meet (מי־ט); met (מעט), met.	זיך פערזאמלען; זיך פערזאמעלט.
Do your family go into the country this summer?	געהט אייער פאמיליע אויף לאנד דיזען זומער?
No, they remain in town.	ניין, זיא בלייבט אין שטאָדט.

גוט.—קענט איהר אדער אייער זוהן דעם יונגען העררן, וועלכער איז נעכטען געוועזן בייא אונז?—ניט איך ניט מיין זוהן קען יענעם יונגען העררן.—האט איהר אדער אייער טאָכטער געשריבען דעם בריף צו דעם ניו יאָרקער קויפמאַן?—מיין טאָכטער האט געשריבען; עס איז אַלין איינס (all the same), אויב איך אדער מיין טאָכטער שרייבט.—איך האָב געהערט, דאָס הערר דזשאָהנסאָן האט פערקויפט זיין הויז?—ער האט ניט נאָר פערקויפט זיין הויז, נאָר אויך זיינע פעלדער.—העלפט איהם זיין זוהן אין דעם געשעפט?—ניט נאָר זיין זוהן, נאָר אויך זיינע טעכטער העלפען איהם אין דעם געשעפט.—ווער איז געוועזן היער היינט פאָרמיטטאָג?—הערר גאָרדאָן מיט זיינע דרייא שוועסטער איז געוועזן היער.—וויא פיעל האט מאדאם קראָפאָרד געקריגען פיר איהר הויז מיט דיא מעבעל?—איהר הויז מיט דער גאנצער מעבעל דערין איז פערקויפט געוואָרען פיר זיבען הונדערט און פופציג דאָללער.

.224 צום איבערזעצען.

קענט איהר מיר זאָגען, אויב אייער ברודער אדער אייערע שוועסטערס געהען מאָרגען צו מיין מומען אויף לאַנד?—איך דענק ניט נאָר מיין ברודער, נאָר אויך מיינע שוועסטערס געהען.—געפעלען אייך דיא טישען און שטולען, (וועלכע) איך האב געקויפט היינט אין דער פריה?—זייא געפעלען מיר, אבער ניט נאָר דער טיש, נאָר אויך דיא שטולען זיינען צו טהייער.—דענקט איהר, אז זייא זיינען (=האלט איהר זייא פיר) טהייערער אַלס מיין ברודער'ס?—איך דענק זייא זיינען ביליגער אַלס אייערע.—האט אייער שוואָגער פערקויפט זיינע פערד?—ניט נאָר זיינע פערד, נאָר אויך זיין וואָגען (=קאַרעטע) איז פערקויפט.—לערנט אייער זוהן לאַטיין (Latin)?—ניט נאָר מיין זוהן, נאָר אויך מיינע טעכטער לערנען עס.—וועלכע פון זייא; אַלע דרייא?—ניין, נאָר דיא צווייא עלטעכטע: דיא יונגסטע איז נאָר זעקסטהאַלבען יאָהר אַלט.—איז עס וואהר, דאס מען האט בייא דיר אוועגגעגנבעט (=דאס דוא ביסט געוואָרען בערויבט פון) דיינע קליידער?—ניט נאָר מיינע קליידער, נאָר אויך מיין גאָלדענע אוהר איז געגנבעט געוואָרען.—האט איהר פערקויפט דאס פעסעל (cask) וויין, וואָס אייערע פריינד אין ניויאָרק האבען אייך געשיקט (=וואָס איז אייך געשיקט געוואָרען פון (by) אייערע פריינד אין ניו יאָרק?)—ניט נאָר דאָס פעסעל, נאָר צווייא הונדערט און פופציג פלאַשען וויין, וועלכע מיר האָבען געהאט ליעגענדיג (lying) היער זייט צוועלף מאָנאטען און האבען גאָר ניט געקענט ווערען לויז, זיינען פערקויפט, און אויף (at) פיעל בעסערע פרייזען אלס איך וואָלט ווען האבען ערווארטעט.—עס פרייט מיך שטאַרק עס צו הערען.

.225 צום איבערזעצען.

האט איהר עטוואָס פערלאָרען?—ניט איך, נאָר דיזער אָרימער מאַן האט פערלאָרען זיין געלד־בייטעל.—נוא, וויל איך איהם געבען מיינעס.—וויא פיעל געלד געפינט זיך (=איז) אין אייערן?—גאָר קיינס.—אין זיינעם זיינען געוועזן צווייא דאָללער, זאָגט ער.—איז דער געלד־בייטעל מיט דיא צווייא דאָללער פערלאָרען?—יע.—ווייסט איהר אז עס האט געברענט (=אז עס איז געוועזן א פייער) פאריגע נאַכט?—ניין: וואו האט געברענט? איז עס געוועזן א גרויסעס פייער?—עס איז געוועזן א שרעקליכעס פייער;

שמערצליך.	Painful (פיינ׳פול).
דיא צוזאמענקונפט.	The meeting (מי־טינג).
ערגערן.	*To vex (וועקס).
ערגערליך.	Vexatious (וועקסיישאָס).
עס ערגערט איהם.	It vexes him. He is vexed at it.
עס ערגערט איהר נאָך מעהר דעריבער.	She is so much the more vexed about it.
נאָך מעהר.	So much the more.
נאָך בעסער.	So much the better.
נאָך ערגער.	So much the worse.
זיך ערגערן, זיך קרענקען.	*To grieve (גרי־וו). *To fret (פרעט).
פון וועלכען נוץ איז זיך צו ערגערן (אָד. קרענקען) דעריבער?	Of what use is fretting about it?
געטהאָן ווערען, געשעהן; פערטיג זעהן.	To be done.
עס איז געשעהן; עס איז פערטיג.	It is done.
צונישטשען, פערשווענדען, פערברענגען אויף גאָרנישט.	*To waste (ווייסט).
פערשווענדען.	*To squander (סקוואָנ׳דער). To squander away.
צונישטשען דיא צייט (פערברענגען דיא צייט אויף גאָרנישט).	To waste one's time.
ער האט פערשווענדעט זיין גאנצעס פערמעגען.	He has squandered (אָד. squandered away) his whole property.
דאס איז א זיסער ביסען.	That is a dainty.
דער זיסער ביסען, דיא נאשעריי.	The dainty (דיינ׳טי).
איך בין זעהר ערפרייט.	I am delighted.
שטארק ערפרייען.	*To delight (דילאיט׳).
דוא האָסט אומגעוואָרפען דאס גלאָז.	You have upset the glass.
איבערקעהרען, אומוואָרפען.	To upset (אָפּסעט׳); upset, upset. *To overturn (אָו־ווערטאָירן).
אונגליקליכערווייז.	Unfortunately (אָנפאָר־טשונייטלי).

223. צום איבערזעצען.

ער אַרבייטעט קיינמאָל, ווען מען זאָגט איהם ניט צווייא מאָל. ער מוז זיין א פויליר יונג.—איהר זאָגט איהם אימער צו טהאָן דאָס, וואָס איז אונרעכט.—איך טהוא עס קיינמאָל; איהר אירט אייך.—ריטשארדז איז אימער דער ערסטער; ווען מע זאָגט איהם עפּעס טהוט ער עס גלייך.—דאס איז מיין מיינונג אויך; ער איז זעהר א גוטער יונג.—טאָנצט איהר גוט? טאנצט אייער זוהן גוט?—ניט איך ניט מיין זוהן טאנצט

דיא הילף.	The assistance (אַססיס׳טאַנס).
איין מאן איז גערעטעט געוואָרען, אבער דרייא זיינען ערטרונקען געוואָרען.	One man was saved, but three were drowned.
רעטען, ראטעווען.	*To save (סייוו).
האט מען איהם ניט געקענט רעטען?	Could not they save him? Could not he have been saved?
ניין, מען האט איהם אונמעגליך געקענט רעטען.	No, he could not possibly have been saved.
שפּאָרען, בעהאלטען; ערשפּאָרען.	*To save (סייוו).
ער האט געשפּאָרט זעהר פיעל געלד.	He has saved a great deal of money.
וועט איהר דאָס פיר מיך בעהאלטען אויף מאָרגען?	Will you save me this (אָד. will you save this for me) for to-morrow?
איך האלט דיזען ראָק פיר נעכסטען זומער.	I am saving this coat for next summer.
מען רעכענט, דאס ער האט געשפּאָרט פיעל געלט.	He is supposed to have saved a good deal of money.
איך וועל אייך פערשפּאָרען דיזע מיהע.	I will save you this trouble.
איהר האט אייך געקענט פערשפּאָרען דיא מיהע.	You might have saved that trouble.
שפּאָרט כל־זמן איהר קענט.	Save while you can.

While (הוואַייל), אזוי לאנג, כל־זמן.

שפּארזאם.	Saving (סייווינג). Economical (איקאָנאָ׳מיקעל).
דיא ערשפּארניסע, דאס אָבגעשפּאָרטע.	The savings (סייווינגז).
ער האט געשפּאָרט אזוי פיעל, דאס ער איז אין שטאנד עטוואס איבערצולאָזען פיר זיינע אָרימע פערוואנדטע.	He has saved so much as to be able to spare something to his poor relations.
שפּאָרען, איבערלאָזען.	*To spare (ספּעיר).
גענוג און נאָך איבריג. מעהר אלס גענוג.	Enough and to spare.
איבריג.	Spare (ספּעיר); to spare.
אַן איבריגעס בעט.	A spare bed.
אַן איבריגעס צימער.	A spare room.
שוינען, פערשוינען; דורכלאָזען.	*To spare (ספּעיר).
מען וועט איהם שוינען, ווען מעגליך.	He will be spared if possible.
לאָזט איהר דורך דיזע שמערצליכע צוזאַמענקונפט.	Spare her this painful meeting.

this cottage with the small garden make the whole of his property פון זעץ אימער אין מעהרצאהל; צ. ב. (דאָס הייזעל מיט דעם קליינעם גאָרטען—ד. ה. דאס הייזעל און דער קליינער גאָרטען—מאַכען זיין גאַנצעס פערמעגען).

The body of a child has been found in the river which its own father is supposed to have drowned.	מען האט אין דעם טייך געפונען דעם קערפער פון א קינד, וואָס מען רעכענט, אז זיין איינענער פאָטער האט עס ערטרונקען.
He is supposed to have gone to America.	מען רעכענט, דאָס ער איז געגאַנגען נאָך אמעריקא.
*To suppose (סאָפּפּאָוז׳).	רעכענען, דענקען, מיינען, משער זיין.
Is אָד. are supposed to—.	מען רעכענט, דאָס (אז)—.
They are supposed to have gained their money in the lottery.	מען רעכענט, דאָס (אז) זייא האבען געוואונען זייער געלד אין דער לאָטעריי.
*To gain (גיין).	געווינען.
*To suppose (סאָפּפּאָוז׳). *To presume (פּריזיום׳).	משער זיין, דענקען, אננעהמען, פּאַרויסזעצען.
Can you suppose such a thing?	קענט איהר פאַרויסזעצען (משער זיין) אזא זאך?
Who would have supposed that?	ווער וואָלט דאס פאַרויסגעזעצט?
I suppose so.	איך רעכען אזוי.
I suppose he has paid it.	איך רעכען, ער האט עס בעצאָהלט.
I do not suppose he will say so.	איך רעכען ניט, דאס ער וועט עס זאָגען.
Suppose.	אננענומען, מעלד דיר, מעלדט אייך. ווייא וואָלט זיין? וויא איז ווען?
Suppose, he comes.	אננענומען ער קומט.
Suppose, we take a walk first?	וויא וואָלט זיין, ווען מיר מאַכען פריהער א שפּאַציער?
But suppose, he comes this evening?	וויא איז אָבער, ווען ער קומט היינט אבענד?
Suppose, you had lost your money?	מעלד דיר, דוא וואָלסט געהאט פערלאָרען דיין געלד?
But suppose, he sees me?	וויא איז אבער, ווען ער זעהט מיך?
Suppose, I had no money?	וויא וואָלט זיין, ווען איך וואָלט ניט געהאט קיין געלד?
To be drowned.	ערטרונקען ווערען.
He was drowned.	ער איז ערטרונקען געוואָרען.
Had not a boat come to our assistance, we should have been drowned.	ווען א שיפעל וואָלט אונז ניט געקומען צו היקף, וואָלטען מיר ערטרונקען געוואָרען.

Neither my son nor you dance well.	ניט מיין זוהן ניט איהר טאנצט גוט.
Neither you nor my son dances well.	ניט איהר ניט מיין זוהן טאנצט גוט.

ווען עס געפינט זיא אונטער דיא צווייא אָדער עטליכע זאַכווערטער, וואָס קומען געטרענט יורך or, either—or או. אַז. וו. אַ זאַכוואָרט אין מעהרצאָל, איז גלייכער אַז דאָס מעהרצאָהליגע זאָל שטעהן צו לעצט, צ. ב.

Either your nephew or my sons know that man.	ענטוועדער אייער פלעמעניק אדער מיינע זיהן קענען יענעם מאַן.
Neither he nor they know him.	ניט ער ניט זייא קענען איהם.
Whether my daughter or my nieces go to theatre.	אויב מיין טאָכטער אדער מיינע פלעמעניצעס געהען אין טהעאטער.

Not only—but, ניט נאָר—נאָר אויך.

Not only the horses, but the servant man was drowned.	ניט נאָר דיא פערד נאָר אויך דער דיענער איז ערטרונקען געוואָרען.
*To drown (דראון).	ערטרינקען.
Not only the goods, but the vessel was seized.	ניט נאָר דיא וואַארע, נאָר אויך דאס שיף איז געוואָרען קאָנפיסקירט.
*To seize (סייז).	צונעהמען, קאָנפיסקירען.
Not only the son, but the two daughters assist in the business.	ניט נאָר דער זוהן, נאָר אויך דיא צווייא טעכטער העלפען אין דעם געשעפט העלפען.
*To assist (אָססיסט).	העלפען.
Who has been here this forenoon?	ווער איז געוועזן היער היינט פאָרמיטטאָג?
Mrs. Crawford with her two nieces was here.	מאדאם קראָפאָרד מיט איהרע צווייא פלעמעניצעס איז געוועזן היער.
The house, with all the furniture in it, nas been let at four hundred dollars.	דאס הויז מיט דער גאנצער מעבעל דערין איז פערדונגען געוואָרען פיר פיער הונדערט דאָללער.
The gardens, with all the fruit in them, are sold.	דיא גערטנער מיט דער גאנצער פרוכט דערין זיינען פערקויפט.
The garden, with all the fruit in it, is sold.	דער גאָרטען, מיט דער גאנצער פרוכט דערין, איז פערקויפט.

ווען פערזאָנען אָדער זאַכען ווערען געבונדען דורך דאָס ווערטעל with (מיט). שטימט דאָס זאַנדלונגסוואָרט פון זאַין מיט דער פערזאָן אָדער זאַך, וואָס שטעהט צוערכט: ווען יענע פערזאָן אָד. זאַך שטעהט אין איינצאָהל, קומט דאָס האַנדלונגסוואָרט אין דער פאָרם, וואָס פּאַסט פיר איינצאָל; ווען דיא פערזאָן אָד. זאַך קומט אין מעהרצאָהל, קומט דאס האַנדלונגסוואָרט אין דער פאָרם פון מעהרצאָהל; צ. ב. the man with the two horses is here (דער מאַן מיט דיא צווייא פערד איז היער); the men with the white caps are here, דיא מענשען מיט דיא ווייסע היטלען זיינען היער.

חאָטש אָבער דאָס ווערטעל with דעם זין פון און, דאַן שטעהט דאָס האַנדלונגסוואָרט

70th Lesson.—70סטע לעקציאָן.

He will never come till he has been told three or four times.	ער קומט קיינמאָל, ווען מען זאָגט איהם ניט דריי א אדער פיער מאָל.
Why will you always come half an hour too late?	ווארום קומט איהר אימער א האלבע שטונ־דע צו שפּעט?
John will always be the first.	יאָהאן איז אימער דער ערסטער.
He would always complain, though nothing was the matter with him.	ער האט זיך אימער בעקלאַגט, אבוואָהל עס האט איהם גאָרנישט געפעהלט.

Will דריקט אָפּט אויס אַ האַנדלונג וועלכע ווערט ווידערהאָלט אויס געוואוינהייט. Will שטעהט פיר דיא געגענווערטיגע צייט, would—פיר דיא פערגאַנגענע.

When he is told anything, he will stand shaking his head, as if it were not to be conceived or understood.	ווען מען זאָגט איהם עטוואָס, שטעהט ער און שאָקעלט דעם קאָפּ, וויא עס וואָלט ניט געוועזן צו בעגרייפען אדער צו פער־שטעהן.
*To conceive (קאָנסיווו).	בעגרייפען.
Have you left the key in the door, or has Henry?	האסט דוא אדער האט הענריך געלאָזען דעם שליסעל אין טהיר?
Neither I nor Henry has left it, but either William or you always forget to lock the door.	ניט איך ניט הענריך האט איהם געלאָזען; אבער ווילהעלם און איהר פערגעסט אימער צו פערשליסען דיא טהיר.
Which of us two goes into the country to-day?	ווער פון אונזביידען געהט היינט אויף לאנד?
Neither he nor you go into the country, for neither you nor he has said his lesson well.	ניט איך ניט דוא געהסט אויף לאנד; דען ניט דוא ניט ער האט זיין לעקציאָן גוט געזאָגט.

ווען עס קומען צוויא אָדער מעהרערע זאַכווערטער געטרענט דורך or (אדער), either—or (ענטוועדער—אָדער), neither—nor (ניט—ניט), whether—or (אויב—אָדער, צי—צי), קומען דיא האַנדלונגסווערטער, וואָס געהערען צו זייא, אין דער פאָרם, וועלכע ווערט געפאָרדערט פון דעם זאַכוואָרט, וואָס שטעהט צולעצט: איז דאָס לעצטע זאַכוואָרט אין איינצאָהל, קומט דאָס האַנדלונגס־וואָרט אויך אין דער פאָרם פון איינצאָהל; איז עס מעהרצאָהל—קומט דאס האַנדלונגסוואָרט אין מעהרצאָהל; צ. ב.

Either he or I am.	ענטוועדער ער אדער איך בין.
Neither I nor he has.	ניט איך ניט ער האט.
You or he has.	איהר אָדער ער האט.
He or you have.	ער אדער איהר האט.
Whether you or he goes.	אויב איהר אדער ער געהט.
Whether he or they go.	אויב ער אדער זייא געהען.

בעפירכטעט איהר וועלכע געפאהר אין דעם?	Do you apprehend any danger in it?
ער בעפירכטעט דער בריף איז פערלאָרען געוואָרען.	He is apprehensive the letter may have been lost.
דער פאָר־פּלאַץ, דאס פאָר־הויז.	The lobby (לאָב'בי). The hall (האָ־ל).
דאָס מענשליכע געשלעכט, דיא מענשהייט.	Mankind (מאַנקאינד).
בילען.	*To bark (בארק).
בילען אויף—.	To bark at—.
דיא הינט בילען אויף—.	The dogs are barking at—
א טעלער (אין מאָס).	A plateful (פּלייט'פול).
א הויפען.	A handful (האַנד'פול).
הויפען ווייז.	By handfuls.
צוויא טעלער זופּ.	Two platefuls of soup.
צוויא הויפענס געלד.	Two handfuls of money.

Many a—, מאנכער.

מאנכער אָרימער מאן וואָלט זיך פרייען, ווען—.	Many a poor man would be glad, if—.
דיא ביען.	The bee (בי־).
דער ביענ־שטאָק.	The bee-hive (בי־האיוו).
היינט צו טאג.	Now-a-days (נאו־ע־דייז).

Beside, נעבען; close (קלאָוז), הארט, פּאַזע.

מיין בוך ליעגט פּאַזע נעבען אייערן.	My book lies close beside yours.
דער טייך איז פּאַזע נעבען אונזער הויז.	The river is close beside our house.

שטעהן? באָט איהם אָן (offer him) א שטול און בעט איהם זיך זעצען.—איך דאנק איך, דאס קליינע מיידעל האט מיר שוין אָנגעבאָטען א שטול, אבער איך האב געוואָלט בעסער (I preferred) שטעהן.

67th Lesson.—67סטע לעקציאָן.

The city of New York.	די שטאָדט ניו יאָרק.
The city of Chicago.	די שטאָדט טשיקאגאָ.
The island of Elba.	די אינזעל עלבא.
The town of Rochester.	די שטאָדט ראָטשעסטער.
The kingdom of Bavaria.	דאס קעניגטהום בייערן.
The empire of Austria.	דאס קייזערטהום עסטרייך.

בייערן Bavaria (באֶװײ־ריאֶ) | עסטרייך Austria (אָ־ס׳טריאֶ)

The island (איי־לאֶנד).	די אינזעל.

דאס קעניגטהום The kingdom (קינג־דאָם) | דאס קייזערטהום The empire (עמ׳פאיר)

צווישען די ווערטער שטאָדט, לאַנד, טייך, אינזעל או. אַז. וו. און די נעמען וועלכע ווערען זייא געגעבען, קומט אימער דאָס ווערטעל of.

To be known (אָד. to go) by a certain name.	בעקאַנט זיין (אָד. געהן) אונטער א געוויסען נאָמען.

By, אונטער.

The excercise (עק׳סערסאיז).	די איבונג, די בעוועגונג.
To take excercise.	מאכען בעוועגונג.
The former (פאָר׳מער).	יענער, יענע, יענעס. ערשטער ערשטערע, ערשטערעס (דער פריהער־ערמאָהנטער).
The latter (לאֶט׳טער).	דיזער, דיזע, דיזעס. לעצטער, לעצטערע, לעצטערעס (דער לעצט־ערמאָהנטער).
To please a person.	אימעצן צו פרידען שטעלען.
Almighty God.	אלמעכטיגער גאָט.
Almighty (אָ־למאי־טי).	אלמעכטיג.
To be fond of—.	זיין א פריינד פון—. ליעבען, גערן האבען צו—.
I am fond of reading.	איך בין א פריינד פון לעזען. איך האב גערן צו לעזען.
Are you fond of fish?	זייט איהר א פריינד פון פיש? האט איהר האָלט פיש?

דאס צו זאָגען אין (to) מיין געזיכט?—קענט איהר פיהלען, דאס איך שנייד אייער פינגער?—איך קען קוים פיהלען, דאס איהר ריהרט מיך אָן (אָנריהרען, to touch).—האט זיא געפיהלט, דאס ער האט הערויסגעצויגען איהר צאָהן? (הערויסציהען, to pull out).—זיא זאָגט, זיא האָט גאָר ניט געפיהלט, דאס ער האט זיא אנגעריהרט.—וועט איהר העלפען מיין ברודער מאַכען (do) זיין אויפגאַבע?—איך קען עס איהם ניט העלפען מאַכען; דער לעהרער האט עס פערבאָטען.—איך וויל, דאס איהר זאָלט זאָגליך שרייבען.—זיא האט געוואָלט, דאס ער זאָל בלייבען צו הויז.—איך האב געדענקט, איך האָב געהערט, וויא ער רופט.—האט איהר זיא ווען געהערט זינגען?—האט אייער קליינער זוהן ווען געזעהן מאַכען אַ שטיפעל?—קענט איהר איהם ניט ברייננען דערצו, אז ער זאָל בייא אונז עסען מיטטאָג היינט?—איהר ברויכט ניט צו עסען, וואָס איהר האט ניט גערן.—האט איהר ניט בעמערקט, דאס ער האט איהר עפּעס געזאָגט?—איך האב געקענט גאַנץ דייטליך זעהן, דאס ער האט גערעדט צו איהר און געלעגט עפּעס אונטער זיין הוט.—האט איהר געזעהן דיא זון אויפגעהן אויף דעם בארג היינט אין דער פריה?—דיא זון האט ניט געוואָלט ווארטען אויף אונזער הערויפקומען אויף (coming up) דעם בארג און איז אויפגעגאנגען, אֵיידער מיר זיינען געווען אויף (at) דעם שפּיץ.

211. צום איבערזועצען

האט מען אייך ניט אָפט געהייסען פערשליסען דיא ביכער, ווען איהר זייט פערטיג מיט זייא?—איך וואָלט זייא האבען פערשלאָסען, ווען איך וואָלט געקענט האָבען געפונען דיא שליסלען.—האט מען איהם ניט מעהר אלס צוואנציג מאָל געהערט זאָגען, דאס ער האט עס געוואָלט בעצאהלען?—ווארום האט מען מיך געלאָזען הערויפגעהן, ווען מען האט געוואוסט, דאס מיין ערגסטער פיינד איז געווען אין צימער?—ווער האט געקענט האבען געוואוסט, דאס ער איז געווען דאָרטען?—האט איהר היינט אָבגעשטאַטעט (paid) פיעלע בעזוכען?—איך האב נאָר אָבגעשטאטעט א קורצען בעזוך בייא אייער שווינער.—ווען זייט איהר צום לעצטען מאָל (last) הערייננעגאַנגען צו דערער פּאָרטער?—איך בין איהם נעכטען נעגאַנגען זעהן; ער איז שוין קראַנק זייט דרייא וואָכען.—ווען זאָל איך ווידער הערייננקומען?—קומט מאָרגען ווידער הערייננ.—איך וואונדער מיך, דאס איהר זייט נאָך ניט געווען זעהן מיין שוועסטערקינד עמיליען.—איך וואָלט זיא געווען זעהן, ווען איך וואָלט געוואוסט, דאס זיא איז שוין געקומען צוריק פון דעם לאַנד.—האט איהר שוין אבגעשטאַטעט א בעזוך דעם גענעראל קראָפּאָרד?—נאָך ניט, אָבער איך רעכען (intend) איהם אָבצושטאַטען א בעזוך מאָרגען נאָכמיטטאג.—א געוויסע (some) פּערזאָן האט געוויזען זיין נייעם גאָרטען זיינעם א פריינד, אלס (when) דער לעצטערער (latter) האט הערייננעטראָטען אין א טיפיגם לאָך (hole) פול מיט (of) וואַסער. „אָ, עס טהוט מיר זעהר לייד“, האט אויסגערופען (exclaimed) דער אנדערער, „איך האָב פערגעסען אייך צו זאָגען, (דאס) עס איז היער דאָ א לאָך“.—„עס מאַכט ניט אויס (no matter)“, האט געענטפערט זיין פריינד, „איך האב עס געפונען“.—ווען הערר אֵייבראַהאַמז (Abrahams) קומט, בעט איהם זיצען אָן אויגענבליק און ווארטען אויף (for) מיך.—יעצט זעצט אייך, הערען און דאמען.—ווארום לאָזט איהר דעם מאַן

פערזוכען דיזען וויין?—געוויס: איך האף ער וועט אייך געפעלען. — ווארום האט אייער מוטער ניט געלאָזען אייער שוועסטער טאנצען אויפ'ן באל פאָרינע נאכט?—וויל מיין שוועסטער האט קראנקע (sore) פיס.

209. צום איבערזעצען.

וועט איהר ניט ערלויבען מיינע קינדער אויסרייסען (to gather) איינינע בלומען?—לאָזט זייא רייסען אזוי פיעלע בלומען, וויא זייא ווילען.—ווער האט אייך ערלויבט צו לעזען דיזעס בוך?—קיינער האט עס מיר ערלויבט, איך האב עס געפונען היער אויף דעם טיש.—ווארום האט איהר מיך געלאָזען (caused) שיקען דיא וואארע צו יענעם מאָן? ער ענטזאגט זיך יעצט זייא צו צונעהמען (=צו בעהאלטען, to keep).—איהר זאָלט (must) ניט זאָגען, דאס איך האב אייך געראטהען, עס איז געווען אייער איינענער וואונש.—הייס דיא קעכין מאכען פערטיג דאס אבענד־עסען.—ער האט געלאָזען (caused) דיא אָרימע געבען ברויט און נדבות.—ער האט געלאָזען בויען א שולע און דע־רין אונטערריכטען דיא קינדער פון דרייסיג אָרימע פאמיליעס.—בעט דיא דאמע זיך אנידערזעצען אן אויגענבליק.—אויף דעם פערלאנג פון מיין ברודער, האב איך אייך צו בעטען, וועז איהר האט גאָרנישט בעסערס צו טהאָן, איהם צו בעזוכען אויף (for) איי־ניגע שטונדען היינט אבענד.—אויף וועמע'ס בעפעהל איז דיזעס געלד א וועגגעטראָגען געוואָרען?—ווען איך איר מיך ניט, אויף אייער אייגענעם בעפעהל; איהר האט גע־הייסען העגריכען אוועגטראגען דאָס געלד, איידער איהר זייט הערויסגעגאנגען.—לאָזט איהר איהם דאס ניט איבערשרייבען עטליכע מאָל?—ניין, צווייא מאָל וועט זיין גענוג (will do).—וויא פיעל האבען זייא אייך געלאָזען (made) בעצאָהלען דערפיר?—זייא האבען מיך געלאָזען בעצאָהלען פינפצעהאלבען דאָללער דערפיר; נאָך א מאָל אזוי פיעל, דענק איך, וויא עס איז ווערטה.—ווארום האט איהר איהם ניט געמאכט בעצאָהלען דיא רעכנונג?—איך וועל איהם לאָזען מיר געבען א קוויטונג פיר פול.—האט איהר ניט אייער פערד מעהר?—ניין, מיין פעטער האט עס מיך געלאָזען פערקויפען.—ווארום נעהמט איהר ניט מיט דעם הונד?—איך קען איהם ניט ברייננען דערצו, אז ער זאָל מיר נאָכ־געהן.—קליידט מיר ניט דיזער ראָק זעהר שלעכט? (קליידען, to fit)—ער איז זעהר שלעכט געמאכט; איך וועל לאָזען דעם שניידער איהם נעהמען צוריק.—מוסט דוא לערנען דיא לעקציאָן אויף אויסווענינ (by heart)?—אונזער לעהרער לאָזט אונז אימער לערנען אונ־זערע לעקציאָנען אויף אויסווענינ.

210. צום איבערזעצען.

ווארום האט דער יונגע ניט געטהאָן, וויא איהר האט איהם געהייסען?—איך קען איהם ניט צווינגען (make) מיר צו געהאָרכען (obey).—ווען ווילט איהר, אז איך זאָל קומען נאָך אייך?—קומט נאָך מיר אום א פערטעל פאר צעהן.—ווילט איהר, אז דיא קארעט זאָל ווארטען אויף אייך?—יע, זאָל זיא ווארטען.—איך וועל לאָזען דיא יונגלאָך ברייננען (to be fetched) פון שולע.—איך וויל, אז איהר זאָלט מיר געהאָרכען.—דער בעדיענ־טער ווארט נאָך דרויסען (without).—איך ווייס עס; איך האב איהם געהייסען ווארטען. וועז וועט דער מאָן קומען ווידער?—ער וואגט ניט צו קומען ווידער.—וואגט ער מיר

To come and see. To come to see.	קומען זעהן, בעזוכען.
He is ill, I must go and see him.	ער איז קראנק, איך מוז איהם געהן זעהן (בעזוכען).
Why do not you go and see her?	ווארום געהט איהר זיא ניט זעהן (אָד. ווארום בעזוכט איהר זיא ניט)?
When will you come and see us?	ווען וועט איהר קומען אונז זעהן (ווען וועט איהר אונז בעזוכען)?
You never come to see us now.	איהר בעזוכט אונז יעצט נאָר ניט.
I went to see him yesterday.	איך האב איהם נעכטען בעזוכט.
She came to see us yesterday.	זיא האט אונז נעכטען בעזוכט.
When will you call?	ווען וועט איהר הערייננקומען?
To sit (סיט); sat (סאָט), sat.	זיצען; געזעסען.
To sit down.	זיך אנידערזעצען, זיך אוועקזעצען, זיך זעצען.
Will you not sit down?	ווילט איהר אייך ניט זעצען?
Will you be seated?	ווילט איהר אייך זעצען?
Be seated.	זעצט אייך.
We sat down in (.אָד upon) the grass.	מיר האבען אונז געזעצט אויף דאס גראָז.
Where will you sit?	וואו וועט איהר זיצען?
Why do not you sit down?	ווארום זעצט איהר אייך ניט?

208. צום איבערזעצען.

וועט איהר מיר ערלויבען צו ווארטען היער אן אויגענבליק אויף (for) מיין פריינד?—געוויס; וועט איהר אייך זעצען?—האט אייער נאכבאר ניט געוואָלט לאָזען אייערע קינדער געהן דורך זיין פעלד?—ניין, ער האט געזאָגט, ער דולדעט קיינעם עס דורכצוגעהן.—ווער האט אייך ערלויבט צו נעהמען מיין רעגענשירם?—אייער שוועסטער האט איהם מיר געלאָזען נעהמען.—מיין שוועסטער האט אייך געזאָלט (should) געבען איהר איינענם.—דאס האט זיא ניט געקענט טהאָן, ווייל איהר שוועסטערקינד האט איהם געבאָרגט.—ווארום לאָזט (suffer) איהר אייך זאָגען אזא זאך?—איך לאָז איהם זאָגען, וואָס איהם געפעלט, און איך טהוא וואָס מיר געפעלט.—ווארום לאָזט איהר יעדען לעזען, וואָס איהר שרייבט?—איהר לאָזט יעדע זאך זיך וואלגערן (to lie about) אין אייער צימער.—קיינער וועט זיך ניט נעהמען דיא מיהע צו לעזען מיין שלעכטעס שרייבען.—ווארום לאָזט איהר אייערע האָאר וואקסען אזוי לאנג?—ווייל עס איז צו קאלט פיר מיך זיא צו לאָזען שניידען.—ווען איך וואָלט געוועזען (if I were) אויף (in) אייער אָרט, וואָלט איך לאָזען (have) מיין זוהן קומען צוריק זאָגלייך.—ווער האט דיך בעפאָהלען איבערצושרייבען דיזען בריף?—קיינער האט מיך בעפאָהלען; איך האב געדענקט ער מוז געקאָפּירט ווערען.—ווארום האט איהר אויך דיא צעהן שטיקער טוך ניט געלאָזען הערויפנעהמען אויבען?—איך לאָז זייא עבען הערויפנעהמען אויבען—וועט איהר מיר ערלויבען צו

ווערט דאָס ווערטעל to פאַר דיא וויטערטיגע האַנדלונגסווערטער ניט אויסגעלאָזען; צ. ב. He was made to go, מען האט איהם געצוואונגען צו געהן.

Will have.	ווֶעלען, אז—, ווינשען, אז—.

דיא ווערטער will have קענען פערטייטשט ווערען וועלען, אז— אָד. ווינשען, אז—, ווען נאָך זייא קומט אַ פערזאָן און נאָך דער פערזאָן אַ האַנדלונגסוואָרט אָהן דעם ווערטעל to; צ. ב.

I will have you go there directly.	איך וויל, אז איהר זאָלט גלייך געהן אהין.
He would have me wait for him.	ער האט געוואָלט, אז איך זאָל ווארטען אויף איהם.
Mary would have me write the letter for her.	מאריע האט געוואָלט, אז איך זאָל שרייבען דעם בריף פיר זיא.
*To borrow (באָר־ראָו).	באָרגען.
He knew me to have been there.	ער האט געוואוסט, דאס איך בין געווען דאָרטען.
I cannot believe him to be so bad.	איך קען ניט גלויבען, דאס ער איז אזוי שלעכט.
I believe this man to be old.	איך גלויב, אז דיזער מאַן איז אלט.
You need not come again till to-morrow morning.	איהר ברויכט ניט קומען ווידער ביז מאָרגען פריה.
He dared not say it again.	ער האט עס ניט געוואגט צו זאָגען נאָך א מאָל.
You have so often been bid not to do it.	מען האט אייך אזוי אָפט געהייסען עס ניט צו טהאָן.
He was made to go up stairs.	מען האט איהם געצוואונגען הערויפצוגעהן אויבען.
To be אָד. to feel oblidged.	זיין פערפליכטעט (ד. ה. דאנקבאר).

מען ברויכט זעהר אָפט to feel, פיהלען, אנשטאָט to be, ווייא:

I am אָד. feel happy.	עס פרייט מיך.
He was אָד. felt offended.	ער איז געוואָרען בעליידיגט.
I am אָד. feel unwell.	איך בין ניט געזונד.
I was אָד. felt sorry.	עס האט מיר לייד געטהאָן.
I am אָד. feel convinced.	איך בין איבערצייגט.
*To offend (אָפפענד)	בעליידיגען
*To convince (קאָנווינס)	איבערצייגען
*To call (קאָ־ל).	הערייננעהן, בעזוכען.
To make a call. To give a call.	מאַכען א קורצען בעזוך.
To call upon a person.	הערייננעהן צו אימעצן, אימעצן בעזוכען.
To call at a person's place אָד. house.	הערייננעהן צו אימעצן.
To go and see. To go to see.	בעזוכען, זיך זעהן מיט—.

Proper (פראָפּער)—Properly.	אָרענטליך, געהעריג, וויא עס דארף צו זיין.
Make him do them over again.	לאָזט איהם זייא פוצען איבער-א-נייז.
To make; made, made.	מאכען, מאכען, אז—, צווינגען, לאָזען; גע-מאכט געצוואונגען, געלאָזען.
Augusta will not give me my book.	אויגוסטא וויל מיר ניט געבען מיין בוך.
Tell her, I shall make her give it you directly.	זאָג איהר, איך וועל גלייך מאכען, אז זיא זאָל עס דיר געבען. זאָג איהר, איך וועל זיא גלייך צווינגען דיר עס צו געבען.
Our teacher makes us copy the translations when they are corrected.	אונזער לעהרער לאָזט אונז איבערשרייבען דיא איבערזעצונגען, ווען זייא זיינען אויסגעבעסערט.
The translation (טראַנסליישאָן).	דיא איבערזעצונג.
*To correct (קאָררעקט).	אויסבעסערן, פערריכטען (פעהלערן).
I make my children get up at six every morning.	איך לאָז מיינע קינדער אויפשטעהן אום זעקס אוהר יעדען מאָרגען.
He made me wait a full hour for the money.	ער האט מיך געלאָזעןווארטען א גאנצע שטונדע אויף דאס געלד.
I cannot make him understand me.	איך קען איהם ניט מאכען, ער זאָל מיך פערשטעהן.

דער לערנער זאָל עטליכע מאָל איבערגעהן דיא ביזהעריגע זעצע און גוט בעטראַכטען דיא פערשיעדענע אָנווענדונגען פון דעם האַנדלונגסוואָרט to make.

האַנדלונגסווערטער, וועלכע קומען נאָך to make, האָבען קיינמאָל פאַר זיך דאָס ווער-טעל to.

דיא פאָלגענדע האַנדלונגסווערטער לאָזען ניט צו דאָס ווערטעל to פאַר האַנדלונגסווער-טער, וואָס קומען נאָך זייא:

Will have	וועלען, אז—	Can (could)	קענען
To hear (heard)	הערען	May (might)	מעגען
To help	העלפען	Must	מוזען
To let (let)	לאָזען	Shall (should)	זאָלען
To make (made)	מאכען, צווינגען	Will (would)	וועלען
*To need	ברויכען, האָבען נעטהיג	To behold (beheld)	ערזעהן
*To observe (אָבזאָירוו)	בעמערקען	To bid (bade, bidden)	הייסען
*To perceive (פּערסיוו)	בעמערקען	*To dare	וואגען
To see (saw, seen)	זעהן	To do (did, done)	טהאָן
To smell (smelt)	שמעקען	To feel (felt)	פיהלען

ווען דיזע האַנדלונגסווערטער ווערען אָבער געבראויכט אין דער לײדענדער אַרט,

To be welcome.	קענען, ערלויבט זיין; קענען נעניסען (פרייא).
You are welcome to go, whenever you please.	איהר קענט געהן, ווען נאָר איהר ווילט.
*To welcome.	בעגריסען, פריינדליך אויפנעהמען, געבען א שעהנעם ברוך-הבא.

דאָס וואָרט welcome ווערט בעדייענט אין נאָך אַ פאַל. ווען אימעצער דאַנקט פיר עפּעס זאָגט מען: you are welcome; דאָס איז אזוי פיעל, וויא מען זאָגט „ניט דאָ פיר וואָס". נאָר וואו מען זאָגט אין יודיש „ניט דאָ פיר וואָס" זאָגט מען אין ענגליש געוועהנליך Do not mention it.

When the man calls again ask (desire, request אָד. tell) him to wait a moment.	ווען דער מאַן קומט ווידער לאָזט איהם וואַרטען אַן אויגענבליק.
*To ask (אֶסק).	פרעגען, בעטען, פאָרדערן.
*To request (ריקוועסט).	בעטען.
*To desire (דיזאַיר).	ווינשען, וועלען, פערלאַנגען, בעגעהרען.
Should you see your cousin Charles, request (ask אָד. desire) him to tell you the name of the painter again; I have forgotten it.	ווען איהר זעהט אייער שוועסטערקינד קאַרלען, בעט איהם (ער זאָל) אייך זאָגען דעם נאָמען פון דעם מאַלער; איך האָב איהם פערגעסען.
My father desires me to tell you that—.	מיין פאָטער וויל, איך זאָל אייך זאָגען, דאָס—.
My friend requests me to inform you that—.	מיין פריינד בעט מיך אייך צו מעלדען, דאָס—.
*To inform (אינפאָרם).	מעלדען, געבען צו וויסען, מודיע זיין.
At the request אָד. desire of my friend.	אויף דיא ביטע אָד. פערלאַנג פון מיין פריינד.
The request (ריקוועסט).	דיא ביטע, דער פערלאַנג.
The desire (דיזאַיר).	דער פערלאַנג, דער וואונש.
The wish (וויש).	דער וואונש.
It was done by your orders.	עס איז געטהאָן געוואָרען (געשעהן) אויף אייער בעפעהל.
The order (אָרדער).	דער בעפעהל.

Order ווערט זעהר אָפט געבּרויכט אין מעהרצאָהל—orders; צ. ב. by my orders, אויף מיין בּעפעהל.

The bidding (בידדינג).	דאָס געהייס, דער בעפעהל.
He did it at my bidding.	ער האָט עס געטהאָן אויף מיין בעפעהל.

At, by, אויף.

John never brings my boots properly cleaned.	יאָהאַן ברייננט מיר קיינמאָל מיינע שיך אָרדענטליך (געהעריג) געפּוצט.

I ordered (.אָד desired) the men to take the wine back directly. I bade the men take the wine back directly.	איך האב דיא לייטע נעהייסען גלייך נעה־מען דעם וויין צוריק.
He caused this large building to be erected for the poor.	ער האט געלאָזען אויפבויען דיזעס געביידע פיר דיא אָרימי־
*To erect (אירעקט).	אויפבויען.
I caused him to be (.אָד I had him) immediately arrested.	איך האב איהם געלאָזען גלייך ארעטירען.
*To cause (קאָ־ז).	פעראורזאכען, אַנמאכען; לאָזען.
To have (האָוו); had (האָד), had.	לאָזען, ברייננגען דערצו, אז—; געלאָזען.
To cause to be arrested. To have arrested.	לאָזען ארעטירען.
You are causing me to do what I do not approve of myself.	איהר ברייננגט מיך דערצו, אז איך זאָל טהאָן וואָס איך האלט אליין ניט פיר גוט.
*To approve (אָפפרו־וו).	האלטען פיר גוט.

ווען מען פערשטעהט אונטער לאָזען צוגלייך דיא אויספיהרונג, ווערט עס איבערזעצט ניט to cause .אָד to have אָבער ניט מיט to let. פעראורזאַכען, אַנמאַכען ווערט אי־מער איבערגעדריקט מיט to cause.

I am causing you a great deal of trouble and am (.אָד feel) greatly obliged to you.	איך מאַך אייך אַן זעהר פיעל מיהע און בין איך זעהר פערפליכטעט.
I thank you many times.	איך דאַנק אייך פיעלע מאָל.
Don't mention it.	ניט דאָ פאר וואָס.

Don't mention it איז דער טייטש ערמאָהנט עס ניט, אָבער עס ווערט אימער געברויכט אין ענגליש, וואו מען זאָגט אין יודיש „ניט דאָ פאַר וואָס“ נאָך אַ דאַנק.

You are quite welcome.	איהר זייט גאַנץ בעליעבט. איהר זייט מיר גאַנץ אנגענעהם.
You are welcome to anything I can do for you.	איהר קענט אלעס האבען, וואָס איך קען טהאָן פיר אייך.
You are welcome to whatever I have.	איהר קענט האָבען אלעס פרייא, וואָס איך האָב נאָר.
Take them! You are welcome to them.	נעהמט זייא! איהר קענט זייא האבען פרייא.
The welcome (וועלקאָם).	דיא (פריינדליכע) אויפנאהמע, דער ברוך־הבא.
Welcome (וועלקאָם).	ווילקאָמען, בעליעבט, אנגענעהם; פרייא צו געניסען, פרייא צו האָבען

וועט איהר מיר לאָזען זעהן דעם בריף?	Will you let me see the letter?
ערלויבען, לאָזען.	*To allow (אֶללאַר). *To permit (פּערמיט).
געבען ערלויבניס.	To give leave.
לאָזען; געלאָזען.	To let; let, let.
דיא ערלויבניס, דיא פרייהייט.	The leave (לי־וו).
נעהמ־ן דיא פרייהייט, זיך ערלויבען.	To take leave. To beg leave.
איך ערלויב מיר אייך צו זאָגען, דאָס—.	I take (אָד. beg) leave to tell you that—.
זייא וועלען אונז ניט ערלויבען (לאָזען) געה־ איבער דיא לאָנקע.	They will not allow us (permit אָד. give us leave) to go through the meadow.
דיא לאָנקע.	The meadow(מעדאָו).
איך קען אייך ניט ערלויבען (לאָזען) אזו רעדען ווייטער.	I cannot allow you to go on talking that way.

That way, אזוי.

פאָרטזעצען רעדען, רעדען ווייטער.	To go on talking.
פאָרטזעצען זינגען, זינגען ווייטער.	To go on singing.

ווען to go on געפינט זיך פאַר אַן אַנדער האַנדלונגסוואָרט, קען עס אויך איבערגעזעצט ווערען ווייטער.

ער האט אונז געלאָזען קלייבען אזוי פיעלע בלומען און אזוי פיעל פרוכט, וויא מיר האבען געוואָלט.	He suffered (אָד. allowed) us to gather as many flowers and as much fruit as we liked.
לאָזען, ערלויבען, דולדען.	*To suffer (סאָפפער). To allow.
איך טאָר אייך ניט לאָזען שטעהן היער.	I dare not (אָד. must not) allow (אָד. suffer) you to stand here.

ווען לאָזען בעדייטעט ניט שטערן, ניט הינדערן, ווערען געברויכט דיא ווער־טער allow, suffer אָד. let.

ווער האט אייך געהייסען אוועגטראָגען דיא שטולען?	Who has ordered you to carry the chairs away?
הערר ווילליאַמז האט מיר זייא געהייסען הערונטערטראָגען.	Mr. Williams ordered (אָד. told) me to (אָד. bade me) carry them down.
בעפעהלען, הייסען.	To order(אָרדער). To command(קאָממאַנד)
זאָגען, הייסען; געזאָגט, געהייסען.	To tell (טעל); told (טאָלד), told.
הייסען; געהייסען.	To bid (ביד); bade (בעד) אָד. bid, bidden (בידדן).
איך האב איהם געהייסען פיר מיך שריי־בען דעם בריף.	I desired him to write the letter for me.
פערלאַנגען, וועלען, הייכען.	*To desire (דיזאיר).

—ער קען זיך נאָך ניט ענטשליסען; איהר האט איהם געבאָטען צו וועניג.—ווענ איהר געהן מיט אונז אויף (to) דעם קאָנצערט דיזען אבענד?—ניין, איך האב מיך בעזאָנען אנדערס; איך וועל בלייבען צו הויז, מיין מוטער איז ניט גאַנץ געזונד.—איהר האָט חרטה פון איין האַלבער שטונדע ביז אַן אנדערער (אָד. אַלע האַלבע שטונדע); איהר זייט זעהר אונבעשטענדיג; איך האב קיינמאָל ניט געזעהן אזא אונבעשטענדיגע יונגע דאַמע.—עס איז אימער בעסער זיך אַנדערס צו בעזינען, זאָגאר ווען מען האט זיך ענטשלאָסען פאָרויס־געזעצט (=בתנאי, provided), דאס מען ענטשליכט זיך צו עפּעס בעסערן.—וואָס דענקט איהר פון מיין פּלעמעניק? האט ער זיך ניט זעהר פיעל פערבעסערט?—יע, ווירקליך; איך האב געהאַט א לאַנגע און זעהר אַנגענעהמע אונטערהאַלטונג מיט איהם איבער (אָד. upon ,on) זיינע רייזען.—האט ער ניט זעהר שעהנע (elegant) מאַנירען?—יע; איהר קענט אורטהיילען נאָך זיינע מאַנירען אויף (of) דיא גוטע געזעלשאַפט, אין וועלכער ער האט זיך געמישט.

207. צום איבערזעצען.

דיזע זאַכען זיינען צו גראָב (coarse), קענט איהר מיר ניט ווייזען וועלכע פיינע?—איהר וועט געפינען פיינערע צווישען דיזע.—עס וואונדערט מיך (I wonder) איך געפין קיינע ענגלישע ביכער צווישען יענע, וועלכע איהר האט מיר געשיקט.—איהר אירט אייך, עס זיינען דאָ וועלכע דערונטער (among them).—איהר מוזט האבען איינע פון מיינע פעדערן אונטער אייערע.—דיזע זיינען אלע מיינע, עס זיינען קיינע פון אייערע דאָ דערונטער.—ווען וועט הערר לאָנגמאַן זיין היער?—ער זאָל היער זיין נעכסטען מאָנאַט.—מען זאָגט דאס טהעאַטער איז געווען זעהר פּיל פּאָריגען אבענד; איז עס וואהר?—עס איז געווען שרעקליך געפּאַקט (crowded); איך פערזיכער אייך, עס איז ניט געווען זאָגאר אָרט (room) צו לאַכען.—זייט איהר געווען נאָך (for) דיא בריף, יאָהאַן?—איך געה גלייך אויף דיא פּאָסט.—אויב עס איז דאָ איינער פיר מיך דערונטער, ברינגט איהם מיר גלייך הערויף (up stairs), ווילט איהר?—געוויס.—זייט איהר געווען זעהן דיא בלומען־אויסשטעלונג?—איך בין געגאַנגען נעכטען נאָכמיטטאָג, אבער איך בין קיין מבין אויף בלומען, איך בין געגאַנגען צו בעפרידיגען (to please) מיינע טעכטער.—איך פירכטע איך האב אייך געלאָזען וואַרטען (kept you waiting) א לאַנגע צייט, אבער איך האב אונמעגליך געקענט קומען פריהער (any sooner).—נוא; עס פרייט אונז, איהר זייט ענדליך געקומען; בעסער שפּעט אלס גאָר ניט (=קיינמאָל).

66th Lesson.—66סטע לעקציאָן.

Will you allow (אָד. permit) me to see the letter?	וועט איהר מיר ערלויבען צו זעהן דעם בריף? וועט איהר מיך לאָזען זעהן דעם בריף?
Will you give me leave to see the letter?	וועט איהר מיר געבען ערלויבניס צו זעהן דעם בריף? וועט איהר מיך לאָזען זעהן דעם בריף?

צייט האט ער מיט מיר ניט גערעדט. וואָס פיר שאָד, דאס מענשען (people) ליעבען
ניט צו הערען דיא וואהרהייט, זאָגאר אין שפּאַס.—קענט איהר מיר רעקאָמענדירען דיא
קעכין, וועלכע, וויא זיא זאָגט (וויא אויסגעלאָזען), האט פערלאָזען אייער דיענסט באר
דרייא מאָנאטען? (פאַר, צוליעב, since).—אזוי וויא איהר זייט מיינער א פריינד, קען
איך מיין געוועזענער (late) קעכין געבען דאס צייגניס, דאס זיא איז אַן אויסגעצייכ־
נעטע קעכין און זעהר א געשיקטע גנבטע.

.205 צום איבערזעצען.

איז יענע דאמע, פון וועלכע מען רעדט אזוי פיעל, א שפּאַניערין?—מאַנכע
זאָגען זיא איז אַן ענגלענדערין, אַנדערע, דאס זיא איז א שאָטלענדערין און אַנדערע
ווידער, דאס זיא איז ניט קיין ענגלענדערין ניט קיין שאָטלענדערין.—און וואָס איז זיא
דען?—זיא איז א דייטשקע.—ווען האט איהר פערקויפט אייער שעהנע פערד?—איך
האב זייא פערקויפט צו פּאָלקאָווניק וועבסטער.—קענט איהר זיין איידים, קאפּיטאַן
קראָפּאָרד?—ניין, איך קען קיינעם פון זייא, ניט דעם פּאָלקאָווניק ניט דעם קאפּיטאַן.
—איך בין גיעריג צו וויסען (I wonder), אויב גענעראַל גאָרדאָן וועט היער קומען דיזען
זומער?—אויב איהר מיינט דעם גענעראַל גאָרדאָן, וועלכער איז געשטאָרבען פאָריגען
מאָנאט, קען איך אייך זאָגען אויף (for) געוויס, דאס ער וועט ניט קומען דיזען זומער.
—וואָס, דענקט איהר, וועט פּאַסירען קומענדיגען (next) זומער?—וואָס עס קען פּאסי־
רען קומענדיגען זומער קען ניט פאָרויסגעזעהן ווערען און ניט (nor) פאָרויסגעזאָגט ווערען.
—דיא פרוי פון דעם פערשטאָרבענעם גענעראַל איז א שעהנע יונגע אלמנה.—ירשעט
זיא דאָס פערמעגען פון איהר פערשטאָרבענעם מאַן?—ווען עס איז אַן ערלויבטע (=אנ־
שטענדיגע) פראגע, ערקונדיגט איהר אייך נאָך דער אלמנה אדער דעם פערמעגען,
אדער (נאָך) ביידען?—ווען איהר וואָלט ניט געהאט געפרעגט, וואָלט איך אייך, פיעל־
לייכט, האבען געזאָגט; אבער אזוי וויא איהר האט יע געפרעגט (יע געפרעגט אויס־
געלאָזען), וועט איהר גאָרנישט קריגען צו וויסען (גאָרנישט צוליעבט).—איך וויים גענוג,
מיין טהייערער פריינד, אָהן אייער מיטטהיילען (communicating) מיר.—איז דאָקטאָר
פיטערז צו הויז?—דער דאָקטאָר איז ניט צו הויז, אבער ער וועט זיין אין א פּאָאָר
מינוטען; וועט איהר זיין אזוי גוט ווארטען?—איז זיין פרוי (=דאמע) צו הויז?—זיין פרוי
(=דאמע) איז אויך ניט צו הויז.—אלזאָ וועל איך ווארטען.—קומט הערייז (step in),
געפעליגסט.—איז ניט מאדאם ז. א בערלינערין?—ניין, זיא איז פון וויען.—טאקי? איז
זיא ניט דעם דאָקטאָר'ס צווייטע פרוי?—יע; דער דאָקטאָר איז געווען אַן אלמן, ווען
ער האט זיא געהיראטהעט.

.206 צום איבערזעצען.

מען האט מיר ערצעהלט היינט אין דער פריה, דאס איהר נעהמט הייראטהען;
האט מען מיר ערצעהלט דיא וואהרהייט?—וויסענדיג, דאס איהר זייט מיין פריינד,
וועל איך אייך מודה זיין, דאס איך קען האָפען, זעהר באלד צו זיין איינער פון דיא
גליקליכסטע מענשען אין דיזער וועלט.—האט אייער ברודער, ענדליך, זיך ענטשלאָסען
מיר צו פערקויפען דעם וויין אויף (at) דעם פרייז, וועלכען איך האב איהם געבאָטען?

Snuff (סנאף) שמעק־טאבאק	Pinch (פינטש) א צופ, א שמעק
A pinch of snuff.	א שמעק טאבאק.
To take snuff.	שמעקען (טאבאק).
Will you take a pinch?	ווילט איהר נעהמען א שמעק? (טאבאק)
To be a judge of something.	זיין א קענער פון עפּעס. זיין א מבין אויף עפּעס. זיך גוט פערשטעהן אויף עפּעס.
Are you a judge of cloth?	זייט איהר א קענער פון טוך? זייט איהר א מבין אויף טוך?
He is a good judge of wine.	ער איז א גוטער קענער פון וויין. ער איז א גוטער מבין אויף וויין. ער פערשטעהט זיך גוט אויף וויין.
A judge (דזשאדזש).	א קענער, א מבין.
You are no judge.	איהר זייט קיין מבין ניט. איהר פערשטעהט ניט.
The point (פּאָינט).	דער פונקט; דער שפּיץ.
*To reach (רייטש).	גרייכען (ביז); עררייכען.
*To confess (קאָנפעס).	בעקענען, מודה זיין.

204. צום איבערזעצען.

זייט איהר שוין געוועזען הערען דיא נייע זענגערין?—איך בין זיא געגאנגען הערען אייערנעכטען ביי נאכט (the night before last).—מען זאָגט זיא איז זעהר א גוטע זענגערין.—זיא איז ניט נאָר א פּאָרטרעפליכע זענגערין, אבער אויך א גוטע אַקטריסע.—וואו האט זיא געשפּיעלט (שפּיעלען, to act) צולעצט?—אין בערלין, וויא איך הער (ווי זא ווערט אין דער איבערזעצונג אויסגעלאָזען).—וויא אָפט איז דיזעס שטיק (play) גע־שפּיעלט געוואָרען?—עס איז געשפּיעלט געוואָרען צעהן נעכט נאָך אנאנד.—עס זאָל זיין זעהר גוט.—זיינען געוועזען דיא לאָזשען גוט בעזעצט?—דאס הויז איז געוועזען פאסט אי־בערפילט; דיא גרעפין מיט איהרע טעכטער, דער באראָן און דיא באראָנעסע זיינען געוועזען דאָרטען, און, ווען איך האב מיך ניט געאירט, האב איך אויך געזעהן דעם דוקס און דיא דוקסע פון נ.—האט איהר געהערט, דאס דיא דוקסע מ. איז נעכטען געשטאָר־בען?—איך האב עס געהערט; עס איז א גרויסער שאָד, וויל זיא איז געוועזען א גרויסע וואָהלטהעטערין צו דיא אָרימע.—דער קייזער און דיא קייזערין פון עסטרייך (Austria) און דער קעניג און קעניגין פון פרייסען (Prussia) זאָלען קומען נאָך פאריז נעכסטען ווינטער (ד. ה. מען רעכענט אז דער קייזער און קייזערין פון עסטרייך און דער קעניג און קעניגין פון פרייסען וועלען קומען נאָך פאריז נעכסטען ווינטער).—ווארום האסט איהר דיזען מענשען; רעכענט איהר ער איז אייער פיינד? האט ער אייך ווען בעליידיגט?—מיר זיינען געוועזען זעהר אינטימע פריינד ביז אונגעפעהר (about) זעקס וואָכען צוריק, ווען איך האב איהם געזאָגט אין שפּאַס, דאס ער איז א נאַר; זייט (ever since) יענער

He is expected to come.	מען רעכענט ער וועט קומען.
They are expected to come here next week.	מען רעכענט, אז זייא וועלען קומען אהער נעכסטע וואָך.

He is expected to—, she is expected to—, they are expected to— קענען אויך איבערגעזעצט ווערען מיט דעם וואָרט זאָל: Doctor Johnson is expected to come here next week, דאָקטאָר דזשאָהנסאָן זאָל אַהער קומען נעכסטע וואָך (ד. ה. מען רעכענט, אַז דאָקטאָר דזשאָהנסאָן או. אַז. וו.).

*To suppose (סאָפּפּאָוז).	רעכנען, דענקען, מיינען.
It is said, it is supposed.	מען רעכענט.
I suppose, he is gone out. / He is gone out, I suppose.	איך רעכען ער איז אוועגגעגאנגען.
Exhibition (עגזהיבי'שאָן). Show (שאָו).	אן אויסשטעלונג.
Exhibition of paintings.	אן אויסשטעלונג פון געמעלדען.
The painting (פּיינ'טינג).	דאָס געמעלדע.
Flower-show.	א בלומען=אויסשטעלונג.
The flower (פלאַרער).	דיא בלום.
Filled (פילד)	בעזעצט [פון מהעאַטער]
Overfilled (אָווערפילד)	איבערפילט
Elegant (עליגאַנט)	עלעגאַנט, שעהן
Fair (פער)	אנשטענדיג; שעהן
*To offend (אָפּפענד). / *To insult (אינסאָלט). / *To affront (אֶפּפראָנט).	בעליידיגען.
To foressee(פאָורסי); foresaw(פאָורסאָ), foreseen (פאָורסין).	פאָרויסזעהן; פאָרויסגעזעהן.
To foretell (פאָורטעל); foretold (פאָור=טאָולד=, foretold.	פאָרויסזאָגען; פאָרויסגעזאָגט.
*To communicate (קאָממיו'ניקייט).	מיטטהיילען, געבען צו וויסען.
*To joke (דזשאָוק). *To jest (דזשעסט).	שפּאַסען, טרייבען קאַטאָוועס.
The joke. The jest.	דער שפּאַס, דער קאַטאָוועס.
The widow (ווידאָו)	דיא אלמנה, דיא וויטווע
The widower (ווידאָוער)	דער אלמן
The service (סאָירוויס).	דיא דיענסט; דיא געפעליגקייט.
The character (קאֶ'ראֶקטער). / The testimony (טעס'טימאָני).	דאס צייגניס.
The step (סטעפּ). Pace (פּיים). Stride (סטראַיד).	דער שריט, דער טריט.
*To step. *To pace.	שרייטען, טרעטען.
To stride; strode (סטראָוד), stridden (סטרידדן).	שרייטען; געשריטען.

דיזע יונגע דאַמע האט געערבט (געירשעט) דאָס גרויסע פערמעגען פון איהר פער־שטאָרבענעם ברודער.	This young lady inherited the fortune of her deceased brother.
פערשטאָרבען.	Deceased (דיסי׳סט).
פאַריג, געוועזען, פערשטאָרבען.	Late (לייט).
פריילין קראָפאָרד איז א ליעבענסווירדי־געס פריילין.	Miss Crawford is an amiable young lady.
ליעבענסווירדיג.	Amiable (איי׳מיעבל).
דיא אונטערהאַלטונג, דאס געשפרעך.	The conversation (קאָנווערסיי׳שאָן).
דיא מאַנירען, דיא בענעהמונג.	The manners (מאֶנ׳נערס).
גראָב.	Coarse (קאָורס).
דיזער יונגער מאַן האט גראָבע מאַנירען.	This young man has coarse manners.

Among (אַמאָנג׳), amongst (אַמאָנגסט׳), אונטער, צווישען.

ווארום מישט איהר אייך אונטער דיזע לייטע?	Why do you mix among these people?
מישען; זיך מישען.	*To mix (מיקס).
זיינען ניט דאָ קיין גרעסערע אונטער זייא (אָד. דערונטער)?	Are there no larger ones among them?
מען זאָגט ער איז זעהר רייך. ער זאָל זעהר רייך זיין.	He is said to be very rich.
ער זאָל—, מען זאָגט (אַז) ער—.	He is said to—.
זייא זאָלען—, מען זאָגט (אַז) זייא—.	They are said to—.
מען זאָגט קאַרל איז א גוטער זענגער. קאַרל זאָל א גוטער זענגער זיין.	Charles is said to be a good singer.
מען זאָגט זיא איז א גוטע זענגערין. זיא זאָל א גוטע זענגערין זיין.	She is said to be a good singer.
מען זאָגט זייא האבען פערלאָרען פיעל געלד. זייא זאָלען פיעל געלד פערלאָרען האָבען.	They are said to have lost a great deal of money.
מען רעכענט ער איז געגאַנגען נאָך ענג־לאַנד. ער זאָל האבען געגאַנגען נאָך ענגלאַנד.	He is said (אָד. supposed) to have gone to England.
ערוואַרטען, רעכנען.	*To expect (עקספעקט).
ער ווערט ערוואַרטעט. מען ערוואַרטעט איהם.	He is expected,
מען רעכענט, אַז ער, זיא וועט—.	He, she is expected to—.
מען רעכענט, אַז זייא וועלען.	They are expected to—.

פויגלאך ווערט נאָכ'ן ווארט געזעצט פיר מענליך cock און פיר ווייבליך hen; צ. ב. pea (פיר), א פּאַווע—pea-cock, א פּאַווער (אַן ער), pea-hen, א פּאַווע (א זיא).

Is captain Crawford at home?	איז קאַפּיטאַן קראָפאָרד צו הויז?
Yes, colonel Peters is with him.	יע, אָבערסט (פּאָלקאָווניק) פּיטערז איז בייא איהם.
When can I see the captain?	ווען קען איך זעהן דעם קאַפּיטאַן?
I will announce you as soon as the colonel is gone.	איך וועל אייך מעלדען אזוי באַלד, וויא דער פּאָלקאָווניק וועט אוועג.
*To announce (אַננאַונס).	מעלדען, אָנמעלדען.

The lieutenant (לעפטענאַנט) לייטענאַנט	The captain (קאַפּטען) דער קאַפּיטאַן
The general (דזשענעראַל) דער גענעראל	The colonel (קאָירנעל) דער פּאָלקאָווניק

ווען א טיטעל געהט צוזאַמען מיט'ן נאָמען פון דער פּערזאָן ווערט פאַר איהם קיינמאָל ניט געשטעלט דאָס ווערטעל the; צ. ב. Captain Crawford, קאַפּיטאַן קראָפאָרד; מען דאַרף ניט זאָגען The Captain Crawford.

Can you tell me where Doctor Johnson lives?	קענט איהר מיר זאָגען, וואו דאָקטאָר דזשאָהנסאָן וואוינט?
The Doctor will be at home directly.	דער דאָקטאָר וועט באַלד זיין צו הויז.

אין ענגליש שטעלט מען ניט דעם טיטעל הערר, Mr., פאַר'ן טיטעל דאָקטאָר, וויא עס איז דיא מאָדע אין יודיש און אין דייטש; אין ענגליש ווערט קיינמאָל געזאָגט Mr. Doctor—„הערר דאָקטאָר".

*To marry (מאַררי).	הייראַטהען, חתונה האָבען.
He will marry her.	ער וועט זיא הייראַטהען.
Ta get married; to marry.	זיך פערהייראַטהען.
When will he get married?	ווען וועט ער זיך פערהייראַטהען.
Is she married?	איז זיא פערהייראַטהעט?

Plenty (פּלענטי), פיעל.

Plenty of money.	פיעל געלד.
To make up one's mind.	ענטשליסען, אָבמאַכען (בייא זיך).
To make up one's mind to something.	זיך ענטשליסען צו עפּעס.
To alter one's mind. / To change one's mind.	זיך אנדערס בעזינען, חרטה האָבען.
*To change (טשיינדזש). To alter (אָלטער)	ענדערן, פערענדערן.
Changeable (טשיינדזשאָבל).	פערענדערליך, אונבעשטענדיג.
She is heiress to a large property (אָד. fortune).	זיא איז אן ערבין (א יורשטע) פון א גרויסען פערמעגען.
Property (פּראָפּערטי). Fortune (פאָרטשון).	א פערמעגען.
To inherit (אינהעריט).	ערבען, ירשענען.

אין ווערטער, וואס ענדיגען זיך מיט דעם צוגעזעצטען ווארט man (מען), ווערט צו בעצייכנען דיא ווייבליכע פערזאן געשטעלט woman (א פרוי). אנשטאט woman קען מען אויך געברויכען lady, ווען עס האנדעלט זיך פון א פרוי פון הויכען שטאנד.

בייא דער בעצייכנונג פון געבורטיגע פון שטעדט ווערט דיא ווייבליכע פערזאן אויסגעדריקט מיט woman אדער lady; צ. ב.

A Francfort woman .אָד lady.	א פראנקפורטערין.
A Berlin woman .אָד lady.	א בערלינערין.
A Chicago woman .אָד lady.	א טשיקאגאערין.

אלע בענענונגען פון שיפען, וויא ship (שיפּ), א שיף; vessel (וועס׳סעל), א שיף; boat (באוט), א לאָדקע; merchant-man (מאיר׳טשאנט-מאן), א האנדעלס שיף; man-of-war (מאן-אָוו-וואָר), א קריגסשיף או. אז. וו. זיינען אין ענגליש ווייבליך און ווען עס ווערט פון זייא גערעדט זאָגט מען she; צ. ב.

She is a first class man-of-war.	עס איז אן ערשטע קלאסע קריגס-שיף.
She is a large merchant-man.	עס איז א גרויסעס האנדעלס שיף.
She is a strong vessel.	עס איז א שטארקעס שיף.

דיא לבנה (the moon) ווערט אין ענגליש גערעכענט פיר ווייבליך און דיא זון (the sun) —פיר מענליך; צ. ב.

The moon has first risen; she will light us till four o'clock.	דיא לבנה איז ערשט אויפגעגאנגען; זיא וועט אונז לייכטען ביז פיער א זייגער.
The sun will not come out to day, he cannot break through the clouds with his beams.	דיא זון וועט היינט ניט הערויסקומען, זיא קען זיך ניט דורכברעכען דורך דיא וואלקענס מיט איהרע שטראהלען.
To break through.	דורכברעכען, זיך דורכברעכען.
The beam (בים).	דער שטראהל.

The lion (לאייאָן).	The lioness (לאייאָנעס).	דער לייב.	דיא לייבין.
The tiger (טאיגער).	The tigress (טאיגרעס).	דער טיגער.	דיא טיגערין.
The bull (בול).	The cow (קאו).	דער אָקס.	דיא קוה.
The dog (דאָג).	The bitch (ביטש).	דער הונד.	דיא צויג.
The stallion(סטאֶלליאָן).	The mare (מער).	דער אָגער.	דיא קליאטשע.
The colt (קאָולט).	The filly (פיללי).	א זשערעבעץ (א יונגער אָגער).	א קאָבילּיצע (א יונגע קליאטשע).

צו בעצייכנען דעם מין זכר און דעם מין נקבה פון מעהרסטע אנדערע פיער-פיסיגע בהמות ווערט פאר'ן ווארט געזעצט a he- אָד. male פיר מענליך און a she- אָד. female פיר ווייבליך; צ. ב. a he-goat, א באָק, a she-goat, א ציעג; a he-cat אָד. male cat, א קאָטער; a she-cat אָד. female cat, א קאַץ.

The cock (קאָק).	The hen (העֶן).	דער האָן.	דיא הון.
The drake (דרייק).	The duck (דאָק).	דער ענטער.	דיא ענטע.
The gander(גאֶנדער).	The goose (גוס).	דער גענזער.	דיא גאנז.

צו בעצייכענען דעם מין זכר און דעם מין נקבה פון מעהרסטע אנדערע עופות אדער

אייניגע ווערטער, וואָס ענדיגען זיך מיט or, פערוואַנדלען דיזע ענדונג אין rix צו בעצייכענען דיא ווייבליכע פערזאָן, וויא:

Administrator (אַדמיניסטריי־טאָר).	פערוואלטער.
Administratrix (אַדמיניסטריי־טריקס).	פערוואלטערין.
Executor (עקסיקיוטאָר).	אן אַפּעקון (אפטרופוס).
Executrix (ענזעקיוטריקס).	אן אַפּעקונקע.
Testator (טעסטיי־טאָר).	אן ערב־לאזער.
Testatrix (טעסטיי־טריקס).	אן ערב־לאזערין.

בייא אַנדערע ווערטער ווערט דיא ווייבליכע פערזאָן געמאַכט אונרעגעלמעסיג, וויא:

Heroine (העראָואין).	Hero (היראָו).	העלד.	העלדין.
Mistress (מיסטרעס).	Master (מאַסטער).	הערר.	מאדאם.
Queen (קוויין).	King (קינג).	קעניג.	קעניגין.
Countess (קאונטעס).	Earl (אירל).	גראַף.	גרעפין.
Marchioness (מאַר־משאָנעס).	Marquis (מאַרקוויז).	מאַרקיז.	מאַרקיזין.

פיעלע ווערטער בלייבען אונפערענדערט און בעצייכענען צוגלייך מענליכע און ווייבליכע פערזאָנען, וויא: cook, אַ קאָך, אַ קעכין; cousin, אַ קוזין, אַ קוזינע; friend, אַ פריינד, אַ פריינדין; servant, אַ דיענסט־מיידעל, אַ דיענער; Catholic, אַ קאַטהאָליק, אַ קאַטהאָליקין. פון דיא איבעריגע ווערטער פון זאַץ קען מען שוין אליין פערשטעהן, אויב זייא בעצייכענען מענליכע אָדער ווייבליכע פערזאָנען, וויא צ. ב. דורך דיא ווערטער he און she.

He is a good child.	ער איז א גוטעס קינד (אַ יונגעל).
She is a quiet child.	זיא איז א רוהיגעס קינד (אַ מיידעל)
She is a celebrated poet.	זיא איז א בעריהמטע דיכטערין.
He is no great poet.	ער איז קיין גרויסער דיכטער.

Poet (פּאָועט) א דיכטער, אַ דיכטערין | Celebrated (סעליברייטעד) בעריהמט

You must not trust her, she is both a liar and a thief.	איהר מוזט איהר ניט טרויען, זיא איז אַי א ליגנערקע אַי א גנבטע.

Liar (לאַיאָר) א ליגנער, אַ ליגנערקע | Thief (טהיף) א גנב, א גנבטע

Frenchwoman.	Frenchman.	פראַנצויז.	פראַנצויזין.
Englishwoman.	Englishman.	ענגלענדער.	ענגלענדערין.
Scotchwoman.	Scotchman.	שאָטלענדער	שאָטלענדערין.
Irishwoman.	Irishman.	אירלענדער.	אירלענדערין.
Dutchwoman.	Dutchman.	האָללענדער.	האָללענדערין.
	German (דזשאָירמאַן).	דייטש.	דייטשקע.
	Italian (איטאַליאַן).	איטאַליענער.	איטאַליענערין.
	Swiss (סוויס).	שווייצער.	שווייצערין.
	American (אַמעריקאַן).	אַמעריקאַנער.	אַמעריקאַנערין.
	West-Indian (וועסט־אינדיאַן).	וועסט־אינדיער.	וועסט אינדיערין.

דרייא טעג נאָך אנאנד.	Three days successively אָד. following. For three successive days.
הערר קראָפאָרד איז א פאָרטרעפליכער אקטיאָר.	Mr. Crawford is a superior actor.
איז פריילין קראָפאָרד א גוט׳ע זענגערין?	Is Miss Crawford a good singer?
דער זענגער, דיא זענגערין.	The singer (סינ׳גער).
זיא זינגט אנגענעהם; און זיא איז אזא גוטע שוישפילערין, וויא זיא איז א זענגערין.	She sings delightfully; and she is as good an actress as she is a singer.
פאָרטרעפליך.	Superior (סיופּי׳ריאָר).
געשמאק, אנגענעהם.	Delightful (דילאיט׳פול)—Delightfully.
איז ניט געוועזן באראָן באָירטש אין טהעאטער?	Was not Baron Birch at the theatre?
איך דענק ניט, ווענינגסטענס האב איך איהם ניט געזעהן; אבער דיא באראָנעסע און איהרע צווייא שעהנע טעכטער זיינען געוועזן אין זייער לאָזשע.	I think not, at least I did not see him; but the baroness and her two beautiful daughters were in their box.
דיא עלטעסטע, זאָגט מען, וועט באלד ווערען א דוקסע; דער דוקס פון וו. וועט זיא הייראטהען.	The eldest, it is said, will soon be a duchess; the Duke of W. is going to marry her.
דער אקטיאָר.	The actor (אֶק׳טאָר).
דיא אקטריסע.	The actress (אֶקט׳רעס).
דער באראָן.	The baron (באֶ׳ראָן).
דיא באראָנעסע.	The baroness (באֶ׳ראָנעס).
דער דוקס, דער הערצאָג.	The duke (דיוק).
דיא דוקסע.	The duchess (דאָ׳טשעס).

פיעלע ווערטער, וואָס בעצייכענען מענליכע פּערזאָנען, נעהמען צו ess צו בעצייכענען דיא ווייבליכע פּערזאָנען פון דעם זעלביגען מין:

גרעפין.	גראף.	Count (קאונט).	Countess (קאונ׳טעס).
קייזערין.	קייזער.	Emperor (עמ׳פעראָר).	Empress (עמ׳פּרעס).
יודין (אידענע).	יוד (איד).	Jew (דזשו).	Jewess (דזשו׳עס).
ערבין (יורשטע).	ערב (יורש).	Heir (ע׳ר).	Heiress (ע׳רעס).
געטין.	גאָט.	God (גאָד).	Goddess (גאָד׳דעס).
ווירטהין.	ווירטה.	Host (האָוסט).	Hostess (האָוס׳טעס)
פרינצעסין.	פרינץ.	Prince (פּרינס).	Princess (פּרינ׳סעס).
וואָהלטהעטערין.	וואָהלטהעטער.	Benefactor (בעני־פאֶק׳טאָר).	Benifactress (בעני־פאֶקט׳רעס).

דענק זיא איז איינע פון דיא גרעסטע בריקען אין דער וועלט.—ווען רעכענט איהר צו געהן אין טהעאטער, היינט אדער מארגען?—איך רעכען צו געהן היינט און איך גע יעצט קויפען בילעטען פיר אונזער פאמיליע.—נעהט מיר הערוים פון וועג!—איך וויל ניט: איך האב אזוי פיעל רעכט צו שטעהן היער, וויא איהר האט.—נעה איהם הערויס פון וועג, ווילהעלם; דוא קענסט זעהן גראדע (quite) אזוי גוט, ווען דוא שטעהסט א ביסעל ווייטער אוועג: דוא ביסט העכער פאר איהם (=העכער אלס ער איז).—מען האט מיך בערויבט פון מיין גאנצען געלד.—ווען האט מען איך בערויבט דערפון?—יעצט עבען, אין גאס.—איך גלויב יענער מאן אין ווייסען הוט האט עס גענגבעט.—וואס פיר אורזאך האט איהר איהם צו פערדעכטיגען?—ווייל ער איז געוועזען דער איינציגער (the only one), וועלכער איז געשטאנען הארט (close) נעבען מיך.—ער זעהט ניט אויס וויא א גנב; טאפט (feel) אין אייער אנדער טאש, פיעללייכט האט איהר עס דארטען? יע, זיכער גענוג, היער איז עס; וויא פרייט עס מיך, דאס איך האב מיין געלד ווידער!—עס איז זעהר אונרעכט גלייך (immediately) צו פערדעכטיגען א מענשען (person); איהר האט ניט נעדארפט זיין אזוי מיסטרויאיש. איהר דארפט געהן און בעטען דעם מאן אום ענטשולדינונג.—דארף (must) איך זאגען צו איהם: „איך בעט אייך אום ענטשולדינונג, מיין הער, פיר וואס איך האב גערענקט (for thinking), איהר האט מיך בערויבט, אבער איך געפין, דאס איך האב מיך גענארט?"—האבען אייערע עלטערן נאך ניט געשריבען פון פאריז?—יע, מיר האבען געהאט א בריף פון זייא נעכטען.—האט נאך אייער פעטער ניט אויסגעפונען (discovered), ווער האט גענגבעט זיין געלד?—ניין; אבער אויס געוויסע אורזאכען פערדעכטיגט ער דעם בעדיענטען, און ער האט איהם געלאזען ארעסטירען.

65th Lesson.—65סטע לעקציאן.

Have you already been to hear the new opera?	זייט איהר שוין געוועזען הערען דיא נייע אפערא?
The opera (אָפּערא).	דיא אפערא (א פארשטעלונג מיט געזאנג).
Yes, I went the night before last.	יע, איך בין געגאנגען אייערנעכטען אבענד.
Did your sisters go, too?	זיינען אייערע שוועסטערס אויך געגאנגען?
No, they went to see Mr. Crawford perform King Lear the night before, and they do not like going two evenings successively.	ניין, זייא זיינען געגאנגען זעהן הערר קראפארד שפּילען „קעניג ליר" דעם אבענד פריהער, און זייא האבען ניט ליעב צו געהן צוויא אבענדס נאך אנאנד.
Let us go and see what is the matter there.	לאמיר געהן זעהן, וואס איז דארטען פיר א מעשה.
The matter (מאַטער).	דיא זאך, דיא מעשה.
Successive (סאקסעסיוו)—Successively. Following (פאלאָואינג). Together (טוגעדהער).	נאך אנאנד, כסדר.

א פריינד אידער ער איז אוועגגעפאָרען (left) נאָך (for) פאריז.—וויא שרעקליך יענע פעדערן אייערע (yours) זיינען! האט איהר קיינע בעסערע?—טאקי? מיינע פעדערן טויגען אויף כפרות?—איך מוז אייך דערצעהלען א געשיכטע (story).

202. צום איבערזעצען.

א מאן פון לאנד, וואס האט זיך קיינמאָל ניט געלערנט לעזען, האט געזעהן פיעלע לייטע, אָנטהאָנדיג (put) א פּאָאָר ברילען אויף זייער נאָז, ווען זייא לעזען.—ווינשענדיג איך צו קענען לעזען, איז ער אוועגגעגאנגען צו א ברילען־מאכער (optician).—„גוטען מאָרגען, הערר ברילען־מאכער", האט ער געזאָגט.—„אייער דיענער, מיין הערר", האט געענטפערט דער ברילען־מאכער.—„וועט איהר מיר געפעליגסט ווייזען א פּאָאָר ברילען. איך וויל קויפען א פּאָאָר".—דער ברילען־מאכער האט איהם געגעבען צוויא פּאָאָר צום פּרובירען און א בוך, דאס ער זאָל קענען זעהן, אויב דיא ברילען וועלען זיין גוט (would d).—דער מאן האט אָנגעטהאָן דיא ברילען אויף זיין נאָז און האט געעפענט דאס בוך.—„וועלען דיזע ברילען זיין גוט?" האט געפרעגט דער ברילען־מאכער.—„ניין, זייא טויגען אויף כפרות", האט געזאָגט דער מאן, וועלכער האט ניט געקענט לעזען.—„זייט אזוי גוט און פּרובירט (please to try) דיא אנדערע, זייא זיינען זעהר שטארק, זייא פערגרעסערען (magnify) זעהר פיעל".—„קיינע פון זייא וועט זיין גוט (will do) פיר מיך", האט געזאָגט דער מאן.—דער ברילען־מאכער האט איהם דאן געגעבען פערשיעדענע (several) אנדערע, דיא בעסטע ברילען, וואָס ער האט געהאט אין זיין לאדען, אבער עס איז געווען פון קיין נוצען, דער מאן האט ניט געקענט לעזען.—„איך קען קיינע פון אייערע ברילען בענוצען; איך קען ניט לעזען מיט זייא".—דאָ (here) האט דער ברילען מאכער צופעליג הערריינגעקוקט אין בוך, ווארים זיין קונד האט געהאט אין זיין האנד, און אז ער האט עס געהאלטען פערקעהרט.—דאן האט דער ברילען־מאכער געפרעגט דעם לאנדמאן (countryman), אויב ער קען, פיעללייכט, גאָר ניט לעזען?—„ווען איך וואָלט געקענט, האט געענטפערט דער לאנדמאן, „וואָלט איך ניט גענומען דיא מיהה צו פּרובירען אלע אייערע ברילען".—איהר קענט אייך לייכט פאָרשטעלען דעם ברילען־מאכער'ס צאָרן (anger) אויף דעם, וואס ער האט (at having) פערלאָרען זיין צייט מיט דער מיהע אויף (upon) א מענשען, וואס האט ניט געקענט לעזען.—אבער דער לאנדמאן האט אלין (=דיא גאנצע צייט) געזאָגט: „וויא שרעקליך שלעכט אייערע ברילען זיינען!"—„אום גאָטעס ווילען, הערוים (get out) פון מיין לאדען!"

203. צום איבערזעצען

האט אייער פעטער געקויפט יעדעס פון דיא צווייא פערד?—ניין, ער האט קיין איינס פון זייא גענומען; זייא זיינען איהם ניט געווען געפעלען; ער האט מורא געהאט זייא וועלען (would) ניט זיין שטארק גענוג.—וואָס פיר א שאָד! זייא האבען אויסגעזעהן אזוי שעהן.—בייא (of) וועמען האט איהר געקויפט אייערע זאָקען?—איך האב זייא געקויפט בייא דעם הויזירער.—האט דער הויזירער אויך צו פערקויפען א געלד־בייטעל?—יע, ער האט און פערקויפט זעהר בילינ.—קויפט בייא איהם א געלד־בייטעל פיר מיך.—האט איהר שוין געזעהן דיא גרויסע ברוקלינער (Brooklyn) בריק?—איך האב זיא געזעהן; איך

שטונדע צוריק; ער איז געוועזען בייא מיין מומען און האט געגעבען (giving) א לעקציאָן מיינע קוזינען.—ווייס איער פאטער, דאס איהר מאכט דיזען בייטעל פיר איהם?—ער איז צופעליג היינט אין דער פריה הערונטערגעקומען צו פריהשטיק פריהער וויא געוועהנליך, אלס איך האב גראדע געארבייטעט אויף דעם (at it).—האט ער איהם געזעהן?—ניין, איך בין צופעליג געזעסען מיט מיין רוקען געגען דער טהיר, און אזוי האב איך געהאט צייט איהם צו באהאלטען.—ער איז ווירקליך זעהר שעהן, און ער וועט זיין זעהר צופרידען (pleased) דערמיט.—איך האף אזוי; ער איז זעהר א פריינדליכער פאָטער.—האט איהר געהאט א גוטען פלאַץ אויף (at) דעם קאָנצערט פאָריגע נאכט?—עס איז געוועזען א בלויער צופאל, דאס מיר האבען נעקריגען פלעצער (seats); צווייא בעקאנטע פון אונז זיינען געוועזען געשטערט פון געהן, אלזאָ (so) האבען מיר גענומען זייערע בילעטען.—דענקט איהר איער זוהן וועט האבען דיזע שטעלע, וועלכע מען האט איהם פערשפּראָכען?—ניין, עס טהוט מיר זעהר לייד, עס איז ניט דאָ קיין מעגליכקייט (chance) ער זאָל עס האבען (of his having it).—וועל איך געפינען דעם ענגלענדער צו הויז, ווען איך געה צו איהם (=צו זיין הויז) יעצט?—איך גלויב עס קום (ע"כ, so, צולעצט).—עס איז א גרויסער צופאל, ווען איהר געפינט איהם נאָך.—ווארום האט איהר ניט געגעבען א נדבה דיזער אָרימער, בלינדער פרוי?—עס וואָלט מיך געפרייט איהר צו געבען עפּעס, נאָר, צו זאָגען איך די וואהרהייט, איך האב צופעליג ניט געהאט קיין טענט בייא מיר.

201. צום איבערזעצען.

האט אייער פריינד הערר סטאָנטאָן געלונגען לויז צו ווערען (in getting rid) פון זיין פערדאָרבענעם (damaged) קאפּע? אין דעם לעצטען בריף, וועלכען איך האב פון איהם ערהאלטען, האט ער מיר געשריבען, דאס עס איז ניטאָ קיין מעגליכקייט איהם זאָל געלינגען (of his succeeding) לויז צו ווערען דערפון אהן א גרויסען היזק.—איז דער קליינער מאן, וועלכער איז געוועזען מיט אייך נעכטען בייא אונז, אייערער א פערוואנדטער?—ניין, ער איז ניט א פערוואנדטער, ער איז נאָר א בעקאנטער; ער איז היער אויף א בעזוך צו זיינע א טאָכטער.—איז ער א קויפמאן?—ניין, ער איז א דאָקטאָר.—ער זעהט אויס זעהר פיעל ענליך צו מיין פרוי'ס א שוועסטערקינד, הערר באָן פון באלטימאָר.—גלויבט איהר דאס אויך ניט?—איך געדענק ניט, דאס איך האב איהם געזעהן; אָדער, ווען יע, מוז עס זיין זעהר לאנג צוריק.—וואָס האט איהר געטהאָן מיט יענעם פערד אייערן (of yours) וועלכעס איהר פלעגט רייטען פאָריגעס יאהר?—אָ, איך האב עס געמוזט פערקויפען; עס האט אָנגעפאנגען צו געהן גאנץ הינקעדיג (lame), עס האט מיך זעהר געפרייט לויז צו ווערען פון איהם, אבוואהל איך האב פערלאָרען זעהר פיעל אָן דעם (by it).—וואו איז אהינגעקומען דיא גאָלדענע אוהר מיין ברודער'ס? (דאָ ווערט געזאָגט גאָלדענע אוהר מיט אן אַפּעקט און דעריבער מוז דער זאץ איבערגעזעצט ווערען מיט that, נעמליך: that gold watch of my brother's. דיא צוזאמענשטעלונג: „מיין ברודער'ס גאָלדענע אוהר" האט א גאנץ אנדערן זין און ווערט איבערזעצט איינפאך: my brother's gold watch. דער לערנער זאָל גוט מערקען דעם אונטערשייד צווישען דיזע צווייא צוזאמענשטעלונגען פון דיא ווערטער אין א זאץ).—איך גלויב ער האט זיא געגעבען צו זיינעם

There can be no harm in—	עס קען קיין שאָדען ניט זיין צו—.
What harm can it do?	וואָס פיר א שאָדען קען עס טהאָן? וואָס קען עס שאדען?
It will do him no harm.	עס וועט איהם קיין שאָדען טהאָן.
There can be no harm at all events in writing to him.	עס קען ניט זיין קיין שאָדען יעדענפאלס צו שרייבען צו איהם.

(אֶט אָ־ל איווענטס) At all events, יעדענפאלס, אויף קיין פאַל.

Damaged (דאֶמיידזשד).	בעשעדיגט, בראקאָווגע.
Damaged goods.	בעשעדיגטע (בראקאָווגע) וואארע.
The customer (קאָסטאָמער).	דער קונד.
The peddler (פעדלער).	דער הויזירער, דער קאראבעלניק.

The bridge (ברידזש)	די בריק	The purse (פאָירס)	דער בייטעל
The river (רייוער)	דער טייך	The ticket (טיקקעט)	דאָס בילעט

The success (סאָקסעס).	דער ערפאָלג, דאָס גליק.
The sacrifice (סאֶקריפאיס).	דאס אָפּפער, דער קרבן; היזק, פערלוסט.
To make a sacrifice.	בריינגען אן אָפּפער; פערקויפען מיט היזק.
*To dispose (דיספאָוז) of—.	פערקויפען, אויסבריינגען, פערהאנדלען.
An alms (אמז).	א נדבה.
I gave an alms to that poor woman.	איך האב געגעבען א נדבה יענער אָרימער פרוי.
God (גאָד).	גאָט.
For God's sake!	אום גאָטעס ווילען!
For heaven's sake!	אום הימעל'ס ווילען!
Behold (ביהאָולד)! Lo (לאָו)!	זעה! קוק! אָ!
To behold (ביהאָולד); beheld (ביהעלד), beheld.	זעהן, קוקען, דערזעהן; געזעהן, געקוקט, דערזעהן.

At first, אָנפאנגס; first, צוערשט.

Upside down.	פערקעהרט (די אויבערסטע זייט אונטען).
Wrong side out.	פערקעהרט (די לינקע זייט הערויס).

200. צום איבערזעצען.

זייט איהר געווען בעקאנט מיט דיזען מאן א לאנגע צייט?—ניין, איך בין צופעליג געזעסען לעבען איהם אין טהעאטער פאָריגע נאכט.—איז ער א דייטש?—יא, ער איז; ער איז געווען א לאנגע צייט אין פאריז און איז צופעליג בעקאנט מיט צוויא פון מיינע אינטימסטע פריינד דאָרטען.—ווען איהר זאָלט צופעליג בעגעגנען אונזער טאנצלעהרער היינט, ביטע, זאָגט איהם, דאס איך וועל ניט זיין אין שטאנד צו קומען מאָרגען צו מיין לעקציאָן.—עס איז א שאָד איהר האט עס מיר ניט געזאָגט א האלבע

עס איז א שאָד.	It is a pity (פּיטי).
עס וואָלט זיין א שאָד, ווען ער וואָלט נים געקומען.	It would be a pity, if he did not come
דאָס איז געווען א שאָד!	That was a pity!
וואָס פיר א שאָד!	What a pity!
דאָס איז א גרויסער שאָד!	That is a great pity!
פערדעכטיג; מיסטרויאיש.	Suspicious (סאָספּי׳שאָס).
פערדעכטיגען, חושד זיין, האָבען אין פערדאכט.	*To suspect (סאָספּעקט׳).
דאס איז זעהר א פערדעכטיגע פּערזאָן.	That is a very suspicious person.
ווער וואָלט זיין אזוי מיסטרויאיש?	Who would be so suspicious?
איך פערדעכטיג איהם זעהר שטארק.	I suspect him very strongly.
מען האט זעהר שטארק געהאט אין פערדאכט, דאס ער האט גענגבעט דאָס געלד.	He was strongly suspected to have stolen the money.
גנבענען; גענגבעט.	To steal (סטי־ל); stole (סטאול), stolen (סטאָולן).
האט מען בייא אייך עפּעס גענגבעט?	Has anything been stolen of you? Have you been robbed of anything?
גנבענען, בערויבען.	*To rob (ראָב).
מען האט מיך בערויבט פון מיין געלד. מען האט בייא מיר גענגבעט מיין געלד.	I was robbed of my money.
עס איז פון קיין בעדייטונג. עס האט ניט צו זאָגען. עס מאַכט ניט אויס.	It is of no consequense (קאָנ׳סיקווענס).
עס מאַכט ניט אויס.	It is immaterial.
ניט וויכטיג.	Immaterial (אימּמאָטי׳ריעל).
אינטים, פערטרויט, גענוי.	Intimate (אינ׳טימייט)—Intimately.
איך קען איהם גענוי.	I know him intimately.
ער איז מיט איהם גענוי (גוט) בעקאַנט.	He is intimately acquainted with him.
דיא ברילען, דיא ספּאקולען.	The spectacles (ספּעק׳טאָקלז).
איין פּאָאַר ברילען, א פּאָאַר ספּאקולען.	A pair of spectales.
וואו זיינען מיינע ברילען?	Where are my spectacles?
דאס איז א גוטעס פּאָאַר ברילען.	This is a good pair of spectacles.
דיזע זיינען גוטע ברילען.	These are good spectacles.
א שאָדען, א היזק.	Harm (האַרם).

That pen of yours is good for nothing.	יענע פעדער אייערע איז גאָרנישט ווערטה (אָד. טויג אויף כפרות).
To be good for nothing.	נאָר נישט ווערטה זיין, טויגען אויף כפרות.
Those pens of yours are good for nothing.	יענע פעדערן אייערע זיינען גאָרנישט ווערטה (אָד. טויגען אויף כפרות).
Where is that pen of mine?	וואו איז יענע פעדער מיינע?

דער לערנער דאַרף זיך אָבשטעלען בייא דיא געגעבענע זעצע און אַליין גוט בעטראַכטען, וויא זייא זיינען געבויט אָדער צוזאַמענגעשטעלט.

דאָס וואָרט that ווערט אין אַזעלכע זעצע אָפט געברויכט ניט צו בעצייכענען י ע נ ע ר, י ע נ ע, י ע נ ע ס, נאָר צו מאַכען אַן אַפעקט אין רעדען; צ. ב.

Oh, that talk of yours, it makes me sick!	אָ, אייער ריידען, עס מאַכט מיר קראַנק!
We shall dine at a relation of Mr. Martin's to-morrow. We shall dine at one of Mr. Martin's relation to-morrow.	מיר וועלען מאָרגען עסען מיטטאָג בייא מארטינ'ס א פערוואנדטען אָד. בייא איינעם פון הערר מארטינ'ס פערוואנדטע.
To which of the two gentlemen must I tell it?	וועלכען פון דיא צווייא העררען זאָל איך עס זאָגען?
You may tell it to either.	איהר קענט עס זאָגען יעדען.
Did you like the two books I sent you?	זיינען אייך געוועזען געפעלען דיא צווייא ביכער, וואָס איך האָב אייך געשיקט?
I am sorry to say, I do not like either of them אָד. I like neither of them.	עס טהוט מיר לייד צו זאָגען, ביידע געפעלען מיר ניט. עס טהוט מיר לייד צו זאָגען קיינס פון זייא געפעלט מיר ניט.

Either (אי־דהער), יעדער (פון צוויא).

Neither (ני־דהער), not either, קיין איינער (פון צוויא).

I will not have either of them. I will have neither of them.	איך וויל קיין איינעם פון זייא ניט האָבען.

Either און neither (אָד. not either) קענען אָפט אויך געברויכט ווערען פון מעהר אַלס צווייא פערזאָנען אָדער זאַכען.

To be אָד. to stand in the way.	זיין אָד. שטעהן אין וועג.
Am I in your way?	בין איך אייך אין וועג?
Get out of my way.	נעהמט מיר הערויס פון וועג.
Get out of his way.	נעהמט איהם הערויס פון וועג.
He is always in her way.	ער איז איהר אימער אין וועג.
It was a pity he was just in her way.	עס איז געוועזען אַ שאָד, דאס ער איז איהר גראָדע געוועזען אין וועג.

עס איז אונז ענדליך געלונגען צו פערקויפען אייער וויין.	We have at last succeeded in selling your wine.
זייא איז געלונגען צו ווערען פרייא פון זייערע פיינד.	They succeeded in getting rid of their enemies.
ווערען פרייא, ווערען לויז, פטור ווערען.	To get rid.
קענט איהר אייך פון איהם ניט בעפרייען?	Cannot you get rid of him?
איז אייער שוועסטער נאָך ניט לויז געוואָרען פון איהר פערקיהלונג?	Has your sister not got rid of her cold?
דיזער מאן איז אונזערער א וויטער פערוואנדטער.	This man is a very distant relation of ours.
קענט איהר יענע דאמע אין דער צווייטער לאָזשע?	Do you know that lady in the second box?
געוויס, ווייס איך; זיא איז מיינע א קוזינע.	Of course, I do; she is a cousin of mine.

Of course (אָוו קאָורס), געוויס, נאַטירליך.

ער איז הערויסגעגאנגען מיט זיינעם א פריינד.	He went out with a friend of his.
ער איז געווען אַן אלטער בעקאנטער פון מיין מאן.	He was an old acquaintance of my husband's.
דיא בעקאנטשאפט, דער בעקאנטער, דיא בעקאנטע.	The acquaintance (אַקקוויינ'טאַנס).
ווען איהר בינדט ניט צו אייער הונד, וועט ער טהאָן מאנכען שאָדען.	If you don't tie up that dog of yours, he'll do some mischief.
דער שאָדען.	The mischief (מיס'טשיף).
מיינער א פריינד. א פריינד פון מיר. איינער פון מיינע פריינד.	A friend of mine.
אונזערער א פערוואנדטער. א פערוואנדטער פון אונז. איינער פון אונזערע פערוואנדטע.	A relation of ours.
א שוועסטער פון מיין פריינד. איינע פון מיין פריינד'ס שוועסטערס. מיין פריינד'ס א שוועסטער.	A sister of my friend's.
א בעקאנטע פון מיין מוטער. מיין מוטער'ס א בעקאנטע. איינע פון מיין מוטער'ס בעקאנטע.	An acquaintance of my mother's.
א פריינדין פון מיין טאָכטער. מיין טאָכטער'ס א פריינדין. איינע פון מיין טאָכטער'ס פריינדינע.	A friend of my daughter's.

If your friend Porter should chance not to be at home.	ווען אייער פריינד פארטער זאל היינט צופעליג ניט זיין צו הויז.
My wife chanced to see him.	מיין פרוי האט איהם צופעליג געזעהן.
*To happen(האפפען). *To chance(טשאַנס).	טרעפען, געשעהן, פאסירען.
That happened on a Tuesday.	דאס האט געטראָפען א דיענסטאָג.
I know what will happen.	איך וויים, וואָס עס וועט פאסירען.
Who knows what may happen.	ווער וויים, וואָס עס קען געשעהן.
He chanced to mention his name.	ער האט צופעליג ערמאָהנט זיין נאָמען.
I happened to have no money about me.	איך האב צופעליג ניט געהאט קיין געלד בייא מיר.
If ever I chance to meet him.	ווען איך טרעף איהם א מאָל צופעליג.
His father chanced (אָד. happened) to come into the room, when he opened the letter.	זיין פאָטער איז צופעליג הערייננעקומען אין צימער, אלס ער האט געעפענט דעם בריף.
I chanced to see him at my uncle's.	איך האב איהם צופעליג געזעהן בייא מיין פעטער.

וויא עס איז צו זעהן פון דיא געגעבענע ביישפיעלען קענען דיא האנדלונגסווערטער to happen און to chance פאר אנדערע האנדלונגסווערטער צו בעצייכנען צופעליגקייט.

The chance (טשאַנס).	דער צופאל, דאס גליק, דיא מעגליכקייט.
It was a mere chance.	עס איז געוועזן א בלויזער צופאל.
Mere (מי־ר)—merely.	בלויז.
The mere thought.	דער בלויזער געדאנק.
The thought (טהאָ־ט).	דער געדאנק.
It was merely a suspicion.	עס איז געוועזן בלויז א פערדאכט.
The suspicion (סאספי־שאָן).	דער פערדאכט, דער חשד.
I will take my chance.	איך וויל מיך פערלאָזען אויף גליק.
There is no chance of your getting your money.	עס איז ניט דאָ קיין מעגליכקייט, דאָס איהר זאָלט בעקומען אייער געלד.
There are many chances of your succeeding.	עס זיינען דאָ פיעלע מעגליכקייטען, דאָס איך וועט געלינגען.
Perhaps (פערהאָפּס). Perchance (פערטשאַנס).	פיעללייכט, אפשר.
By chance,	דורך צופאל, צופעליג.
To succeed (סאָקסי־ד).	געלינגען, גליקען, זיך איינגעבען.
To succeed in—.	געלינגען צו—, גליקען צו—.
Have you succeeded?	איז אייך געלונגען?
Do you think he will succeed?	גלויבט איהר, דאס איהם וועט געלינגען?

אויסטרינקען (by drinking it) אֵיידער עס ווערט זויער.—וואָס פיר א סאָרט פלייש
האט אייך היינט דער פליישער (קצב) געגעבען?—ער האט מיר געגעבען שעפּסענ=פלייש
און קאַלב=פלייש.—ווענט איהר ניט לאָזען אייער בילד איינפּאַסען (איינראַמען)?—מיין
פאָטער וועט עס לאָזען איינפּאַסען פיר מיך.—וויא וועט ער עס לאָזען איינראַמען? ער
וועט לאָזען מאַכען א שווארצען האָלצערנעם ראַם דערפיר (for it).—וואו האט אייער
ברודער געכאַפּט דיזען שעהנעם פויגעל?—ער האט איהם געכאַפּט אין זיין צימער; ער
איז געקומען הערייננפליהענדיג (flying in) דורך דאס פענסטער.—האט איהר דאס פלייש
געקאָכט אדער געבראָטען?—איך האב עס ניט געקאָכט ניט געבראָטען.—וואס האט
איהר געטהאן דערמיט?—איך האב עס געלאָזען בראָטען דורך דיא קעכין—וואָס וועלען
מיר היינט האבען צום מיטטאָג?—איך האב בעשטעלט, ערשטענס, עטוואָס געקאָכ=
טעס פלייש, צווייטענס, עטוואָס געבראָטענעס קאַלב=פלייש (veal).—מעהר גאָרנישט?
(nothing else?)—וואָס קומט דריטענס?—דריטענס, וועלען מיר מאָרגען האבען געבראָ=
טענע פיש.—וואָס פיר א סאָרט פיש?—געפרעגעלטע.—וועלען ניט זיין קיין קארטאָפעל?
—יא, יע; היינט זיינען דאָ געקאָכטע. מאָרגען געפרעגעלטע און איבערמאָרגען געבאַקטע.
—יאָהאָן, איך קען ניט עפענען דיא טהיר.—איז זיא פערשלאָסען?—ניין, זיא איז ניט
פערשלאָסען.—דאַן מוזען מיר זיא לאָזען אויפברעכען.

.199 צום איבערזעצען.

זיינען ניט דיזע זאַכען גוט פערציריעוועט, מוטער?—דיא זאַכען זיינען זעהר גוט
פערצירעוועט.—איז דאס ניט גוט פעררייכט?—עס איז מיטעלמעסיג.—ווער האט געאַר=
ביטעט דיזע דעקע?—מיין עלטעסטע טאָכטער האט זיא געאַרבייטעט.—פיר וויא פיעלע
האט איהר געלאָזען דעקען דעם טיש?—פיר אַזוי פיעלע, וויא איהר האט איינגעלאַדען.
—ווענט איהר נעהמען דיא מיה צו עפענען דיזע פלאַש?—מיט דעם גרעסטען פערגניגען.
—וואס מאכט (וויא בעפינדעט זיך) אייער מוטער? איז זיא ווידער געזונד?—איך דאַנק
אייך, זיא איז ווידער געזונד. זיא זאַמעלט קרעפטע זעהר שנעל.—האט איהר געפּרובירט
דיא שטאַרקייט פון דיזען וויין?—איך האָב עס שוין געפּרובירט מעהר אַלס אֵיין מאָל.
—ווענט איהר זיצען לעבען מיין פאָטער, פריילין?—געוויס, מיין הערר: נעכטען זייט
איהר געזעסען לעבען מיין פאָטער און היינט וועל איך זיצען לעבען אייערן.—וואָס איז
אייער מיינונג איבער דיזע געזעלשאַפט?—איך געפין, דאס דיזע געזעלשאַפט איז זעהר
אנגענעהם.—וואָס דענקט איהר וועגען דעם העררן, וועלכען איך האב אייך נעכטען רע=
קאָמענדירט?—איך קען ניט געבען קיין מיינונג איבער איהם.

64th Lesson.—64סטע לעקציאָן.

If you should happen to see your cousin William to-day.	ווען איהר זאָלט היינט צופעליג זעהן אייער שוועסטערקינד וויליאַמז.
I am not likely to meet him to-day by chance; I know he is very busy at home.	עס איז ניט מעגליך, דאס איך זאָל איהם היינט צופעליג בעגעגנען; איך וויס ער איז זעהר בעשעפטיגט צו הויז.

דער רעסט, דאס איבעריגע. The remainder (רימיינ־דער).
אָנשטוקעווען. *To piece (פּי־ם).

197. צום איבערזעצען.

האט איהר געלאָזען קאָפּירען דיא בריף?—דיא צווייא פראַנצויזישע בריף האָב
איך אליין געקאָפּירט, דיא אַנדערע האָב איך געלאָזען קאָפּירען.—ועט איהר לאָזען ברייננגען
דיא פערד יעצט?—איך וועל צוערשט לאָזען ברייננגען מיין פריהשטיק.—מאַכט איהר אליין
אייער פריהשטיק?—ניין, איך וויל ניט נעהמען דיא מיה; איך לאָז דיא קעכין מאַכען מיין
פריהשטיק.—האט איהר געלאָזען מאַכען דיזע קאַרעטע היער?—מיין מאַן האט זיא געלאָזען
קויפען אין וויען (Vienna).—זאָל איך לאָזען דאָס רינדפלייש קאָכען אדער בראָטען?—
לאָזט איין העלפט דערפון קאָכען, דאס איבעריגע קענט איהר מאָרגען לאָזען בראָטען.—
לאָזט איהר אייער זיידענעס קלייד מאַכען מיט לאַנגע ארבעל?—איך וויים נאָך ניט
אויב איך וועל עס לאָזען מאַכען מיט לאַנגע ארבעל אדער קורצע; אבער איך דענק מינו
לאַנגע, ווייל לאַנגע קען מען אימער לאָזען מאַכען קירצער, אבער קורצע קען מען ניט
לאָזען מאַכען לענגער.—איי, איהר קענט זייא לאָזען אָנשטוקעווען.—האט איהר פערצי־
דעוועט אייערע זאָקען?—איך האב זייא געלאָזען מאָריען פעררינכטען פיר מיך: איך בין
נעווען אין גרויסע איילעניעס.—איהר זאָלט ניט לאָזען פעררינכטען אייערע זאָקען, איהר
זאלט פעררינכטען אליין.—וואו קען איך לאָזען פעררינכטען מיין אוהר?—איך קען אייך
רעקאָמענדירען מיין אוהר־מאַכער; ער איז זעהר א געשיקטער (clever) מאַן און ניט
טהייער.—ועט איהר פיר מיך לאָזען קאָכען עטוואָס וואַסער?—איך לאָז יעצט עבען
עטוואָס הייס מאַכען.—איהר האט נעדאַרפט לאָזען דאס ביער פילען אין פלאַשען.—
דארף איך עס זאָגלייך לאָזען קאָרקעווען?—ניין, איהר דאַרפט עס לאָזען שטעהן א
ווילע, זאָנסט וועלען דיא פלאַשען פלאַצען.—זאָל איך יעצט שיסען?—ניין, עס איז נאָך
ניט אייער רייהע; איהר האט יעצט עבען געשאָסען. אייער רייהע וועט קומען.—וועט
עס ניט זיין עדוואַרד'ס רייהע מאָרגען?—יאָ, זיין רייהע איז א טאָג אום א טאָג.—יעצט
קומט מיין רייהע.—צו שיסען אדער צו ווערען געשאָסען?—צו שיסען.—אויף וואָס וועט
איהר שיסען?—זייט פאָרזיכטיג, זאָנסט וועל איך שיסען אויף אייך.—שיסט אויף דעם
פויגעל אויף דעם בוים.—וועלכער פון אייך שיסט אם בעסטען?—מיר שיסען אלע גלייך
(alike), איינער שיסט אזוי גוט, וויא דער אַנדערער.—וואָלט איהר געקענט טרעפען א
פוינעל אין פליהען (flying)?—איך קען ניט זאָגען, איך האב קיינמאָל געפּרובירט.—האָב
איך ניט געשאָסען אַם ווייטסטען?—ניין, חענריך (=חענריך האט).

198. צום איבערזעצען.

איז דער אַלטער הונד געשאָסען געוואָרען?—מיין ברודער האט געוואָלט (was going)
איהם לאָזען שיסען, אבער מיין שוועסטער האט געבעטען בייא (of) **איהם עס ניט צו טהאָן.**
--האט אימעצער געטרונקען מיין ביער?—איך האב עס געטרונקען, **איך בין געוועזען זעהר**
דורשטיג.—ווארום האט איהר ניט פערקאָרקעוועט דיא פלאַש בעסער? **דאס ביר וועט**
ווערען (turn) זויער.—איך וועל אַכטונג געבען עס זאָל ניט (I will take care it does not).
י־וויא קענט איהר עס פערהיטען?—איך וועל עס פערהיטען מיט דעם וואָס איך וועל

Do not stand by (.אָד near) the window all day.	שטעהט ניט ביי'ן פענסטער דעם גאנצען טאָג.
Put this by (.אָד near) my other things.	לעגט דאָס נעבען מיינע אנדערע זאכען.
Have you put the book by?	האט איהר אוועגגעלעגט דאס בוך?
To put by.	אוועגלעגען, לעגען אָהן א זייט.
The butcher (בוט'טשער).	דער פליישער, דער קצב.
*To kill (קיל).	שלאכטען, קֶיילען.
The butcher is killing an ox.	דער קצב קֶיילעט אַן אָקס.
The judgment (דושאָדזש'מענט). The sentence (סענ'טענס).	דאס אורטהייל, דער משפט.

דזשאָדזש'מענט ווערט געוועהנליך געשריבען אָהן אַן e נאָכ'ן g (judgment), אָבער מען קען עס אויך שרייבען מיט אַן e נאָכ'ן g (judge'ment).

Pronounce (פראָונאונס').	אויסשפרעכען; הערויסגעבען.
*To pass (פאָס).	לאָזען דורכגעהן; הערויסלאָזען.
To pronounce judgment. To pass judgment (.אָד sentence).	הערויסגעבען א משפט, אויסשפרעכען אַן אורטהייל.
The opinion (אָופי'ניאָן).	דיא מיינונג.
What is your opinion about it?	וואס איז אייער מיינונג וועגען דעם?
I cannot give my opinion.	איך קען ניט געבען מיין מיינונג.
Middling (מיד'לינג).	מיטעלמעסיג.
*To fly (פלאי); flew (פליו), flown (פלאָן)	פליהען; געפלויגען.
Pardon (פארדן'), forgiveness (פאָרגיוו'נעס).	פערצייהונג, פערגעבונג.
To beg (.אָד ask) pardon for—.	בעטען אום פערצייהונג, דאס—.
He must first beg my pardon.	ער מוז צוערשט בעטען אום מיין פערציי-הונג. ער מוז צוערשט מיך בעטען אום פערצייהונג.
Whose pardon must I ask?	וועמע'ס פערצייהונג דארף איך בעטען? וועמען דארף איך בעטען אום פערצייהונג?
I beg nobody's pardon.	איך בעט קיינעמ'ס פערצייהונג. איך בעט קיינעם אום פערצייהונג.
She has begged my mother's pardon.	זיא האט געבעטען מיין מוטער'ס פערציי-הונג. זיא האט געבעטען מיין מוטער אום פער-צייהונג.
I beg your pardon for having said so (.אָד for saying so).	איך בעט אייער פערצייהונג (אָד. איך בעט אייך אום פערצייהונג), דאס איך האָב אזוי געזאָגט.

Get the door burst open.	לאָזט אויפשפרענגען (אויפברעכען) די טהיר.

*To mend (מענד)	אויסבעסערן, פערריכטען	*To cover (קאָ׳ווער)	בעדעקען
*To repair (ריפּע׳ר)	פערריכטען	*To darn (דארן)	פערצירעווען (זאָקען)

The cover (קאָ׳ווער).	די דעקע.
The carpet (קאַרפּעט).	דער דיוואן, דער טעפּיך.

די מעהרסטע זאַבווערטער קענען אין ענגליש פערוואַנדעלט ווערען אין האַנדלונגסווערטער, ווען מען שטעלט פאַר זייא דאָס ווערטעל to; צ. ב.

Water (וואָ׳טער)—*to water.	וואסער—וועסערן, בּעניסען.
Sleep (סליפּ)—to sleep (slept).	דער שלאָף—שלאָפען.
Dream (דרים)—*to dream.	א טרוים—טרוימען, חלומען.
Pocket— (פּאָקקעט)—*to pocket.	א טאש—הערייַנלעגען אין טאש.
Watch (וואָטש)—*to watch.	א וואך—וואכען, אבהיטען.
Cover (קאָ׳ווער)—*to cover.	א דעקע—בעדעקען.
Shelter (שעל׳טער)—*to shelter.	א שוץ—שיצען.
Frame (פריים)—*to frame.	א ראם—איינפאסען אין א ראם.
Trouble (טראַבל)—*to trouble.	מיהע—בעמיהען.
To give trouble.	מאַכען מיה, געבען מיה.
To take trouble (אָד. pains).	זיך נעהמען (אָד. געבען) מיה.
Take the trouble to look for it and you will find it.	נעהמט אייך די מיה עס צו זוכען און איהר וועט עס געפינען.
*To apprehend (אֶפּפּריהענד).	ארעטירען, פערהאפטען.
The arrest.	דער ארעסט, דער פערהאפט.
*To prevent (פּריווענט).	הינדערן, שטערן, פערהיטען.

נאָך prevent קומט דאָס האַנדלונגסוואָרט אימער אין דער פאָרם פון דעם געגענוואַרטיגען מיטעלוואָרט, וואָס ענדיגט זיך מיט ing; צ. ב. to prevent from doing, פערהיטען פון טהאָן.

To gather (גאֶ׳דהער).	זאמלען, קלייבען, איינזאמלען.
To gather strength.	זאמלען קרעפטע.
The strength (סטרענגטה).	די קראפט, דער כח; די שטארקקייט.
Will you try the strength of this linen? It is very strong.	ווילט איהר פּרובירען די שטארקקייט פון דיזע לייווענד? זיא איז זעהר שטארק

By (באַי), near (ני׳ר), ביי, נעבען.

Sit by אָד. near me.	זעצט אייך נעבען מיך.
To sit (סיט); sat (סאָט), sat.	זיצען; געזעסען.
To sit down.	זיך זעצען, זיך אוועקזעצען.
He sat by (אָד. near) the fire.	ער איז געזעסען ביי׳ן פייער.

איז עס יעצט ניט מיין ברודער'ס רייהע?	Is it not now my brother's turn?
ניין, עס איז דיינע.	No, it is yours.
ענטפער ניט, ביז עס קומט דיין רייהע.	Do not answer till your turn comes.
דיא רייהע, דיא קאליע.	The turn (טאירן).
יעדער נאך זיין רייהע.	Each in his turn.
ווען ועט זיין אייער רייהע?	When will your turn be?
ווען קומט אייער רייהע?	When does your turn come?
מיין רייהע וועט אויך קומען.	My turn will come, too.
ער האט איהם געוואלט שיסען.	He was going to shoot him.
ווער האט געשאסען צולעצט?	Who shot last?
דיא שטאפקע	The stopper (סטאפ'פער)
דאס בילד	The picture (פיק'טשור)
דאס ביער	The beer (ביר)
דיא קארקע	The cork (קארק)
פילען אין פלאשען.	*To bottle (באטטל).
פערקארקעווען.	*To cork (קארק).
פערשטאפען, צושטאפען.	To stop up.
בראטען	To roast (ראוסט)
קאכען, זידען	*To boil (באיל)
געבראטענעם פלייש.	Roast meat.
קאכענדיגעם וואסער.	Boiling water.

ווען roast ווערט געזעצט פאר פלייש-שפייזען, ווערט עס געברויכט אהן ed צו בעצייכענען געבראטענע: roast beef, געבראטענעס רינד-פלייש; a roast leg of mutton, א געבראטענע שעפסענע פאלקע. ביי אנדערע שפייזען קען מען שוין זאגען ווי מען וויל — roast אד. roasted; צ. ב. roast potatoes אד. roasted potatoes, געבראטענע קארטאפעל.

פרעגלען, בראטען	*To fry (פראי)
באקען	*To bake (בייק)
דער פיש, דיא פיש.	The fish (פיש).

דאסווארט fish האט ניט אין מעהרצאהל קיין אנדערע פארם, אויסער ווען עס האנדעלט זיך פון א בעשטימטער צאהל פיש.

געבראטענע פיש.	Fried fish.
האט איהר געכאפט פיעלע פיש?	Have you caught many fish?
איך האב געפישט דעם גאנצען פארמיטטאג און האב געכאפט נאר דיזע פיער קליינע פיש.	I have been fishing the whole afternoon and caught only these four little fish (אד. fishes).
פישען, כאפען פיש	*To fish (פיש).
זאל איך לאזען דיא קארטאפעל בראטען אדער באקען?	Shall I get the potatoes fried or baked?
פלאצען, צושפרינגען; געפלאצט, צושפרונגען.	To burst (באירסט); burst, burst.
אויפשפרענגען, מאכען אפען מיט געוואלד.	To burst open.

נוויטען דיא ערשטע און דיא אַנדערע זייטע. (וועגען דעם פערגאַנגענהייטס מיטעלוואָרט זעה 25סטע לעקציאָן.)

Get (.אָד have) these books bound.	לאָזט בינדען דיזע ביכער.
Get me these shirts washed.	לאָזט מיר וואַשען דיזע העמדער.
He ought to have (.אָד get) that dog shot.	ער האט געדאַרפט לאָזען שיסען דעם הונד.
Get me something prepared for supper.	לאָזט מיר עפּעס צוברייטען צום אבענד־עסען.
How do your sisters get (.אָד how have your sisters) their dresses made? How are your sisters having their dresses made?	וויא לאָזען אייערע שוועסטערס מאַכען זייערע קליידער?
Why does he not get (.אָד have) the man arrested?	ווארום לאָזט ער ניט דעם מאַן אַרעטירען?
*To arrest (אררעסט).	ארעטירען, פערהאַפטען.
*To get (געט); got (גאָט), got.	אויסווירקען; אויסגעווירקט.
My brother got him to do it.	מיין ברודער האט בייא איהם אויסגעווירקט, ער זאָל עס טהאָן.
Do you think, you can get him to show you the letters?	דענקט איהר, איהר קענט בייא איהם אויס־ווירקען, ער זאָל אייך ווייזען דיא בריף?
I got him to read me the letter.	איך האב בייא איהם אויסגעווירקט, ער זאָל מיר לעזען דעם בריף.
To shoot (שוט); shot (שאָט), shot.	שיסען, ערשיסען; געשאָסען, ערשאָסען.
*To fire (פאַיר).	שיסען.
To shoot at—. To fire at—.	שיסען אויף—.
To hit (היט); hit, hit.	טרעפען.
Let me shoot at the bird.	לאָזט מיך שיסען אויפ'ן פויגעל.
To have a shot.	געבען א שאָס.
Let me have a shot at that bird.	לאָזט מיך געבען א שאָס אויף יענעם פויגעל.
The shot (שאָט).	דער שאָס.
The bird (באָירד).	דער פויגעל.
The report of a gun.	דער קנאַל פון א פלינט.
The gun (גאָן) — ריא פלינט	The report (ריפּאָורט) — דער קנאַל
How many times have you fired (.אָד shot)?	וויא פיעלע מאָל האָט איהר געשאָסען?
Whose turn is it now to shoot? Whose turn to shoot is it now?	וועמע'ס רייהע (קאָלייע) איז יעצט צו שיסען?
It is my turn, your turn.	עס איז מיין רייהע, דיין רייהע.

איך האָב איהם געזעהן; עס האט געבליצט דעם גאַנצען אָבענד.—זאָל איך עפענען דאס פענסטער?—יע, עפענט דאס פענסטער, דיא לופט איז זעהר אָנגענעהם נאָכ'ן דונער.—ווען איהר עפענט דאָס פענסטער, מוזט איהר צומאַכען דיא טהיר.—מאַכט צו דאס פענסטער יעצט, עס ווערט קאַלט.—שפּיליעט צו אייער ראָק, עס איז זעהר קאַלט; שפּיליעט אייך צו ביז אויבען.—האט איהר פערשלאָסען דיא ביכער, וועלכע מיין פריינד האט איך געגעבען?—מיין פאָטער האט זייא פערשלאָסען.—ווען געהט יעצט דיא זון אויף?—דיא זון געהט אויף אום דרייא מינוטען און אַ האַלב נאָך דרייא.—און ווען איז זונען אונטערגאַנג?—איך וויים ניט.—ויא ווייכט איהר אַלזאָ, ווען דיא זון געהט אויף?—וויל איך שטעה אויף אַ שטונדע נאָך זונען־אויפגאַנג.—וועקט מען אייך (=ווערט איהר געוועקט?—ניין, איך וואַך געוועהנליך אויף אום פיער אַ זייגער אין דער פריה, און איינינע מינוטען נאָך דעם, ווייא איך ערוואַך, געה איך הערויס פון בעט.—וויא איז דער ווינד?—דער ווינד איז וועסטליך (דער ווינד קומט פון וועסט־זייט); פיר דיא לעצטע דרייא טעג האבען מיר געהאַט דעם ווינד פון אַלע זייטען, פון מזרח זייט, מערב־זייט, צפון־זייט און דרום זייט; אבער יעצט בלאָזט עס אזוי שטאַרק פון מערב־זייט, דאס מיר זיינען זיכער מיר וועלען האבען (=מיר זיינען זיכער צו האבען) רעגען.

63rd Lesson.—63סטע לעקציאָן.

To have something done אָד. made. To get something done אָד. made.	עטוואָס לאָזען מאַכען.
I am having a coat made.	איך לאָז מיר מאַכען אַ ראָק.
Where have you had this bonnet made?	וואו האט איהר געלאָזען מאַכען דיזען דאַמען־הוט?
Will not you have the boy's hair cut?	וועט איהר ניט לאָזען שניידען דעם יונגעל דאָס האָר?
I should have it cut, if it were not cold.	איך וואָלט עס געלאָזען שניידען, ווען עס וואָלט ניט זיין אַזוי קאַלט.
Why do not you have your coat brushed?	ווארום לאָזט איהר אייך ניט אָבפּוצען (אויסבערשטען) דעם ראָק?
I shall have my coat brushed, when I get down-stairs.	איך וועל מיר לאָזען אָבפּוצען דעם ראָק, ווען איך קום הערונטער.

To have און to get ווערען געברויכט אין דער בעדייטונג פון לאָזען, און דאַן מוז דאס פערגאַנגענהייטס מיטעלוואָרט פון דעם ווייטערדיגען האַנדלונגסוואָרט קומען נאָך דער זאַך, אויף וועלכע דאָס לאָזען בעציהט זיך; צ. ב. I had a coat made איך האָב געלאָזען מאַכען אַ ראָק—ניט: I had made a coat; I shall have it brushed איך וועל עס לאָזען אָבפּוצען—ניט: I shall have brushed it; I had made a coat מיינט: איך האָב געמאַכט אַ ראָק, און I shall have brushed it—איך וועל עס האָבען אָבגעפּוצט. דער לערנער זאָל גוט מערקען און הערייננעהמען אין קאָפּ דעם אונטערשייד

זיין בעסער אלס עס איז געוועזן פאריגען ווינטער.—איז עס געוועזן אזוי שלעכט?—מיר האבען נאר געהאט רעגען, ווינד און שניי, פאסט דיא גאנצע צייט.—ווינטער איז, געוויס, דיא ערגסטע יאהרעס צייט (season) צו געהן נאך ענגלאנד.—אזוי איז עס.—איך רייז געוועהנליך נאך לאנדאן אין פריהלינג און הערבסט וועגען (for) מיינע געשעפטען.—בלייבט איהר לאנג אין פאריז?—עס הענגט אב פון אומשטענדע, לעצטען זומער האב איך ניט געקענט בלייבען לענגער אלס פערצעהן טאג.—האט איהר בעשטעלט א נייעם ראק פיר קומענדיגען (coming) ווינטער?—ניין, איך האב נאך ניט בעשטעלט, אבער איך וועל בעשטעלען נעכסטע וואך.—ערווארטעט מען א קאלטען ווינטער?—מען ערווארטעט זעהר א קאלטען ווינטער.

195. צום איבערזעצען.

קענט איהר מיר לייהען אייער רעגענשירם פיר א האלבע שטונדע?—געוויס; אבער מיין מאן האט גענומען דעם זיידענעם, אלזא (so) קען איך אייך נאר געבען דעם באוועלנעם.—וואסערער עס איז (any) וועט זיין גוט (will do) אין אזא שרעקליכען רעגען. זעהט, וויא עס גיסט.—איך האב ניט גערעכענט (=געדענקט) עס וועט (=וואלט) רעגענען אזוי גיך (soon), ווען איך האב פערלאזען דאס הויז.—עס איז א דונער-וועטער און וועט ניט אנהאלטען לאנג.—האט עס גערעגענט, ווען איהר זייט געקומען אין (to) שטאדט היינט אין דער פריה?—עס האט ניט גערעגענט, אבער עס האט געשנייט און געהאגעלט, און דער ווינד האט געבלאזען אזוי שטארק (hard), דאס איך האב קוים געקענט האלטען מיין רעגענשירם.—דענקט איהר מיר וועלען האבען א דונער-וועטער?—איך דענק אזוי, ווייל עס איז זעהר שטיקענד.—רעגען וואלט זיין זעהר גוט יעצט; דיא וועגען זיינען אזוי שטויביג.—מען קען ניט עפענען קיין (=א) פענסטער, עס איז אזוי ווינדיג און שטויביג.—איז עס קאלט אין דרויסען?—ניין, אומגעקעהרט (on the contrary), עס איז ווארם.—איך דענק אויך, עס איז ווארמער אלס עס איז געוועזן נעכטען; דיא קעלט האט געדויערט לאנג גענוג.—זיינען אייערע פיס קאלט?—מיינע פיס און מיינע הענד זיינען קאלט.—זייט איהר נאס?—איך בין גאנץ נאס; איך מוז אויסטהאן (=הערראבציהען, pull off) מיינע שטיפעל.—זיינען אייערע זאקען נאס?—יע, מיינע זאקען זיינען אויך נאס.—איך דארף אנטהאן א פאאר טרוקענע זאקען.—זייט איהר געווארען נאס, קומענדיג פון מארק היינט אין דער פריה?—ניין, איך בין געוועזן גאנץ טרוקען, ווען איך בין געקומען.

196. צום איבערזעצען.

דענקט איהר עס וועט באלד רעגענען?—איך דענק אזוי; דער הימעל איז גאנץ בעדעקט.—האט עס געפרארען פאריגע נאכט?—עס האט געפרארען, אבער ניט שטארק (hard).—דענקט איהר עס וועט פרירען היינט ביי נאכט?—עס זעהט אויס זעהר מעגליך (likely), עס איז א געשטערנטע נאכט.—איז עס ווינדיג אין דרויסען?—דער ווינד איז זעהר שטארק.—שיינט דיא לבנה?—דיא לבנה וועט ניט אויפגעהן ביז מיטען נאכט (midnight).—איז עס פינסטער אין דיא גאסען?—עס איז ניט פינסטער; אומגעקעהרט, עס איז גאנץ ליכטיג; דיא לבנה שיינט.—האט איהר געזעהן דאס בליץ יעצט עבען?—

From the North.	פון צפון־זייט, פון נאָרד.
Towards the East.	געגען מזרח־זייט, געגען אָסט.

Towards (טאָו׳אָרדז), געגען.

Towards the South.	געגען דרום־זייט, געגען זיד.
Towards the West.	געגען מערב־זייט, געגען וועסט
*To button (באָטטן).	צוקנעפּלען, צושפּיליען.
To button up to the top.	צוקנעפּלען ביז אויבען הערויף.

.193 צום איבערזעצען.

האט איהר געשריבען דיזע רעכנונגען?—ניין, ניט איך האָב דאָס (=ניט איך בין עס געוועזן).—איז דאס געוועזן דיזער מאן, וועלכער האט בעצאהלט דאס געלד?—יע, דאס איז ער געוועזן.—ווער איז הערייננעקומען אין מיין שלאָף־צימער אזוי שפּעט פאָריגע נאכט?—דאס בין איך געוועזן.—ווער איז עס געוועזן, וואס (that) האט געקלאפּט אין טהיר אזוי שטארק (=הויך, loud) פאָריגע נאכט?—דאס איז געוועזן יצחק.—זייט איהר עס ניט געוועזן?—ניין, איך בין שוין געוועזן אין בעט אום א פערטעל צו עלף.—איך האָב געבראכט, איהר זייט עס געוועזן.—ווער איז אויבען?—דאס בין איך, אברהם; איך זוך מיין הוט.—זייט איהר ניט דער הערר, וועלכער איז געשטאנען נעבען מיר אויפן קאָנצערט פאָריגע נאכט?—יע, דאס בין איך געוועזן.—זייט איהר דער כטאָליער, נאָך וועמען איך האָב געשיקט?—יע, איך בין דאָס.—זייט איהר דער הערר, וועלכען מיין פריינד אין פּאריז האט מיר רעקאָמענדירט?—ניין, עס איז דיזער יונגער הערר, וועלכער האט איך נעכטען געבראכט דעם בריף.—זיינען דיזע דיא לייטע, וועלכע האבען געבראכט דעם וויין?—ניין, דאס זיינען ניט זייא, וועלכע האבען געבראכט דעם וויין; זייא זיינען געקומען נאָך (for) דיא צוואנציג שטיקער טוך, וועלכע הערר גאָרדאָן האט געקויפט היינט אין דער פריה.—נוא, ווער האט אלזאָ געבראכט דעם וויין? (אַלזאָ, then, צו לעצט)—יענע זיינען דיא (they), וועלכע האבען געבראכט דעם וויין.—איז דיזע דיא פרוי וואס האט געשטריקט (knit) דיא זאָקען?—ניין, דיזע איז ניט דיא (she); זיא איז געקומען צו ברייגגען דיא לייווענד פיר דיא העמדער.—ווער איז יענער מאן אין ווייסען הוט?—איך וויים ניט; איך קען איהם ניט.

.194 צום איבערזעצען

געהט איהר אין פּאריז יעדעס יאהר?—איך מאך א קורצע לוסט־רייזע יעדען זומער; און ווען איך האב צייט געגוג פערגרעסער איך געוועהנליך מיין רייזע ביז פּאַריז.—אום (in) זומער געפינט מען זעלטען אלע פריינדע צו הויז.—ווינטער זייט איהר אימער צו הויז, רעכען איך.—איך מאך א יאהר אום א יאהר א רייזע נאָך ענגלאנד, און דאס איז אימער אום ווינטער.—איך פאהר אוועג (I leave) אין אָנפאנג דעצעמבער און פערבלייב אין לאָנדאָן יאנואר ביז דעם מיטען (middle) פעברואר.—זייט איהר דאָרטן געוועזן פאָריגען ווינטער?—יע, איך בין דאָרטן געוועזן לעצטען ווינטער.—אלזאָ געהט איהר נעכסטען ווינטער?—איך האָף אזוי.—איך דאַף דאס וועטער וועט

English	Yiddish
To shine (שאין); shone (שאָן), shone.	שיינען; געשיינט.
The sun shines by day and the moon shines by night.	דיא זון שיינט בייא טאָג און דיא לבנה שיינט בייא נאכט.
The sun shines right into my face.	דיא זון שיינט גלייך אין מיין געזיכט העריין.
Sunshine (סאָנ׳שאַין)	זונענ־שיין
Moon-shine (מרנ׳־שאין) / Moon-light (מונ׳־לאיט)	לבנה־שיין
Starlight (סטאר׳לאיט)	שטערנ־ליכט
Sun-rise (סאָנ׳רייז)	זונענ־אויפגאנג
Sun-set (סאָנ׳סעט)	זונענ־אונטערגאנג
A moon-light night,	א נאכט בעלויכטעט פון דער לבנה, א לבנה־נאכט.
A starlight night.	אן אויסגעשטערנטע נאכט, א שטערנ־נאכט.
Heaven (העוון). / The sky (סקאי).	דער הימעל.

Heaven ווערט געברויכט אָהן דעם ווערטעל the פאַר זיך.

English	Yiddish
Sky-blue (סקאי׳־בליו).	הימעל־בלוי.
The sky is quite overcast.	דער הימעל איז גאנץ בעדעקט.
Overcast (אָו־ווערקאֶסט׳).	בעדעקט, איבערצויגען.
The stars are out.	דיא שטערן זיינען הערויס (ד. ה. זייא שיינען).
To awake (אֶווייק׳); awoke (אֶוואָוק׳), awoke. / *To awake.	אויפוואכען; אויפגעוואכט.
To order (אָר׳דער).	בעשטעלען, געבען אן אויפטראג.
*To extend (עקסטענד).	אויסדעהנען, אויסברייטען, פערגרעסערן.
*To stay (סטיי). To make a stay.	זיך אויפהאלטען (אין אַן אָרט).
*To depend (דיפּענד).	אָבהענגען, זיך ווענדען.
To depend on אָד. upon.	אבהענגען פון—, זיך ווענדען אָן—.
It depends upon circumstances.	עס הענגט אָב פון אומשטענדען.
Circumstance (סאָירקאָמסטאֶנס)	אן אומשטאנד, א לאגע.
*To continue (קאָנטי׳ניו). / To keep; kept, kept.	אָנהאלטען, דויערן, פארטזעצען, געהן ווייטער.
The East (אי׳סט)	מזרח־זייט, אָסט
The West (וועסט)	מערב־זייט, וועסט
The North (נאָרטה)	צפון־זייט, נאָרד
The South (סאוטה)	דרום־זייט, זיד
Eeast.	עסטליך, צו מזרח־זייט.
West.	וועסטליך, צו מערב־זייט.
North.	נערדליך, צו צפון־זייט.
South.	זידליך, צו דרום־זייט.
Eastern (אי׳סטערן).	עסטליך, מזרח־זייטיג.
Western (וועס׳טערן).	וועסטליך, מערב־זייטיג.
Northern (נאָר׳דהערן).	נערדליך, צפון־זייטיג.
Southern (סאָודהערן).	זידליך, דרום־זייטיג.

אָפען, אויף; פרייא.	Open (אָופּן).
נעשלאָסען, צו.	Close (קלאָוז), closed (קלאָוזד), shut (שאַט).
עפנען, אויפמאַכען.	*To open (אָופּן).
שליסען, צומאַכען; געשלאָסען, צוגעמאַכט	*To close. To shut (שאַט); shut, shut.
פערשליסען, איינשליסען.	To shut up. *To lock (לאָק). To lock up.
גיסען (פון רעגען).	*To pour (פּאָור, פּאוּר).
עס גיסט.	It pours אָד. it is pouring.
דער רעגען פאַלט (גיסט) אין שטראָמען.	The rain falls in torrents.
עס גיסט שרעקליך.	It rains cats and dogs.

דער אויסדרוק it rains cats and dogs (עס רעגענט קעץ און הינט) ווערט ניט געברויכט אין ערנסטער שפּראַך.

דער ווינד איז הויך (שטאַרק).	The wind is high.
עס רעגענט זעהר שטאַרק.	It rains very hard (אָד. fast).
עס שנייט זעהר שטאַרק.	It snows very hard (אָד. fast).
איך בין איבערפאַלען געוואָרען פון רעגען.	I was caught in the rain.
איך בין געוואָרען איבערפאַלען פון דונער.	I was caught in the thunder-storm.
דיא קעלט.	The cold (קאָולד).
איך פיהל קאַלט. מיר איז קאַלט.	I feel cold.
מיר איז קאַלט.	I am cold.
מיינע פיס זיינען קאַלט. מיר פרירען דיא פיס.	My feet are cold.
איך האָב קאַלטע פיס. מיר פרירען דיא פיס.	I have cold feet.
מיינע הענד זיינען קאַלט. דיא הענד זיינען מיר קאַלט.	My hands are cold.
איך האָב קאַלטע הענד. מיינע הענד זיינען מיר קאַלט.	I have cold hands.
פיהלט איהר קאַלט? איז אייך קאַלט?	Do you feel cold?
איז אייך קאַלט?	Are you cold?

The moon (מוּן) דיא לבנה, דער מאָנד | The sun (סאַן) דיא זון

דיא זון איז אין ענגליש מענליך און דיא לבנה איז ווייבליך; ווען מען רעדט פון דער זון זאָגט מען ער (he), פון דער לבנה—זיא (she), ניט it, וויא פון אנדערע ניט-לעבעדיגע זאַכען.

The last summer that I made an excursion—it was two years ago in the beginning of August—was so hot that I often wished I had stayed at home.

דעם לעצטען זומער, וואָס איך האב געמאכט א לוסט-רייזע—דאס איז געוועזען צווייא יאהר צוריק אין אנפאנג אויגוסט—איז געוועזען אזוי הייס, דאס איך האָב געוואונשען, הלואי וואָלט איך געבליבען צו הויז.

The excursion (עקסקאָירשאָן).	א לוסט-רייזע, א לוסט-פאָהר.
The spring (ספּרינג)	דער פריהלינג
The summer (סאָממער)	דער זומער
The autumn (אָ־טאָם)	דער הערבסט
The winter (ווינטער)	דער ווינטער
The rain (רייִן)	דער רעגען
The hail (הייל)	דער האָגעל
The snow (סנאָו)	דער שניי
The wind (ווינד)	דער ווינט
The dust (דאָסט)	דער שטויב
The cloud (קלאַוד)	דער וואָלקען
The lightning (לאַיטנינג)	דער בליץ
The fog (פאָג)	דער טומאַן, דער נעבעל
The thunder (טהאָנדער).	דער דונער.
The thunder-storm (טהאָנדער-סטאָרם).	דאָס דונער-וועטער, דונער.
*To rain (רייִן)	רעגנען
*To hail (הייל)	האָגלען
*To snow (סנאָו)	שנייען
*To lighten (לאַיטען)	בליצען
*To thunder (טהאָנדער).	דונערן.
It rains	עס רעגענט
It hails	עס האָגעלט
It snows	עס שנייט
It lightens	עס בליצט
It thunders.	עס דונערט.
The weather (וועדהער).	דאָס וועטער.
Rainy (רייִני)	רעגענדיג
Dusty (דאָסטי)	שטויביג
Cloudy (קלאַודי)	וואָלקענדיג
Foggy (פאָגגי)	טומאַנע, נעבעלדיג
Cold (קאָולד)	קאַלט
Warm (וואָרם)	װאַרם
Wet (וועט)	נאַס
Dry (דראַי)	טרוקען
Close (קלאָוז) } Sultry (סאָלטרי) }	שטיקענד, שוויל, דושנע
The thaw (טהאָ־).	דאָס טהוי-וועטער, דיא אָדלינגע.
*To thaw (טהאָ־).	צוגעהן, אבגעהן, ווערען אָן אָדלינגע.
It thaws.	עס געהט אָב, עס ווערט אָן אָדלינגע.
To freeze (פריִז); froze (פראָוז), frozen (פראָוזן).	פרירען; געפראָרען.
It freezes.	עס פרירט.
To blow (בלאָו); blew (בליו), blown (בלאָון)	בלאָזען; געבלאָזען.
It blows.	עס בלאָזט.
The open air.	דיא פרייע לופט.

בייא דיא זעצע it is I, it is you או. אז. וו. מוז דאס וויטער־שטעהענדע האנדלונגס־ווארט אימער שטימען מיט דער פערזאן און ניט מיט דעם ווארט who, וועלכעס קומט געוועהנליך נאך זייא; צ. ב.

Was it you who have (ניט has) written this letter?	זייט איהר דאס געוועזן, וואס האט געשריבען דיזען בריף? האט איהר דאס געשריבען דעם בריף?
It was not I, who have (ניט has) broken it.	איך בין עס ניט געוועזן, וואס האט עס צובראכען.
It was he who has done it.	ער איז דאס געוועזן, וואס האט עס געטהאן.
It is I whom you have sent for.	איך בין עס, נאך וועמען איהר האט געשיקט.
Was it you, gentlemen, who have enquired after me?	זייט איהר דאס געוועזן, מיינע העררען, וואס האבען נאך מיר געפרעגט?
What do you mean?	וואס מיינט איהר?
To mean (מין); meant (מענט), meant.	מיינען, וועלען; געמיינט, געוואלט.
What did he mean to say by it?	וואס האט ער דערמיט געוואלט זאגען?
I mean to talk to him seriously about it.	איך וויל מיט איהם רעדען ערנסטליך וועגען דעם.
Serious (סיריאס)—Seriously.	ערנסט, ערנסטליך.
You mistake my meaning.	איהר פערשטעהט שלעכט מיין מיין.
Do you intend making a journey next summer?	רעכענט איהר דעם קומענדיגען זומער צו מאכען א רייזע?
I cannot tell yet. If the summer do not turn out finer than the spring has been hitherto, there will not be much travelling.	איך קען נאך ניט זאגען. ווען דער זומער ווערט ניט שעהנער אלס דער פריהלינג איז געוועזן ביז אהער, וועט קיין סך רייזען ניט זיין (ד. ה. וועט ניט פיעל געררייזט ווערען).
To turn out (טאירן אוט).	ווערען.

Hitherto (הידהערטו), ביז אהער.

Summer is not exactly the season in which I like best to travel; I prefer the beginning of autumn, if the weather is favorable.	זומער איז ניט גראדע דיא צייט, אין וועלכער איך האב ליעב אם בעסטען צו רייזען; איך האב ליעבער דעם אנפאנג הערבסט, ווען דאס וועטער איז גינסטיג (גוט).
*To prefer (פריפאיר).	האבען ליעבער, בעסער ליעבען.
Favorable (פיי׳ווארעבל).	גינסטיג, גוט.
The autumn (א־טאם).	דער הערבסט.
The beginning (ביגינינג).	דער אנפאנג, דער אנהייב.

געשעפטען.—ווייסט איהר, דאס מיר ערוואַרטעז אונזער ברודער זאָל מאָרגען קומען צו־ריק פון זיינע רייזען?—ניין, איך האב ניט געוואוסט.—איז ער געווען אוועג א לאַנגע צייט?—פון מאָרגען אין צווייא וואָכען הערום וועט עס גראדע זיין פערטהאלבען יאהר.—איך בין גיעריג צו וויסען, אויב ער האט זיך (=וועט זיין) געענדערט.—הערר פאָר־טער האט מיר געזאָגט ער האט איהם געזעהן אין בערלין, און האט איהם געפונען א סך פערבעסערט.—וואו זייט איהר געווען דיזע גאַנצע צייט?—עס פרייט מיך צו זעהן אייך ווידער; איהר האט אייך (=איהר זייט) פיעל פערבעסערט.—האט איהר געשריבען צו העררן וויליאָמז, דאס מיר האבען אוועגגעשיקט דעם ווין גלייך (immediately) בייא דער ערהאלטונג פון זיין בריף?—יע, איך האב.—זאָל איך אייך לעזען, וואָס איך האָב געשריבען.—ניין, לאָזט עס זיין; איך וועל לעזען דעם בריף אליין נאכהער (by and by).—ווארום שרייבט איהר אימער אונטער אייערע בריף: „אין איילענעס“? איילענעס איז קיין ענטשולדיגונג.—האָב איך ניט געהאַט רעכט צו זאָגען דעם מאַן דיא וואהרהייט?—אזוי וויא איהר פרעגט מיך, מוז איך אייך זאָגען, דאס איהר זייט געווען אונגערעכט אין יעדער הינזיכט; ווייל, ערשטענס, דאס וואס (what) איהר האט געהאלטען פיר (considered to be) דיא וואהרהייט, איז ניט געווען דיא וואהרהייט; צווייטענס, ווען עס וואָלט געווען דיא וואהרהייט, האט איהר איהם אויך ניט געדארפט זאָגען (אויך, either, צולעצט), וואָס איהר האט געטהאָן, און דריטענס, בין איך (I am) פעסט (=פול, fully) איבערצייגט, דאס דער מאַן איז געווען גערעכט.—האט איהר קיין פערטענס, פינפטענס, זעקסטענס, זיבעטנס?—אָ יע, איך האב אויך עלפטענס און צוועלפטענס.

62nd Lesson.—62סטע לעקציאָן.

ווער איז דאָרטען?	Who is there?
דאס בין איך (אָד. איך בין עס), ווילהעלם; קום הערונטער.	It is I, William; come down.
אָ, זייט איהר דאָס? איך קום גלייך הע־רונטער.	O, is it you? I come down directly.
דאס איז געווען מאַריע.	It was Mary.
אזוי; איז זיא דאָס געווען?	Indeed; was it she?

Indeed? (אינדיד׳), אזוי? טאַקי?

איז אימעצער אויבען?	Is anybody up stairs?
דאס זיינען מיר; קומט איהר הערויף?	It is we; are you coming up?
איז דאָס געווען דער, וואָס אין שווארצען ראָק און ווייסער וועסט?	Was it he in a black coat and white waist-coat?
ניין, דאס איז געווען דער, וואָס אין ווייסען הוט און ווייסע הויזען.	No, it was he (אָד. that man) in a white hat and trousers.

דאס בין איך, איך בין עס	It is I	דאס זיינען מיר	It is we
דאס ביסט דוא	It is you	דאס זייט איהר	It is you
דאס איז ער	It is he	דאס זיינען זייא	It is they

איהם: ער האט געזאָגט ער איז (=ער איז געווען) אין גרויסע איילענעס, ער וועט (=געוואָלט) מיר שיקען דאס געלד פון האמבורג פון מאָרגען איבער אַכטאָג.—מערקט איך, וואָס איך זאָג אייך: ער וועט אייך ניט שיקען דאָס געלד אַ וואָך פון מאָרגען, אויך ניט פון נעכסטען דאָנערסטאָג איבער פערצעהן טאָג.—איך האף איהר וועט אייך אירען.—איך האב אייך געזאָגט צו נעהמען זיך אין אכט.—ווארום וויינסט דוא? —איך בין געפאַלען הערראָבגעהענדיג (=אַלס איך בין הערראָבגעגאנגען) פון דיא טרעפ.—ווארום נעהמט איהר אייך ניט אין אַכט?—איך האב מיך גענומען אין אַכט, אבער מיין פוס האט זיך אויסגעגליטשט.

191. צום איבערזעצען.

הערר דזשאָהנסאָן איז זעהר בייז אויף (with) אייך; ער זאָגט ער וועט זיך בעקלאָגען אויף אייך פאַר אַלע אייערע פריינד.—ווען איהר זעהט איהם זאָגט איהם, ער מעג זיך בעקלאָגען פאַר וועמען (whomsoever) ער וויל: עס אַרט מיך ניט (עס געהט מיך ניט אָן).—איהר מוזט, ווירקליך, מיטקומען מיט (=קומען מיט) מיר; איהר מוזט עס טהאָן פון מיין ברודער'ס וועגען: ער האט זיך פערקיהלט (זיך פערקיהלען, to catch cold), און ער האט ניט געקענט הערויסגעהן זייט (these) צוויא טעג.—עס וואָלט מיך געפרייט עס צו טהאָן, ניט נאָר פון אייער ברודער'ס וועגען, נאָר וועגען אייער זעהר אנגענעהמער געזעלשאפט (society), אבער איך האב מורא עס וועט זיין אונמעגליך.—ווארום זייט איהר ניט פלייסיג?—איהר דאַרפט עס זיין (עס, so) אזוי גוט פון אייערטוועגען אליין (for your own sake), וויא וועגען א יערע עלטערן.—וועט איהר ניט הערויפקומען אויף אן אויגענבליק?—איך קען ניט בלייבען קיין אויגענבליק: איך בין אין גרויסע איילענעס.—וואוהין געהט איהר?—איך מוז געהן צו דער אייזענבאהן.—עס איז קיין נוץ צו זיין יעצט אין איילענעס (זייט צולעגט): איהר זייט שוין צו שפעט.—וועט איהר קימען צו מיר דיזען נאָכמיטטאָג?—איך וואָג ניט הערויסצוגעהן: איהר קענט אייך ניט פאָרשטעלען, וויא פיעל איך האב צו טהאָן.—וואָרום איז אייער ברודער נעכטען ניט געקומען צו אונז? (זייט צולעגט)—ער האט ניט געטאָרט; ער האט ניט אויפגעשריבען זיינע אויפגאבען (exercises).—האט איהר געזאָגט אייער מומען, דאס נעכטען איז געשטאָרבען מיין פאָטער? (זייט צולעגט)—מיהר האבען איהר ניט געטאָרט זאָגען, עס וואָלט זיא זעהר בעטריבט.—לאָזט דעם פראַנצויז ניט איינלאַדען.—לאָזט ניט צווינגען (to be forced) דאס קינד צו עסען, וואָס עס האט ניט האָלט.—לאָזט נאָך דאָס פערד ניט פערקויפען; איהר וועט קריגען מעהר דאַפיר אין א פּאָאָר מאָנאַטען.—לאָזט נאָך ניט טרינקען דעם וויין.—ווארום לאָזט איהר ניט שיקען נאָך דעם סטאָליער?—לאָזט דיא שטולען הערייננעהמען אין דאָס אנדערע צימער.

192. צום איבערזעצען.

מיין מוטער וואונדערט זיך, וואָס מיר זעהען (at our seeing) אייך אזוי זעלטען אין אונזער הויז.—זיא דאַרף (must) זיך ניט וואונדערן דערויף (at it); זיא וויס, וויא פיעל איך האב צו טהאָן צו הויז.—וואונדערט איהר אייך ניט, וואָס הערר ריטשאַרדז האט אונז נאָך ניט געשריבען?—איך וואונדער מיך דערויף גאָר ניט; ער האט פיעלע

(זיך אמוזירען, to enjoy one's self) אויף דעם לאנד פאָריגען דיענסטאג?—אָ, זעהר; דער טאָג איז געוועזן זעהר פיין; איך אמוזיר מיך אימער אויף דעם לאנד.—מיין קוזינע אויגוסטא האט זיך נאָכגעפרעגט נאָך אייך; איך האב געהאַט א בריף פון איהר היינט אין דער פריה.—זיא איז זעהר פריינדליך.—וואָס מאכט זיא?—זיא איז זעהר געזונד.—האט זיא זיך ניט ערקונדיגט נאָך מיין ברודער?—ניין, זיא ערמאנערט איהם ניט.

190. צום איבערזעצען.

וועַן איהר געהט היינט צו אונזער פעטער זאָלט איהר נאָכפרעגען (=פרעגט נאָך), אויב מען האט עפּעס געהערט פון אונזער שוועסטערקינד.—ווילהעלם האט שוין זיך ערקונדיגט היינט אין דער פריה; ער איז אָנגעקומען מיט'ן שיף „סיטי אָוו ניו יאָרק" וואָס געהט אונטער דער לייטונג פון קאַפּיטאַן (captain) סמיטה (שיף איז אין ענגליש ship אָד. boat. ווען מען וויל זאָגען יענעס שיף, וואָס געהט אונטער דער לייטונג פון דעם און דעם קאַפּיטאַן, לאָזט מען הערויס דאָס וואָרט שיף און אויך דיא ווערטער וואָס געהט אונטער דער לייטונג פון—און מען גיט בלויז אָן דעם נאָמען פון שיף, דאָס וואָרט קאַפּיטאַן און דעם נאָמען פון קאַפּיטאַן; צ. ב. the John, captain Roe—דאָס שיף דושאָהן, וואָס געהט אונטער דער לייטונג פון קאַפּיטאַן ראָו. עס איז ווייטער צו בעמערקען, דאָס אַ שיף, ווערט אין ענגליש געהאַלטען פיר ווייבליך, און ווען מען רעדט פון אַ שיף זאָגט מען אימער she, ניעמאַלס it, וויא ביא אַנדערע ניט־לעבעדיגע זאַכען).—דאָס שיף האט געזעגעלט פערצעהן טאָג און עס (she) איז אָנגעקומען פאָריגע נאכט.—אלזאָ (then) מוזט איהר אייך איילען און געהן איהם זעהן.—געהט איהר נאָך (to) ניו יאָרק מיט (by) דער אייזענבאהן אום צעהן אַ זייגער?—יע, ווען איך קען ווערען פערטיג פאַר יענער צייט; איך מוז מיך זעהר בעאיילען (I must make great haste), ווייל עס איז שעהן אַ פערטעל צו צעהן.—זאָגט יאָהאַנען ער זאָל זיך איילען (=צו איילען).—יאָהאַן איז שוין אוועג (gone).—איהר טרייבט (איילט) מיך אימער, ווארום טרייבט איהר מיך אזוי?—נוא, עס געהט מיך ניט אָן (I don't care); ווען איהר קומט (=זייט) צו שפּעט, וועט עס זיין אייער אייגענע שולד.—בעקימערט אייך ניט וועגען מיר, איך וועל זיין פערטיג אין דער צייט; איהר זייט אימער אין איילעניס.—קאַרל, ביסט דוא פערטיג מיט דיין ארבייט?—קימערט אייך ניט וועגען מיינע געשעפטען (business, affairs); בעקימערט אייך וועגען אייערע אייגענע געשעפטען.—ווערען מיר מאכען (=נעהמען) א שפּאציער?—נוא, פון מיינטוועגען; וואוהין זאָלען מיר נעהן?—וואוהין איהר ווילט (=אייך געפעלט); אבער איהר מוזט אייך איילען א ביסעל, ווייל איך מוז זיין ווידער צו הויז אום פיער, און עס איז שוין א פערטעל אויף פיער.—זאָל (=ווַל) איך אייך לעזען דעם בריף יעצט?—ניין, לאָזט עס יעצט זיין.—ווען איהר האט נאָך ניט געמאָסטען דאָס שטיק טוך, לאָזט עס יעצט זיין.—ווארום האט איהר געקויפט דיעזען מיאוסן הונד?—עס טהוט מיר יעצט לייד.—איהר אכטעט קיינמאָל ניט אויף דאָס, וואָס מען זאָגט אייך.—ווארום נעהמט איהר אזוי פיעלע גלעזער אויף איין מאָל (at once)?—ווייל איך האב ניט ליעב צו געהן צוויא מאָל.—נעהמט אייך אין אכט, ווען ניט וועט איהר פאלען.—האט איהר געשיקט דעם מאן דיא וואארע?—יע, איך האָב זייא איהם געשיקט.—האט איהר ערהאלטען אייער געלד?—איך בין אליין געוועזן בייא

Or, זאָנסט, ווען ניט.

You must be careful, or you will fall.	איהר מוזט זיין פאָרזיכטיג, זאָנסט (אָד. ווען ניט) וועט איהר פאַלען.
Take as much as I am giving you, or you will get nothing.	נעהמט אזוי פיעל, וויא איך גיב אייך, זאָנסט (אָד. ווען ניט) קריגט איהר גאָרנישט.

Every other—, אַ—אום אַ—.

Every other day.	אַ טאָג אום אַ טאָג.
Every other week.	אַ וואָך אום אַ וואָך.
To examine (ענזאַ'מין).	עקזאַמענירען אונטערזוכען.
The apology (אֶפּאָ'לאָודזשי). The excuse (עקסקיוז).	דיא ענטשולדיגונג, דיא פערענטפערונג.
*To apologize (אֶפּאָ'לאָודזשאיז).	זיך ענטשולדיגען, זיך פערענטפערן.
To apologize to—for.	זיך ענטשולדיגען פאַר—וועגען.
The pupil apologized to the teacher for his rude words.	דער שילער האט זיך ענטשולדיגט פאַר'ן לעהרער פיר זיינע גראָבע ווערטער.
The pupil (פּיוּפּיל).	דער שילער, דער לעהרלינג.

189. צום איבערזעצען.

איך וואָלט וועלען וויסען, ווארום אייער שוועסטער איז געוועזען אזוי ערגערליך נעכטען? —איך קען אייך זאָגען; ער איז אימער ערגערליך, ווען ער ברייננגט אימעצען (some one) צו זיך אהיים (home with him) און געפינט ניט א גוטען מיטטאָג.—היינט אין דער פריה בין איך געוועזען זעהר בייז.—עס טרוט מיר לייד עס צו הערען; א מענש דארף (ought) קיינמאָל ניט זיין בייז.—איף וואָס זייט איהר געוועזען ערגערליך?—איך האָב געבעטען בייא (of) מיין מאַן ער זאָל געבען (=צו געבען) מיין טאָכטער עמיליע א נייעם קלייד פיר דעם באַל, אויף (to) וועלכען זיא געהט איבערמאָרגען, און ער ענטזאָגט עס צו טהאָן.—ווארום ענטזאָגט ער?—ער האט געזאָגט, זיא דארף נאָך ניט האבען קיין נייעס קלייד.—איך וויל ניט אונטערזוכען, אויב ער איז גערעכט אדער אונגערעכט, וואס ער קויפט ניט (in not buying) זיין טאָכטער א נייעם קלייד פיר דעם באַל; אָבער פרייליין עמיליע איז צו יעדער צייט (at all times) אזוי רייצענד, דאס זאָגאר אין דעם איינפאַכסטען קלייד זעהט זיא אויס (אויסזעהן, to look) זעהר שעהן.—איך הער (I understand) אייער מומע האט זיך בעקלאָגט אויף אייך פאַר (to) אייער מוטער.—מיין מומע בעקלאָגט זיך זעהר לייכט (easily): מיין מוטער ווייס דאָס; איך אכט ניט פיעל דערויף.

אבער איך האָב מיך אויך צו בעקלאגען אויף אייך.—ווירקליך, וועגען וואס האט איהר אייך צו בעקלאגען?—איהר האט פערשפּראָכען צו קומען צו אונז (=צו אונזער הויז) פאָריגע נאכט, און איהר האט ניט געהאלטען אייער פערשפּרעכען.—איהר מעגט זיין זיכער, איך וואָלט האָבען געקומען, ווען איך וואָלט געקענט.—האט איהר אייך אמיזירט

פיר עלפטענס, צוועלפטענס און ווייטער זאָגט מען נאָר: in the eleventh place, in the twelfth place או. אז. וו.

On (אָן), בייא.

On the receipt of your letter. On receiving your letter.	בייא דעם ערהאלטען פון אייער בריף.
The receipt (ריסי־ט)	דאס ערהאלטען, דיא ערהאלטונג.
On pain of death.	בייא טוידט־שטראָף.
The pain (פיין) דיא שטראָף	The death (דעטה) דער טוידט
Pain of death.	טוידט־שטראָף.
The cause for complaint (אָד. complaining).	דיא אורזאך צו בעקלאָגען זיך.
The complaint (קאָמפליינט) דיא קלאגע	The cause (קאָ־ז) דיא אורזאך
This charming lady wears a plain dress.	דיזע רייצענדע (שעהנע) דאמע טראָגט אן איינפאכעס קלייד.
Plain (פליין) איינפאך	Charming (טשארמינג) רייצענד, שעהן
I like to drink plain water.	איך האב האָלט צו טרינקען איינפאכעס וואסער.
I am a plain man.	איך בין אן איינפאכער מענש.
*To mention (מענשאָן).	ערמאנערן; זאָגען.
*To learn (לאָירן).	ערפאהרען, הערען.
To hold (האָולד); held (העלד), held.	האלטען; געהאלטען.
Assured (אָששורד).	פערזיכערט, זיכער.
*To rest (רעסט).	בלייבען, זיין.
You may rest (אָד. be) assured.	איהר מעגט זיין זיכער.
Sure (שור).	זיכער, געוויס.
I am sure. We are sure.	איך בין זיכער. מיר זיינען געוויס.

דיא זעצע I am sure, you are sure קענען איבערגעזעצט ווערען מיט דעם איין וואָרט געוויס:

Will your brother be here?	וועט אייער ברודער זיין היער?
I am sure.	געוויס (=איך בין געוויס).
Will your sister write a letter?	וועט אייער שוועסטער שרייבען א בריף?
We are sure.	געוויס (=מיר זיינען געוויס).
I am sure he will come. He is sure to come.	ער וועט געוויס קומען.
My cousin is sure to be here to-night.	מיין שוועסטערקינד וועט געוויס היער זיין היינט בייא נאכט.

He is very much improved. / He improved very much.	ער האט זיך זעהר פיעל געבעסערט.
He improved in every respect.	ער האט זיך געבעסערט אין יעדער הינזיכט (אין אלעם).
In every respect (ריספעקט').	אין יעדער הינזיכט (אין אלעם).

Rather (ראַ'דהער), פיעל מעהר, בעסער, ריכטיגער געזאָגט.

I cannot do that, or rather, I must not do that.	איך קען דאָס ניט טהאָן, אָדער ריכטיגער געזאָגט, איך דארף עס ניט טהאָן.
You cannot wonder at that, or rather, you ought not to wonder at it.	איהר קענט אייך ניט וואונדערן אויף דעם, אדער ריכטיגער געזאָגט, איהר האָט אייך ניט געדארפט וואונדערן אויף דעם.
You ought not to wonder at it; for, in the first place, he has only been gone nine days, and secondly he told you on leaving, that he should not write till the second day after his arrival in London.	איהר דאַרפט אייך אויף דעם ניט וואונדערן; וויל ערשטענס איז ער ערשט ניין טעג אוועקגעפאָהרען, און צווייטענס האט ער אייך געזאָגט בייא זיין אָברייזען, דאס ער וועט ערשט שרייבען דעם צווייטען טאָג נאָך זיין אָנקומען אין לאָנדאָן.

Only (אָנ'לי), ערשט (ניט מעהר אַלס).

He has only been gone nine days.	ער איז ערשט ניין טעג אוועקגעפאָהרען.

Not—till (נאָט—טיל), ערשט (ניט פריהער אַלס).

I shall not go till Friday.	איך וועל ערשט געהן פרייטאָג.
We shall not meet till next Wednesday.	מיר וועלען אונז ערשט צוזאמענטרעפען נעכסטען מיטוואָך.
The arrival (אֶררַאי'וואָל).	דאָס אָנקומען, דיא אָנקונפט.

ערשטענס.	First	אָד.	in the first place.
צווייטענס.	Secondly	„	in the second place.
דריטענס.	Thirdly	„	in the third place.
פערטענס.	Fourthly	„	in the fourth place.
פינפטענס.	Fifthly	„	in the fifth place.
זעקסטענס.	Sixthly	„	in the sixth place.
זיבעטענס.	Seventhly	„	in the seventh place.
אכטענס.	Eighthly	„	in the eighth place.
נייַנטענס.	Ninthly	„	in the ninth place.
צעהנטענס.	Tenthly	„	in the tenth place.

Let the books be **bound**.	לאָזט דיא ביכער ווערען געבונדען, ד. ה. לאָזט דיא ביכער בינדען.
Let the man be **called**.	לאָזט דעם מאַן ווערען גערופען, ד. ה. לאָזט דעם מאַן רופען.
Why did he let the dog be **beaten?**	ווארום האט ער געלאָזען דעם הונד גע־שלאָגען ווערען? ד. ה. ווארום האט ער געלאָזען דעם הונד שלאָגען?
To bind (**באינד**); bound (**באונד**), **bound.**	בינדען; געבונדען.
To beat (**בי־ט**); beat (**בעט**), beaten (**בי־טן**).	שלאָגען; געשלאָגען.

אין אַזעלכע אויסדריקע, וויא לאָזען בינדען (עפּעס), לאָזען רופען (אימעצן), לאָזען שלאָגען (אימעצן), לאָזען זעהן (עפּעס אָד. אימעצן) או. אַז. וו. קומט דאָס האַנד־לונגכוואָרט, וואָס געהערט צו דער זאַך אָדער פּערזאָן, אין דער ליידענדער פאָרם.—דיא ליי־דענדע פאָרם פון האַנדלונגכווערטער איז דיא, וועלכע ווערט געמאַכט אין יודיש דורך ווערען און אין ענגליש דורך to be; צ. ב. געזעהען ווערען—to be seen; גערופען ווערען—to be called; געשלאָגען ווערען—to be beaten או. אַז. וו. (וועגען דער ליידענדער פאָרם פון האַנדלונגס־ווערטער זעה 40סטע לעקציאָן).

Do not let the money to be seen.	לאָזט ניט זעהן דאָס געלד.
Do not let the money to be **taken.**	לאָזט ניט נעהמען דאָס געלד.
*To wonder (**וואָנ־דער**).	זיך וואונדערן.
To be surprised (**סאָירפּראיזד**).	זיין ערשטוינט, זיך וואונדערן.
To wonder at—. / To be surprised at—.	זיך וואונדערן אויף—.
He will wonder at it.	ער וועט זיך וואונדערן אויף דעם.
That is not to be wondered (**אָד.** sur-prised) at.	דערויף איז זיך ניט צו וואונדערן.
*To wonder.	זיך וואונדערן; זיין גיערִיג צו וויסען.
I wonder.	איך בין גיערִיג צו וויסען, איך וואָלט וועלטן וויסען.
I wonder whether—.	איך בין גיעריג צו וויסען, אויב—.
I wonder whether he will be here this afternoon.	איך בין גיעריג צו וויסען, אויב ער וועט זיין היער היינט נאָכמיטאָג.
I wonder whether we shall be here in time.	איך בין גיעריג צו וויסען, אויב מיר וועלען היער זיין אין דער צייט.
*To change(**טשיינדזש**). *To alter(**אָ־ל־טער**)	ענדערן; זיך ענדערן.
*To improve (**אימפּרו־וו**).	בעסערן; זיך בעסערן.
He is changed (**אָד.** altered) for the worse.	ער האט זיך געענדערט צום ערגערן.
My boy is changed for the better.	מיין יונגעל האט זיך געענדערט צום בעסערן.
For the worse. For the better.	צום ערגערן. צום בעסערן.

איך מעג זאָגען, איך קען זאָגען.	I dare say.
איך האב געוואגט מיט איהם צו רעדען.	I dared to speak to him.
איך וואג עס ניט צו טהאָן.	I dare not do it.
ווארום האָט ער ניט געטאָרט?	Why durstn't he?
ניט געטאָרט.	Durstn't (=durst not).

אין היימישע געשפּרעכע ערלויבט מען זיך הערויסצולאָזען בוכשטאַבען און צוזאַמענצוציהען צוויא ווערטער אין איינעם. דיא געברויכליכסטע צוזאַמענציהונגען זיינען פאָלגענדע·

קען ניט, קענען ניט.	cannot	פיר	Can't (קאַ־נט)
ניט געקענט.	could not	〃	Couldn't (קודנט)
טהוא ניט, טהוען ניט.	do not	〃	Don't (דאָונט)
טהוט ניט.	does not	〃	Doesn't (דאָזנט)
ניט געטהאָן.	did not	〃	Didn't (דידנט)
טאָר ניט, טאָרען ניט.	dare not	〃	Daren't (דערנט)
ניט געטאָרט.	durst not	〃	Durstn't(דאָירסטנט)
האָב ניט, האָבען ניט.	have not	〃	Haven't (האָוונט)
האָט ניט.	has not	〃	Hasn't (האָזנט)
ניט געהאַט.	had not	〃	Hadn't (האָדנט)
איז ניט.	is not	〃	Isn't (איזנט) Ain't (אַיינט)
ניט געוועזען.	was not	〃	Wasn't (וואָזנט)
ניט געוועזען.	were not	〃	Weren't (וואָירנט)
זאָל ניט, זאָלען ניט.	shall not	〃	Shan't (שאָ־נט)
ניט געזאָלט.	should not	〃	Shouldn't (שודנט)
וויל ניט, ווילען ניט.	will not	〃	Won't (וואָ־נט)
וואָלט ניט, וואָלטען ניט.	would not	〃	Wouldn't (וואודנט)
איך האָב.	I have	〃	I've (אַיוו)
מיר האָבען.	we have	〃	We've (ווי־וו)
איהר האָט.	you have	〃	You've (ירוו)
זייא האָבען.	they have	〃	They've (דהייוו)
איך וואָלט.	I would	〃	I'd (אַייד)
עס איז.	it is	〃	It's (איטס) 'Tis (טיז)
איך וויל, איך ועל.	I will	〃	I'll (אַיל)
ער וועט.	he will	〃	He'll (היל)
זיא וועט.	she will	〃	She'll (שי־ל)
מיר ווילען, מיר וועלען.	we will	〃	We'll (ווי־ל)
איהר וועט.	you will	〃	You'll (יו־ל)
איך בין.	I am	〃	I'm (אַים)
ער איז.	he is	〃	He's (הי־ז)
זיא איז.	she is	〃	She's (שי־ז)
מיר זיינען.	we are	〃	We're (ווי־ר)
איהר זייט.	you are	〃	You're (יו־ר)
זייא זיינען.	they are	〃	They're (דהייר)
וואָס איז.	what is	〃	What's (הוואָטס)

*To mind (מאינד).	זיך מערקען; אכטען.
You never mind what I tell you.	איהר אכטעט קיינמאָל ניט אויף דאָס, וואָס איך זאָג אייך.
Take care (.אָר mind)!	נעהמט אייך אין אכט! זייט פאָרזיכטיג!
To take care of—. To mind.	אין אכט נעהמען, זיין פאָרזיכטיג.
Do it for my sake (סייק).	טהוט עס פון מיינטוועגען.
She did it for your brother's sake.	זיא האט עס געטהאָן פון אייער ברודער'ס וועגען.
For my sake.	פון מיינטוועגען.
For your sake.	פון אייערטוועגען.
For his sake.	פון זיינטוועגען.
For our sakes.	פון אונזערטוועגען.
For your sakes.	פון אייערטוועגען.
For their sakes.	פון זייערטוועגען.
I rejoice at it.	איך פרייא מיך איבער דעם.
*To rejoice (רידזשאָיס').	זיך פרייען.
To rejoice a t—.	זיך פרייען איבער—(וויא אַ גוטער פריינד).
To rejoice o v e r.	זיך פרייען איבער—(וויא אַ פיינד).
He rejoices at my fortune.	ער פרייט זיך איבער מיין גליק.
My enemies rejoice over my misfortune.	מיינע פיינד פרייען זיך איבער מיין אונגליק.
The fortune (פאָרטשן)	דאָס גליק
The misfortune (מיספאָרטשן)	דאס אונגליק
*To hurry (האָררי).	זיך איילען; יאָגען, טרייבען.
The hurry (האָררי).	דיא איילע, דיא איילענעס.
I hurry to go.	איך אייל מיך צו געהן.
It is no use hurrying now, you are too late already.	עס איז קיין נוצען צו איילען זיך יעצט, איהר זייט שוין צו שפעט.
I cannot stop a moment, I am in a hurry.	איך קען מיך ניט אָבשטעלען אַיין אויגענ־בליק, איך בין אין איילענעס.
What is your hurry?	וואָס איז אייער איילענעס? (וואָס איילט איהר אייך אזוי?)
Pray, do not hurry me so!	ביטע, יאָגט (איילט) מיך ניט אזוי!
To dare (דער); durst (דאירסט), darst.	טאָרען, מעגען; געטאָרט, געמענט.
*To dare (דער).	וואגען, זיך אונטערשטעלען.
He durst not do it.	ער האט עס ניט געטאָרט טהאָן.
He dared not do it.	ער האט עס ניט געוואגט צו טהאָן.

ווען to dare בעדייטעט ט אָ ר ע ן, מ ע ג ע ן, קומט דאָס האַנדלונגסוואָרט, וואָס שטעהט נאָך איהם, אָ ה ן דעם ווערטעל to; ווען דאָס בעדייטעט אָבער וו אַ ג ע ן, ז י ך א ו נ ט ע ר־ש ט ע ל ע ן, קומט דאָס ווייטערדיגע האַנדלונגסוואָרט מ י ט דעם ווערטעל to; מען קען אָבער אויך אין געוויסען פאַל אויסלאָזען דאָס ווערטעל to.

איך בין בייז אויף מיין ברודער.	I am angry with my brother.
זיך בעקימערן.	*To mind (מאינד). *To care (קער).
זיך בעקימערן אום (אָד. וועגען)—.	To care for—.
זיך מישען, זיך בעקימערן.	*To meddle (מעדדל).
זיך מישען אין—, זיך בעקימערן וועגען—.	To meddle with—.
זיך איילען, זיך בעאיילען.	*To hasten (הייסן). To make haste.
איך אייל מיך צו ענטפערן אייער בריף.	I hasten to reply to your letter.
איילט אייך! איהר מוזט אייך איילען.	Make haste! You must make haste.
אין איילע, אין איילעניש.	In haste.
זיך איינבילדען, פאָרשטעלען, זיך דענקען.	*To imagine (אימאָדזשין). *To fancy (פאָנסי).
בילדעט איהר אייך איין, דאס ער ווייס עס ניט?	Do you parhaps fancy he does not know it?
איהר קענט אייך ניט פאָרשטעלען, וויא שעהן עס איז.	You cannot imagine how beautiful it is.
בעקימערט אייך ניט אום מיך!	Do not mind me! Do not meddle with me!
בעקימערט אייך וועגען אייער אייגענע זאך.	Mind your own business (אָד. affair).
איך בעקימער מיך ניט וועגען איהם.	I don't (=do not) care for him. I don't (=do not) mind him.
וואָס בעקימער איך מיך! (וואָס געהט עס מיך אָן! אָד. וואָס ארט עס מיך!)	What do I care!
איך בעקימער מיך ניט (וואָס געהט מיך אָן).	I don't (=do not) care. I don't (=do not) mind.
ער בעקימערט זיך אום קיין זאך (איהם געהט קיין זאך ניט אָן).	He does not care for anything.
ער מעג טהאָן, וואָס איהם געפעלט, פון מיינטוועגען.	He may do what he pleases, for anything I care.
פון מיינטוועגען.	For anything I care.
ווען מיר טרינקען נאָך א פלאש?	Shall we drink another bottle?
נוא, פון מיינטוועגען (גוט, זאָל זיין אזוי).	Well, I don't (=do not) care.
פון מיינטוועגען (וואָס געהט עס מיך אָן).	I don't care.
לאזט עס זיין.	Never mind it.
עס מאכט ניט אויס!	Never mind!
לאָזט עס יעצט זיין.	Never mind it now.

געוואָלט (=געוואונשען), ווייל (for) איך בין ניט געוועזן אין שטאָדט.—האט איהר געבראַכט דאָס געלד?—ניין, דער מאַן איז ניט געוועזן צו הויז.—אַיי, איהר האט געקענט וואַרטען (=האָבען געוואַרט) ביז ער איז געקומען (came) אהיים.—דאַן וואָלט איך געקומען (=האָבען געקומען) צו שפּעט צו מיטטאָגעסען.—דאָס וואָלט ניט געווען (=האָבען געווען) אַ גרויסעס אונגליק (misfortune).—ווען קען איך זעהן אייער פאָטער?—קומט מאָרגען, אָבער פאַר ניין אין דער פריה; ווייל אום האלב צעהן דאַרף ער האָבען אַן אונטעררעדונג איבער א זאַך פון גרויסער וויכטיגקייט מיט א העררן (gentlman) פון בערלין.—דענקט איהר ניט, דאס עס איז געפעהרליך (dangerous), ווען דרייצעהן זיצען ביי'ן טיש?—אין אַיין פאַל (case) קען עס זיין אונאַנגענעהם (unpleasant).—אין וועלכען פאַל?—ווען עס איז דאָ נאָר גענוג צו עסען פיר צוועלף.

61st Lesson.—61סטע לעקציאָן.

וואָרום ערגערט זיך אייער ברודער?	Why is your brother angry? Why is your brother vexed?
Vexed (וועקסט) ריינקט	Angry (אַנגרי) ערגערליך; בייז
זיך ערגערן.	To be angry, to be vexed.
איבער וואָס ערגערט זיך אייער ברודער?	At what is your brother angry? What is your brother vexed about?
ער ערגערט זיך, ווייל דער שרייב־לעהרער האט זיך אויף איהם בעקלאָגט פאַר זיין פאָטער.	He is vexed, because the writing-master has complained of him to his father. He is vexed at the writing-master's having complained of him to his father.
זיך בעקלאָגען.	*To complain (קאָמפּליין).
נאָך וועמען ערקונדיגען זיך דיזע מענשען?	For (אָד. after) whom do these people enquire?
פרעגען, ערקונדיגען.	To enquire (ענקוואיר).
זיך ערקונדיגען, נאָכפרעגען.	*To enquire for (אָד. after).
זייא ערקונדיגען זיך נאָך א יונגען מאַן, וועלכער האט זיך זעהר גראָב בענומען געגען זייא, און האט ניט געוואָלט זאָגען זיין נאָמען.	They enquire after a young man who has behaved very rudely to them, and refused to tell (אָד. give) his name.
גראָב, אונאַרטיג.	Rude (רוד)—Rudely.
זיך ענטזאָגען, זיך וויינערן, ניט וועלען.	*To refuse (ריפיוז).
זיין בייז אויף—, זיין אין כעס אויף—.	To be angry with—.

.187 צום איבערזעצען.

האט איהר נאָך מעהר (any more) גלעזער אין הויז?—איך דענק ניט, דאָס עס זיינען נאָך דאָ וועלכע.—היער זיינען דאָ גוטע ערדבעערען (פּאָזיעמקעס): זאָל איך אייך געבען וועלכע?—ווען איהר האט וועלכע גוטען וויין, גיט אונז וועלכען.—איך וועל אייך באלד ברייננען וועלכען (זייט צולעצט).—ווען עס זיינען דאָ קארטאָפּעל, שיקט אונז וועלכע הערויף (up).—איך וועל אייך גלייך וועלכע הערויפשיקען (זייט צולעצט).—האט איהר ווען גענעסען אנאנאס־פרוכט (pine-apple)?—איך האב קיינמאָל ניט גענעסען (צולעצט קומט אויסגעשטעלט any).—מיין פעטער האָט אונז וועלכע געבראכט פון דעם לאנד.—קענט איהר מיר לייהען א גוטעס בוך?—איך האב עטליכע (several); וואָס פיר איינס (what sort of one) זאָל איך אייך לייהען?—א וואָכער עס איז (any) אבער ניט קיין ראָמאַן.—איז דיזער ראָמאַן פון (by) דעם זעלבינען פערפאסער, וועלכער האט געשריבען דיזעס בוך?—ניין, דיזעס איז פון אן אנדערן פערפאסער.—זייט איהר שוין געווען אויף דעם בארג היינט אין דער פריה?—יע, מיר זיינען געווען גאנץ אויבען אויף דעם שפּיץ (quite on the top).—קענט איהר ערקענען (=אונטערשיידען, distinguish), וואָס (עס) זיצט אויבען אויף דעם הויז?—איך קען עס ניט ערקענען.—לעגט דיזעס בוך אויבען אויף דיא אנדערע.—וועלען דיזע שפּיעל זיין גוט?—יע, דיזע וועלען גראַדע זיין גוט.—וועט דיזעס פּאַפּיער זיין גוט?—ניין, עס וועט ניט זיין גוט: איך דארף האָבען א גאנצען בויגען.—וויא פיעל געלד ברויכט איהר?—צעהן אדער צוועלף דאָללאַר וועלען זיין גענוג.—וואָס איז יעצט צו טהאָן?—יעצט זיינען דאָ נאָך (still) צוויא שטיקער טוך צו מעסטען.—איז דאָס געווען די ערוואַרטעטע?—איז דיזעס הויז צו פערקויפען?—יע, דאָס הויז אין דער גאָרטען זיינען צו פערקויפען.—דיזעס מוסטער איז ניט צו געפינען אין דער גאנצער שטאָדט.—עס איז גאָר ניט צו לאַכען.—דיזע דרייא שטיקער זיינען ניט צו אונטערשיידען איינס פון אנדערן (from each other).—האט איהר ליעב דיזען יונגען מאַן?—איך קען זיין פּנים ניט אָנקוקען.—איך אויך נים.

.188 צום איבערזעצען.

וואָס מאכט אייער שוועסטער?—זיא איז זעהר אונפּאסליך (unwell).—זיא האט געהאט אזא קאָפּ־וועהטאָג זייט (these) דרייא טעג, דאָס זיא קען עס קוים ערטראָגען.—וויא איז אייער שוועסטערקינד'ס פרוי?—זיא איז א ביסעל בעסער: אבער זיא ליידט מעהר אין איהר גייסט אלס אין איהר קערפּער: דיא אָרימע פרוי האט פערלאָרען צווייא קינדער פאָריגען מאָנאט, א יונגעל און א מיידעל, דיא פיינסטע קינדער, וועלכע מען האט געקענט זעהן, און יעצט איז איהר מאן אויך קראנק; זיא האט געהאט פיעל אויסצושטעהן: עס איז א וואונדער, וויא זיא האלט עס אויס.—וואָס האט מען אייך געבאָטען פיר אייערע צווייא פערד?—מען האט מיר געבאָטען הונדערט דאָללאַר וועניגער אלס זייא קאָסטען מיר.—האט איהר זייא פערקויפט?—ניין, איך האב זייא נאָך.—איהר האט זייא געדארפט פערקויפען.—ווארום האט איהר מיר ניט אומגעקעהרט (אָד. געשיקט צוריק) מיין פראנצויזישעס בוך? איהר האט עס שוין געדארפט אומקעהרען אייערגעכטען.—איך האב עס אייך ניט געקענט שיקען זאָגאר, ווען איך וואלט (had)

The novel (נאָוועל) דער ראָמאַן	The author (אָ־טהאָר) דער פערפאַסער
*To endure (ענדיור).	אויסהאַלטען, ערטראָגען.
To offer (אָפּפער).	אָנבאָטען, פאָרלעגען.
*To offer. To bid (ביד); bid, bid.	באָטען (אַ פּרייז); געבאָטען.
What can I offer you?	וואָס קען איך אייך אָנבאָטען?
I am much obliged to you, not anything.	איך דאַנק אייך זעהר, קיין זאַך ניט.
Allow me to offer you a glass of wine.	ערלויבט מיר אייך אָנצובאָטען אַ גלאָז וויין.
What has he offered you for the iron?	וואָס האט ער אייך געבאָטען פיר דאָס אייזען?
He has offered me two cents a pound.	ער האט מיר געבאָטען צוויא סענט אַ פונט.
Iron (אייערן).	אייזען; אַן אייזערנער.
*To fit (פיט).	פּאַסען.
Fit, fitting (פיטטינג), befitting.	פּאַסליך; שיקליך, טויגליך.
Narrow (נאָרראָו) שמאָל; ענג	Tight (טאַיט) שטייף; ענג

186. צום איבערזעצען

וועלכען פון דיא בריף זאָל (=מוז) איך קאָפּירען צוערשט?—וועלכען (whichever) איהר ווילט; זייא דאַרפען אַלע ווערען (be) געקאָפּירט.—וועלכעס פון דיא קינדער געהט אין שטאָדט מיט אונז?—יענעס, וועלכעס האט זיך אויפגעפיהרט אַם בעסטען און איז געוועזען אַם פלייסיגסטען.—וועלכעס פון דיא צווייא ביכער זאָל איך נעהמען?—וועלכעס אייך געפעלט; זייא זיינען ביידע זעהר אַמוזאַנט.—גלויבט איהם ניט, וואָס ער זאָגט.—וואָס זאָל (must) איך אייך ברייננגען פון פּאַריז?—וואָס איהר ברייננגט מיר, וועל איך אָננעהמען מיט דאַנקבאַרקייט.—גלויבט אייך וואָס איהר ווילט (=וואָס איהר מעגט גלויבען) איך האַלט איהם פיר אַן עהרליכען מענשען.—וואָס קויפט איהר אין (at) יענעם לאַדען?—אַלעס, וואָס איך דאַרף, ווען דער מאַן האט עס.—וואו מען געהט נאָר, טרעפט מען יענעם מענשען.—וואוהין ווען מיר געהן?—וואו עס איז נאָר עפּעס צו זעהן (to be seen).—עס מעג זיך דאָרטען זיין וואָס פיר אַ געזעלשאַפט עס איז (=וואָס פיר אַ געזעלשאַפט דאָרטען מעג זיין), וועל איך ניט געהן.—ווען איהר מיר נים זאָגען דיא אורזאַך, פיר וואָס איהר האט מיך געלאָזען וואַרטען (for having kept me waiting) אויף אַן ענטפער אַזוי לאַנג?—איך קען אייך ניט געבען קיין שום אורזאַך.—ער וויים קיין שום זאַך (nothing whatever).—וועלכע פון דיזע האַנדשוה וועט איהר נעהמען?—דיא. וועלכע זיינען דיא שטאַרקסטע.—ווען זאָל איך פרעגען?—יעדער, ווען איהר פרעגט, וועט איך זאָגען דאָס זעלביגע.—יעדעס (any) קינד פערשטעהט דאָס.—אום וועלכע צייט איך קום צו הויז אין אָבענד, לעז איך אימער פיר אַ האַלבע שטונדע, איידער איך געה (=פאַר'ן געהן, before going) צו בעט.—יעדער, וואָס האט לוסט צו טאַנצען, קומט הערויף איבען (up stairs) מיט מיר.—

וועלכע בריף זיינען נאָך צו ענטפערן?	Which letters are still to be answered?
צו האָבען, צו בעקומען.	To be had.
זאָגט מיר וואו דאס איז צו בעקומען (אָד. וואו בעקומט מען דאָס)?	Tell me where that can be had?
טראָגען, ערטראָגען, ליידען, דולדען; געטראָגען, ערטראָגען, געליטען, גערולדעט.	To bear (בעדר), bore (באָור), borne (באָרן).
איך קען קוים ערטראָגען דעם שמערץ.	I can scarcely bear the pain.
זיא האט געהאט פיעל צו ערטראָגען (אויסצושטעהן).	She has had much to bear.
איך קען איהם ניט ליידען.	I cannot bear him.
איך קען זיין אָנבליק ניט ליידען, ד. ה. איך קען זיין פנים ניט אָנקוקען.	I cannot bear the sight of him.
דער אָנבליק.	The sight (סאיט).
איך וואָלט דאָס ניט געקענט טהאָן.	I could not have done this.
האט ער ניט געדאַרפט ענטפערן דיזען בריף?	Ought he not to have answered this letter?
איהר וואָלט דאָס ניט געקענט שרייבען.	You could not have written this.
ער וואָלט עס געקענט פּרובירען.	He might have tried it.
איהר האט איהם געדאַרפט זעהן וועגען דעם.	You ought to have seen him about it
האט איהר איהם געזעהן?	Have you seen him?
איך וועל איהם מאָרגען זעהן וועגען דעם.	I shall see him about it to-morrow.
איך האב געהאט אַן אונטעררעדונג (א געשפּרעך) מיט איהם.	I had an interview with him.
א אונטעררעדונג, א געשפּרעך, א שמועס.	An interview (אינ׳טערוויו).
איך ווינש מיט אייך צו האבען א געשפּרעך איבער א זאַך פון גרויסער וויכטיגקייט.	I wish to have an interview with you on a subject of great importance.
א געגענשטאַנד, א זאַך.	A subject (סאָב׳דזשעקט).
דיא וויכטיגקייט.	The importance (אימפּאָר׳טאָנס).
אָננעהמען.	*To accept of (אָקסעפּט׳ אָוו).
איך ווייס ווירקליך ניט, אויב איך דאַרף עס אָננעהמען.	I really do not know whether I ought to accept of it.
דאנקבארקייט.	Gratitude (גראָטיטיוד).
דער שכל, דער זין: דער גייסט.	The mind (מאינד).
דער קערפּער.	The body (באָ׳די).

The difference (דיפּפערענס).	דער אונטערשייד.
It is all the same to me.	עס איז מיר גאַנץ גלייך.
It makes no difference to me.	עס מאַכט (איז) מיר קיין אונטערשייד.
It is immaterial. It makes no difference.	עס מאַכט ניט אויס.
Can you see the people on the top of the mountain?	קענט איהר זעהן דיא לייטע (מענשען) אויף דעם שפּיץ בארג.
The top (טאָפּ).	דער אויבען, דער שפּיץ.
The top of the mountain?	דער שפּיץ פון בארג.
On the top of the mountain.	אויפ'ן שפּיץ בארג, אויבען אויפ'ן בארג.
On the top of the house.	אויבען אויף דעם הויז.
If you have any good cheese in the house, give me some.	ווען איהר האט גוטען קעז אין הויז, גיט מיר וועלכען.
Here are some excellent pears; shall I give you some?	היער זיינען אויסגעצייכענטע בארנעס; זאָל איך אייך געבען וועלכע?
Surely you have some friend in the town who can advise you.	איהר האט געוויס א וועלכען פריינד אין שטאָדט, וואס קען אייך ראטהען.
What kind of a book shall I bring you?	וואָס פיר א בוך זאָל איך אייך בריינגען?
Bring me some good book; any book will do, if it is only entertaining.	בריינגט מיר אַ וואָסער גוטעס בוך; וואס פיר אַ בוך עס איז וועט זיין גוט, ווען עס איז נאָר אַמוזאַנט.

עס זיינען דאָ דרייא זאָרטען זעצע: בעשטעטיגענדע, פראַגענדע און פערניינענדע. אַ בעשטעטיגענדער זאַץ איז אַזעלכער, וואָס בעשטעטיגט אָדער ערצעהלט עפּעס; אַ פראַגענדער איז אַ זאַץ וואָס ענטהאַלט אַ פראַגע; אַ פערניינענדער זאַץ איז אַזעלכער וואָס ענטהאַלט דאָס וואָרט ניט.

Some ווערט אימער געברויכט אין בעשטעטיגענדע זעצע; צ. ב. I have some money, איך האָב וועלכעס געלד.

Any ווערט אימער געברויכט אין פראַגענדע און פערניינענדע זעצע; צ. ב. Have you any money, האָט איהר וועלכעס געלד? I have not any, איך האָב קיינס.

Some ווערט אַ מאָל אויך געברויכט אין אַ בעשטעטיגענדען זאַץ, אָבער נאָר דאַן, ווען עס ווערט אָנגעבאָטען אַ זאַך, וואָס געפינט זיך נאָהענט צו דער האַנד; צ. ב. Here are some pears. will you have some? היער זיינען וועלכע באַרנעס, ווילט איהר וועלכע האָבען? נאָך דעם ווערטעל if שטעהט אימער any, קיינמאָל some.

That will do.	דאָס איז גענוג (אָד. גוט).
Will this paper do?	איז דיזעס פּאַפּיער גוט?
Will one sheet do?	וועט אֵיין בויגען זיין גענוג?
This book is not to be found here.	דיזעס בוך איז היער ניט צו געפינען.
What is there to be seen?	וואָס איז דאָרטען צו זעהן?
There is no money to be had.	עס איז קיין געלד צו בעקומען.

נע־ענט האבען קיין אנדער אורזאך, אויסער, דאס איך בין געווען (except my being) שוין בעשטעלט (=פערנומען); דאס איז געווען מיין אורזאך, פיר וואס איך האב ניט געקענט טאנצען מיט איהם.

60th Lesson.—.60סטע לעקציאן

To which of the servants shall I give the keys?	וועלכען פון דיא בעדיענטע זאל איך געבען דיא שליסלען?
To whichever stays at home.	דעם, וועלכער בלייבט צו הויז.
How much must I pay the man?	וויא פיעל זאל איך בעצאהלען דעם מאן?
Whatever he asks.	וואס (וויא פיעל) ער בעט.
Where shall we go?	וואוהין זאלען מיר געהן?
Wherever you like.	וואוהין איר ווילט.
Which of the books shall I take?	וועלכעס פון דיא ביכער זאל איך נעהמען?
Whichever you please.	וועלכעס איהר ווילט.
Whom (.אד to whom) shall I tell it?	ועמען זאל איך עס זאגען?
To whomsoever you find in the house.	דעם, וועמען איהר געפינט אין הויז.
Whose tasks (.אד exercises) will you correct first?	ועמעס לעקציאנען וועט איהר אויסבעסערן צו ערשט?
*To correct (קאררעקט).	אויסבעסערן, פעררימטען.
It is immaterial; whosesoever I have before me.	עס איז גאנץ גלייך; דעמ'ס, וועמע'ס איך האב פאר מיר.
He did not say anything whatever.	ער האט גארנישט געזאגט.
Whatever (הוואטעוועור). Whatsoever (הוואטסאועוועור).	וואס נאר, אלעס וואס.
Whichever (הוויטשעוועור). Whichsoever (חוויטשסאועוועור).	וועלכער עס איז, יעדער וועלכער.
Whoever (הועוועור). Whosoever (הוסאועוועור).	ווער נאר, יעדער וואס.
Whosesoever (החסאועוועור).	וועמע'ס נאר, יעדענ'ס, דער וועמע'ס.
Whomsoever (הומסאועוועור),	ועמען נאר, יעדען, דער וועמען.
Wherever (הווערעוועור).	וואו נאר, איבעראל וואו.
Immaterial (אימּמאטיריעל). All the same (אל דהי סיים).	גאנץ גלייך, אלץ איינס, איינערלייא.
It is immaterial whether you write to-day or to-morrow.	עס איז גאנץ גלייך, אויב איהר שרייבט היינט אדער מארגען.
It makes no difference whether you go to-day or to morrow.	עס מאכט (עס איז) קיין אונטערשייד, אויב איחר געהט היינט אדער מארגען.

זיינען פיער הונדערט און פופציג קוואדראט-פוס.—וויא פיעל איז דרייא פינפטלאך פון פופצעהן?—זייא זיינען אזוי פיעל, וויא דרייא אכטלאך פון פיער און צוואנציג: ניין.—און פינף זעקסטלאך פון פיער און אכציג?—זיבעציג.—לעג צו זיבען זעכצעהנטלאך פון פיער און זעכציג צו פערציג?—אכט און זעכציג.—וויא פיעל (=וואס) איז דער צוואנציגסטער טהייל פון הונדערט?—פינף.—און א פינפטער טהייל פון צווייא הונדערט און צוואנציג?—פיער און פערציג.

185. צום איבערזעצען.

ווער איז געוועזען דער מאן, וועלכער האט געבראכט אייער פלעמעניק דעם בריף פון בערלין?—איך ווייס ניט זיין נאמען; איך ווייס איהם נאר פון זעהן (by sight).—קען אייער אֵיידים דעם איטאליענער, וועלכער האט מיר געשריבען דיזען בריף?—ער זאגט, ער קען איהם נאך דעם נאמען, אבער ער ווייס קיין שום אנדער זאך (nothing else) וועגען איהם.—לעג דאס פאפיער גלייך (straight) פאר דיר און זיץ גלייך פאר דעם טיש, ווען דוא שרייבסט.—וויא פיעלע שטיקער דארף (=מוז) איך דיר הערונטער דערלאנגען? (הערונטער דערלאנגען, to hand down).—דערלאנג מיר זייא אלע הערונטער, אבער איינציגוויז (איינס נאך דעם אנדערן).—זאגט (=ניט) מיר דיא לענג (lengths) פון דיא זעקס שטיקער שווארצען טוך.—איך האב זייא שוין הערונטער-גענומען; זאל איך אייך זאגען, וויא פיעל (=וואס) זייא זיינען צוזאמען?—ניין, זאגט מיר זייא איינציגווייז—וויא פיעלע שפיעלען האט איהר געוואונען?—איך האב גע-שפיעלט דעם גאנצען אבענד און האב ניט געוואונען קיין איינציגעס שפיעל.—איהר האט דאס לעצטע שפיעל גאר ניט גוט געשפיעלט; איהר האט געהאט צווייא נײַנט-לאך, אלע צעהנטלאך און אונטער, קעניגין, קעניג און טוז: עס איז געוועזען זעהר קרום (wrong) אנצושפיעלען דיא טוז.—איהר זייט גערעכט, עס איז געוועזען א גרויסער איר-טהום.—קענט איהר מיר לייהען אייניגע (a few) דאללער?—עס טהוט מיר זעהר לייד, איך האב ניט קיין איינציגען סענט בייא (about) מיר.—גיט מיר אן אנדער פעדער, דיזע וועט ניט שרייבען—איך האב אייך געגעבען דיא איינציגע פעדער, וואס איך האב געהאט.—ווער איז געוועזען דער יונגער מאן, וועלכער האט אייך יעצט עבען פערלאזען?—ער איז דער איין איינציגער זוהן פון א זעהר רייכען ענגלענדער.—ברייננג נאך א (another) פלאש פון דעם זעלביגען וויין.—איך וואלט אייך ניט געקענט ברייננגען, זאגאר (even), ווען איך וואלט וועלען; ווייל עס איז דיא איינציגע זארט, (וואס) איך האב אין קעלער.—געהט איהר אפט אין (דאס) טהעאטער?—ניין, איך געה יעצט זעהר זעלטען, ווייל איך בין ניט פרייא קיין איינציגען אבענד אין דער וואך, אויסער דינכטאג; דאס איז דער איינציגער אבענד, וועז איך וואלט קענען (I might) געהן, אבער דאן מוז איך געהן צו מיין פעטער.—ווארום האט איהר מיר ניט געוואלט געבען דיא אורזאך, פיר וואס איהר האט ניט גערעדט (for not speaking) מיט מיין פעטער'ס פריינד?—איך האב אייך ניט געוואלט זאגען דיא אורזאך, ווייל זיין פערוואנדטער איז געשטאנען הינטער אייך.—האט איהר געהאט אן אורזאך, פיר וואס איהר האט ניט געטאנצט (for not dancing) מיט דעם פראנצויז, ווען ער האט אייך געבעטען?—איך האב ניט

*To hand (האַנד). — דערלאַנגען.

To lead (ליד); led (לעד), led. — פיהרען, אויספּילען (אין קאָרטען); אָנגעשפּילט.

The relation (רילײישאָן). — דער פערוואַנדטער, דיא פערוואַנדטע.

Disengaged (דיסענגיידזשד) — פריי | Engaged (ענגיידזשד) — פערנומען

183. צום איבערזעצען.

אונזער גאָרטען איז צוויא הונדערט און פופציג פוס לאַנג: וויא לאַנג איז אייער מומע'ס? —איהרער איז בייגאַהע דאָפּעלט דיא לענג. —וויא, בייגאַהע זיבען הונדערט פוס? איז ער אויך דאָפּעלט דיא ברייט? —איי, איך ווייס ניט, וואָס פיר א ברייט אייער'ר איז. —ער איז צוויא הונדערט און צוואַנציג פוס ברייט. —ניין, דאַן איז מיין מומע'ס גאָרטען ניט גאַנץ דאָפּעלט דיא ברייט: דען ער איז נאָר דרייא הונדערט און זיבען און ניינציג פוס און דרייא פערטעל אין דער ברייט. —וואס פיר א הויך (אָד. וויא הויך) איז דיזער יונגער בוים? —ער איז ניין פוס הויך, דענק איך. —וועט ער וואַקסען העכער (any higher)? —אָ, געוויס, ווען ער איז אויסגעוואַקסען (full grown), וועט ער זיין דאָפּעלט דיא הויך. —אייער צימער איז זעהר נידריג: איז עס ניט זעהר אונאַנגענעהם צו וואוינען אין אַזאַ נידריגען צימער? —עס געפעלט מיר גאָר ניט, אבער וואָס קען איך טהאָן? —איך ווינש עס וואָלט געווען (it were) נאָך א מאָל אַזוי הויך; אבער איך האָב ניט געקענט געפינען קיין אנדער קוואַרטיר אין דיזער גאַס און איך מוז וואוינען אַזוי נאָהענט פון אונזער לאָדען וויא מעגליך. —וויא פיעל (what) דענקט איהר, קען דיזע פלאַטע האַלטען (=זיין) אין דער רונד? —וואָרום טראָגט איהר אַזאַ גראָבען שטאָק? ער מוז זיין זעהר שווער. איהר זאָלט (=מוזט) ניט אורטהיילען אויף זיין געוויכט פון זיין גרעב: איהר וואָלט אייך אַזוי פיעל געאירט, וויא איך (וואָלט), ווען איך וואָלט געאורטהיילט אויף אייער פערשטאַנד פון אייער גרויס.

184. צום איבערזעצען.

וויא גרויס (what size) דאַרף (=מוז) זיין דער טעפּיך פיר אייער זיצ צימער? (זיין, be, צולעצט) —איך האָב יעצט געמאָסטען דעם באָדען: ער דאַרף זיין זיבעצן פוס און דרייא פערטעל לאַנג און צוועלף פוס אַכט צאָל און א האַלב ברייט. —וויא פיעל איז דרייצעהן געפפלט אויף דרייצעהן? —הונדערט און ניין און זעכציג. —ספלט דאָס אויף דרייא און לענט-צו צווייא דריטעל צום בעטראַג: וויא פיעל וועט דאָס זיין? —עס איז אכט הונדערט פינף און פערציג —וואָס דאַרף (=מוז) איך טהאָן, צו וויסען, וויא פיעלע ענגלישע מיילען זיינען דאָ אין דרייא און צוואַנציג טויזענד דרייא הונדערט און זעקס און זעכציג ענגלישע איילען (yards) און צווייא דריטעל? —איהר דאַרפט זיא טהיילען אויף טויזענד זיבען הונדערט (=זיבעצן הונדערט) און זעכציג. —זיא זיינען צוועלף מייל און א דריטעל. —וויא פיעלע פוס, ענגלישעס מאָס, זיינען דאָ אין דרייצעהן איילען און דרייא פערטעל? —ספלט אויף דרייא: איין און פערציג פוס און א פערטעל. —וויא פיעלע קוואדראַט פוס זיינען (=מאַכען) א קוואַדראַט-אייל? —וואָס איז דאס קוואַדראַט-מאָס פון א צימער פינף און צוואַנציג פוס אויף אַכצעהן? —ספלט דיא לענג אויף דיא ברייט, זייא

By and by, באלד, נאכהער.

I shall be here by and by.	איך וועל באלד זיין היער.
Single (סינגל).	איינציג, איינצעלן; אונפערהייראטהעט.
A single gentleman.	אן אונפערהייראטהעטער הערר.
Is she single?	איז זיא אונפערהייראטהעט?
She is an only daughter and still single.	זיא איז אן איין=איינציגע טאכטער און נאך אונפערהייראטהעט.
Only (אָונלי).	איינציג, איין=איינציג.
This is the only bottle of wine that is left in the house.	דאס איז דיא איינציגע פלאש וויין, וואס איז נאך דא אין הויז.
There is not a single (.אָד not one) bottle of wine left in the cellar.	עס איז ניטא קיין איינציגע פלאש וויין מעהר אין קעלער.
The cellar (סעללאר).	דער קעלער.

Single, only, איינציג.

Single און only האבען ניט אימער גענוי דיא זעלביגע בעדייטונג. Single מיינט גע=וועהנליך איינציג פון מעהרערע זאכען, only מיינט איינציג, וואו עס זיינען ניט דא קיין מעהרערע זאכען; דיא גענויע איבערזעצונג פון only אין יודיש קען זיין איין=איינציג.

ביא דעם געברויך פון single און only דארף מען היטען דיא פאלגענדע רעגלען:

נאך א פערניינונג מיט דעם ווערטעל a (ד. ה. not a) קומט אימער single; צ. ב. I have not a single cent, איך האב ניט קיין איינציגען סענט; נאך א פערניינונג מיט דעם ווערטעל the (ד. ה. not the) קומט אימער only; צ. ב. this is not the only thing, דאס איז ניט דיא איינציגע זאך.

נאך דיא ווערטער this, that קומט אימער single; צ. ב. this single reason, דיזע איינציגע אורזאך; נאך דיא ווערטער my, your, his, our או. אז. וו. קומט אימער only; צ. ב. here is my only son, היער איז מיין איין=איינציגער זוהן.

They have an only child.	זייא האבען אן איין=איינציגעס קינד.
I give you this single reason.	איך גיב אייך דיזען איינציגען גרונד.
The reason (רִיזן).	דער גרונד, דער טעם, דיא אורזאך.
There is only a single bottle left.	עס איז נאר דא נאך אן איינציגע פלאש.
This is not the only bottle in the house; so, you must drink.	דיזע איז ניט דיא איינציגע פלאש אין הויז; אלזא, מוזט איהר טרינקען.
*To judge (דזשאדזש).	אורטהיילען, שליסען.
To judge by—.	אורטהיילען פון—, שליסען פון—.
To judge of—.	אורטהיילען אויף—, שליסען אויף—.
To judge of the writer by the writing.	פון דעם שרייבען אורטהיילען אויף דעם שרייבער.

The part (פּאַרט).	דער טהייל.
I do not believe a hundredth part of it.	איך גלויב ניט א הונדערטען טהייל דערפון.
Do you know the man that went past here just now?	קענט איהר דעם מאן, וועלכער איז יעצט עבען היער פאַרבייגעגאַנגען?
I know him only by sight.	איך ווייס (קען) איהם נאָר פון זעהן.
I know him by name.	איך קען איהם נאָך דעם נאָמען.
Will you tell me how late (.אָד what time) it is by your watch?	ווערט איהר מיר זאָגען, וויא שפּעט עס איז (וויא פיעל עס איז) אויף אייער אוהר?
One by one.	איינס נאָך דעם אנדערן, איינציגווייז.

By (באַי), דורך, פון, אויף, נאָך.

Hand me the pieces down (.אָד hand me down the pieces) one by one.	גיב (דערלאַנג) מיר דיא שטיקער הערונטער איינס נאָך דעם אנדערן (איינציגווייז).
Give me both of them.	גיב מיר זייא ביידע.
Give me them all three.	גיב זייא מיר אלע דרייא.
You ought to have won the game, for you had all the tens and queens, and two aces.	איהר האט געדאַרפט געווינען דאס שפּיעל, דען איהר האט געהאט אלע צעהנטלאך און קעניגינען, און צווייא טויז.
The queen (קווין).	דיא קעניגין (מלכה)
The king (קינג).	דער קעניג (מלך)
The ace (איים).	דיא טויז
The knave (נייוו).	דער אונטער

(אין קאָרטען).

The twos, the threes, the fours, the fives, the sixes, the sevens, the eights, the nines, the tens.	דיא צוויטלאך, דריטלאך, פערטלאך, פינפטלאך, זעקסטלאך, זיבעטלאך, אכטלאך, נײַנטלאך, צעהנטלאך. (אין קאָרטען).
Yes, but our adversaries had the four nines, the sevens and all the knaves.	יע, אבער אונזערע געגנער האבען געהאט דיא פיער ניינטלאך, דיא זיבעטלאך און אלע אונטערם.

ווען דיא צאָהלען בעצייכנען נעמען פון קאָרטען ערהאלטען זייא צו s פיר דיא מעהרצאָהל: four fives, פיער פינפטלאך.

The adversary (אַדוואַירסאַרי).	דער געגנער.
We have not won a single game.	מיר האָבען קיין איינציגעם שפּיעל (קאָן) געוואונען.
This is the only game we have won the whole (.אָד all the) evening.	דאס איז דאס איינציגע שפּיעל, וועלכעס מיר האָבען געוואונען דיזען אבענד.
Give me all the single sheets, the double ones I shall want by and by .אָד afterwards.	גיב מיר אלע איינציגע בויגענס, דיא דאָפּעלטע וועל איך ברויכען נאכהער.

Six feet by four feet.	זעקס פוס אויף פיער פוס.
Six feet by four feet six.	זעקס פוס אויף פיער פוס זעקס צאָהל.
Square (סקווע־ר).	גלייך, גראדע.
Sit square before the table when you are writing.	זיין גלייך פאר דעם טיש, ווען דוא שרייבסט.
Square (סקווע־ר).	קוויט; אויסגלייכען; זיך אָברעכענען.
Now we are square.	יעצט זיינען מיר קוויט.
We will square our accounts.	מיר וועלען אויסגלייכען אונזערע רעכנונגען.
I will be square with you some other day.	איך וועל זיין קוויט (איך וועל מיך אָברע־כענען) מיט אייך אן אנדער טאָג.
*To multiply (מאַל־טיפלאי).	דאָפּלען, כּפלען.
*To divide (דיוואיד).	טהיילען, צוטהיילען.
*To add (אֶד).	צוזאמענרעכנען, צוזאמענציהען; צולעגען.
*To subtract (סאָבטראָקט).	הערויסנעהמען.
To multiply by—.	כּפלען אויף—.
To divide by—.	טהיילען אויף—.
To add to—.	צולעגען צו—; צוזאמענרעכנען מיט—.
To subtract from—.	הערויסנעהמען פון—.
Multiply seventeen by three.	כּפל זיבעצן אויף דרייא.
Divide twenty by four.	צוטהייל צוואנציג אויף פיער.
Add a third and subtract the product from a hundred and twenty-five.	לעג צו א דריטעל און נעהם הערויס דעם בעטראַג פון הונדערט און פינף און צוואַנציג.
The product (פּראָ־דאָקט).	דער בעטראַג, דער סך הכל.
A third (טהאָירד), two thirds.	א דריטעל, צוויא דריטעל.
A quarter (קוואָר־טער), three quarters. A fourth (פאָורטה), three fourths.	א פערטעל, צוויא פערטלאך.
A fifth (פיפטה), two fifths.	א פינפטעל, צוויא פינפטלאך.
A sixth (סיקסטה), five sixths.	א זעקסטעל, פינף זעקסטלאך.
An eighth (אֵייטה), seven eights.	אן אכטעל, זיבען אכטלאך.
One twentieth (טווענ־טיעטה).	אֵיין צוואנציגסטעל.
Thirteen twentieths.	דרייצעהן צוואנציגסטלאך.

די טהייל־צאָהלען קריגען אין מעהרצאָהל אַן s: a ninth, א ניינטעל—ninths, ניינטעל־

What is the sixth part of eighty-four?	וואָס (וויא פיעל) איז דער זעקסטער טהייל פון פיער און אכציג?
Fourteen is the sixth part of eighty-four.	פערצעהן איז דער זעקסטער טהייל פון פיער און אכציג.

וויא פיעל איז דיא ברייט פון דעם? ד. ה. וויא פיעל האַלט דאָס אין דער ברייט?	What is the width of this?
דערטאַפּען, פּאַקען, כאַפּען; דערטאַפּט, געפּאַקט, געכאַפּט.	To overtake (אָו-ווערטייק); overtook (אָו-ווערטוק), overtaken (אָו-ווערטייקן).
דיא אייזענבאַהן.	The railway (רייל'וויי). The railroad (רייל'ראָוד).
דיא רעלסע.	The rail (רייל).
דאָפּעלט דיא לענג, ד. ה. דאָפּעלט אזוי לאַנג.	Double the length.
דאָפּעלט דיא גרויס, ד. ה. דאָפּעלט אזוי גרויס.	Double the size.
מיין שטאָק איז דאָפּעלט דיא גרעב פון אייערן.	My stick is double the thickness of yours.
מיין שטאָק איז דאָפּעלט (צווייא מאָל) אזוי דיק, וויא אייערער.	My stick is double as thick as yours.
דיזער געדרוקטער קארטון איז דאָפּעלט דיא ברייט פון יענעם.	This printed cotton is double the widtk of that.
דער קאַרטון, דער ציץ.	The cotton (קאָטן).
געדרוקט.	Printed (פּרינ'טעד).
דער פוס (צלם מאָב).	The foot (פוט).
דער צאָל.	The inch (אינטש).
דער קוואדראט, דער פיער-עק; אין קוואד-ראַט, אין פיער-עק.	The square (סקווער).
דער קוואדראַט-פוס.	The square-foot.
פינף פוס אין קוואדראַט.	Five feet (אָד. foot) square.
דיזעס צימער איז זיבעצן פוס זעקס צאָהל לאַנג (אין דער לענג) און פערצעהן פוס ברייט (אין דער ברייט).	This room is seventeen feet six inches long (in length) and fourteen broad (in breadth).

בייא מאַכען שטעהען אימער דיא אייגענשאַפטסווערטער long, wide, high, tall או. אז. וו. נאַכהער.

צוואַנציג פוס רונד הערום.	Twenty feet in circumference אָד. twenty feet round.
צוועלף פוס הויך אָד. אין דיא הויך.	Twelve feet high אָד. in height.
זיבען פוס הויך אָד. אין דיא הויך.	Seven feet wide אָד. in width.
דער ברונען איז פערציג פוס טיף אָד. אין דיא טיף.	The well is forty feet deep אָד. in depth.
דער ברונען.	The well (וועל).

איך היינט שרייבען אין (to) לאָנדאָן?—יע, איהר מוזט שרייבען, יעדענפאלס.—האט איהר געזאָגט, איך בין איך שולדיג געלד?—אויך קיין פאל; וויל איך האָב לאנג פער־געסען, דאס איך האב אייך געליהען וועלכעס.—ראטהעט איהר מיר צו קויפען דיזע ביכער?—פאָלגט מיין ראטה און קויפט ניט מעהר ביכער, אלס איהר האט צייט צו לעזען.—וואָס איז דאָס? וואָס מעהר מען נעהמט דערפון ווערט עס אלין גרעסער?—איי, דאס הייסט, וואָס מעהר מען לעגט צו צו דעם (put to it), ווערט עס אלין קלענער.

59th Lesson.—59סטע לעקציאָן.

I bought twenty ells of linen yesterday, and to-day I want double the quantity.	איך האב נעכטען געקויפט צוואַנציג איילען לייוועגד און היינט ברויך איך דאָפעלט.
Double (דאָבל).	דאָפעלט.
Double the quantity.	דאָפעלט, צווייא מאָל אזוי פיעל.
Deep (דיפ); the depth (דעפטה).	טיף; דיא טיף, דיא טיפקייט.
Long (לאָנג); the length (לענגטה).	לאנג; דיא לענג.
Strong(סטראָנג);the strength (סטרענגטה)	שטארק; דיא שטארקקייט.
Broad (בראָד); the breadth (ברעדטה). Wide (וואיד); the width (ווידטה).	ברייט; דיא ברייט.
High (האי); the height (האיט).	הויך; דיא הויך.
Round (ראונד); the circumference (סאָיר־קאָמפערענס)	רונד; דיא רונד (דיא מאָס הערום און הערום),
Thick (טהיק); the thickness (טהיקנעס).	דיק, גראָב; דיא דיק, דיא גרעב.
Distant (דיסטענט); Far (פאר); the distance.	וויט; דיא וויטקייט.
Heavy (העווי); the weight (וועיט).	שווער; דיא שווערקייט, דאָס געוויכט.
Large (לארדזש); the size (סאיז).	גרויס (אין מאָס); דיא גרויס (אין מאָס).
Tall; (טאָל); the size (סאיז).	גרויס (אין וואוקס); דיא גרויס (אין וואוקס).
Double the distance of—.	דאָפעלט דיא וויטקייט, ד. ה. נאָך א מאָל אזוי וויט, וויא—.
Twice as far as—.	צווייא מאָל אזוי וויט, וויא—.
As far again as—.	נאָך א מאָל אזוי וויט, וויא—.
What is that in circumference?	וויא פיעל איז דאָס אין דיא רונד? ד. ה. וויא פיעל האלט דאָס אין דער מאָס הערום און הערום?
How much is that round?	וויא פיעל רונד איז עס? ד. ה. וויא פיעל האלט עס אין דער רונד?

דינגען זייט איך ביליג.—האט איהר געטאנצט פיעל פארינע נאכט?—מען האט ניט געקענט טאנצען, עס זיינען דארטען געווען אזוי פיעלע לייטע (ערט צולעצט).

181. צום איבערזעצען

וויא פלייסיג איהר זייט! מען געפינט אייך אימער בייא (דער) ארבייט.—מיין טהייערער פריינד, מען קען זיין בייא (דער) ארבייט טאג און נאכט, און דאך שטארבען א בעטלער.—האט איהר נעכטען געזעהן דעם לופט-באלאן ארויפשטייגען?—יע, עס איז געווען שעהנעס וועטער, מען האט געקענט זעהן דעם לופט-באלאן פיר א שטונדע.—זייט מען, וואו ער איז הערונטערגעקומען?—מען האט מיר געזאגט ער איז הערונטערגעקומען אין (at) ב. אום אכט אוהר.—ווארום זייט איהר ניט געגאנגען אין טהעאטער פארינע נאכט?—מען האט מיך אבגערעדט פון געהן, וויל דאס שטיק איז ניט געווען אמוזאנט (אונטערהאלטענד, entertaining).—מען האט אייך ניט גוט געראטהען; איך בין (דארטען) געווען, איך האב מיך אונטערהאלטען (enjoyed myself) זעהר גוט.—ווען וועט מען שפיעלען דאס שטיק ווידער?—וואהרשיינליך נעכסטע וואך; מען ערווארטעט הערען דזשאהנסאן, וועלכער וועט שפיעלען דיא ראָלע פון דעם קעניג.—וועט איהר שיקען אייער זוהן אין פאריז דיזעס יאהר?—ניין, איך דענק ניט; מען האט מיר געראטהען צו ווארטען נאך א (another) יאהר.—האט אייער נעפע (פלעמעניק) בעקומען דיא שטעלע, וועלכע ער האט ערווארטעט?—ער האט זיא ניט בעקומען, און עס פרייט מיך זעהר: וויל מען האט איהם יעצט פערשפראכען אן אנדערע, וועלכע איז פיעל בעסער.—ווען קען מען רעדען מיט אייער פאטער?—אום צעהן אוהר וועט ער זיין צו הויז.—האט מען נאָרנישט געהערט פון דעם מאן, וועלכער איז אווענגעלאפען פארינע וואך?—מען האט נאך פון איהם ניט געהערט.—דארף מען ניט שיקען נאך דעם דאקטאר?—מען האט שוין געשיקט נאך דעם דאקטאר.—ווער איז הערויפגעגאנגען אויבען (up stairs) יעצט עבען?—איך האב קיינעם ניט געזעהן הערויפגעהן אויבען.—וואוינט איהר איין אדער צווייא טרעפ הויך?—איך וואוין איין טרעפ הויך; איך האב צווייא פארצימערן; אבער מיין ברודער וואוינט צווייא טרעפ הויך און האט זיין זיצ-צימער צום פארנט (to the front) און זיין שלאף-צימער פון הינטען.—איז אייער ברודער יעצט אויבען?—ניין, איך דענק, ער איז אונטען בייא מיין פאטער.

182. צום איבערזעצען.

וועט איהר מיט מיר הערויפגעהן אויפ'ן בארג מארגען אין דער פריה?—ווען וועט איהר געהן?—אום פיער א זייגער.—ווען וועט איהר ווידער הערונטערקומען?—אום האלב אכט.—ווען איהר געהט הערויף אויפ'ן בארג, וועל איך מיך אומדרעהען (turn round) אין מיין בעט, און ווען איהר קומט ווידער הערונטער, וועל איך פיעלייכט (probably) דענקען פון אויפשטעהן.—וואס איהר ווערט עלטער, ווערט איהר אלץ פוילער.—ווארום זייט איהר געקומען אזוי שפעט?—מיר קומען מיט'ן וואגען פון מ., און מיר האבען געזעלט אזוי לאנגזאם הערויף דעם טייך, דאס איך האב מורא געהאט (I was afraid) מיר וועלען (should) ניט אנקומען פאר צעהן א זייגער.—ווען איהר זעגעלט הערונטער דעם טייך, וועט איהר ניט האבען צו זיין אויף דעם וואסער אזוי לאנג.—דארף (must)

*To recommend (רעקאָממענד).	רעקאָמענדירען.
Very well indeed; the more I see of him, the better I like him.	זעהר גוט, ווירקליך; וואָס מעהר איך זעה פון איהם, געפעהלט ער מיר אלץ בעסער.
The longer you sleep, the lazier you become.	וואָס איהר שלאָפט לענגער, ווערט איהר אלץ פוילער.

The—the—, וואָס—אלץ—.

The smaller your wants, the greater your independence.	וואָס קלענער דיינע בעדירפניסע זיינען, איז אלץ גרעסער דיין אונאבהענגיגקייט.
The want (וואָנט).	דאָס בעדירפניס.
The independence (אינדיפענ׳דענס).	דיא אונאבהענגיגקייט, דיא זעלבסטשטענדינקייט.
*To threaten (טהרעטען).	דראָהען, סטראַשען.
The more you threaten me, the less I shall obey you.	וואָס מעהר איהר דראָהעט (סטראַשעט) מיר, וועל איך אייך אלץ ווייניגער געהאָרכען.
Disposed (דיספאָוזד).	געניינט, וויליג.

180. צום איבערזעצען.

וועז עסט איהר היער אבענד־ברויט (אָרט צולעצט)?—געוועהנליך אום האלב צעהן.—האט מען געכאַפּט דעם גנב?—ניין, און איך דענק מען וועט איהם אויך ניט כאַפּען (אויך, either צולעצט).—דאַרף מען ניט, ווען מען געפינט, דאָס מען האט זיך געאירט, פריי (freely) אנערקענען דעם (=זיין, one's) אירטהום?—מען איז ניט אימער געניינט (וויליג) צו אנערקענען פעהלערן (=זיינע פעהלערן, one's faults).—וואָס האט מען (בייא) אייך געבעטען פיר דיזע זאַקען?—מען האט געבעטען אָנדערטהאלבען דאָללער א פּאָאָר, אבער איך האב זייא געקריגען פיר זעבצעהן דאָללער און א האלב א דוצענד.—וואו קען איך היער קויפען א גוטען הוט? (אָרט צולעצט).—מען האט מיר געוויזען מאַנכע זעהר פיינע היט אין (at) דעם נייעם לאַדען אין דיוויזשאָן (Division) גאַס.—זייט איהר נעכטען געוועזען צו (at) מיטטאָג (dinner) בייא הערן פּאָרטער? (צייט צולעצט).—יא, איך בין געוועזען דאָרטען מיט מיין פאָטער און דיא צווייא אמעריקאנער.—ווען זייט איהר געגאנגען צו מיטטאָג?—מיר זיינען געגאנגען צו מיטטאָג אום א פערטעל אויף זעקס (=א פערטעל נאָך פינף).—זייט איהר געוועזען אויף (at) דעם קאָנצערט פאָריגען נאַכט?—איך בין געוועזען; אבער עס איז געוועזען אזוי פול (full), (דאָס) מען האט שוין צום האלב זיבען קוים געקענט קריגען א זיץ (שוין אום האלב זיבען צולעצט); איך האב געמוזט (=געוועזען געצוואונגען) שטעהן דעם גאנצען אבענד.—קענט איהר מיר זאָגען, וואו איך קען היער קריגען א גוטע קוואַרטיר?—עס זיינען דאָ צווייא צימערן צו פערדינגען דיא צווייטע טהיר, זיין איך דענק, מען וועט זיין צופרידען (glad) צו פער-

ווער איז אויבען?	Who is up stairs (.אָד above)?
איז אימעצער אונטען?	Is anybody down stairs (.אָד below)?
איז אייער פאָטער אויבען?	Is your father up stairs (.אָד above)?
ער איז עבען הערונטערגעקומען.	He is just come down stairs (.אָד come down).
מיר וואוינען צווייא טרעפּ הויך.	We live two pair of stairs high. We live up two pair of stairs.
דיא טרעפּ זיינען זעהר דונקעל.	The stairs are very dark. The staircase is very dark.
פאָדערן, ברויכען, נעטהיג האבען.	*To require (ריקוואַיר).
ראַטהען, געבען אַן עצה.	*To advise (אֶדוואַיז).
וואס ראַטה איהר מיר צו טהאָן?	What do you advise me to do?
אבּרעדען, אבּראַטהען.	*To dissuade (דיססווייד).
איך רעד (ראַטה) אייך אָב דערפון; געהט אויף קיין פאַל ניט.	I dissuade you from it; do not go by any means.

By all means (באַי אָ־ל מי־נז), יעדענפאַלס, אין יעדען פאַל.

By no means
Not by any means } **אויף קיין פאַל.**

געראַטהען ווערען.	To be advised.
איבערגערעדט ווערען.	To be persuaded.
אבגערעדט ווערען פון— (ד. ה. זיך לאָזען אברעדען פון—).	To be dissuaded from—.
ער וועט ניט געראַטהען ווערען (ד. ה. מען וועט איהם ניט ראַטהען).	He will not be advised.
לאָזט אייך ניט אָברעדען פון געהן.	Do not be dissuaded from going.
לאָזט אייך איבעררעדען.	Be persuaded.
דער ראַטה, דיא עצה.	The advice (אֶדוואַיס).
נעהמט (פאָלגט) מיין ראַטה!	Take (.אָד follow) my advice!
העלפען.	*To assist (אֶססיסט).
העלפט אַן אָרימען מאַן!	Assist a poor man!
העלפען.	*To help (העלפּ).
ווארום האט איהר איהם ניט געוואָלט העלפען?	Why would you not help him?
וויא געפעלט אייך דער יונגער מאַן, וועלכען איך האב אייך רעקאָמענדירט?	How are you pleased with the young man I recommended you?

דער לופט-באלאָן.	The balloon (בעללרן׳).
אויפשטייגען, הערויפשטייגען.	*To ascend (אַססענד׳).
אויפשטייגען, הערויפגעהן; אויפגעשטיגען, הערויפגעגאַנגען.	To go up; went up, gone up.
העראָבשטייגען.	*To descend (דיסענד׳).
הערונטערקומען; הערונטערקומען; העראָבגעשטיגען, הערונטערגעקומען.	To come down; came down, come down.

Up (אָפּ), אויף, הערויף; down (דאַון), הערונטער, העראָב.

ווארום געהט איהר ניט הערויף?	Why do you not go up?
קומט ער הערויף?	Does he come up? Is he coming up?
זאָגט איהם, ער זאָל הערונטערקומען.	Tell him to come down.
איך וועל גלייך הערונטערקומען.	I shall come down directly.
ביטע, געהט הערונטער.	Pray, come down.
מיר זיינען הערויפגעגאַנגען אויפ׳ן בארג.	We went up the hill.
מיר האבען הערונטערגעזעגעלט דעם טייך.	We sailed down the river.
ער האט געריטען הערויף דער גאַס.	He rode up the street.
דער בארג.	The hill (היל). The mountain (מאונ׳טיין).
דער טייך.	The river (רי׳ווער).
דיא טרעפּ, דיא שטיעגען.	The stairs (סטע־רז). The staircase (סטע־ר׳קיים). A pair of stairs.
זיא איז הערויפגעלאָפען אויף דיא טרעפּ.	She ran up stairs (אָד. up the stairs).
זעגלען, זיך שיפען.	*To sail (סייל).
זייא זיינען לאַנגזאם געגאַנגען הערויף בארג.	They walked slowly up the hill.
זייא האבען געזעגעלט זעהר לאַנגזאם הערויף דעם שטראָם.	They sailed very slowly up the stream.
דער שטראָם.	The stream (סטרי־ם).
קום גלייך הערונטער פון בוים!	Come directly down the tree!

ווען עס קומען פאָר אַזעלכע ווערטער, וויא slowly, directly, quickly, ווערדען דיא ווערטלאך up און down איבערגעשטעלט נאָך זייא, וויא עס איז צו זעהן פון דיא געגעבענע ביישפיעלען.

Below (בילאָו׳), אונטען; above (אַבאָוו׳), אויבען.

אויבען (אין הויז).	Up stairs; above.
אונטען (אין הויז).	Down stairs; below.

פייטען דאס מען מיט ווערען: מען ליעבט מיך=איך ווער געליעבט (I am loved) מען האסט דיך=דוא ווערסט געהאסט (you are hated); מען ערצעהלט איהם=איהם ווערט ערצעהלט (he is told) או. אז. וו.

ווען דאס ווארט one שטעהט פיר מען, ווערט דיא אנגעהעריגקייט בעצייכענט מיט one's און דאס ווארט זיך—מיט one's self; צ. ב. one does not like losing one's money, מען האט נים ליעב צו פערליערען (זיין) געלד; one does not like to hurt one's self, מען האט ניט גערן זיך צו שאדען; ווען מען ווערט אויסגעדריקט מיט we, קומט our, ourselves; ווען מען ווערט אויסגעדריקט מיט you, קומט your, yourselves או. אז. וו. we love our parents, מען האט ליעב (זיינע) עלטערן; we love ourselves, מען האט זיך ליעב או. אז. וו.—דיא ארדנונג איז אזוי:

נאך one קומט one's און one's self.
" we " our " ourselves.
" you " your " yourslves.
" they " their " themselves.
" people " their " themselves.
" a man " his " himself.

ווען מען ווערט אויסגעדריקט מיט דער ליידענדער ארט פון דיא האנדלונגסווערטער קומען אזעלכע ווערטלאך, וויא at, of, to, from, for או. אז. וו. אם ענדע פון זאץ; צ. ב.

Has he been heard of?	האט מען פון איהם געהערט?
She was looked at.	מען האט אויף זיא געקוקט.
Why was not the doctor sent for?	ווארום האט מען נים געשיקט נאך דעם דאקטאר?

אין מאנכע פעלע ביי א פראגע קענען דיא ווערטלאך אויך שטעהן אם אנפאנג זאץ;

Whom am I taken for? / For whom am I taken?	פיר ועמען האלט מען מיך?
The thief (טהיף), the thieves (טהיווס).	דער גנב, דיא גנבים.
To catch (קעטש); caught (קאט), caught.	כאפען, געכאפט.
*To acknowledge (אקנאלעדזש).	אנערקענען; בעקענען, מודה זיין.
I have to acknowledge the receipt of your letter.	איך האב צו אנערקענען דיא ערהאלטונג פון אייער בריף.
The receipt (ריסיט).	דיא ערהאלטונג, דער עמפפאנג, דיא קבלה.
The lodging (לאדזשינג).	דאס לאזשי, דיא וואוינונג, דיא קווארטיר.
Have you a good lodging?	האט איהר א גוטע קווארטיר?
My lodging is very dear.	מיין לאזשי (קווארטיר) איז זעהר טהייער.
I am looking for an other lodging.	איך זוך אן אנדער לאזשי.
The beggar (בעגאר).	דער בעטלער.
There is a beggar at the door.	עס איז דא א בעטלער ביי דער טהיר.
To die a beggar.	שטארבען א בעטלער.
You will die a rich man.	איהר וועט שטארבען א רייכער מאן.

One does not like to lose (.אָד losing) one's money, if one is ever so rich.	מען האט ניט ליעב צו פערליר̈ען קיין געלד, ווען מען זאָל וויא רייך זיין.
May we expect you?	קען מען אייך ערוואַרטען?
You have been waited for above an hour.	מיר האָבען אויף אייך געוואַרט איבער א שטונדע.
As is seen from his letter.	וויא מען זעהט פון זיין בריף.
A man loses all confidence in himself.	מען פערלירט דאס גאַנצע צוטרויען צו זיך אליין.
One does not like to hurt one's self, if one can help it. You do not like to hurt yourself if you can help it.	מען האט ניט גערן זיך זעלבסט צו שאַדען, ווען מען קען עס העלפען.
I will be obeyed.	מען וועט מיר געהאָרכען.
He will not be persuaded.	מען וועט איהם ניט איבעררעדען.
You will not be explained anything.	מען וועט אייך גאָרניש ערקלערען.
They shall not be asked anything.	מען זאָל זייא גאָרנישט פרעגען.

דער זין פון דעם יודישען וואָרט מען ווערט אין ענגליש אויסגעדריקט אויף פערשיע־דענע ארטען:

מען ווערט אויסגעדריקט דורך one, we, you, they, people, a man, a person, the world; צ. ב. מען זאָגט, one says; מען דענקט, people think או. אז. וו.

מען ווערט אויך אַ מאָל אויסגעדריקט דורך דיא ליידענדע אַרט פון האַנדלונגס־ווערטער (40סטע לעקציאָן); צ. ב. מען ליעבט מיך, I am loved; מען האט איהם געהאַסט, he was hated; מען ערצעהלט מיר, I am told.

מען ווערט מאַנכמאָל אויסגעדריקט דורך there is, there was, there will be, פאר דעם געגענווערטיגען מיטעלוואָרט פון האַנדלונגסווערטער; מען טאַנצט ניט, there is no dancing; מען האָט ניט געזונגען, there was no singing; מען וועט ניט לעזען, there will be no reading.

One, people, a man, a person (מעהרצאַהלנס one), ווערען געברויכט, ווען מען רעדט פון מענשען בכלל, ניט פון געוויסע גרופען פערזאָנען; נאָר אויך דאַן קען מען זיך אויסדרי־קען מיט we, you, they.

ווען עס ווערט געדייטעט אויף אַ געוויסע אבטהיילונג פון פערזאָנען, וויא אויף אַ געזעלשאַפט, אויף אַ פערזאַמלונג או. אז. וו., ווערען נאָר געברויכט we, you, they.

We ווערט אימער געברויכט, וואו מען דייטעט אויף דיא פערזאָן, וואָס רעדט; you — וואו מען דייטעט אויף דיא פערזאָן, וואָס הערט זיך צו; they — וואו מען האָט קיין בעציהונג (שייכות) ניט אויף דיא פערזאָן, וואָס רעדט, ניט אויף דיא פערזאָן, וואָס הערט זיך צו.

There is, there was, there will be ווערען געברויכט, וואו מען קען אין יודיש פער־בייטען דאָס מען מיט דיא ווערטער עס איז, עס איז געווען, עס וועט זיין; צ. ב. מען טאַנצט ניט = עס איז ניטאָ קיין טאַנצען (there is no dancing); מען האָט ניט געזונגען = עס איז ניט געווען קיין זינגען (there was no singing); מען וועט ניט שרייען = עס וועט ניט זיין קיין שרייען (there will be no crying) או. אז. וו.

דיא ליידענדע אַרט פון האַנדלונגסווערטער ווערט געברויכט, וואו מען קען אין יודיש פער־

עס געהען היער, וויא איבעראל, מעהר משוגעים איבער (about) דיא נאַסען, אַלס עס ווערען געהאלטען אין דיא הייזער: דיזער מאַן איז גאָר ניט אזוי פערריקט, וויא ער זעהט אויס; ער טהוט קיינעם ניט קיין שאָדען (harm), ער זאָגט נאָר יעדען דיא וואהרהייט. —האט איהר א זיידענעם פאָדים?—צו וואָס דאַרפט איהר איהם?—איך דאַרף איהם צו צו שטעכען (stitch) אַ סטיינגע (באַנד, ribbon) צו מיין הוט (דאַמענהוט).

58th Lesson.—58סטע לעקציאָן.

וואָרום ווינשט מען אימער צו זיין רייך?	Why does one always wish to be rich?
ווייל מיט געלד קען מען דיא מיט-מענשען טהאָן אזוי פיעל גוטעס.	Because with money one can do so much good to one's fellew (.אָד we can do so much good to our fellow men).
ווען מען איז צופרידען איז מען רייך.	If people are content, they are rich.
מען האט עס מיר געזאָגט.	I have been told so.
וואו האט מען עס אייך געזאָגט?	Where were you told so?
ווען וועט מען האָבען דאס פערגניגען אייך ווידער צו זעהן?	When shall we have the pleasure of seeing you again?
איז דאס דער לאַדען, וואו מען האט אייך געוויזען דיא געדרוקטע קאַרטונען?	Is this the shop where you were shewn the prints (.אָד printed cottons)?
מען איז געגאַנגען צום טיש אום פיער (אוהר).	We went to table at four. (ווען דיא שפּרעכענדע פּערזאָן איז געווען דערביי). They went to table at four. (ווען דיא שפּרעכענדע פּערזאָן איז ניט געווען דערבייא).
מען קען פון איהם גאָרנישט האָבען.	You can have (.אָד get) nothing of (.אָד from) him.
מען האט עס מיר געגעבען.	I had it given me.
וואָס וועט מען זאָגען וועגען דעם?	What will people say of it?
מען האט זיך קוים געקענט הערומדרעהען.	One scarcely could turn one's self.
מען קען ניט טאַנצען אויף דיזען באָדען.	There is no dancing on this floor.
וועט מען היינט אבענד בייא אייך שפּיעלען אין קאָרטען?	Will there be any card-playing at your house to-night?
מען האָט געזונגען און מען איז געוועזען לעבעדיג (פרעהליך).	They (.אָד we) sang and were merry.
לעבעדיג, פרעהליך.	Merry (מערי).
האט מען ניט געזונגען?	Did not they sing? Was there no singing? Had you no singing?
מען האט מיך לאַנג אָנגעקוקט.	I was long looked at.

איז געוועזן היער א פרויענצימער, וועלכע האט פערלאנגט (wished) צו רעדען מיט אייך; זיא האט געזאָגט זיא וועט (would) קומען ווידער דיזען נאָכמיטטאָג.

178. צום איבערזעצען.

ווארום איז געוועזן אייער ברודער היער דרייא מאָל היינט פאָרמיטטאָג?—אַיי, ער איז אין א גרויסער פערלעגענהייט (=ער איז זעהר פיעל אין פערלעגענהייט, he is very much at a loss) וועגען (for) הונדערט דאָללער, וועלכע ער האט פערשפּראָכען צו לייהען זיין פריינד.—וויא קען דער לייכטזיניגער יונגער מאַן פערשפּרעכען צו לייהען, וואָס ער האט אליין ניט?—ער האט גערעכענט (=ערוואַרטעט) מיין פאָטער וועט (would) היער זיין דיזען פאָרמיטטאָג, און ער וועט היער ניט זיין ביז איבערמאָרגען.—נוא (well), זאָג איהם, איך וועל איהם געבען דאָס געלד.—וויא גוט איהר זייט!—עס איז גאָר ניט גוט פיר גוטע לייטע, דאס זייא קענען ניט זאָגען „ניין". ווען א פאָטער זעהט, דאס זיין זוהן האט א צו פריינדליכעס הערץ, דאַרף ער (he ought to) איהם לאָזען זאָגען (make him say) „ניין" פיר א שטונדע יעדען טאָג.—און ניט א מוטער איהר טאָכטער אויך?—יע, געוויס; יעדע מוטער דאַרף לאָזען יעדע פון איהרע טעכטער זאָגען עס צווייא מאָל א טאָג פיר אַנדערטהאַלבען שטונדען יעדעס מאָל.—איז אייער פלעמעניק שוין צוריקגעקומען (returned) פון זיין רייזע, מאדאם?—ניין, ער וועט היער ניט זיין ביז נעכסטען מאָנאט.—האט ער געענדיגט זיין געשעפט?—נאָך ניט אין גאַנצען (quite), אבער בּיינאַהע (עס ענדע קומט צוגעשטעלט דאָס ווערטעל so); ער פערבלייבט א וואָך אדער פערצעהן טאָג בייא זיין פעטער אין טשיקאַגאָ.—ער האט רעכט (=ער איז גערעכט); ער פערבינדט דאָס אַנגענעהמע מיט דעם ניצליכען.—יע, ווירקליך, עס קומט פאָר (=עס טרעפט, there happens) געוויס אונאַנגענעהמעס (of the disagreeable) אין געשעפט, אבער מיין פלעמעניק נעהמט עס וויא עס געהט (=קומט) דאס אַנגענעהמע וויא (=און) דאס אונאַנגענעהמע.—איז דאָ עפּעס נייעס (new)?—איך האב ניט געהערט קיין (=גאָרנישט) גוטעס.—וואָס איז עס?—דער קויפמאַן קען ניט בעצאהלען וואָס ער איז שולדיג.—איז דאס אייערע נייעס?—יע, ער זאָגט עס איז אונמעגליך; און עס וואָלט זיין (א) דומהייט (folly) צו פאָדערן אונמעגליכעס (the impossible).—האט איהר עפּעס פערלאָרען?—עפּעס זעהר קאָסטבאַרעס; קאָסטבארער (=טהייערער) אלס אלע קאָכטבאַרקייטען אויף (in) דיזער וועלט.—וואָס איז עס?—מיין צייט; דער אַלטער פון דער נעכסטער טהיר איז געוועזן היער א שטונדע לאַנג און געפּלוידערט (=פּלוידערנדיג, talking).—וועגען וואָס?—וועגען גאָרנישט.

179. צום איבערזעצען.

ווארום נעהמט יענער מאַן צו רעדען (=צוגעהן רעדען, to address) צו יעדען איין נאָס?—ער האט יעדען עפּעס צו זאָגען.—ער איז פערריקט; ער זאָגט יעדען איינעמען ער בעגעגנעט, דאס ער קען איהם שוין א לאַנגע צייט, דאס ער איז זעהר אַיימעל, און דאס עס איז אונזיכסט צו פערזוכען צו בעהאַלטען עס; און דאָס ער געפעהלט איהם גאָר ניט.—זאָגט ער אזוי צו יעדען איינעם?—יע, און ער איז אויך ניט אזוי אונגעשעדט.—געהען אלזא היער אום (ארומגעהן, to walk about) דיא משוגעים אין דיא נאַכטען?—

זיינען איינגעטהיילט אין אבטהיילונגען, פון וועלכע יעדע (each of which) **האט איהר** איינענעם קאלאר, און אלעס, וואס דיא בלינדע האבען צו קענען (to know) איז אנצו-טאפען (to feel) יעדע אבטהיילונג.—ווארום רעדט דיזער מאן אזוי הויך?—דער, צו וועמען **ער רעדט, איז טויב.**—איז ער געבארען געווארען טויב?—ניין; ווארום (for), ווען ער וואלט געווען (if he were) געבארען טויב, וואלט געווען אומזיסט (=פון קיין נוצען) צו רעדען הויך צו איהם. א פערזאן, וועלכע איז געבארען טויב, קען לערנען צו פערשטעהן, אבער ניט צו הערען; דעריבער בלייבען יענע, וועלכע קומען אויף (in) דיזע וועלט טויב, אויך שטום (בלייבען קומט פאר אויך שטום). אין דיא שולען פיר דיא טויבע און שטומע לערנען זייא אויך צו רעדען דאס הייסט (that is), נאכצומאכען דיא בעוועגונגען פון דיא ליפען און פון דער צונג, און הערויסצוגעבען קלאנגע (sounds); אבער דיזע אונ-גליקליכע הערען ניט זיך אליין ניט אנדערע. א שטומע פערזאן קען (may) הערען, אבער א טויבער קען געוויס זיך קיינמאל ניט לערנען זינגען.—איך האב ניט לאנג (lately) געזעהן א שטומע רעדענדיג מיט איהרע פינגער.—יע, דיא שטומע לערנען זיך אויך צו מאכען געוויסע צייכענס מיט זייערע פינגער, דיא פינגער-שפראך (=דיא שפראך פון דיא פינגער

177. צום איבערזעצען.

איך קען נאָך ניט זאָגען, איך געה, ווען מיין ברודער געהט.	I cannot tell yet; I shall go, if my brother does.
איך געה ניט, ווען מיין ברודער געהט ניט.	I shall not go, if my brother does not.

Youth (יוטה)	דיא יוגענד	The stage (סטיידזש)	דיא ביהנע
The duty (דיוטי)	דיא פליכט	The curtain (קאָירטיין)	דער פאָרהאנג
The end (ענד)	דאס ענדע	The act (אֶקט)	דער אַקט
The journey (דזשאָירני)	דיא רייזע	The treasure (טרעזשור)	דער שאַץ

שפּיעלען (אין אַ טהעאַטער). *To perform (פּערפאָרם). *To act (אֶקט).

*To allow (עללאו)	געבען (גערהצלט)	*To destroy (דיסטראָי)	פערדארבען

הערונטערפאלען, זיך הערונטערלאָזען (פון אַ פאָר־האַנג). *To drop (דראָפּ).

163. צום איבערזעצען.

וויא האט איהר נעכטען פערבראַכט אייער צייט?—בין עלף אַ זייגער פאָרמיטטאָג זיינען מיר געוועזען אויף דעם לאנד; אום אַ פערטעל צו צוועלף זיינען מיר געקומען אין (in) שטאָדט און געגעסען מיטטאָג ביי מיין פעטער.— וואָס ווערט איהר היינט טהאָן?—איך וועל היינט טהאָן גאָרניכט.— וואָס האט איהר געטהאָן נעכטען און איירענעכטען?—נעכטען און איירענעכטען בין איך אויך געוועזען זעהר פויל (idle).—עס טהוט מיר זעהר לייד צו הערען איך זאָגען עס (so).— אַ מענש מוז קיינמאָל זיין פויל; ער מוז זיך אימער בעשעפטיגען מיט עטוואָס ניטליכעס.—אבער ווען איינער האט גאָרנישט צו טהאָן?—דער, וועלכער (he who) האט געלערנט עטוואָס, דאַרף עס קיינמאָל זאָגען (עס, so, צו'זאָגען); לעז, דוא האָסט ביכער גענוג.—איך האב ניט ליעב אימער צו לעזען

דאָס מוסטער.	The pattern (פּאַט׳טערן).
איך גלויב, זיא וועט גערנער האָבען דאָס קלענערע.	I dare say she will prefer the smaller one.
איך גלויב, איך רעכען; וואהרשיינליך.	I dare say.
האָט איהר גערנער טהעע אלס קאַפע?	Do you prefer tea to coffee?
האָבען גערנער אלס—.	To prefer to—.
איך האָב גערנער קאַפע אלס טהעע.	I prefer coffee to tea.
האָט איהר גערנער צו לעזען ענגליש אלס פראנצויזיש?	Do you prefer reading English to French?
טהאָן גערנער איין זאַך אלס אַן אנדערע.	To prefer doing one thing to another.
איך האָב גערנער צו געהן אלס צו זיצען.	I prefer walking to sitting.
וואָס האָט איהר גערנער אַ טרויער-שפּיעל אָדער אַ לוסט-שפּיעל?	Which do you prefer a tragedy or a comedy?
דיא טראַגעדיע, דאָס טרויער-שפּיעל.	The tragedy (טראַ׳דזשידי).
דיא קאָמעדיע, דאָס לוסט-שפּיעל.	The comedy (קאָ׳מידי).
דאָס לוסט-שטיק.	The farce (פאַרס).
איך האָב ליעבער אַ טרויער-שפּיעל אלס אַ לוסט-שפּיעל.	I prefer a tragedy to a comedy.
וועל איך געפינען אייער ברודער צו הויז אום פיער אַ זייגער היינט נאָכמיטטאָג?	Shall I find your brother at home at four o'clock this afternoon?
איך גלויב, איהר וועט.	I dare say you will.
איך וויל עבען (איך בין עבען אין בעגריף) צו איהם צו שרייבען.	I am just going to write to him. I am about to write to him now.
וועלען, זיין אין בעגריף צו—.	To be going to—. To be about to—.
האָט איהר בעצאָהלט דעם מאַן זיין געלד?	Have you paid the man his money?
איך וועל עס איהם עבען שיקען.	I am just going to send it him.
געהט איהר אין טהעאַטער היינט ביי נאַכט?	Are you going to the theatre to-night?
איך געה ניט, אבער מיין שוועסטער געהט.	I am not going, but my sister is. I do not go, but my sister does.
וועלכער (ווער) פון אייך קען דעם יונגען שפּאַניער, וועלכער איז נעכטען געוועזען היער?	Which of you knows the young Spaniard that was here yesterday?
מיין ברודער ווילהעלם קען איהם.	My brother William does.

דאָס האַנדלונגסצייטוואָרט to do ווערט אָפט געברויכט אנשטאָט צו ווידערהאָלען אַ האַנדלונגסוואָרט פון דעם פריהערדיגען טהייל פון אַ זאַץ אָדער אין אַן ענטפער אויף אַ פראַגע.

רעדט איהר איטאַליעניש?	Do you speak Italian?

54th Lesson.—54סטע לעקציאָן.

Nature (ניי'טשור).	דיא נאַטור.
Silence (סאי'לענס).	דאָס שווייגען; דיא שטילקייט.
The happiness (האֶפּ'פּינעס).	דאס גליק; דיא גליקזעליגקייט, דיא פרייד.
The health (העלטה).	דיא געזונדהייט.
The illness (איללנעס). The sicknes (סיק'נעס).	דיא קראַנקהייט.
Happy (האֶפּ'פּי)—Happily.	גליקליך, פערגניגט, ערפרייט.
Necessary (נע'סעססאֶרי)—Necessarily.	נויטהווענדיג.
The piece (פּיס).	דאָס שטיק, דאס טהעאַטער־שטיק.
The play (פּליי).	דאָס שוי־שפּיעל.
An actor (אֶק'טאָר). A performer (פּערפאָר'מער).	אַן אקטיאָר, אַ שוי־שפּיעלער.
An actress (אֶקט'רעס).	אַן אקטריסע.
Comic (קאָ'מיק).	קאָמיש.
A comic actor.	אַ קאָמישער אקטיאָר, אַ קאָמיקער.
A tragedian (טראֶדזשי'דיען).	אַ טרויער־שפּיעלער, אַ טראַגיקער.
The pit (פּיט).	דאָס פּאַרטערר, דער אונטער־רוים (דער ערד־פּלאַץ פון אַ טרעאַטער).
The box (באָקס).	דיא לאָזשע.
The part (פּאַרט). The character (קאֶ'ראֶקטער).	דיא ראָלע.
*To supply (סאָפּפּלאַי).	ערזעצען; בעזעצען; פערזעהן, פערזאָרגען; ליפערן; פערשאַפען.
To supply by—.	ערזעצען דורך—; בעזעצען (אַ שטעלע).
To supply with—.	ליפערן; פערשאַפען; בערזעהן, פערזאָרגען.
Could not you supply his place by some one else?	האט איהר ניט געקענט בעזעצען זיין שטעלע דורך אימעצן אנדערס?
Who supplies you with books?	ווער פערזאָרגט אייך מיט ביכער?
Mr. Porter has hitherto supplied me with them.	הערר פּאָרטער האט מיך ביז יעצט פערזאָרגט דערמיט.

Hitherto (הידהערטו), ביז אהער, ביז יעצט.

*To prefer (פּריפאָיר).	האָבען גערנער, האָבען ליעבער.
Do you think your sister will prefer this pattern?	דענקט איהר, (דאָס) אייער שוועסטער וועט גערנער האָבען דיזעס מוסטער?

162. צום איבערזעצען

האָט איהר שוין אמאָל געזעהן אזא מעסער?—איך האב געזעהן פיעלע אזעלכע.—קען אייער קליינער זוהן שוין שרייבען אזא שעהנעם בריף?—ער האט געשריבען אזעלכע בריף שוין א האלב יאָהר צוריק.—איך וואָלט וועלען האָבען אזעלכעם פאפיער, ווי מיין שוועסטער האט געקויפט בייא (of) אייך נײַבײַען. האט איהר נאָך וועלכע (any more) דערפון?—איך האב ניט מעהר פון דער זעלביגער סאָרט; איך וועל אייך וויזען מאנכעס אנדערעס.—האט איהר געהאט פיעלע ערדבעערען (פאָזיעמקעס)?—מיר האבען געהאט אזוי פיעלע (such a great many), דאס מיר האבען זיין ניט געקענט אויפעסען (eat) אין גאנצען (all).—האט איהר שוין א מאָל געטרונקען אזא ווין?—ניין, אזעלכען האב איך נאָך קיינמאָל געטרונקען.—האט שוין אייער שניידער ווען געמאכט אזא ראָק?—ער זאָגט ער האט נאָך קיינמאָל געמאכט אזעלכען (=אזוי איינעם, such a one).—האט איהר געזעהן דיא קינדער פון דער פראנצויזישער דאמע, וועלכע איז נעכטען געוועזען בייא אונז?—יע, איך האב זייא געזעהן אייערנעכטען אין גאס; איך דענק איך האב נאָך קיינמאָל געזעהן אזעלכע שעהנע קינדער; דאס יונגסטע האט אזעלכע שעהנע גרויסע אויגען און אזעלכע שעהנע קליינע פיס!—ווער האט ווען געהערט אזוינס?—קיינער האט געהערט אזוינס.—וועט איהר בעהאלטען (keep) דיא אלע ביכער, וועלכע איך האב אייך נעכטען געשיקט?—איך קען נאָך ניט זאָגען, אויב איך וועל זייא אלע בעהאלטען, אבער דיא, וועלכע (such as) איך האב בעשטעלט, וועל איך געוויס בעהאלטען.—איז דאס ניט גראדע נאָך אזא (such another) פערד, וויא אייער שוואָגער האט געהאט פאָריגעס יאהר?—יע, עס איז גראדע נאָך אזא וויא זיינס.—ווער וואָלט טהאָן אזא זאך?—איך וואָלט ניט וועלען (like) טהאָן אזא זאך.—וואָס פיר א סאָרט הוט וואָלט איהר וועלען (wish) האָבען?—איך וואָלט וועלען האָבען גראדע נאָך אזעלכען, וויא מיין שוועסטערקינד האט געקויפט בייא אייך פאָריגע וואָך.—וועלכע פון דיא קינדער וועט איהר מאָרגען מיטנעהמען (=נעהמען מיט אייך) אויף דעם לאנד?—דיא, וועלכע זיינען גוט און פלייסיג, וועל איך מיטנעהמען (=נעהמען מיט מיר).—פיר וועמען האט איהר געקויפט דיזען הוט?—איך האב איהם געקויפט פיר מיין קליינעם פלעמעניק; געפעלט ער אייך?—ער איז זעהר שעהן; אבער צו וואָס אזא גרויסער הוט פיר אזא קליינעם יונגע?—וואו איז אהינגעקומען (what has become of) דער מאן, וועלכע, איך האב געזעהן בייא אייך אויף דעם לאנד פאָריגעס יאָהר?—ער האט זיך גאנץ צו גרונד געריכטעט לייהענדיג (by lending) זיין גאנצעס געלד דעם שפאניער.—האט ער עס איהם בעצאהלט צוריק?—ניין, און ער וועט עס ניט (nor ever will).—איז דיזעס פאפיער אזוי טהייער, וויא יענעס?—עס איז נאָך א מאָל אזוי טהייער.—וויא פיעלע בויגענס פאפיער זיינען דאָ אין א ליזער?—פיער און צוואנציג בויגענס זיינען א ליזער, און פיער און צוואנציג ליזערס זיינען א ריעז.—אלזאָ, זיינען צווייא הונדערט און פופציג ליזערס צוועלף ריעז און א האלב (זיינען קומט פאַר צוועלף ריעז).—איהר זייט גאנץ גערעכט.—און צווייא מאָל צווייא הונדערט און פופציג זיינען פינף הונדערט, און צווייא מאָל פינף הונדערט איז א טויזענד.—דאָ האָט איהר ווידער רעכט (ווידער, again, צוריק).

איך קאָפּיר עבען דעם לעצטען.—ווען וועט איהר זיין פֿערטיג?—אין א האלבע שטונדע וועל איך זיין גאנץ פֿערטיג.—זייט איהר געבליבען צו הויז געבטען דעם גאנצען טאָג (all yesterday)?—איך בין געבליבען צו הויז דעם גאנצען פֿארמיטטאג, אבער ניט דעם גאנצען נאָכמיטטאָג.—זייט איהר געגאנגען גאנץ אליין צו אייער מומען?—איך בין גע- גאנגען דעם גאנצען וועג אליין (by myself).—איז דיזער הונט גאנץ נייא?—ער איז ניט גאנץ נייא, ווייל איך האב איהם שוין (I have had it) א וואָך.—האט איהר געזאגט אייער פֿאָטער, דאס איך ווינש צו רעדען מיט איהם היינט אבענד?—איך האב גאנץ פֿערגע- סען צו זאָגען איהם.—קענט איהר מיר געבען (וועלכעס) פּאַפּיער?—וואָס האָבט דוא געטהאָן מיט דעם גאנצען פּאַפּיער, וועלכעס איך האב דיר געגעבען נעכטען?—איך האָב עס פֿערניצט אין גאנצען.—איז אייער הויז אזוי גרויס וויא אונזערס?—איך גלויב עס איז ניט גאנץ אזוי גרויס.—ווילסט דוא מיר ברייננען א האלבעס הונדערט ציגארען?—וויא פֿיעל דארף (=מוז) איך באצאהלען פֿיר זיא?—איך צאהל געוועהנליך צוויא דאָללער אַן א האלב דאָס האלבע הונדערט.

161. צום איבערזעצען.

וויא לאַנג זייט איהר שוין היער?—איך בין היער נאָר א האלבע שטונדע.—האט איהר געקויפֿט א גאנצע דוצענד זאָקען? (דוצענד ביי זאָקען מיינט א דוצענד פּאָאָר פֿון עס ווערט איבערזעצט a dozen pair).—איך האב געקויפֿט א גאנצע דוצענד, אבער נאָר א האלבע דוצענד פֿיר מיך אליין, דיא אַנדערע האלבע דוצענד איז פֿיר א פֿריינד.—צו וועמען געהערט דיזער האלבער עפּעל?—ער געהערט צו אייער ברודער.—ווער האָט איהם דאָרטען געלעגט?—ער האט איהם אליין דאָרט געלעגט א האלבע שטונדע צוריק.—ווענט איהר בעהאלטען (keep) אלע דיזע האנדשוה?—וויא פֿיעלע זיינען דאָ?—עס זיינען דאָ אכט פּאָאָר.—יא, שיקט זיא מיר אלע.—וואָרום לאזט איהר מיך ווארטען אזוי לאַנג (do you keep me waiting)?—עס איז ניט לאַנג, דיא האלבע שטונדע איז נאָך ניט פֿארביי.—גלייבט איהר, וואָס דער מאַן האט איך געזאגט?—איך גלויב ניט א (one) העלפֿט פֿון וואָס ער זאָגט.—ווערט איהר נעהמען דאס גאנצע שטיק?—ניין, איך ברויך נאָר א (one) העלפֿט דערפֿון.—האט איהר פֿערקויפֿט אייער גאנצען וויין?—איך האב פֿערקויפֿט נאָר א העלפֿט דערפֿון; דיא אַנדערע העלפֿט וועלען מיר, איך האָף, פֿערקויפֿען מאָרגען.—ווענט איהר מיר געבען א האלבעס גלאז וויין, געפֿעליגסט?—נעהמט א גאנצעס (a whole one).—קענט איהר קומען צו מיר פֿיר א האלבע שטונדע היינט נאָכמיטטאָג?—היינט קען איך ניט (=וואָלט איך ניט געקענט, I could not) אוועג- געהן פֿיר א האלבע מינוט; אבער מאָרגען וועל איך בלייבען א האלבען טאָג ביי אייך, ווען איהר ווינשט עס.—וואָס זאָל איך טהאָן (what am I to do) מיט דיזען פּאַפּיער?—האלט דעם גאנצען בויגען פֿיר דיך זעלבסט, און גיב דיא צווייא האלבע בויגענס (צו) דיין ברודער.—קענט איהר מיר געבען עטוואָס פּאַפּיער?—איך האָב נאָר האלבע בויגענס.—ניט זייא מיר; צווייא העלפֿטען זיינען אזויא גוט וויא א גאנצער.—וועלכע פֿון דיזע צווייא העלפֿטען ווילט (will) איהר האבען?—איך קען איך נאָר געבען איינע.—אלזאָ (then) גיב מיר דיזע.

Such a thing, אזא זאך, אזוינס, אזוי עטוואס.

Such a one, אזא איינער.

My brother has bought such a fine horse!	מיין ברודער האט געקויפט אזא פיינעס פערד!
I never saw such a fine horse!	איך האב קיינמאל געזעהן אזא שעהנעס פערד!
We have now such a large house.	מיר האבען יעצט א זא גרויסעס הויז.
Why (אד. what for) so large a house for so small a family?	ווארום אזא גרויסעס הויז פיר אזא קליינע פאמיליע?

What for? Why?, ווארום? צו וואס?

Such as—, דיא, וואס—, דיא יעניגע, וועלכע—.

Such as we have seen till now, do not please us (אד. we do not like).	דיא יעניגע, וועלכע מיר האבען געזעהן ביז יעצט, געפעלען אונז ניט.
Such as wish to go with us, must say so now.	דיא, וואס ווילען געהן מיט אונז, מוזען עס יעצט זאגען.
Such as are large enough, I will keep.	דיא, וואס זיינען גרויס גענוג, וויל איך בעהאלטען.

*To ruin (רואין).	רואינירען, צושטערן, צו גרונד ריכטען.
A sheet (שיט).	א בויגען.
A quire (קוואיר).	א בוך, א ליוועך (24 בויגענס).
A ream (רים).	א ריעז (20 ליוועכס).
A sheet of paper.	א בויגען פאפיער.
A quire of paper.	א ליוועך פאפיער.
A ream of paper.	א ריעז פאפיער.

160. צום איבערזעצען.

האט איהר פערקויפט אייער גאנצע וואל?—מיר האבען זיא נאך ניט פערקויפט אין גאנצען (all).—וועט איהר היינט שיקען צוריק אלע דיזע ביכער?—איך וועל ניט שיקען (זייא) אלע צוריק; צווייא פון זייא וועל איך בעהאלטען.—איז אלעס וואהר, וואס (that) דער מאן האט געשריבען צו אייך?—איך גלויב עס איז אלעס גאנץ וואהר.—האט איהר אויסגעגעבען (אד. פערצעהרט) דאס גאנצע געלד?—איך האב גיט גאר אויסגעגעבען אין גאנצען, נאר איך האב אויך געבארגט וועלכעס בייא (of) מיין שוועסטערקינד.—האט איהר אלע געלערנט אייערע לעקציאנען?—איך האב געלערנט מיינע, אבער איך וויים ניט אויב דיא אלע אנדערע האבען געלערנט זייערע.—האט איהר געזאגט אלע יונגלאך, דאס זייא מוזען היער זיין אום צווייא א זייגער?—איך האב עס געזאגט זייא אלעמען (to all of them).—זאל (shall) איך זייא זאגען נאך א מאל (ווידער)?—יע, זאגט זייא נאך א מאל.—האט איהר געקאפירט (איבערגעשריבען) אלע בריף?—

Can you give me half a sheet of paper?	קענט איהר מיר געבען א האלבען בויגען פאפיער?

דאָס ווערטעל a (an) בייא half שטעהט געוועהנליך נאָכהער; the שטעהט געוועהנליך פאָרהער; a אָדער the שטעהט אימער פאָרהער, ווען half ווערט געברויכט אין דעם זין פון העלפט.

Half an apple.	א האלבער עפעל.
The half apple.	דער האלבער עפעל.
Half a dozen.	א האלבע דוצענד.
Half a hundred.	א האלבעס הונדערט.
The half hundred.	דאָס האלבע הונדערט.
Half an hour.	א האלבע שטונדע.
I will take half אָד. one half.	איך וויל נעהמען העלפט.
The halves (האווז).	דיא העלפטען.
The two halves.	דיא צווייא העלפטען.
The half hour is past (אָד. gone), we will wait no longer.	דיא האלבע שטונדע איז פאָריבער, מיר ווילען ניט לענגער ווארטען.
Half the town knows it.	דיא האלבע שטאָדט וויים עס
The half of an apple.	דיא העלפטע פון אן עפעל.
This half apple.	דיזער האלבער עפעל.

Such a (an), אזעלכער, אזוינער, אזא; such, אזעלכע, אזוינע (מ.).

I should like to have such a hat as my brother has bought of you.	איך וואלט וועלען האָבען אזא הוט, וויא מיין ברודער האט געקויפט בייא אייך.
Have you ever seen such a large dog?	האט איהר ווען געזעהן אזא גרויסען הונד?
If I could get such a horse, I should buy it at once.	ווען איך וואלט געקענט בעקומען אזא פערד, וואלט איך עס קויפען גלייך.
I know who has such a one; it is quite such another as this.	איך וויים ווער עס האט אזעלכעס; עס איז נאָך איינס עבען אזוי וויא דיזעס.
Have you ever before seen such glasses?	האט איהר שוין ווען געזעהן אזעלכע גלעזער?
No, such I have never seen before.	ניין, אזעלכע האָב איך נאָך קיינמאָל געזעהן.
I have seen many such.	איך האב געזעהן פיעלע אזעלכע.
She has such fine eyes.	זיא האט אזעלכע שעהנע אויגען.

Ever before? שוין א מאָל? שוין ווען?

Never before, נאָך קיינמאָל.

Have you ever before heard such a thing?	האט איהר שוין אזוינס געהערט?
Such a thing I have never heard before.	אזוינס האב איך נאָך קיינמאָל געהערט.

All (אָל), אל, אלע, אלעס, גאַנץ.

ווען עס דאַרף קומען בייא all דאָס ווערטעל the, שטעהט עס אימער נאָך איהם: all the houses, אלע הייזער, אל דיא הייזער; all the house, דאָס גאַנצע הויז.

The ווערט איבגעלאָזען נאָך all, ווען עס קומט פאַר אַ וואָרט צו בעצייכענען אַל; אָדער גאַנץ אין אַ גאַנץ פּרייטען זין: all America, גאַנץ אַמעריקאַ; at all times, צו אלע (צו יעדער) צייט.

All my money is gone.	מיין גאַנצעס געלד איז ניטאָ (אוועג).
Is this quite a new coat?	איז דאָס אַ גאַנץ נייער ראָק?
He has grown quite an old man.	ער איז געוואָרען אַ גאַנץ אלטער מאַן.

Quite (קוואיט), גאַנץ.

דאָס ווערטעל a (an) בייא quite שטעהט אימער נאָכהער.

It is quite a young horse.	עס איז אַ גאַנץ יונגעס פערד.
Is this quite true?	איז דאָס גאַנץ וואהר?
Will you be quite ready by six o'clock?	וועט איהר זיין גאַנץ פערטיג ביז זעקס אַ זייגער?
He was quite fatigued (אָד. tired).	ער איז געוועזען גאַנץ מיד.
Fatigued (פעטיגד), tired (טאירד).	ערמידעט, מיד.
Is it not quite surprising?	איז עס ניט גאַנץ ערשטוינענד?
It is cut quite through.	עס איז גאַנץ דורכגעשניטען.
He is quite able to do it.	ער איז גאַנץ בעהיג עס צו טהאָן.
He is quite the man I want.	ער איז גאַנץ (גראַדע) דער מאַן, וועלכען איך ברויך.
Able (אייבל).	פעהיג.
She is quite well.	זיא איז גאַנץ געזונד.

Quite ווערט אויך זעהר אָפט געברויכט אין דעם זין פון גאַנצער, גאַנצע, גאַנצעס און האָט דאַן נאָך זיך איבער דאָס ווערטעל a (an) אָדער the:

He is quite a אָד. the man of business.	ער איז אַ גאַנצער געשעפטסמאַן.
She has grown quite a woman.	זיא איז געוואָרען אַ גאַנצע ערוואַקסענע פרוי.
He is quite a gentleman.	ער איז אַ גאַנצער הערר.

Half (האַף), האלב, העלפט.

Have you drunk a whole bottle?	האָט איהר געטרונקען אַ גאַנצע פלאַש?
No, I have drunk only half a bottle.	ניין, איך האָב נאָר געטרונקען אַ האלבע פלאַש.
Do you occupy the whole house?	בעוואוינט איהר דאָס גאַנצע הויז?
*To occupy (אָקקיופאי).	פערנעהמען, בעוואוינען.
No, we have only half the house.	ניין, מיר האָבען נאָר דאָס האלבע הויז.

159. צום איבערזעצען.

וואס קאסטען (= וואס איז דער פרייז) פון דיזע זאקען?—זייא זיינען דריטהאלבען דאללער, מאדאם.—איז דאס ניט זעהר טהייער?—איך קען אייך ווייזען בילליגערע, און איך האב אויך מאנכע, וואס (that) קאסטען נאך א מאל אזוי פיעל (as much again).—האט איהר געשריבען מעהר בריף אלס איך?—איך האב געשריבען גראדע נאך א מאל אזוי פיעל.—וויא פיעל קען דיזער מאן פערדיענען א טאג?—ער פערדיענט ניט אזוי פיעל יעצט וויא פריהער. ער האט מיר געזאגט, דאס לעצטעס יאהר האט ער זעהר אפט פערדיענט נאך א מאל אזוי פיעל וויא יעצט (as he does now).—איז דיזער מאן אזוי רייך וויא יענער?—ער איז ווייניגסטענס נאך א מאל אזוי רייך; אבער ער איז זעהר שטאלץ אויף זיין רייכטהום.—וויא פיעל האט ער צו פערצעהרען א יאהר?—מיין שוואגער האט מיך פערזיכערט, דאס ער האט צו פערצעהרען פון הונדערט טויזענד ביז הונדערט און צוואנציג טויזענד דאללאר א יאהר (צו פערצעהרען, to spend, צולעבען).—איז עס ניט נאך א מאל אזוי ווייט פון מיין הויז ביז דער בערזע וויא (as) פון אייערן?—ניט גאנץ נאך א מאל אזוי ווייט, אונגעפעהר נאך האלב אזוי ווייט (נאך, again, [illegible]).—איז דיזעס בוך אזוי גוט וויא יענעס?—עס איז נאך א מאל אזוי גוט, אבער עס קאסטעט צווייא מאל אזוי פיעל; יענעס קאסטעט אכטהאלבען דאללער און דיזעס קאסטעט זיבצעהן.

53rd Lesson.—53סטע לעקציאן.

האט איהר יעצט אלעס, וואס איהר ברויכט?	Have you now all you want?
איך האב אלע ביכער, וועלכע איך דארף, אבער ניט דאס גאנצע געלד.	I have all the books I want, but not all the money.
האט איהר אויסגעניצט דאס גאנצע פאפיער?	Have you used up all the paper?
אויסניצען, פערניצען.	To use up.
גיט איהם ניט אלעס און מיר גארנישט.	Do not give him all and me nothing.
דאס גאנצע געלד איז אויסגעגעבען.	All the money is spent.
אלע געשעפטס בריף שרייבט ער אליין.	All business letters he writes himself.
זייט איהר געוועזען צו הויז דעם גאנצען טאג?	Were you at home all the day?
איך בין געוועזען צו הויז דעם גאנצען טאג.	I was home all the day.
זייט איהר געוועזען גאנץ אליין?	Were you all alone?
איך בין געוועזען גאנץ אליין.	I was all (.אד quite) alone.
עס איז גאנץ פארביי מיט איהם.	It is all over with him.
זייא זיינען אלע צו הויז.	They are all at home.
עס איז גאנץ דאס זעלביגע.	It is all the same.
איבער דער גאנצער גאס.	All along the street.

שטיק.—געהערען דיזע שטיקער צוזאמען?—יע (they do).—וויא לאנג זייט איהר שוין (=זייט איהר געוועזען) היער?—איך בין שוין היער דרייא וואכען.—ווען האט איהר אייך אומגעקעהרט צוריק פון האמבורג?—איך האב מיך אומגעקעהרט צוריק פאריגען דאנערסטאג אין דער פריה.—ווען האט איהר פערלאזען האמבורג?—איך האב פערלאזען האמבורג דאנערסטאג נאכמיטטאג.—וויא פיעלע טעג זייט איהר געוועזען אויף דעם וועג?—מיר זיינען געוועזען פינפטהאלבען טעג אויף דעם וועג.—זייט איהר געקומען אליין?—ניין, מיין עלטסטע שוועסטער און מיין יונגסטער ברודער זיינען געקומען מיט מיר.—וויא לאנג זייט איהר געוועזען אין ניו יארק?—איך בין געוועזען דארטען א יאהר און דרייא פערטעל.—זייט איהר געוועזען אין ניו יארק מעהר אלס איין מאל?—יע, אכט יאהר צוריק בין איך דארטען געוועזען א יאהר און א פערטעל (פאר דער צייט קומט דאס ווערטעל for).—פון וואס לעבען דיזע מענשען? זייא גיבען אויס זעהר פיעל (א סך) געלד.—זייא מיזען אויסגעבען פיעל; זייא זיינען זעהר רייך.—וויא פיעל האבען זייא צו פערצעהרען?—יעדערער פון דיא צווייא ברידער האט פון עלף ביז צוועלף טויזענד דאללער א יאהר.—ווינשט איהר ניט, דאס איהר זאלט האבען (=דאס איהר וואלט געהאט, that you had) אזוי פיעל?—ניין, איך וואלט זיין צופרידען מיט וועניגער.

158. צום איבערזעצען.

וואס איז דיזער מאן?—ער איז א אוהרמאכער פון פראפעסיאן.—איז ער א געשיקטער מענש?—ער איז דער געשיקטעסטער אוהרמאכער, וועלכען מיר האבען אין דיזער שטאדט (וועלכען ווערט אויסגעלאזען).—זיינען דא פיעלע אוהרמאכערס אין דיזער שטאדט?—זעהר פיעלע: עס איז דא איינער פאסט אין יעדער גאס.—וויא לאנג וואוינט איהר (=האט איהר געוואוינט) אין דיזען הויז?—איך וואוין נאך ניט גאנצע (quite) פופצעהן מאנאטען דערין.—וויא לאנג וואוינט אייער שוואגער אין זיין הויז?—ער וואוינט לענגער אלס איך אין מיינעם. ער וואוינט דערין א יאהר און דרייא פערטעל.—וויא לאנג איז געוועזען מיין זוהן בייא אייך נעכטען?—ער איז געוועזען בייא אונז פון א פערטעל צו זיבען ביז האלב עלף.—איז נאך אימעצער (=אימעצער אנדערס) געוועזען בייא אייך?—דער אלטער רוסע, דער יונגער דייטש, דער קליינער ענגלענדער און דער הויכער אמעריקאנער און מיין זוהנ'ס שוועסטער זיינען געוועזען בייא אונז.—זיינען זייא געבליבען לאנג?—זייא זיינען אוועקגעגאנגען באלד נאך דעם, (וויא) אייער זוהן איז אוועג; זייא זיינען געבליבען ביז א פערטעל צו עלף.—זעהט איהר אפט דעם קליינעם פראנצויזיעצט?—מיר זעהען איהם קוים ווען (קוים ווען, scarcely ever פאר זעהן).—וויא לאנג נאך (how much longer) וועט איהר בלייבען היער?—איך וועל בלייבען היער ביז נעכסטען דיענסטאג.—וויא ווייט איז עס פון היער ביז אייער לאנד־הויז?—איך גיה עס געוועהנליך איין (איינגעהן, to walk) אין א שטונדע און א פערטעל.—ביז וואנען (=וויא ווייט) האט איהר געלעזען אין דיזען בוך?—איך האב געלעזען ביז היער.—ביז וואנען האט איהר געררייזט מיט אייער שוואגער?—איך האב מיט איהם געררייזט ביז פאריז.—ווילט איהר מיט מיר געהן ביז דעם טהויער?—איך קען ניט געהן מיט אייך, איך וועל האבען צו שרייבען ביז זעקס א זייגער דיזען אבענד.—ווארום איז יאהאן נאך ניט געקומען צוריק?—ער קען נאך ניט זיין ווידער צוריק.

156. צום איבערזעצען.

יאָהאַן, וויא פיעל האסט דוא בעצאָהלט פיר דאס היי און שטרוי? — היי און שטרוי זיינען זעהר טהייער יעצט; איך האב געצאהלט פיער סענט א בינטעל פיר דאָס שטרוי און איין דאָללער און א פערטעל א הונדערט פונט פיר דאס היי. — וויא פיעל האט איהר געקויפט פון יעדען? — איך האב געקויפט הונדערט און פופציג בינטלאך שטרוי און טויזענד פונט (=צעהן הונדערט פונט געוויכט) היי. — האט איהר פערקויפט אייער ווייץ? — יא, איך האב איהם פערקויפט זעהר גוט — וויא פיעל האט איהר בעקומען דערפיר? — איך האב פערקויפט איין סאָרט אויף אכט דאָללער און א האלב און דיא אַנדערע אויף דרייצעהן דאָללער א דוצענד. — וויא פיעלע פלאַשען זיינען געוועזען דאָרטען? — עס זיינען געוועזען צוויא הונדערט און פופציג פלאַשען פון יעדער סאָרט. — פון וואָס לעבט דיזער מאַן? ער מאַכט (=טהוט) קיין געשעפט, דענק איך. — ער איז רייך גענוג; ער קען לעבען אָהן (צו) טהאָן וועלכעס געשעפט: ער לעבט פון (upon) זיינע איינקינפטע. — וויא פיעל האט ער א יאהר? — ער האט מיר געזאָגט ניט לאַנג (the other day), ער האָט (=האָט געהאט) יעצט צוויא טויזענד פינף הונדערט דאָללער א יאהר, אבער ער ערוואַרטעט (פערג. צ.=פ.) צו האָבען פון פינפטהאַלבען טויזענד ביז פינף טויזענד דאָללער א יאהר נאָך (on) דעם טויידט פון זיין מוממען, וועלכע איז (=איז געוועזען) זיבען און אכציג יאהר אלט און קען (=האט ניט געקענט) לעבען פיעל לענגער (דיא צייט=פאָרם פון דיא האנדלונגסווערטער פון דיא ווייטערדיגע טהיילען פון א זאץ מוזען שטימען מיט דער צייט=פאָרם פון דעם פאָרדער=טהייל פון זאץ און דעריבער קומען אין דיזען זאץ אלע האנדלונגסווערטער אין דער איינפאַכער פערגאַנגענער צייט=פאָרם). — איז אימעצער געוועזען אין מיין ציממער אלס איך בין געוועזען אוועג (=וועהרענד מיין אבוועזענהייט, during my absence)? — איך האב געפונען צוויא הערען וואַרטענדיג אויף (for) אייך; זייא האבען געוואַרט בייגאַהע א שטונדע. — וואָס האבען זייא פערלאַנגט? — איך ווייס ניט; זייא האבען מיר ניט געוואָלט זאָגען, און זיינען אוועגגעגאַנגען גלייך, ווען איך האב זייא געזאָגט (on my telling them), דאס איהר וועט ניט (=וואָלט ניט) קומען אהיים צוריק ביז אכט א זייגער אדער האלב ניין, דיזען אבענד. — וויא פיעל געהאלט האט אייער זוהן? — ער האט זיבען הונדערט און פופציג דאָללער א יאהר; אבער נעכסטעס יאהר וועט ער וואהרשיינליך (probably) האָבען טויזענד.

157. צום איבערזעצען.

האט איהר וועלכע גוטע לייווענד פיר העמדער? — איך האב וועלכע זעהר גוטע, מאדאם, אי אירלענדישע אי דייטשע. — וויא פיעל לייווענד וועל איך ברויכען פיר אַנדערטהאַלבען דוצענד העמדער? — איהר וועט פאָדערן זעקסטהאַלבען איילען פיר א העמד; דאס וועט זיין הונדערט און פינף און זעכציג איילען. — וועט איהר זיין אזוי גוט צו מעסטען דיזעס שטיק? — איהר מוסט נעהמען מעהר אלס איין שטיק. — דיזע צוויא שטיקער זיינען געוואָרען געמאָסטען היינט אין דער פריה; זייא ענטהאַלטען צוזאַממען הונדערט און זעקס און דרייסיג איילען און א האלב; אלזאָ (so) וועט איהר מוזען נעהמען (you will have to take) אכט און צוואַנציג איילען און א האלב מעהר פון דיזען

דרייא לעקציאָנען א וואָך.—האבען אייערע קינדער מעהר פראנצויזישע לעקציאָנען אלס ענגלישע א וואָך?—זייא האבען צווייא לעקציאָנען פון יעדע א וואָך.—ווען איהר געהן נאָך א מאָל צו אייער פעטער איידער ער רייזט אָב?—איך וועל געהן אהין (there) ווידער היינט פארנאכט.—ווארום שיקט איהר ניט מיין ברודער זיין איטאליענישעס בוך צוריק (back)?—איך וואָלט שוין עס האבען געשיקט איהם צוריק, ווען איך וואָלט ניט ווינשען עס צו לאָזען נאָך א מאָל.—ווייסט איהר ניט, אויב ער קען עס לאָזען (=שפּאַרען) פיר נאָך אייניגע טעג? (נאָך, longer, צולעצט)—איך דענק ניט, דאס ער קען עס לאָזען לענגער, ווייל מיין פּלעמעניק האט איהם שוין געבעטען ווענען דעם (for it) א פּאָאַר מאָל און ער האט פערשפּראָכען, דאס ער וועט (=זאָל) עס האבען היינט.—האט איך דער רוסע גענעבען דאס בוך?—ער האט עס מיר גענעבען זאָגלייך (at once), ווען איך האָב איהם געבעטען ווענען דעם.—ווארום האט ער עס געהאלטען אזוי לאנג?—ער זאָגט ער איז געוועזען צווייא מאָל אין מיין הויז מיר עס צו בריינגען און האט קיינעם געזעהן, ווען ער זאל דאָס קענען געבען (=ווען ער האט געקענט האָבען געגעבען עס).—ווארום מוז דיזער בריף איבערגעשריבען ווערען צווייא מאָל?—ווייל אייער ברודער נעהמט איין קאָפּיע מיט זיך (=מיט איהם) און דיא אנדערע דארף בלייבען (=איז צו בלייבען) היער.—וויא פיעל איז צווייא מאָל זעכצעהן און א האלב?—צווייא מאָל זעכצעהן און א האלב איז גראדע אזוי פיעל, וויא דרייא מאָל עלף.—און וויא פיעל איז פיער מאָל דרייא און דרייסיג?—פיער מאָל דרייא און דרייסיג איז הונדערט צווייא און דרייסיג.—דינען אלע וואארען אָבגעשיקט געוואָרען מיט א מאָל?—ניין, יאָהאן האט ניט געקענט נעהמען זייא אלע אויף א מאָל, ער האט געמוזט געהן צווייא מאָל.

155. צום איבערזעצען.

לעזט איהר אָפט ביכער מעהר אלס איין מאָל?—ווען זייא געפעלען מיר זעהר פיעל, לעז איך צווייא אדער דרייא מאָל.—וויא אָפט בעזוכט איהר אייער פעטער?—איך בעזוך איהם רעגעלמעסיג איין מאָל אדער צווייא מאָל א וואָך.—וויא אָפט געהט אייער שוועסטער צו איהר מומען?—זיא געהט איין מאָל אדער צווייא מאָל אין פערצעהן טאג (in a fortnight).—ווארום געהט זיא ניט עפטער?—ווייל מיין מומע וואוינט יעצט פיעל ווייטער פון אונז אלס זיא פלעגט וואוינען (אנשטאָט צו ווידערהאָלען דאָס וואָרט וואוינען קומט do).—געהט נאָך אייער פאָטער אין (to) לאָנדאָן יעדעס יאהר, וויא פריהער? (=וויא ער פלעגט טהאָן?)—ער געהט נאָך לאָנדאָן רעגעלמעסיג איין מאָל א יאהר.—איז ער שוין געוועזען אין לאָנדאָן דיזעס יאהר?—נאָך ניט.—וואָס צאָהלט איהר פיר אייערע ציגארען?—איך האב צווייא זאָרטען, פיר איינע האב איך בעצאָהלט פינף און דרייסיג און פיר דיא אנדערע פיער און פערציג דאָללער א טויזענד.—וואָס איז דער פּרייז פון אייערע?—איך קויף מיינע בייא דיא הונדערט.—זייא שיינען צו זיין זעהר גוט; וואָס קאָסטען זייא?—איך האב בעצאָהלט פיער דאָללער און א האלב א הונדערט פיר זייא.—וואָס האט איהר בעצאהלט פיר דיזע האנדשוה?—איך האב געקויפט צווייא פּאָאַר אויף (at) א דאָללער און א האלב יעדעס.—וואָס צאָהלט איהר פיר אייער צוקער?—איך צאהל פופצעהן סענט א פונט.—וויא פיעל צוקער ברויכט איהר א וואָך?—איך ברויך פון א פונט און א פערטעל ביז א פונט און א האלב א וואָך.

Go with me as far as the gate, and wait there till I come to you again.	געהט מיט מיר ביז דעם טהויער און ווארט דארטן ביז איך קום צו אייך ווידער.

How far, וויא ווייט? ביז וואוהין, ביז וואנען?

How far will you travel to-day?	ביז וואוהין ועט איהר היינט רייזען?
We shall go only as far as Philadelphia.	מיר וועלען נאר געהן (רייזען) ביז פילא־דעלפיא. מיר וועלען געהן ניט ווייטער אלס פילא־דעלפיא.
How far did you get with your work yesterday?	וויא ווייט זייט איהר נעכטען געקומען מיט אייער ארבייט?
He used to work from morning till night and scarcely earn one dollar a day.	ער פלעגט ארבייטען פון מארגען ביז נאכט און קוים פערדיענען איין דאללער א וואך.

Scercely (סקערסלי), hardly (הארדלי), קוים.

Scarcely אָד. hardly anything.	קוים עטוואס, פאסט גארנישט.
*To earn (איר).	פערדיענען.
As much again.	נאך א מאל אזוי פיעל.
As many again.	נאך א מאל אזוי פיעלע.
As good again.	נאך א מאל אזוי גוט.
As dear again.	נאך א מאל אזוי טהייער.
Half as much again.	נאך האלב אזוי פיעל.
Dearer by half.	מיט א העלפט טהייערער.
Twice as long.	צווייא מאל אזוי לאנג.
Three times as large.	דרייא מאל אזוי גרויס.
Twice, three times as much.	צווייא מאל, דרייא מאל אזוי פיעל.
What is he proud of?	אויף וואס איז ער שטאלץ?
He is proud of his riches.	ער איז שטאלץ אויף זיין רייכטהום.
Proud (פראוד).	שטאלץ.
Wealth (וועלטה), riches (ריטשיז).	רייכטהום, פערמעגען.
His wealth is immense. His riches are immense.	זיין רייכטהום איז אונערמעסליך (זעהר גרויס).

דאס ווארט riches ווערט נאר געברויכט אין דער מעהרצאהל און דעריבער קומט נאך איהם are, ניט is.

154. צום איבערזעצען.

וויא פיעל מאל האט איהר איבערגעשריבען דיזען בריף?—איך האב איהם איבער־געשריבען איין מאל.—וויא פיעלע ענגלישע לעקציאנען האט איהר א וואך?—איך האב

To spend (ספענד); spent (ספענט), spent.	פערצעהרען, אויסגעבען; פערצעהרט, אויסגעגעבען.
He has from four hundred to five hundred (אד. four or five hundred) dollars a year.	ער האט פון פיער ביז פינף הונדערט דאָללער א יאהר.
How much have you spent?	וויא פיעל האט איהר פערצעהרט?
He has a fortune of from twenty thousand to thirty thousand dollars.	ער האט א פערמעגען פון צוואנציג ביז דרייסיג טויזענד דאָללער.
The fortune (פאָר׳טשון).	דאָס פערמעגען.

ווען מען געברויכט דאָס וואָרט to (ביז) צווישען הונדערטער, טויזענדער און מיליאָנען, דארפען דיא הונדערטער, טויזענדער און דיא מיליאָנען ווידערהאָלט ווערען; צ. ב. פיר: צווייא ביז דרייא הונדערט זאָגט מען ניט two to three hundred, זאָנדערן: two hundred to three hundred (צוויי הונדערט ביז דרייא הונדערט). וואו מען געברויכט דאָס וואָרט or (אָדער) איז ניט נויטהיג צו ווידערהאָלען דיא קלענערע צאָהל; צ. ב. two or three hundred, five or six thousand או. צ. וו.

From four hundred to five hundred.	פון פיער ביז פינף הונדערט.
From one thousand to two thousand.	פון איינס ביז צווייא טויזענד.
From twenty-four thousand to twenty-five thousand.	פון פיער און צוואנציג ביז פינף און צוואנציג טויזענד.
Four or five hundred.	פיער אָדער פינף הונדערט.
One or two thousand.	איינס אדער צווייא טויזענד.
Twenty-four or twenty-five thousand.	פיער און צוואנציג אדער פינף און צוואנציג טויזענד.

From—to, פון—ביז (פון אָרט, געוויכט, מאָס און צאָהל).

From—till, פון—ביז (פון צייט).

From morning till night.	פון מאָרגען ביז נאכט.
From forenoon till afternoon.	פון פאָרמיטטאָג ביז נאָכמיטטאָג.

As far as, ביז (פון אָרט).

As far as בעדייטעט אייגענטליך: אזוי ווייט וויא. דיזער אויסדרוק ווערט געברויכט, ווען עס ווערט פריהער ניט געזאָגט פון וואַנען אָדער פון וועלכען פונקט.

As far as our house.	ביז אונזער הויז, ביז אונז.
I went with him as far as our uncle's.	איך בין מיט איהם געגאנגען ביז אונזער פעטער.
When you have copied the letter as far as here, tell me.	ווען איהר האט איבערגעשריבען דעם בריף ביז היער, זאָגט מיר.
Read as far as here (אד. as this).	לעזט ביז דאנען.
Read till I call you.	לעזט ביז איך רוף אייך.

דריטהאַלבען הונדערט (=צוויא הונדערט און פופציג) דאָללער.	Two hundred and fifty dollars.
פערטהאַלבען טויזענד (=דרייא טויזענד פינף הונדערט) דאָללער.	Three thousand five hundred dollars.
ער איז רייך אין אָנדערטהאַלבען מיללִיאָן (=אַ מיליאָן און אַ האַלב).	He is worth a million and a half.
ווערטה; רייך אין—.	Worth (וואָירטה).
זיין רייך אין—.	To be worth—.
דיזער העררּ איז רייך אין זעקסטהאַלבען טויזענד (=פינף טויזענד פינף הונ-דערט) דאָללער.	This gentleman is worth five thousand and five hundred dollars.
אָנדערטהאַלבען יאהר.	A year and a half.
אַ יאהר און אַ פערטעל.	A year and a quarter.
אַ יאהר און דרייא פערטעל.	A year and three qurters.
דאס פערטעל.	The quarter (קוואָרטער).
שלאָגט דיזע אוהר דיא פערטעל-שטונדען?	Does this clock strike the quarters?
דאָס פערטעל, דער פערטעל-טהייל.	The fourth (פאָורטה). The fourth part.
דער פערטעל-טהייל פון צוואַנציג.	The fourth part of twenty.
מיר האבען בעקומען דרייא פערטעל דער-פון און ער איינס.	We got three fourths of it, and he one.
וואס איז דער פרייז פון—? וויא פיעל קאָסט?	What is the price of—?
פון וואָס לעבט דער מאַן?	What does the man live upon?
ער לעבט פון—.	He lives upon—.
ער לעבט פון זיינע איינקינפטע (הכנסה).	He lives upon his income.
דיא איינקינפטע (דיא הכנסה).	The income (אינקאָם).
קען אַ מענש היער לעבען מיט צווייא טוי-זענד דאָללער אַ יאהר?	Can a man live here upon two thousand dollars a year?
לעבען פון ארבייט.	To live by labor.
לעבען פון—.	To live by—.
ער לעבט פון זיין געשעפט (אָד. פראָפעסיאָן).	He lives by his trade.
דיא ארבייט.	The labor (לייבאָר).
דאס געשעפט; דיא פראָפעסיאָן.	The trade (טרייד).
ער איז אַ סטאָליער פון פראָפעסיאָן.	He is a joiner by trade.
וויא פיעל האט ער צו פערצעהרען אַ יאהר?	How much has he to spend a year?

וואס צאָהלט איהר אַ הונדערט פיר אייערע ציגארען?	What do you pay a hundred for your cigars?
דיא ציגאר.	The cigar (סיגאר).
איך קויף זייא ניט הונדערט=ווייז, נאר טויזענד=ווייז.	I do not buy them by the hundred but by the thousand.
הונדערט=ווייז.	By the hundred.
טויזענד=ווייז.	By the thousand.
דוצענד=ווייז.	By the dozen.
פערקויפט איהר דיזעס זיגעל=לאק (טריס=וואקס) שטיק=ווייז אדער נאָך דעם געוויכט?	Do you sell this sealing-wax by the piece or by weight?
הונדערט דאללער דיא הונדערט פונט.	A hundred dollars a hundred-weight (אַר. Cwt.).
אכצעהן סענט אַן אייל.	Eighteen cents a yard.
פיער דאָלער און אַ האלב אַ דוצענד.	Four dollars and a half a dozen.
וואס איז דער פרייז פון (וואָס קאָסטען) דיזע זאָקען?	What is the price of these stockings?
פינף דאָלער אַ דוצענד (אין ענגליש: אַ דוצענד פּאָאָר).	Five dollars a dozen pair.
וויא פיעל האט איהר בעקומען פיר אייער צוקער?	How much have you got for your sugar?
איך האב איהם פערקויפט צו דרייסיג דאָללער פיר הונדערט פונט.	I have sold it at thirty dollars a hundred-weight.
הונדערט=ווייז, אויפ'ן הונדערט.	By the hundred.
דוצענד=ווייז, אויב'ן דוצענד.	By the dozen.
פונט=ווייז, אויפ'ן פונט.	By the pound.
אנדערטהאלבען דוצענד (=אַ דוצענד און אַ האלב).	A dozen and a half.
אנדערטהאלבען פונט (=אַ פונט און אַ האלב).	A pound and a half.
דריטהאלבען דוצענד (=צוויא דוצענד און אַ האלב).	Two dozen and a half.
פערטהאלבען איילען (=דרייא איילען און אַ האלב).	Three yards and a half.
אַ פונט און דרייא פערטעל.	A pound and three quarters.
זיבען איילען און אַ פערטעל.	Seven yards and a quarter.
אנדערטהאלבען טויזענד (=פופצעהן הונדערט).	Fifteen hundred.

Time (טאים). א מאָל.

Three times. דרייא מאָל.

Four times. פיער מאָל.

פון דרייא מאָל און ווערט מאָל אויסגעדריקט מיט דעם וואָרט times :—three times דרייא מאָל, four times פיער מאָל, five times פינף מאָל או. אז. וו.

Once more. / Once again. נאָך א מאָל, נאָך איין מאָל, ווידער.

At once, גלייך, אויף א מאָל.

Only once, but once, נאָר אַן איינציגעס מאָל.

I shall go there only once again, once more. איך וועל געהן אהין נאָר נאָך איין מאָל. אָד.

They all went away at once. זייא זיינען אַלע אַוועגגעגאַנגען אויף א מאָל.

If I tell you to do a thing, do it at once. ווען איך זאָג דיר צו טהאָן א זאַך (עפּעס צו טהאָן), טהוא עס גלייך.

He paid it me at once. ער האט עס מיר בעצאהלט גלייך.

Regular (רעגיולאָר)—Regularly. רעגעלמעסיג.

Three times a year. דרייא מאָל א יאהר.

Three times a month. דרייא מאָל א מאָנאַט.

Once a day. איין מאָל א טאָג.

Four times a day. פיער מאָל א טאָג.

Five times an hour. פינף מאָל א שטונדע.

Seven times a week. זיבען מאָל א וואָך.

His salary is seven hundred and fifty dollars a year. זיין געהאַלט איז זיבען הונדערט און פופציג דאָללאַר א יאהר.

The salary (סאַלאָרי). דער געהאַלט.

At what price have you bought the hay and straw? אויף וועלכען פּרייז האט איהר געקויפט דאָס היי און שטרוי?

The hay (היי) דאָס היי | The straw (סטראָ) דאָס שטרוי

I have paid two dollars and fifty cents a hundred-weight for the hay, and thirty cents a bundle for the straw. איך האב בעצאהלט צוויא דאָללער און א האלב פיר הונדערט פונט היי, און דרייסיג סענט פיר א בינטעל שטרוי.

The hundred-weight (האָנדרעד-וועיט). דאָס געוויכט פון הונדערט פונט.

Hundred-weight ווערט געשריבען אַבגעקירצט Cwt; wt שטעהט פיר weight, געוויכט, און c—פיר centum, הונדערט.

The bundle (באָנדל). דאָס בינטעל.

רענק איך; עס זיינען דאָ לעהרערס פון ביינאַרע אלע שפּראַכען, אבער איך ווייס ניט
פון קיינעם, וועלכער לערנט רוסיש.—ווען איז אייער פאָטער אָנגעקומען?—ער איז אָנ·
געקומען פאר א פּאָאַר שטונדען (=א שטונדע אָדער צווייא).—זיינען דאָ פיעלע יונג·
לאַך אין אייער שולע?—יע, עס זיינען דאָ ביינאַהע הונדערט.—לערנט איהר פיעל אין
(at) אייער שולע?—אזוי אָפט, וויא איהר זעהט מיך, שטעלט (=פרעגט) איהר מיר דיזע
פראַגע; איך בעט אייך (pray), שטעלט מיר ניט אזוי פיעלע פראגען.—ווער איז געוועזען
דער הערר, וועלכער האט גערעדט מיט אייך יעצט עבען?—ער איז א מאַן, וועלכען איך
האב געזעהן אין בערלין פאר א פּאָאַר וואָכען (=א וואָך אדער צווייא).—וואו האט
איהר געקויפט דיזע מעכערס און גאָפּלען?—איך האב זייא געקויפט בייא פּאָרטערן.—
פערקויפט ער בילינ?—איך קען ניט גראַדע (axactly) זאָגען, דאס ער פערקויפט בילינ,
אבער וואָס ער פערקויפט איז גוט. דאס ביליגסטע איז ניט גראַדע אימער דאס
בעסטע.—דאָ זייט איהר זיכער גערעכט; איך האב געהאט א פריינד, וועלכער פלעגט
זאָגען, (דאָס) ער איז ניט געוועזען רייך גענוג צו קויפען ביליגע זאַכען.—וויא געפעלט
אייך מיין פלעמעניצע, וועלכע איז אנגעקומען היער פאָריגען דיענסטאג?—איך האב
נאָך ניט געהאַט דאס פערגניגען צו רעדען (of speaking) מיט איהר. זיא איז זעהר
שעהן.—יע, און אזוי גוט, און אזוי געשיקט (clever), וויא זיא איז שעהן.—זיא שיינט צו
זיין זעהר יונג.—זיא איז געוועזען זיבצעהן פאָריגע דאָנערסטאָג.—אלזאָ (then) איז זיא
גראַדע אזוי אלט, וויא מיין שאַרלאָטע.—לערנט איהר אייך שווימען?—איך האב גע·
נומען א פּאָאַר לעקציאָנען (=א לעקציאָן אדער צווייא).—האט איהר קיין פערטרויען צו
דיזען מאַן?—איך קען קיין פערטרויען זעצען (place) אין איהם, ווייל ער האט אימער
געבראָכען זיין וואָרט, ווען ער האט מיר עפּעס פערשפּראָכען.

52nd Lesson.—52סטע לעקציאָן.

How often do you go to the play?	וויא אָפט געהט איהר אין טהעאַטער?
Now (.אָד at present) I go at most once or twice a month.	יעצט געה איך העכסטענס איין מאָל אדער צווייא מאָל א מאָנאַט.
Did you formerly use to go oftener?	פלעגט איהר פריהער געהן אָפטער?
O yes, till (.אָד until) about a year ago, I used to go regularly three times a week.	אָ יע, ביז אונגעפעהר א יאהר צוריק, פלעג איך געהן רעגעלמעסיג דרייא מאָל א וואָך.
How many times?	וויא פיעל מאָל?
Three times.	דרייא מאָל.

At most (אָט מאָוסט), מעהרסטענס, העכסטענס.

Once (וואָנס), א מאל, איין מאָל.

Twice (טוואַיס), צווייא מאָל.

קומט ניט צו מיר, איך געה צו איהם (=צו זיין הויז).—וועלכע טעג?—דיענסטאָג, דאָנערסטאָג און שבת.—געהט איהר פאָרמיטטאָג אדער נאָכמיטטאָג?—צוויא שטונדען יעדען פאָרמיטטאָג, פון האַלב צעהן ביז (to) האַלב צוועלף.

152. צום איבערזעצען.

וויא האַט איהר געבליבען פערבראַכט דעם טאָג? (פערברענגען, to spend).—איך בין אויפגעשטאַנען זעהר שפעט. אום (at) האַלב צעהן, מיך אָנגעטהאָן זעהר לאַנגזאם, געפריהשטיקט אום עלף: דאַן האב איך געמאַכט איניגע בעזוכען און בין געגאַנגען עסען מיטטאָג צו מיין אלטער מומען.—וואָס מאַכט דיא אלטע דאַמע?—זעהר וואָהל, איך דאַנק אייך: זיא האַט מיך אויפגענומען (אויפנעהמען, to receive) זעהר פריינדליך; מיר האבען געהאַט א פארטרעפליכען (excellent) מיטטאָג און א גוטעס גלאָז וויין—אזוי, האט איהר ניט געהאַט זיך צו בעקלאָגען אויף דעם מיטטאָגעסען.—ניין, געוויס ניט.—איז געוועזען וועלכע געזעלשאַפט אין אייער מומע׳ס גאַרטען?—יע, עס זיינען געוועזען פיעלע לייטע דאָרטען.—ווער איז געוועזען דאָרטען?—עס זיינען געוועזען מיין שוועסטערקינד פון פאַריז, מיינע שוועסטערקינדער רבקה און לאה, מיינע צוויא ברידער יצחק און יעקב, דער יונגער אמעריקאנער, וועלכען איהר האט געזעהן בייא אונז (=אין אונזער הויז) א טאָג אדער צוויא צוריק, און זיבען אַנדערע (more) דאַמען און העררען, וועלכע איהר קענט ניט.—וואָס האָט איהר געטהאָן?—מיר האבען געשפיעלט אין קאָרטען, און צוויא פון דיא הערען האבען געשפיעלט אין ביליארד.—ווען זייט איהר געגאַנגען אהיים?—אום (at) א פערטעל צו אַכט: עס איז געוועזען זעהר א שעהנער אבענד.—איבער וואָס האט איהר גערעדט מיט אייערע שעהנע קוזינעס?—איהרווילט (=ווינשט) וויסען, צי מיר האבען ניט גערעדט וועגען אייך? יע מיר האבען גערעדט וועגען אייך.—האָט איהר גערעדט איבער דעם קלאַנג וועגען מיר? ווען יע (if you did), האָף איך, (דאכ) איהר האָט זייא פערזיכערט, דאס עס איז ניט דאָ א וואָרט וואהרהייט דערין.—אזוי האב איך געטהאָן, איהר קענט אייך פערלאָזען דערויף.—וויא פיעלע הייזער, רעכנט איהר, זיינען דאָ אין דיזער גאס?—איך קען ווירקליך ניט זאָגען (ווירקליך פאר קען); איך דענק פון הונדערט ביז הונדערט און צוואַנציג.—איז דאָ עפּעס נייעס דיזען מאָרגען?—עס איז גאָרנישט דאָ נייעס, אויסער (except), דאס דער אמעריקאנער האט, ענדליך, מיר בעצאהלט, וואָס ער איז מיר געוועזען שולדיג.—עס פרייט מיך.—איך קען אייך פערזיכערן, עס איז מעהר אלס איך האב ווען (ever) ערווארטעט.

153. צום איבערזעצען.

איז שמואל (Samuel) צו הויז?—ער איז ניט צו הויז, אבער ער וועט ווידער זיין צו הויז (ווידער צוריק) אין א פאָאר מינוטען (=אין א מינוט אָדער צוויא).—וועט איהר געפעליגסט הערייַנקומען (געפעליגסט, if you please, צוריק), און וואַרטען אויף איהם?—איך וועל וואַרטען אויף איהם.—איז נאָך דאָ וועלכער וויין אין דיזער פלאַש?—ניט פיעל, עס איז דאָ נאָך א פאָאר גלעזער (=א גלאָז אָדער צוויא) דערין.—איך וואָלט וועלען (like) וויסען, אויב עס איז דאָ איטעצער אין דיזער שטאָדט, וועלכער קען מיט מיר לערנען רוסיש?—עס איז קיין איינער דאָ,

Do you place no confidence in me?	זעצט איהר קיין פערטרויען אין מיך?
To draw (דראָ); drew (דרו), drawn (דראָן).	ציהען; געצויגען.
*To commence (קאָממענס). To begin (ביגין); began (ביגאָן), begun (ביגאָן).	אנפאַנגען; אנגעפאַנגען.

At length (אַט לענגטה), at last (אַט לאַסט), ענדליך.

*To use (יוז).	פלעגען.
I used to go.	איך פלעג געהן.
He used to say.	ער פלעגט זאָגען.
My brother used to come to our house every evening.	מיין ברודער פלעגט קומען צו אונז יעדען אבענד.
The language (לאַנגוידזש).	דיא שפּראַך.

151. צום איבערזעצען.

גוטען מאָרגען, מיין העהר. איז מיין זייגער פערטיג?—עס איז פערטיג; אָבער עס וואָלט זיין בעסער, ווען איהר וואָלט עס מיר געקענט לאָזען אויף (for) נאָך א טאָג אָדער צוויא (נאָך, longer, צולעצט).—זעהר גוט; היינט (this) איז דינסטאָג, איך וויל קומען ווידער דאָנערסטאג נאָכמיטטאָג.—וועט עס יעצט געהן גוט?—איך האָף יע (יע, so).—וואָס לערנט דיזער מאָן אייערע קינדער?—ער לערנט זייא לעזען און שרייבען.—לעזען זייא גוט?—זייא לעזען זעהר גוט.—בייא (of) וועמען האבען דיא צווייא עלטערע געלערנט שרייבען?—זייא האבען עס געלערנט בייא אן ענגלענדער.—וויא שרייבען זייא?—זייא שרייבען ניט שלעכט.—האט דער מאָן פיעלע שילער?—ער האט א סך, ווייל ער לערנט זעהר גוט.—לערנט ער עפּעס אויסער (besides) שרייבען?—ניין, ער לערנט קיין אנדער זאַך.—וויא שרייבט ער?—ער שרייבט שעהן.—האט ער זייא געלערנט לאַנג?—זייט אונגעפעהר א יאהר.—וועט איהר איהם ניט לאָזען לערנען אייערע קינדער אויך?—ער וועט (=זאָל, shall) לערנען מיין יונגעל; מיין קליינעם מיידעל איז נאָך צו יונג צו לערנען זיך שרייבען.—וועט איהר זיא ניט לאָזען לערנען זיך שרייבען?—איהר מוטער לערנט זיא שרייבען, און מוטערס זיינען דיא בעסטע לעהרערינען פיר זייערע קליינע קינדער אזוי לאַנג וויא זייא זיינען צו יונג צו שיקען (=צו ווערען געשיקט) אין שולע.—דאָ (there) זייט איהר גאַנץ גערעכט.—איך געדענק מיין פרוי האט אויך געלערנט אונזערע קינדער איידער זייא זיינען געגאַנגען אין שולע; זיא האט זייא געלערנט לעזען, שרייבען, און זאָגאַר לעזען פראַנצויזיש.—איהר האט א גוטע פרוי, און אזוי האב איך אויך.—קען זיין עפּוואָס בעסערס (better) אין דער וועלט אלס א גוטע פרוי און מוטער?—ניין, זיכער ניט, עס איז גאָרנישט דאָ בעסערס, און מיר דאַרפען זיין ווירקליך (truly) דאַנקבאר, דאס מיר האבען אזעלכע גוטע פרויען, און דאס אונזערע קינדער האבען אזעלכע גוטע מוטערס.—וועלכע טעג קומט אייער שרייב-לעהרער (writing-master) צו אייך?—ער

He was here a minute or two ago. / He was here two or three minutes ago.	ער איז היער געוועזען א פּאָאר מינוטען צוריק.
Buy me a yard or two of linen.	קויפט מיר א פּאָאר איילען לייווענד.
I have not seen him this month or two.	איך האב איהם ניט געזעהן זייט א פּאָאר מאָנאַטען.
The question (קוועס־טשאָן).	דיא פראגע.
To ask a question.	פרעגען א פראגע, שטעלען א פראגע.
Do not ask me so many questions.	פרעגט (שטעלט) מיר ניט אזוי פיעלע פראגען.
It is a question—.	עס איז א פראגע—.
The question is—.	דיא פראגע איז—.
I have a question to ask you.	איך האב אייך א פראגע צו שטעלען (איך האב אייך עפּעס צו פרעגען).
You ask me so many questions that I am determined to answer you no more.	איהר שטעלט מיר אזוי פיעלע פראגען, דאס איך האב מיך פאָרגענומען אייך ניט צו ענטפערן מעהר.

פאַר דיא ווערטער more (מָאהר), longer (לאָנגער) better (בעטער), און פאַר אַלע אַנ־דערע אייגענשאַפטסווערטער מיט דער צוגעזעצטער ענדונג er, ווערט פיר ניט מעהרסטענס גע־שטעלט no אַנשטאַט not:

No better. ניט בעסער.	No more. ניט מעהר.
No dearer. ניט טהייערער.	No longer. ניט לענגער.

*To determine (דיטאָיר־מין).	זיך פאָרנעהמען, זיך ענטשליסען, בעשליסען.
He is determined to do it.	ער איז ענטשלאָסען עס צו טהאָן.
To determine on—.	בעשליסען צו—.

נאָך to determine קומט דאָס געגענוועךטיגע בייוואָרט:

He is determined on doing it.	ער איז ענטשלאָסען עס צו טהאָן.
What have you determined on?	וואָס האט איהר בעשלאָסען?
To teach (טי־טש), taught (טאָ־ט), taught.	לערנען (מיט אימיצען); געלערנט.
To teach to swim.	לערנען שווימען.
He teaches me to write.	ער לערנט מיך שרייבען.
To swim (סווים), swam (סוואָם), swum (סוואָם).	שווימען געשוואומען.
Swimming (סווימ־מינג).	דאס שווימען.
The confidence (קאָנפידענס).	דאס צוטרויען, דאס פערטרויען.
The confidence in—.	דאס פערטרויען צו—.
To have confidence in a person.	האבען צוטרויען צו א פערזאָן.
To put, אָד. to place confidence in a person.	זעצען פערטרויען אין א פערזאָן.

ווייל איהר האט פערשפראָכען צו שיקען עס צוריק פערגאנגענעם (last) מאָנטאג און היינט (this) איז דאָנערסטאג.- איהר האלט אימער אייער וואָרט אזוי פינקטליך, דאָס איך האב געקענט (=געמענט, might) גלויבען איהר האט פערגעסען.—זייט איהר געוועזען אין טהעאטער פאָריגע נאכט?—ניין; אבער דיא אייערנעכטיגע נאכט (the night be-fore last) בין איך געוועזען (נאָך געוועזען קומט צוגעשטעלט there).—אָ, איך געדענק איהר האט געזאָגט איינינע (some) צייט צוריק, דאָס איהר קענט ניט (=דאס איהר האט ניט געקענט) געהן קיין אנדער (any) אבענד אויסער דאָנערסטאג און פרייטאָג.—יע, מיטוואָך (פַאר דעם טאָג פון וואָך קומט on) מוז איך בלייבען אין קראָם ביז נאָך אכט, אָפט ביז ניין און זאָגאר האלב צעהן (half past).—מאָנטאג און דאָנערסטאג אבענד האב איך מיין ענגלישע לעקציאָן; יעדען זאמסטאג (שבת) בין איך בייא מיין פעטער און זונטאג זיינען מיר אויף דעם לאנד.—איהר פערברייננט אייער צייט אנגענעהם און ניצליך.—יע, עס איז אנגענעהם יעצט צו זיין אויף דעם לאנד; דיא טעג ווערען שוין (are already getting) זעהר לאנג.—וואָס איז אייער נאָמען?—מיין נאָמען איז משה.—און וואָס איז אייער ברודער'ס נאָמען?—מיין ברודער'ס נאמען איז אהרן.—וועמעס נאָמען איז יעקב?—יעקב איז דער נאָמען פון אברהמ'ס בעדיענטען.—וויא פיעלע טעכטער האט אייער שוועסטער מרים?—מרים האט פיער טעכטער; זייערע נעמען זיינען: שרה, רבקה, רחל און לאה.—וועלכע איז דיא עלסטע און וועלכע איז דיא יונגסטע?—שרה איז דיא עלסטע און לאה איז דיא יונגסטע.—וויא אלט זיינען רחל און רבקה?—רחל איז צוועלף יאהר אלט און רבקה פופצעהן.

51st Lesson.—51סטע לעקציאָן.

A couple (קאָפּל).	א פּאָאר (אין דער בעדייטונג פון איינינע).

פֿאַר אַ זאַכוואָרט שטעהט נאָך couple דאָס וואָרטעל of; צ. ב. a couple of days, אַ פּאָאר טעג.

I am going into the country for a couple of days.	איך געה אויף דאָס לאנד אויף א פּאָאר טעג.
A day or two.	א טאָג אדער צווייא—א פּאָאר טעג.
Two or three days.	צווייא אדער דרייא טעג—א פּאָאר טעג.
A minute or two.	א מינוט אדער צווייא - א פּאָאר מינוטען.
Two or three minutes.	צווייא אדער דרייא מינוטען—א פּאָאר מינוטען.
A yard or two.	אן אֵייל אדער צווייא—א פּאָאר אֵיילען.
I am going into the country for a day or two. I am going into the country for two or three days.	איך געה אויף דאס לאנד אויף א פּאָאר טעג.

ענטפערן (=אין ענטפערן) אייערע בריף.—האט איהר גערן צו שפּיעלען אין קאָרטען? —ניין (=ניין, איך האב ניט, no, I do not).—איך אויך ניט.—וואס פיר לייטע זיינע דיא, וועלכע וואוינען דיא צווייטע טהיר?—זייא שיינען (=seem) צו זיין זעהר רוהיגע לייטע, אבער איך קען זייא ניט.—וואס פיר ביכער האט איהר געקויפט היינט אין דער פריה? —איך האב געקויפט אלערליי ביכער, פראנצויזישע, ענגלישע און איטאליענישע.—קענט איהר דעם רוסען, וועלכער האט דיא שעהנע פערד?—ניין (=איך קען ניט, I do not): אויך ווינש איך איהם ניט צו קענען.—וואס וואלט איהר טהאָן, ווען איהר וואלט געוועזען אויף (in) מיין אָרט?—איך ווייס ווירקליך ניט, וואס איך וואלט טהאָן, ווען איך וואלט געוועזען אויף אייער אָרט.—וואלט איהר וועלען זיין אויף מיין ברודער'ס אָרט?—איך וואלט ניט וועלען זיין אויף זיין אָרט.—איך אויך ניט, איך פערזיכער אייך.—זאל איך דיזע ביכער לעגען בייא זייט?—יא, אימער לעג יעדע זאך אויף איהר אָרט, און האב אן אָרט פיר אלעס (=יעדע זאך, everything).

149. צום איבערזעצען.

וויא לאנג איז עס זינט איהר האט געזעהן דעם איטאליענער?—עס איז ניט לאנג זייט איך האב איהם געזעהן.—איז עס ניט לאנג זייט מיין פאָטער איז געווען היער?—ער איז געווען היער פאר צווייא שטונדען (=צווייא שטונדען צוריק).—איז עס לאנג זייט איהר האט געהאט א בריף פון אייער פריינד?—עס איז זעהר לאנג זייט איך האב געהאט איינעם פון איהם.—ווען זייט איהר געוועזען אויף דעם לאנד?—איך בין געוועזען אויף דעם לאנד פערצעהן טאג צוריק.—ווען איז דיזעס הויז געבויט געוואָרען?—עס איז געבויט געוואָרען פאר הונדערט יאהרען. ווען ערוואַרטעט איהר אייער פאָטער?—מיר האָבען היינט ערהאלטען פון איהם א בריף, אין וועלכען ער שרייבט (=זאָגט), דאָס ער וועט היער זיין דיזע וואָך.—וועט אייער שוועסטער קומען צו אונז אויף דעם לאנד מאָרגען איבער אכט טאָג?—איך דענק זייא וועלען ניט קענען געהן אויף דאס לאנד ביז איבער אכט טאָג פון נעכסטען מאָנטאָג.—האט איהר נאָכגעדענקט וואס איך האָב אייך פאָרגעלעגט א טאָג אָדער צווייא צוריק?—איך האב עס נאָכגעדענקט און עס טהוט מיר זעהר לייד, איך קען עס אונמעגליך טהאָן.—ווען (if) איהר פערקויפט דעם מאן דיא פופציג דוצענד פּאָאר זאקען און דיא אנדערע ארטיקלען, וועלכע ער בהיכט (וועלכע אויסגעלאָזען), קענט איהר אייך פערלאָזען, דאס ער וועט אייך בעצאָהלען (=אויף זיין בעצאהלען אייך).—ער האט פערשפּראָכען דיא זעלבינע זאך. ווען ער האט געקויפט דיא באוועל פון מיר א צוועלף מאנאטען צוריק, און איך האב נאך געהאט צו ווארטען מעהר אלס פיער מאָנאטען אויף (for) מיין געלד.—ער לעגט יעצט פאָר צו געבען א וועקסעל אויף (at) דרייא מאָנאטען אויף פאריז.

150. צום איבערזעצען.

געדענקט איהר איך האב אייך געליהען א פראנצויזישעס בוך פאר א וואָך אדער צווייא וואָכען?—ניט נאָר איך געדענק עס, נאר איך האב געזאָגט מיין זוהן פאר א שטונדע אָדער צווייא, אָהנצוטראָגען (=נעהמען) עס צוריק צו אייך, און אייך געבען (=אומקעהרען) מיין בעסטען דאנק דאפיר.—איך האב געדאכט איהר האט געהאט פערגעסען,

איז דאָ אַ גוטער זייגער־מייסטער אין דיזער שטאָדט? — עס זיינען דאָ עטליכע זעהר גוטע. — ווער איז דער בעסטער אוהרמאַכער אין דיזער שטאָדט? — אברהם איז דער בעסטער אוהר־מאַכער. — איז יצחק אויך אַ גוטער אוהר־מאַכער? — יצחק איז ניט אזוי גוט, וויא אברהם. — איז דאָ אַן אוהר־מאַכער אין דיזער גאַס? — ניין, עס איז קיינער דאָ אין דיזער גאַס, נאָר אין דער נעכסטער. — וועט איהר מיר וויזען אין וועלכען הויז? — ווען איהר וועט וואַרטען אַן אויגענבליק אויף מיך וועלען מיר געהן צוזאַמען. — וועט איהר מיר זאָגען, מיין הערר, אויב עס איז (whether there is) עפּעס צוברָאָכען אין מיין זייגערל? — עס איז גאָרנישט צובראָכען דערין, אָבער עס האט נעטהיג רייניגען (cleaning). — וועט איהר עס לאָזען בייא מיר? — איך וועל עס לאָזען בייא אייך; אָבער איך קען ניט זיין אָהן אַ זייגערל: קענט איהר מיר לייהען איינס? — איך וועל אייך לייהען איינס: איהר קענט נעהמען דיזעס. — געהט עס גוט? — עס געהט זעהר גוט. — ווען וועט מיין זייגערל זיין פערטיג? — ווען איהר וועט זיין אזוי גוט קומען ווידער איבערמאָרגען, וועט עס, דענק איך, זיין פערטיג. — וועט עס זיין (will there be) פיעל ווין דיזעס יאהר? — איך גלויב עס וועט זיין זעהר פיעל ווין דיזעס יאהר. — איז דאָ וועלכעס פּאַפּיער אין הויז? — עס איז דאָ וועלכעס אין הויז. — וועמעס מעסער איז דיזעס? — עס איז מיין ברודער'ס. — איז דאָ וועלכעס וואַסער אין דיזער פלאַש? — עס איז ניט דאָ קיין וואַסער מעהר (left) דערין. — איז ניט דאָ קיין ווין מעהר אין הויז? — עס איז ניט דאָ קיין ווין מעהר. — וואָס פיר פרוכט איז דאָ אין הויז? — עס זיינען נאָך דאָ וועלכע ערדבעערען (נאָך, left, צוריק). — וועלען זיין פיעלע לייטע בייא אייך היינט בייא נאַכט? — מיר ערוואַרטען ניט פיעלע. — זיינע געוועזען פיעלע לייטע אין אייער גאָרטען נעכטען נאָכמיטאָג? — עס זיינען ניט געוועזען פיעלע דאָרטען. — זיינען דאָ פיעלע פיינע הייזער אין דיזער שטאָדט? — עס זיינען דא זעהר פיעלע פיינע הייזער הירע.

148. צום איבערזעצען.

מאַכט מיין זוהן וועלכע פאָרטשריטע אין ענגליש? — עס טהוט מיר לייד צו זאָגען, דאס ער מאַכט גאָר זעהר קליינע פאָרטשריטע, וויל ער איז ניט פלייסיג; און וואו עס איז (ניט) דאָ קיין פלייס, קען קיין פאָרטשריט געמאַכט ווערען. — האט איהר געקויפט פיעל היינט? — איך האב געקויפט אַלערליי זאַכען. — ואס האט איהר געקויפט? — איך האב געקויפט (וועלכע) זאַקען, האַנדשוה, לייוועגד פיר העמדער און אַ זעהר שעהנע קליינע גאָלדענע אוהר. — איז דאָ אַ גוטע קראָם (shop) אין דער נאָכבאָרשאַפט, וואו איך קען קויפען אַ פּאָאַר האַנדשוה? — עס איז דאָ איינע דיא צווייטע (=נעכסטע, next) טהיר. — איז דאָ וועלכע וואַהרהייט אין דעם קלאַנג, דאס דער פראַנצויז איז אוועגגעפאָהרען (left), און האט ניט בעצאָהלט (=אָהן בעצאָהלען, without paying), וואָס ער איז געוועזען שולדיג? — עס איז ניט דאָ אַ וואָרט וואַהרהייט אין דעם קלאַנג. — וואָס איז דען מער אין גאַס? — אַ מאַן איז הראָבגעוואָרפען געוואָרען פון זיין פערד; ער האט צובראָכען זיין פוס. — זיינען דאָ אזוי פיעלע בארנעס, וויא עפּעל אין דעם מארק? — עס זיינען דאָ מעהר עפּעל אלס בארנעס דאָרטען. — וועט איהר ענטפערן אויף מיינע בריף, ווען איך שרייב צו אייך? — ווען איך האב צייט, וועל איך האבען פיעל פערגניגען צו

It is not long since I dined.	עס איז ניט לאַנג זייט איך האב גענעסען מיטטאָג.

Ago (אָגאָו'), since (סינס), פאַר, זייט, צוריק.

A week ago אָד. since.	פאר אכט טאָגען. / זייט אכט טאָג. / א וואָך צוריק.
A fortnight ago אָד. since.	פאר פערצעהן טאָג (פאַר צווייא וואָכען).
A fortnight (פאָרט'נאיט).	פערצעהן טאָג, צווייא וואָכען.
A year ago אָד. since. / A twelvemonth ago אָד. since.	פאר א יאהרען.
A century ago אָד. since.	פאר הונדערט יאהרען.
A twelvemonth (טוועלוו'מאָנטה).	צוועלף מאָנאטען, א יאהר.
The century (סענ'טשורי).	דאס יאהרהונדערט, הונדערט יאהר.
This day week.	היינט איבער אכט טאָג.
To-morrow week.	(פון) מאָרגען איבער אכט טאָג.
It will be a week to-morrow.	עס וועט זיין מארגען אן אכט טאָג.
Next Monday week.	(פון) נעכסטען מאָנטאג איבער אכט טאָג.
It was a week last Tuesday.	עס איז געוואָרען א וואָך פאָריגען דיענסטאָג.

Sunday (סאָנ'דיי)	זאָנטאג	Wednesday (וועננ'דיי)	מיטוואָך
Monday (מאָנ'דיי)	מאָנטאג	Thursday (טהאָירז'דיי)	דאָנערסטאג
Tuesday (טיוז'דיי)	דיענסטאג	Friday (פראי'דיי)	פרייטאָג
Saturday (סאֶ'טאָרדיי)	שבת		

Have you been back long?	זייט איהר שוין לאַנג צוריק?
I have been here ever since last Monday.	איך בין שוין היער זייט דעם פערגאַנגענעם מאָנטאג.

Ever since—, שוין זייט—.

I shall see you on Wednesday.	איך וועל אייך זעהן מיטוואָך.

אין ענגליש ווערט פאַר דעם בעשטימטען טאָג געשטעלט דאָס ווערטעל on (אויף, אַן):
I shall be here on Monday, איך וועל היער זיין מאָנטאג.

*To propose (פראָופּאָוז).	פאָרלעגען.
Punctual (פּאָנק'טשואֶל)—Punctually.	פּינקטליך.
The name (ניים)'	דער נאָמען.
The neighborhood (נייבאָרהורד).	דיא נאכבארשאפט.

147. צום איבערזעצען.

ווער האט געלעגט דיזען הוט אויף דעם טיש?—איך האב איהם דאָרט געלעגט.
—איז דאָ פיעל פרוכט דיזעס יאהר?—עס איז דאָ זעהר פיעל (א סך, a great deal).—

There is nothing in it.	עס איז דערין גאָרנישט דאָ.
Were there many people at the theatre?	זיינען געוועזען פיעלע לייטע אין (דעם) טהעאטער ?
Where there is no industry (אָד. application), there can be no (אָד. there cannot be any) progress made.	וואו עס איז ניט דאָ קיין פלייס (חשק), קען אויך קיין פאָרטשריט געמאכט ווערען.
The industry (אינ׳דאָסטרי). The application (אֶפּליקיי׳שאָן).	דער פלייס, דיא פלייסיגקייט, דער חשק.
The progress (פּראָ׳גרעס).	דער פאָרטשריט, דיא פאָרטשריטע.

דאָס וואָרט progress האָט קיין מעהרצאָהל.

What sort of books have you bought?	וואָס פיר ביכער האט איהר געקויפט ?
What sort of wine have you there?	וואָס פיר וויין האט איהר דאָרטן?
All sorts of—, all kinds of—.	אלע זאָרטען, אלערליי.

The truth (טרוטה)	דיא וואהרהייט	The water (וואָ׳טער)	דאָס וואסער
The untruth (אָנטרוטה׳)	אונוואהרהייט	The fruit (פררט)	דיא פרוכט
The noise (נאָיז)	דער גערויש	The raspberry (ראָספ׳בעררי)	מאלינעס
The report (רעפּאָורט׳)	דער קלאנג	The strawberry (סטראָ־בעררי)	ערד־בעערען
Industrious (אינדאָס׳טריאָס)	פלייסיג	Grateful (גרייט׳פול)	דאנקבאר
Assiduous (אֶססי׳דיואָס)	פלייסיג	Ungrateful (אָנגרייט׳פול)	אונדאנקבאר
Sarah (סאֶ׳רא)	שרה	Abraham (איי׳בראֶהאֶם)	אברהם
Rebecca (ריבעק׳קאֶ)	רבקה	Isaac (אי׳זאֶק)	יצחק
Rachel (ריי׳טשעל)	רחל	Jacob (רזשיי׳קאָב)	יעקב
Leah (לי׳א)	לאה	Moses (מאָו׳זעס)	משה
Mary (מאֶ׳רי)	מרים, מאריע	Aaron (אֶ׳ראָן)	אהרן

(אָן), אין, אויף. In

Do you believe in it?	גלויבט איהר דערין?
If I were in your place.	ווען איך וואלט געוועזן אויף אייער אָרט?
I should not like to be in his place.	איך וואָלט ניט וועלען זיין אויף זיין אָרט
The place (פּליים).	דער אָרט, דער פלאץ.
Put everything in its place.	לעג יעדע זאך אויף איהר אָרט.

(סינס), זינט, זייט. Since

Is it long since you saw my brother?	איז עס לאנג זייט איהר האט געזעהן מיין ברודער?
It is long since I saw him.	עס איז לאנג זייט איך האב איהם געזעהן.
Is it long since you dined?	איז עס לאנג זייט איהר האט גגעסע מיטטאָג?

.146 צום איבערזעצען

איז אייער מומע נאָך קראַנק (אונוואָהל)?—זיא איז נאָך זעהר קראַנק.—איז זיא לאַנג געוועזען קראַנק (ill)?—שוין (this) אַ וואָך.—וואָרום האָבען מיר ניט גיהאַט דאָס פערגניגען, פאָריגע נאַכט, צו זעהן אייך אין אונזער הויז?—איך האָב געקאָנט אונמעגליך אויסגעהן.—וואָרום ניט? זייט איהר געוועזען ניט געזונד?—איך האָב געהאַט אַ לייכטען קאָפּ־וועהטאָג, און איך האָב ניט געקאָנט אויסגעהן.—ליידט נאָך אייער מוטער אַזוי פיעל פון קאָפּ־וועהטאָג?—זיא ליידט נאָך זעהר פיעל דערפון.—ליידט זיא אָפט פון קאָפּ־וועהטאָג?—זיא ליידט אָפט פון (she is very subject to) קאָפּ־וועהטאָג.—איז אייער פערקיהלונג עפּעס (any) בעסער?—איך בין נאָך גאָר ניט געזונד (וואָהל, well); איך האָב אַ זעהר שטאַרקע פערקיהלונג אין קאָפּ.—האָט איהר אייך פערקיהלט?—איך האָב מיך געמוזט פערקיהלען הערויסגעהענדיג (=אויף דעם הערויסקומען, on the coming out) פון דעם טהעאַטער דיא איידערנעכטיגע נאַכט (the night before last).—וואָרום נעהמט איהר אייך ניט אין אַכט? איהר זייט ניט געוועזען געזונד אַ (some) צייט.—היט נאָך אייער ברודער דאָס בעט?—ניין, אָבער ער וועט מוזען היטען זיין צימער פיר איינינע (a few) טעג לענגער.—וואָס איז דער מעהר מיט אייער האַנד?—איך האָב אָבגעשלאָגען מיינע פינגער־קנעכלאַך אַן (against) דעם ווינקעל פון דעם טיש.—וויא לאַנג האָט אייער פעטער געהיט (פּאָר־בעט, צייט־פּאָרט) דאָס בעט, איידער ער איז געשטאָרבען?—ער איז ניט געוועזען לאַנג אין בעט, אָבער ער האָט געמוזט היטען דאָס צימער פיר אַ מאָנאַט.—קענט איהר מיר בעצאָהלען דאָס געלד, וועלכעס איהר זייט מיר שולדיג?—איך קען אייך אונמעגליך בעצאָהלען עטוואָס (anything) פאַר נעכסטער וואָך.—עס טהוט מיר לייד.

50th Lesson.—.50סטע לעקציאָן

עס איז דאָ. עס זיינען דאָ.	There is. There are.
איז דאָ פיעל וויין דיזעס יאָהר?	Is there much wine this year?
עס איז ניט דאָ פיעל, אָבער וואָס עס איז דאָ איז גוט.	There is not much, but what there is is good.
זיינען דאָ פיעלע עפּעל דיזעס יאָהר?	Are there many apples this year?
עס זיינען דאָ זעהר פיעלע.	There are a great many.
איז דאָ (וועלכעס) וואַסער אין דיזער פלאַש?	Is there any water in this bottle?
עס איז דאָ וויין דערין.	There is wine in it.
עס זיינען דאָ ניט קיין קאַרשען ניט קיין בארנעס אין הויז.	There are neither cherries nor pears in the house.
וואָס פיר פרוכט איז דאָ אין דעם הויז?	What sort of fruit is there in the house?
עס איז דאָ אַ מאַן, וואָס פרעגט נאָך אייך.	There is a man inquiring after you.
עס איז ניט דאָ אַ וואָרט וואָהרהייט אין דעם גערעד.	There is not a word of truth in the report.

האב געהאט קאפּ-שמערצען און איך האב אונמעגליך געקאנט הערויסגעהן.—לייזט נאך אייער שוועסטער פון דיא אויערן-שמערצען?—זיא איז גאנץ געזונד ווידער.—דאס פרייט מיך.—האט איהר צאהן-שמערצען?—איך האב געהאט צאהן-שמערצען און אויערן-שמערצען דיזע גאנצע (all this) וואך.—פעהלט עפּעס (=איז עפּעס דער מער מיט) אייער שוועסטער? איך האב איהם ניט געזעהן אויף דער בערזע פיר עטליכע טעג.—ער האט א קראנקען האלז און (ער) איז געצוואונגען צו היטען דאס (=זיין) צימער.—ווארום האט אייער ברודער ניט געמאכט (done) זיין לעקציאן (task אד. exercise)?—ער האט קראנקע אויגען.—האט ער זיך פערקיהלט?—ער האט זיך פערקיהלט פאריגע וואך, אלס מיר זיינען געגאנגען אויף (into) דאס לאנד איין אבענד.—ווארום געהט איהר אזוי לאנגזאם?—איך קען ניט געהן גיכער (any faster), דיא פיס זיינען מיר גאנץ קראנק.—וועט דער יונגער ענגלענדער קומען אויף (to) דעם באל מארגען אבענד?—ער וועט ניט קענען הערויסגעהן פיר א לאנגע צייט. ער איז הערא‍בגעפאלען פון זיין פערד און ער האט צובראכען דעם פוס.—עס טהוט מיר לייד עס צו הערען.—איהר געהט הינקעדיג; וואס איז דער מעהר מיט אייך?—איך בין געפאלען אין (דער) גאס פאריגע נאכט, אלס (as) איך בין געגאנגען אהיים, און איך האב אויסגעלונקען דעם רעכטען פוס

145. צום איבערזעצען.

גוטען מארגען, מיין הערר, וואס מאכט איהר?—איך דאנק אייך, איך בין פיעל בעסער היינט.—האט איהר נאך וועלכען שמערץ (pain) אין אייער שולטער?—איך האב מעהר קיין שמערץ אין מיין שולטער, אבער מיין האנד-געלענק טהוט מיר וועה.—איז עס דער רעכטער אדער דער לינקער ארם?—איך האב א שמערץ אין ביידע ארמס, אבער מעהר אין דעם רעכטען אלס אין דעם לינקען.—ווארום געהט דער קליינער יונגע הינקע-דיג?—ער האט א קלאפּ געטהאן (knocked) זיין פוס אן (against) א שטיין און האט זיך וועה געטהאן דעם פוס.—וויא פיעלע פינגער האסט דוא אין יעדער האנד, מיין קליי-נער יונגע?—פיער פינגער און א דוימען (אזוי הייסט דער גראבער פינגער).—וויא פיעל איז פיער מאל פינף?—צוואנציג.—און וויא פיעל איז זיבען מאל צוואנציג?—הונדערט און פערציג (פאר הונדערט קומט a אדער one).—ווארום ביסט דוא ניט געקומען אין שולע נעכטען נאכמיטטאג?—איך האב געהאט קאפּ-שמערצען און א שלעכטען האלז, און מיין מוטער האט געזאגט, איך זאל בעסער (I had better) בלייבען צו הויז (had ווערט גע-ברויכט אין דעם זין פון וואלט און זאל פאר דיא ווערטער better און rather).—זייט איהר בעסער יעצט?—איך בין ווידער גאנץ געזונד (ווידער צולעצט).—ווארום איז ניט געווען אייער שוועסטער נעכטען אין (at) שולע?—עפּעס איז געפאלען אויף איהר פוס, און דאס האט איהר געשאדט אזוי פיעל, דאס זיא האט ניט געקענט געהן.—איז דאס אייער בוך, וועלכעס ליעגט אויף דעם טיש?—עס איז ניט מיינס, עס איז מיין ברודער'ס. —ווארום לעגט ער ניט זיינע ביכער ביי זייט (אד. אוועג)?—ער לאזט אימער זיינע ביכער ליגען, וואו זייא האבען ניט געדארפט (ought).—וואס דארף זיין דיא ערשטע זאך, (וואס) מיר טהוען אין דער פריה?—נאכדענקען (to consider), וואס מיר האבען צו טהאן.—און וואס האבען (דארפען) מיר צו טהאן יעדען אבענד?—פרעגען אונז זעלבסט, אויב מיר האבען עס געטהאן.

.143 צום איבערזעצען.

קענט איהר געהן אזוי שנעל, וויא איך?—איך קען געהן שנעלער אלס איהר.—וואָרום רעדט איהר אזוי שנעל?—איך האב געוואָלט זעהן, אויב איהר פערשטעהט מיך אזוי גוט, ווען איך רעד גיך, וויא ווען איך רעד לאַנגזאם.—האט איהר פערשטאַנען, וואָס איך האב געזאָגט יעצט עבען?—איך האב שוין אייך געזאָגט, דאס איהר מוזט רעדען לאַנגזאמער.—געהט אייער אוהר ריכטיג (right)?—ניין, עס געהט צו לאַנגזאם.—קענט איהר מיר זאָגען וויא פיעל דער זייגער איז?—איך קען אייך ניט זאָגען פינקטליך, וויל, איך גלויב, מיין זייגערל געהט צו שנעל.—ווייסט איהר וויא פיעל עס געהט צו שנעל?—איך דענק עס געהט ביינאהע צעהן מינוטען צו שנעל.—אלזא (then) געהט אייער אוהר גראַדע אזוי פיעל צו שנעל, וויא מיינע געהט צו לאַנגזאם.—האט ווילהעלם גענומען דיא גריף אויף (to) דיא פּאָסט?—איך האב צו ענטפערן (אויף) דעם האמבורגער בריף, און אזוי באלד, וויא איך האב איהם אויפגעשריבען, קען ער זייא נעהמען אלע צוזאמען.—ווילהעלם, זאָג דושאָהנען, (דאָס) ער דאַרף אויגענבליקליך געהן נאָך דיא בריף אויף דיא פּאָסט.—ער איז שוין געגאַנגען נאָך זייא.—אויף וואָס בעקלאָגט זיך אייער פאָטער?—ער בעקלאָגט זיך אויף דעם, דאס איהר האט איהם ניט געשיקט (=אויף אייער ניט שיקען איהם) זיין ראַק איירנעכטען, וויא איהר האט איהם געהאט פערשפּראָכען.—שרייבט אייער זוהן גוט?—ער שרייבט שעהן.—זעהט איהר דיא צווייא אמעריקאנער אָפּט?—מיר זעהען זייא פּאַסט טעגליך.—וויא אָפּט צאָהלט איהר אייער שוסטער?—איך צאָהל איהם, ווען ער שיקט מיר זיין רעכנונג.—און וויא אָפּט שיקט ער זיא אייך?—ער שיקט זיא אלע פערטעל יאהר (פערטעל=יעהרליך).—צאָהלט איהר (אייער) דירה געלד מאָנאטליך אָדער וועכענטליך?—איך צאָהל עס ניט—ניט מאָנאטליך, ניט וועכענטליך, נאָר פערטעל=יעהרליך (ווען עס קומט פריהער אין זאַץ דאָס וואָרט ניט, not, ווערען ניט—ניט איבערזעצט either—or).—וויא לאַנג האט איהר (ג.=פ. צייט=פּאָרב) דיזען בעדיענטען?—ער איז (ג.=פ.) בייא מיר א יאהר.—וויא אָפּט צאָהלט איהר איהם זיין געהאָלט (לוין)?—איך צאָהל איהם אלע פערטעל יאהר.

.144 צום איבערזעצען.

געפינט זיך ניט (is not) אייער לאַדען אין מארקעט (Market) גאַס?—מיין לאַדען איז אין פּאַיק (Pike) גאַס.—איז אייער זוהן נאָך אין טשיקאַגאָ?—ניין, ער איז געוועזען אין לאָנדאָן זייט א מאָנאט.—האט איהר געלד איבריג (to spare)?—איך האב בעצאָהלט אזוי פיעלע רעכנונגען דיזע וואָך, דאס איך האב גאָרנישט איבריג.—עס טהוט מיר זעהר לייד, וויל איך בין אין א גרויסער פערלעגענהייט.—אויב איך קען מאָרגען פיעללייכט איך ליהען וועלכעס (צייט צו לעצט), וועל איך אייך לאָזען וויסען.—עס איז א זעלטענער פאַל, דאס איינער טרעפט (=קומט) צו דער ריכטיגער פּערזאָן, ווען ער איז אין א פערלעגענהייט.—איהר זייט נאַנץ גערעכט.—וואָס מאַכט איהר? (וויא בעפינדעט איהר אייך?) וויא געהט עס אייך?)—דאַנקע, איך בין זעהר וואָהל (געזונד).—איז אייער פאָטער עטוואס בעסער היינט?—ער איז ניט אזוי געזונד, וויא ער איז געוועזען נעכטען.—וואָרום זייט איהר ניט געקומען פאָריגע נאַכט? מיר האבען אייך ערוואַרטעט.—איך

We cannot possibly come to-night.	מיר קענען אונמעגליך קומען היינט ביי נאכט.
What is the matter with the child?	וואס איז דער מער מיט דעם קינד? (ד. ה. וואס פעהלט דעם קינד?)
Nothing is the matter with me.	גאר נישט איז דער מער מיט מיר (ד. ה. מיר פעהלט גארנישט).
*To ail (איל).	פעהלען (פון קראנקהייט).
Does he ail anything? Is anything the matter with him?	פעהלט איהם עפּעס?
Ailing (איילינג).	פעהלענד אין געזונדהייט, קרענקליך.
He has been ailing a long time.	ער איז שוין קרענקליך א לאנגע צייט.
She is always ailing.	זיא איז אימער קרענקליך.
To keep my, your או. אז. וו. bed. To be confined to my, your או. אז. וו. bed.	היטען דאס בעט.
I was obliged to keep my bed. I was confined to my bed.	איך האב געמוסט היטען דאס בעט.
To catch (קאטש); caught (קא־ט), caught.	כאפּען; געכאפּט.
To catch cold.	כאפּען קעלט (ד. ה. זיך פערקיהלען).
The cold (קאולד).	דיא פערקעלטונג, דיא פערקיהלונג.
The cold in the head. The catarrh (קאטאר).	דיא פערקיהלונג אין קאפּ, דער קאטאר.
Lame (ליים).	געקריפּעלט, הינקעדיג.
Lame of one leg.	הינקעדיג אויף איין פוס.
To walk lame.	געהן הינקעדיג, הינקען.
He walks quite lame.	ער געהט גאנץ הינקעדיג. ער הינקט גאנץ שטארק.
*To knock (נאק).	שטויסען, קלאפּען, זיך אבשלאגען.
Against (אגענסט'), at (את),	געגען, ווידער, אן.
To knock at the door.	קלאפּען אן דיא טהיר.
To knock against a stone.	זיך אבשלאגען אן א שטיין.
I knocked my knuckles against the corner of the table.	איך האב אבגעשלאגען דיא פינגער־קנעכלאך אן דעם ווינקעל (קאנט) פון טיש.
The knuckle (נאקל).	דער פינגער־קנעכעל.
The caution (קא־שאן).	דיא פארזיכטיגקייט.
Cautious (קא־שאס)—Cautiously.	פארזיכטיג.
Incautious (אינקא־שאס)—Incautiously.	אונפארזיכטיג, ניט פארזיכטיג.

זיא איז געוועזען אונוואָהל (ניט געזונד) דיא גאנצע פאָריגע וואָך.	She was very unwell all last week.
וואס איז געוועזען דער מער מיט איהר? / וואָס האָט איהר געפעהלט?	What was the matter with her?
זיין דער מער, פעהלען (פון קראנקהייט).	To be the matter.
וואָס איז איהר געוועזן? / וואָס איז געוועזן איהר קראנקהייט?	What was her complaint?
דיא קראנקהייט.	The complaint (קאָמפליינט).
עס איז נאָר א לייכטע אונפּאסליכקייט.	It is only a slight indisposition.
לייכט, קליין.	Slight (סלאיט).
דיא אונפּאסליכקייט.	The indisposition (אינדיספּאָזיישאָן).
זיא איז געוועזען א ביסעל אונפּאסליך (ניט מיט אלעמען).	She was a little indisposed.
אונפּאסליך, ניט מיט אלעמען.	Indisposed (אינדיספּאָוזד).
אין אכט נעהמען; זיך היטען.	To take care.

צווישען to take care און דעם געגענשטאנד קומט אימער דאָס ווערטעל of:

איהר מוזט אייך נעהמען אין אכט.	You must take care of yourself.
נעהמט אייך אין אכט! / היט אייך!	Take care:
אונוואָהל, אונפּאסליך, ניט מיט אלעמען.	Unwell (אָנוועל), poorly (פּוּרלי).
א קליינער קאָפּ-וועהטאָג.	A slight head-ache.
איך לייד פון קאָפּ-וועהטאָג.	I suffer from the head-ache.
ליידען.	*To suffer (סאָפּפער).
אונטערוואָרפען.	Subject (סאָבדזשעקט).
זיין אונטערוואָרפען, ליידען.	To be subject.
ליידען אָפט.	To be very subject.
זיאליידט אָפט קאָפּ-שמערצען.	She is very subject to the head-ache.
מעגליך.	Possible (פּאָסיבל)—Possibly.
אונמעגליך.	Impossible (אימפּאָסיבל)—Impossibly.
איך קען עס אונמעגליך טהאָן.	I cannot possibly do it.

קען אונמעגליך, קענען אונמעגליך ווערט איבערזעצט cannot possibly, ניעמאלס can impossibly, לויט דער ווערטליכער בעדייטונג.

ער קען אונמעגליך שרייבען דעם בריף פיר אייך.	He cannot possibly write the letter for you.
מיינע ברידער קענען אונמעגליך אייך מאַכען היינט א בעזוך.	My brothers cannot possibly pay you a visit to-day.

A sore throat.	א שלעכטער האלז, א קראנקער האלז.
A sore finger.	א שלעכטער פינגער.
My feet are quite sore.	דיא פיס זיינען מיר גאנץ קראנק.
He has a sore leg.	ער האט א שלעכטעס (קראנקעס) פוס-ביין.
I have a pain in my back.	איך האב שמערצען אין (דעם) רוקען.
The pain (פיין).	דער שמערץ, שמערצען.
She has a pain in her side.	זיא האט שמערצען אין (דער) זייט.
Have you a pain in your chest?	האט איהר שמערצען אין (דער) ברוסט? טהוט אייך וועה דיא ברוסט?
He has broken his leg.	ער האט געבראָכען דאָס פוס-ביין.
He has sprained his hand.	ער האט אויסגעלונקען דיא האנד.
*To sprain (ספריין).	אויסלינקען.
I have sprained my wrist.	איך האב אויסגעלונקען דאס האנד-געלענק.
The wrist (ריסט).	דאס האנד-געלענק.
She fell and sprained her foot.	זיא איז געפאלען און האט זיך אויסגע-לונקען דעם פוס.
My brother fell and sprained his ankle.	מיין ברודער איז געפאלען און האט זיך אויסגעלונקען דעם קנעכעל.
The ankle אָד. ancle (אַנקל).	דער קנעכעל.
He fell from his horse and broke his neck.	ער איז העראָבגעפאלען פון דעם פערד און האט געבראָכען דאָס נעניק (דעם האלז).
The neck (נעק).	דער האלז, דאס נעניק.
Every tooth in my mouth aches.	יעדער צאהן אין (דעם) מויל טהוט מיר וועה.
Have you sprained your thumb?	האט איהר אויסגעלונקען דעם גראָבען פינגער?
The thumb (טהאָם).	דער גראָבער פינגער.
The forehad (פאָרהעד), brow (בראו).	דער שטערן (פון געזיכט).
Have you hurt yourself?	האט איהר אייך וועה געטהאָן?
I have hurt my knee.	איך האָב מיר וועה געטהאָן דאס קניע.
To hurt (האירט); hurt, hurt.	שאדען, וועה טהאָן; געשאדעט, וועה-געטאָן.
It hurts me.	עס טהוט מיר וועה.
The right foot.	דער רעכטער פוס.
The left arm.	דער לינקער אָרם.

Left (לעפט) לינק | Right (ראיט) רעכט

Is your mother ill?	איז אייער מוטער קראנק?

I am in a great embarrassment.	איך בין (אָד. איך בעפינדע מיך) אין א גרויסער פערלעגענהייט.
The embarrassment (עמבאַררעססמענט).	דיא פערלעגענהייט.

To be קען אויך בעדייטען זיך בעפינדען אָדער מאַכען, ווען עס האַנדעלט זיך פון דעם, וויא אימיצן געהט.

How are you?	וויא בעפינדעט איהר אייך? (אָד. וואָס מאַכט איהר?)
I am very well, I thank you.	איך בין זעהר וואהל, איך דאנק אייך.

דאָס האַנדלונגסוואָרט to do האָט אין אַזאַ פאַל אויך די בעדייטונג זיך בעפינדען, מאַכען:

How do you do?	וואָס מאַכט איהר? (אָד. וויא בעפינדעט איהר אייך?)
How is your sister? How does your sister do?	וואָס מאַכט אייער שוועסטער?
She is very well.	זיא איז זעהר וואָהל.

בייא דער ערשטער פערזאָן ווערט ניעמאַלס געברויכט to do נאָר to be צו בעצייכנען דאָס בעפינדען: I am well, ניט I do well.

(ראָ'דהער), אַ ביסעל. Rather

The head-ache (העד'-אֵייק).	קאָפּ-שמערצען, דער קאָפּ-וועהטאָג.
The ear-ache (איר'-אֵייק).	אויערן-שמערצען, דער אויערן וועהטאָג.
The tooth-ache (טורטה-אֵייק).	צאָהן-שמערצען, דער צאָהן-וועהטאָג.
I have a very bad אָד. violent tooth-ache.	איך האב זעהר שטארקע צאָהן-שמערצען.
Violent (וואַי'אָולענט).	שטארק.
I have the head-ache.	איך האב קאָפּ-שמערצען.
He has the ear-ache.	ער האט אויערן-שמערצען.

ווען עס שטעהט קיין אייגענשאַפטסוואָרט וויא bad, violent או. צ. וו. ווערט פאַר די ווערטער head-ache, tooth-ache או. צ. וו. געשטעלט דאָס ווערטעל the אנשטאָט a.

The ache (אֵייק).	דער שמערץ, דער וועהטאָג.
*To ache (אֵייק).	שמערצען, וועה טהאָן.
My head aches.	דער קאָפּ טהוט מיר וועה.

אנשטאָט דעם, וואָס מען בעדיענט זיך אין יודיש בייא די טהיילען פון קערפער מיט דעם ווערטעל דער, דיא, אָדער דאָס מיט דיא פערזאָנס-ווערטער מיר, דיר, איהם, אונז, או. צ. וו., ווערען אין ענגליש געברויכט דיא בעזיץ-אנצייגענדע ווערטער my, your, his, ours או. אַז. וו. דאָס זעלביגע איז אויך מיט קליידער און פערוואַנדטע:

His teeth ache.	דיא ציינער טהוען איהם וועה.
Take off your hat!	נעהם הערונטער דעם הוט!
Where is my (your או. צ. וו.) aunt?	וואו איז דיא מומע?
Sore (סאָור).	שמערצהאַפט, שלעכט, קראנק.

וואָס בעצייכנען צייט, שטעהען געוועהנליך צולעצט (אויכער ever, never און always). ווען דאָס האַנדלונגסוואָרט געהט מיט have קומט דאָס אייגענשאַפטסוואָרט, וואָס בעציהט זיך אויף דיא האַנדלונג, נאָך דעם וואָרט have, ווען מען וויל עס שטעלען אַם אָנפאַנג זאַץ.

Does he ride well?	רייט ער גוט?
He rides beautifully.	ער רייט שעהן.
He speaks badly.	ער רעדט שלעכט.
Do you see the Italian often? Do you often see the Italian?	זעהט איהר דעם איטאליענער אָפט?
I see him daily.	איך זעה איהם טעגליך (אלע טאָג).
The daily newspaper.	דיא טעגליכע צייטונג.
The newspaper (ניוז־פייפער).	דיא צייטונג.
How much do you pay the man weekly?	וויא פיעל צאָלט איהר דעם מאַן וועכענטליך (אלע וואָך)?
I pay him either monthly or quarterly.	איך צאהל איהם ענטוועדער מאָנאטליך (אלע מאָנאט) אדער פערטעל־יעהרליך (אלע פערטעל יאהר).
Do you keep yearly accounts with your tailor?	האלט איהר (ד. ה. האָט איהר) יעהרליכע רעכנונגען מיט אייער שניידער?
No, I pay half-yearly אָד. every half year.	ניין, איך בעצאהל האלב־יעהרליך אָד. אלע האלב יאהר.
The quarter (קוואָר־טער).	דאָס פערטעל יאהר.
The half-year (האפ־ייר).	דאס האלב יאהר.
Daily (דיי־לי).	טעגליך, אלע טאָג.
Weekly (וויי־ק־לי).	וועכענטליך, אלע וואָך.
Monthly (מאָנטה־לי).	מאָנאטליך, אלע מאָנאט.
Quarterly (קוואָר־טערלי).	פערטעל־יעהרליך, אלע פערטעל יאָהר.
Yearly (יי־ר־לי).	יעהרליך, אלע יאָהר.

דיא ווערטער daily, weekly, monthly, quarterly און yearly קענען שטעהן אי בייא האַנדלונגען אי בייא געגענשטענדע; צ. ב. I work daily, איך אַרבייט אַלע טאָג; the daily bread, דאָס טעגליכע ברויט.

The rent (רענט).	דאָס דירה־געלד, דאס וואוינונג־געלד.
The wages (וויי־דזשיז).	דער לוין, דיא געצאהלט.
To be (בי); was (וואָז), been (בין).	זיין; געוועזען.
My shop is at present at No. 113 Canal Street.	מיין לאדען איז (אָד. געפינט זיך) יעצט אויף קאֶנאֶל גאַס.
No. (נאָמ־בער).	נומער.

No. איז דיא אָבקירצונג פון דעם לאַטיינישען וואָרט Numero, פון numerus אַ צאָהל. עס ווערט געלעזען „נאָמ־בער", ווייל אין ענגליש איז דאָס וואָרט פיר צאָהל — number.

ענטפערן אויף דעם פראנצויזישען בריף.—וואס האט דער שפּאניער איך גענטפערט, ווען איהר האט איהם געזאגט, דאס ער מוז בעצאהלען, וואס ער שולדיגט אונז?—ער האט געזאגט ער האט קיין געלד און קען אונז נאך ניט בעצאהלען.—ווארום ענטפערט איהר מיר ניט, ווען איך רעד צו אייך?—איך האב אייך געענטפערט דרייא מאל און קען אייך ניט געבען קיין אנדער ענטפער (ניט פאר קיין ווערט און דער איבעריגע).—איז ניט דיזער מאן נאך שולדיג אייך וועלכעס געלד?—ער איז אונז גארנישט שולדיג: ער האט אלעס בעצאהלט (צו) אונזער פריהערדיגער פירמע.—האט איהר געקענט (גע-ווייסט) דעם פריהערדיגען הערן פארטער?—איך האב איהם געקענט זעהר גוט: מיר האבען געמאכט זעהר פיעלע געשעפטען (a great deal of business) מיט איהם.—האט איהר געזעהן דיזעס הויז?—ניין, מיין זעליגער פאטער האט עס געבויט.—האט איהר נאך פיעלע (—פיעלע מעהר) ווזיטען צו מאכען היינט?—איך האב מעהר קיינע וויזיטען צו מאכען.

49th Lesson.—49סטע לעקציאן.

איהר שרייבט אזוי שנעל; ווארום שרייבט איהר ניט לאנגזאמער?	You write fast (.אָד quick); why do not you write slower?

Fast (פאַסט), quick (קוויק), שנעל, געשווינד.

Fast און quick קענען קומען אָהן דער ענדונג ly זיך צו בעציהען אויף אַ האַנדלונג.

Fast, faster, fastest. Quick, quicker, quickest.	שנעל, שנעלער, אם שנעלסטען.
Immediately (אימּמידיאַיטלי) Instantly (אינ׳סטאַנטלי)	גלייך, זאָגלייך, אויגענבליקליך.

ער האט גלייך געבראכט דאס בוך צוריק.	He immediately brouht the book back, .אָד he brought the book back immediately.
איך וועל אייך אויגענבליקליך שיקען דאָס געלד.	I shall immediately send you the money, .אָד I shall send you the money immediately.
מיר האבען גלייך געשיקט נאך דעם דאָק-טאָר.	We sent immediatly (instantly) for the physician, .אָד we immediately sent for the physician.

דיא ווערטער ever (עווער), never (נעווער), often (אָפטן), now (נאַו), always (אָלוועיז), then (דען), soon (סון), seldom (סעלדאָם), שטעהען געוועהנליך פאר דעם האנדלונגס-ווארט פון זאַץ; אַלע דיזע, אויסער never און ever, ווערען געשטעלט אַם ענדע זאַץ, ווען זיי זיינען דער עיקר פון זאַץ און ווערען אויסגערעדט מיט אַ דריק.

אייגענשאפטסווערטער וואָס בעציהען זיך אויף אַ האַנדלונג, וויא אויך ווערטער, וואָס בע-צייכנען צייט, שטעהען געוועהנליך פאר דעם האנדלונגסווארט אָדער אַם ענדע פון זאַץ. ווערטער,

גוט, וויא אייערס.—איז עס א יונגעס פערד, וועלכעס אייער נעפע האט געקויפט?—עס איז גאנץ יונג; עס איז נאָר פיער יאהר אלט.—האט ער בעצאהלט פיעל דערפיר?—ניין, ער האט עס געקויפט זעהר ביליג.

141. צום איבערזעצען.

האט ניט מיין זוהן געשריבען דיזען בריף זעהר שעהן?—יע; ער שרייבט פיעל בעסער אלס מיינער, וועלכער איז ביינאהע צווייא יאהר עלטער.—ווער בינדט אייערע ביכער? זייא זיינען זעהר שלעכט געבונדען.—עס איז ניט געוועזען זיין שולד (פעהלער); ער בינדט זייא געוועהנליך זעהר גוט.—האט איהר געזעהן דעם שפאניער זייט איניגער צייט?—איך האב איהם געזעהן לעצטע וואך.—רעדט ער נאָך אזא (a-) שלעכטעס דייטש, וויא לעצטעס יאהר?—ער רעדט פיעל בעסער יעצט.—רעדט דער איטאליענער ערגער אלס ער?—ער רעדט פיעל ערגער.—איז עס אזוי ווייט פון אייער הויז צו דער בערזע, וויא פון אונזערן?—עס איז ניט אזוי ווייט פון אייער הויז וויא פון אונזערן.—איז עס ווייטער פון פילאדעלפיא נאָך טשיקאגאָ אלס פון באלטימאָר נאָך ניו יאָרק?—עס איז ווייטער פון פילאדעלפיא נאָך טשיקאגאָ.—איז דיא קירכע ווייט פון היער?—עס איז ניט זעהר ווייט.—מוז איך שיקען נאָך דעם דאָקטאָר?—איהר מוזט נאָך איהם שיקען זאגלייך.—האט איך ניט געפרייט צו הערען, דאס מיין ברודער האט פערקויפט מיין וויין אזוי גוט?—איך בין געוועזען זעהר (=פיעל) צופריעדען (pleased) עס צו הערען.—איז אייער זייגערל אזוי טהייער, וויא מיין פעטער'ס?—עס איז פיעל טהייערער.—איז דעם אמעריקאנער'ס הויז אזוי שעהן מעבלירט, וויא דעם ענגלענדער'ס?—עס איז פיעל שעהנער מעבלירט.—זייט איהר צופרידען (pleased) מיט דעם נייען פראנצויזישען בוך, וועלכעס איך האב אייך געשיקט?—איך בין זעהר פיעל צופריעדען דערמיט.—איז מיין ראָק פערטיג?—עס איז פאסט פערטיג.—ווען וועט איהר מיר איהם שיקען?—איהר זאָלט איהם בעשטימט האבען בייא זיבען א זייגער היינט פארנאכט.

142. צום איבערזעצען.

איז דיזער מאן ווירקליך אזוי אָרים וויא ער זאָגט?—ער מוז זיין זעהר אָרים, וויל ער (for) האט ניט צום מאָל געלד גענוג צו קויפען (וועלכעס) ברויט פיר זיינע פיער קליינע קינדער.—האט איהר געזאָגט דעם האָללענדער, דאס איך ווינש צו רעדען מיט איהם?—איך האב ניט נאָר געזאָגט איהם, נאָר איך האב זאָגאר געשריבען צו איהם היינט (this) פאָרמיטטאָג, דאס איהר וועט איהם ערווארטען.—האט איהר געפונען דעם ענגלענדער נאָך צו הויז, אלס איהר זייט געגאנגען צו איהם (=צו זיין הויז) היינט אין דער פריה?—ניין, ער איז שוין געוועזען אויסגעגאנגען.—געהט ער אָפט אויס אזוי פריה?—זעהר זעלטען; עס איז א זעלטענער פאל.—האט איהר געפונען דאס בוך, וועלכעס איהר האט געוואָלט (=געוואונשען) קויפען?—ניין, עס איז זעהר א זעלטענעס בוך, איך האָב עס ניט געקענט געפינען אין דער גאנצער שטאָדט.—איז עס אן אַלטעס בוך?—עס איז זעהר אלט, עס איז געדרוקט געוואָרען הונדערט יאהר צוריק.—בעזוכט אייך דער שאָטלענדער אָפט?—ער האט אונז פריהער (formerly) בעזוכט זעהר אָפט, אבער זייט אייניגער צייט האבען מיר איהם געזעהן זעהר וועניג (we have seen very little of him).—אויף וועלכען בריף האט איהר צו ענטפערן? (אויף ווערט אויסגעלאָזען)—איך האב צו

פערשטאָרבען, געשטאָרבען.	Deceased (דיסיסט).
פריהערדיג, פאָריג; פערשטאָרבען.	Late (לייט).
אונזער פריהערדיגע פירמע.	Our late firm.
דיא פירמע, דער האנדלונגסנאָמען.	The firm (פאָירם).
מיין פערשטאָרבענער (זעליגער) פאָטער.	My late father.
דער פערשטאָרבענער הערר פאָרטער.	The late Mr. Porter.
מיין זעליגער פאָטער.	My poor father.

Poor מיינט אייגענטליך אָרים. ווען מען רעדט פון פערשטאָרבענע פערוואַנדטע און געליעבטע פריינד זאָגט מען poor אין דער בעדייטונג פון פערשטאָרבען אָד. זעליג.

מיין זעליגע מוטער.	My poor mother.
אייער זעליגע שוועסטער.	Your poor sister.
דער זעליגער ווילהעלם.	Poor William.
מאַכען א בעזוך.	To make a visit. To pay a visit.
צום ביישפּיעל, למשל.	For instance.
קליידען, פּאַסען.	*To fit (פיט).

.140 צום איבערזעצען.

געפעלט אייך מיין נייער ראָק?—ער געפעלט מיר זעהר גוט.—געפעלט אייך מיין ברודער'ס ראָק אזוי פיעל, וויא מיינער?—זיינער געפעלט מיר ניט אזוי גוט.—לעזט איהר א גוטעס בוך?—ניין, דאס בוך איז ניט גוט, אויך איז עס ניט גוט געשריבען.—איז דאָס א נייעס בוך?—ניין, איך האב עס געהאט א לאַנגע צייט; עס איז נאָר נייא געבונדען.—האט איהר געזעהן דאס שעהנע קלייד, וועלכעס מיין ברודער האט מיר געבראַכט פון פאריז?—ניין; איז עס געמאַכט געוואָרען אין פאריז?——יע, געוויס; און עס איז אזוי שעהן געמאַכט.—איז עס ניט אנגענעהם צו האָבען אזא פריינדליכען (דיענסטפערטיגען, obliging) ברודער?—יע, ווען (if) ער איבערראַשט אזוי אַנגענעהם זיין שוועסטער מיט שעהנע קליידער.—האט איהר געזעהן מיין איידים'ס נייעס הויז?—איך בין נעכטען געוועזען בייא איהם (=אין זיין הויז): דאס הויז איז שעהן און עס איז אויך שעהן מעבלירט (אויך, too, צולעצט).—ווער האט געמאַכט אייערע שטיפעל?—וואָרום? קליידען זייא (do they fit) גוט?—זייא קליידען שעהן.—האט דער שפּאַניער עמפּפאַנגען אייער זוהן העפליך?—ער איז זעהר העפליך און (ער) עמפּפאַנגט יעדען איינציגען (one) העפליך.—זייט איהר געוועזען צו הויז נעכטען דעם גאַנצען טאָג? (נעכטען דעם גאַנצען טאָג, all yesterday)—איך האב ניט געקענט אויסגעהן, ווייל איך האב געהאט א סך צו טהאָן און איך בין נאָך ניט גאַנץ פערטיג.—וויא פיעל א זייגער איז עס?—עס שלאָגט עבען זיבען: יעצט בין איך גאַנץ צו אייער דיענסטען.—אלזאָ לאָמיר געהן אין (דאָס) טהעאטער: עס וועט זיין זעהר פול.—דענקט איהר, דאס מיין פעטער'ס גאָרטען איז אזוי גרויס, וויא אונזערער?—איך דענק ער איז גאַנץ (fully) אזוי גרויס וויא אונזערער.—איז דאס טוך פון אייער ראָק אזוי גוט, וויא מיינס?—עס איז גאַנץ אזוי

Will you be here soon?	?וועט איהר היער זיין באלד

Soon (סו־ן), באַלד, גיך.

He very seldom comes to our house.	ער קומט זעהר זעלטען צו אונז.

Seldom (סעל'דאָם), זעלטען.

Come often, if you please.	קומט אָפט, געפעליגסט.

Often (אָפן), אָפט.

Soon,	sooner,	soonest.	באלד,	גיכער,	אם גיכסטען.
Seldom,	seldomer,	seldomest.	זעלטען,	זעלטענער,	אם זעלטענסטען.
Often,	oftener,	oftenest.	אָפט,	אָפטער,	אם אָפטעסטען.

Lately, of late, פאַר אַ קורצער צייט, זייט איינִיגער צייט.

Formerly (פאָר'מערלי), פריהער.

I have not seen him lately (.אָד of late).	איך האב איהם ניט געזעהן זייט איינִיגער צייט.
Frequent—Frequently.	אָפט.
Repeated—Repeatedly.	אָפט, ווידערהאָלט.
Early (אָיר־לי).	פריה, פריהיג, באלדיג
Scarce (סקע־רס), rare (רע־ר).	זעלטען.
It is a scarce book.	עס איז א זעלטענעס בוך.
Good people are scarce.	גוטע לייט זיינען זעלטען.
A rare example .אָד instance.	א זעלטענעס ביישפיעל.
The example (עגזאֶמפּל). The instance (אינ'סטאֶנס).	דאס ביישפיעל.
A rare case.	א זעלטענער פאל.
The case (קֵיס).	דער פאל.
Frequent visits.	אָפטע בעזוכען.
An early answer.	א באלדיגער ענטפער.
The answer (אֶנ'סער).	דער ענטפער, דיא אנטוואָרט.
*To answer (אֶנ'סער).	ענטפערן, אנטוואָרטען.

נאך to answer קומט ניט דאס ווערטעל to (צו, אויף).

Do you answer his letter?	?ענטפערט איהר אויף זיין בריף
Answer me that!	ענטפערט מיר דאָס! (ד. ה. ענטפערט מיר דערויף!)
To give .אָד to make answer.	געבען אנטוואָרט.
He gave me no answer. He made me no answer.	ער האט מיר קיין אנטוואָרט געגעבען.

שלעכט.	Bad—Ill.
פיעלע—פיעל.	Many—Much.
אנווענדען, געברויכען.	*To apply (אֶפּפּלאַי).
איבערראשען.	*To surprise (סאַירפּראַיז).
איבערראשען מיט.	To surprise with—. To surprise by—.

To surprise with ווערט געברויכט, ווען דיא איבערראַשונג איז דורך אַ געגענשטאַנד; to surprise by—ווען דיא איבערראַשונג איז דורך אַ האַנדלונג, דורך אַ טהואונג.

דיא איבערראשונג.	The surprise.
בינדען, איינבינדען; געבונדען.	To bind (באַינד); bound (באַונד), bound.
האט דער פראנצויז אייך ניט אויפגענומען העפליכער אלס ער האט אויפגענומען מיין ברודער?	Has not the Frenchman received you more politely than he received my brother?
אויפנעהמען, עמפפאנגען.	*To receive (ריסיִוו).
איז ניט מיין אויפגאַבע געשריבען בעסער אלס אייערע?	Is not my exercise written better than yours?
עס איז ווייטער פון ניו יאָרק נאָך באַלטי־מאָר אלס פון באַלטימאָר נאָך פילאַ־דעלפיא.	It is farther from New York to Baltimore than from Baltimore to Philadelphia.
אייערע צימערן זיינען זאָגאַר ערגער מעב־לירט אלס מיינע.	Your rooms are even worse furnished than mine.

Even (איוון), זאָגאַר, אפילו.

Not even, זאָגאַר ניט, צום מאָל ניט, ניט אַ מאָל.

דיא גראַדען אָדער דיא שטופען ווערען בייא אַלע אייגענשאַפטסווערטער, וואָס קריגען דיא ענדונג ly, געמאַכט דורך more און most: beautifully, שעהן; more beautifully, שעהנער; most beautifully, אַם שעהנסטען.

(וועגען דיא גראַדען פון אייגענשאַפטען זעה זייטע 113).

בייא well, ill אָד. badly, little, much, near און far, ווערען דיא גראַדען בעצייכעט אונרעגעלמעסיג:

אַם בעסטען.	בעסער,	גוט,	Well,	better,	best.
אַם ערגסטען.	ערגער,	שלעכט,	Badly אָד. ill,	worse,	worst.
אַם ווענינסטען.	ווענינער.	ווענינ,	Little,	less,	least.
אַם מעהרסטען.	מעהר,	פיעל,	Much,	more,	most.
אַם נעהענטסטען.	נעהענטער,	נאהענט,	Near,	nearer,	nearest. next.
אַם ווייטסטען.	ווייטער,	ווייט,	Far,	farther, further,	farthest. furthest.

It was quite .אָד entirely spoiled.	ער איז געוועזן גאַנץ פערדאָרבען.
It is quite, entirely .אָד wholly untrue.	עס איז גאַנץ אונוואהר (אין גאַנצען ניט וואהר).
The room is good.	דאס צימער איז גוט.
The rooms are well furnished.	דיא צימערן זיינען גוט מעבלירט.
*To furnish (פאָירניש).	מעבלירען, אויסמעבלירען.

אייגענשאַפטסווערטער בעציהען זיך זעהר אָפט אויף האַנדלונגען און דאַן ווערט צו זייא צוגעזעצט דיא ענדונג ly.

בייא דער צוזעצונג פון דער ענדונג ly מוז מען היטען איניגע כללים:

אין אייגענשאַפטסווערטער, וואָס ענדיגען זיך מיט y, ווערט y פערביטען אויף i פאַר דער ענדונג ly; צ. ב. happi-ly—happy, גליקליך.

אין אייגענשאַפטסווערטער, וואס ענדיגען זיך מיט ue, וואַרפט מען הערויס דעם e פאַר דער ענדונג ly; צ. ב. tru-ly—true, וואהר.

אין אייגענשאַפטסווערטער, וואָס ענדיגען זיך מיט le, ווערט אנשטאָט צוצוגעבען דיא ענדונג ly בלויז דער e איבערגעביטען אויף y; צ. ב. abl-y—able, פעהיג.

אין אייגענשאַפטסווערטער, וואָס ענדיגען זיך מיט ll (צווייא l-ען) ווערט אנשטאָט ly בלויז צוגעגעבען y; צ. ב. full-y—full.

Courteous (קאָירטשאָס)—Courteously. Civil (סי'וויל)—Civilly. Polite (פאָולאיט)—Politely.	העפליך.
Impartial (אימפאַרשאָל)—Impartially.	אונפּארטייאיש.
Real (רי'על)—Really.	ווירקליך.
Light (לאיט)—Lightly.	לייכט, גרינג.
Bad (באָד)—Badly.	שלעכט.
Slow (סלאָו)—Slowly.	לאַנגזאַם.
True (טרו)—Truly.	וואהר, וואהרהאַפטיג.
Entire (ענטאיר)—Entirely.	גאַנץ, גענצליך.
Full (פולל)—Fully.	פול, גאַנץ.
Whole (האָול)—Wholly.	גאַנץ, גענצליך.
Common (קאָממאָן)—Commonly.	געוועהנליך, געמיין.
Tolerable (טאָ'לערעבל)—Tolerably.	ערטרעגליך, ציעמליך, ניש-קשה'דיג.
Agreeable (אָגריי'עבל)—Agreeably.	אנגענעהם, געפעליג.
Pretty (פרי'טי)—Prettily.	היבש, שעהן.

מאַנכע אייגענשאַפטסווערטער קענען קומען אָהן ly צו בעציהען זיך אויף אַ האַנדלונג; איינס פון דיזע איז slow, לאַנגזאַם: he walks slow, ער געהט לאַנגזאַם.

מאַנכע אייגענשאַפטסווערטער ווערען גאָר איבערגעביטען אויף אַנדערע ווערטער, ווען זייא בעציהען זיך אויף האַנדלונגען—good ווערט איבערגעביטען אויף well, bad אויף ill און many אויף much:

Good—Well.	גוט.

(I could not help) לאכ̇ן (laughing): אבער איך וויל ניט (=איך האב ניט נערן) צו זאָגען, פון וואָס איך האב געלאכט.

139. צום איבערזעצען.

וועלען מיר אויסנעהן שפּאַציערען (=נעהמען א שפּאַציערגאַנג)?—איך וואָלט ליעבער בלייבען צו הויז.—לאָמיר (let us) יעצט שרייבען.—איך וואלט ליעבער יעצט לעזען.—איהר וואָלט אימער ליעבער טהאָן עפּעס אנדערש אַלס וואָס איך זאָג אייך.—וואָס וואָלט איהר ליעבער, געהן אויף דאָס לאַנד היינט נאָכמיטטאָג, אָדער אויף (to) דעם קאָנצערט היינט אבענד?—איך וויס ווירקליך ניט, וואָס איך וואָלט ליעבער.—האט איהר לוכט (a mind) צו געהן מיט מיר צו מיין פעטער און שפּיעלען א קאָן קאָר־טען?—איך וואָלט ליעבער מאַכ̇ן א שפּאַציער אלס צו געהן צו אייער פעטער.—זייט זאיהר הונגריג?—איך בין אי הונגריג אי דורשטיג.—עס איז דאָ (there is) עפּעס צו עסען און טרינקען.—מיט וועמען ווינשט איהר צו רעדען?—איך ווינש צו רעדען מיט אייער זוהן.—וועט איהר הינריינגעהן (in step)?—ניין, איך דאַנק אייך, איך וואָלט ליעבער ווארטען אויף (for) איהם הי ר.—ווילט איהר יעצט פריהשטיקען?—ניין, איך וואלט ליעבער ווארטען א שטונדע.—וואָרום האט אייער פאטער נ'כטען געזאָגט, דאס איך זאָל (should) ניט לאַבען אויף (at) מיין אייגענעם ווין?—ווייל עס איז בעסער, דאס אַנדערע זאלען (should) לאַב̇ן אויף דיין ווין אלס דוא זעלבסט; עס איז פיעל בעסער איבערצו־לאָזען (to leave) דאָס לאַבען פיר (to) אַנדערע; דענקסט דוא ניט, דאס מיין פאָטער איז געוועזן גערעכט?—ער איז ניט געוועזן אונגערעכט.

48th Lesson.—48סטע לעקציאָן.

אונזער הויז איז נייא.	Our house is new.
עס איז נייא געבויט.	It is newly built.
דאס בוך איז שלעכט.	The book is bad.
עס איז שלעכט געשריבען.	It is badly written.
דיזע פרוי איז זעהר שעהן.	This woman is very pretty.
אבער זיא איז ניט שעהן געקליידט.	But she is not prettily dressed
עס איז געוויס.	It is certain.
עס איז געוויס וואהר.	It is certainly true.
דיזע צוויא ווערטער זיינען גאַנץ פערשיע־דען; זייא מוזען פערשיעדען אַנגעווענדט (געברויכט) ווערען.	These two words are quite different; they must be differently applied.
איז עס אייך ניט געוועזן אננעגעהם?	Was it not agreeable to you?
זייט איהר ניט געוועזן אננעגעהם איבער־ראשט?	Were you not agreeably surprised.
איז דער שטאָק ווידער גאַנץ?	Is the stick whole again?

געלד דאפיר (for it).—איך געה קיינמאָל אין (דאָס) טהעאַטער; געהט איהר?—ניין, איך געה אויך קיינמאָל.—האט איהר געזעהן מיינע זיהן ערגעץ־וואו?—יע, איך האב זייא געזעהן ביידען, אלס זייא זיינען פארבייגעגאנגען אונזער הויז היינט אין דער פריה. —האט איהר מיינע צוויי שליסלען?—איך האב זייא ביידע.—וואו זיינען מיין שטאָק און מיין הוט? (דאָס צווייטע מיין ווערט ניט איבערזעצט)—איך האב געזעהן זייא ביידע אין אייער צימער.—וועלען אייערע שוועסטערס קומען צו אונז (=צו אונזער הויז) דיזען אבענד?—יע, איך גלויב זייא וועלען ביידע (both of them) קומען.—ווער האט געהאט מיינע צווייא ענגלישע ביכער?—קיינער האט זייא געהאט; איך האב זייא ביידע גע־ זעהן ליגען אויף אייער טיש.—איך האב אייך געשיקט דרייא ביכער; האט איהר זייא געלעזען?—איך האב געלעזען זייא אלע דרייא: זייא זיינען זייער אונטערהאלטענד (אמו־ זאנט, entertaining)—קענט איהר זייא מיר שיקען צוריק, אדער זאל איך שיקען נאָך זייא?—דיא צווייא ענגלישע (English ones) וועל איך אייך שיקען היינט (this) נאָכ־ מיטטאָג; דעם פראנצויזישען וואלט איך ליעבער האלטען ביז מאָרגען אָדער איבערמאָר־ גען.—וויא פיעל נאָך (=לענגער) וועט איהר האבען צו ארבייטען?—איך וועל האָבען צו ארבייטען ביז זיבען א זייגער.—האט איהר איבערגעלאָזען אייערע צווייא טעכטער אויף דעם לאנד?—יע, זייא וועלען בלייבען דאָרטען ביז מאָרגען נאָכמיטטאָג.

138. צום איבערזעצען.

האט איהר געזעהן דעם ענגלענדער און זיין פרוי?—איך האב געזעהן און גערעדט מיט (to) זייא ביידען.—ווען זייט איהר אויפגעשטאנען היינט אין דער פריה?—מיר זיי־ נען געוועזען ביידע אויף פאר זעקס א זייגער.—האט איהר געשריבען דיא בריף?—איך האב אַי געשריבען דיא בריף אַי זייא געקאָפּירט.—וואָס האט איהר געטהאָן אויף דער בערזע?—איך האב אַי געקויפט אַי פערקויפט פיעלע זאכען.—איז מיין זוהן פלייסיג?— ער איז אַי פלייסיג אַי געהאָרכזאם; איך האב מיך ניט צו בעקלאָגען אויף איהם.—עס פרייט מיר עס צו הערען.—וועט איהר מיר געבען א בויגען (sheet) פאפיער?—איך האב קיין פאפיער אין (דעם) הויז; זאָל איך שיקען נאָך וועלכעס?—ניין, ווען (if) איהר האט קיינס, וועל איך אַליין געהן נאָך וועלכעס (אַליין, myself, צולעצט).—שיקט אייער מו־ טער נאָך (וועלכעס) ברויט?—זיא האט געשיקט נאָך וועלכעס היינט אין דער פריה.— ווען זאל איך שיקען נאָך דיא קינדער?—שיקט נאָך זייא אום זעקס אָדער האלב זיבען (בלויז half past: דיא שטונדע ווערט ניט ווידערהאָלט).—איז דער בעדיענטער געגאנגען נאָך אייער פערד?—ער איז געגאנגען נאָך איהם.—וואָס זוכט איהר?—איך זוך מיין שטאָה־ לענע פעדער.—איז דאָס דאָס בוך, וועלכעס איהר זוכט? (וועלכעס קען אויסגעלאָזען ווערען און for קען שטעהן אם ענדע)—יע, איך האב עס געזוכט שוין א שטונדע (שוין א שטונדע, this hour).—איז אייער הערר (master) צו הויז?—יע (=יע, ער איז), מיין הערר; וועט איהר געפעלינסט (אָד. זיין אַזוי גוט) הערייננעהן?—וואָרום לאכט איהר?— מיר לאכען פון (at) דיזען קליינעם מאַן און זיין גרויסער פרוי (דאָס וואָרט פון נאָך לאַכען ווערט איבערזעצט at).—לאכט איהר פון מיר?—פארוואָס (וואָרום) זאָלען מיר לאכען פון אייך?—וואָרום לאכט איהר אימער?—איך האב מיך ניט געקענט איינהאלטען

Thank you, I have had enough.	דאַנקע, איך האָב געהאַט גענוג.
A small piece?	א קליינעם שטיקעל?
I had rather not, I am much obliged to you.	איך וואָלט ליעבער ניט; איך דאַנק אייך זעהר.
Much obliged.	פיעל פערפליכטעט (ד. ה. זעהר דאַנקבאַר).
I am much obliged.	איך בין זעהר פערפליכטעט (ד. ה. איך דאַנקע זעהר).
I am much obliged to you for the favor you have done me.	איך דאַנק אייך זעהר פיר דעם געפאַלען, וועלכען איהר האט מיר געטהאָן.
Oh, if you had rather not, I will not press you.	אָ, ווען איהר וואָלט ליעבער ניט, וויל איך ניט דרינגען אין אייך.
Ask the gentleman to step into the parlor and wait a few moments; I shall be with him directly.	בעט דעם העררן הערייַנצוטרעטען אין צימער און צו וואַרטען א פּאָאָר אויגענ־בליקען; איך וועל גלייך בייא איהם זיין.

ווען עס קומען מעהרערע האַנדלונגסווערטער בייא איין פערזאָן אָדער זאַך, ווערט דאָס ווערטעל to געשטעלט נאָר פאַר דעם ערשטען, דיא איבעריגע קומען אָהן to.

*To step (סטעפּ).	טרעטען.
To step in, into.	הערייַנטרעטען.
A step.	א טריט, א שריט.
To walk a step.	געהן א טריט.
To take steps אָד. measures.	מהאָן שריט, טהאָן מיטלען, נעהמען מאַס־רעגעל.
Step in, if you please.	טרעט (קומט) געפעליגסט הערייַן.

ווען עס ווערט געקלאַפּט אָן טהיר זאָגט מען come in! אָד. walk in!—קומט הערייַן!

If you please.	געפעליגסט. / ווען אייך געפעלט.

If you please שטעהט געוועהנליך אַם ענדע פון זאַץ.

Will you hand me that glass, if you plaese?	ווילט איהר מיר געפעליגסט דערלאַנגען דאָס גלאָז?

137. צום איבערזעצען.

קומט איהר פון דעם גאָרטען?—ניין, איך קום פון דעם הויז.—האט איהר הערויס־גענומען דיא רעכנונגען פון דיא בריף?—איך האב זייא הערויסגענומען.—וואו איז ווילהעלם? ער איז גאָר־וואָס (עבען) הערויסגעגאַנגען פון (דעם) הויז.—געהט איהר אין (דאָס) טהעאַטער היינט פאַרנאַכט?—ניין, איך וועל בלייבען צו הויז.—איך געה אויך ניט.—איך האב ניט קיין גוטעס בוך צו לעזען: קענט איהר מיר געבען איינס?—איך האב אויך קיינס (קיינס, not one אָד. none).—ווער איז דיזער מאַן?—איך קען (ווייס) איהם ניט.—איך קען איהם אויך ניט.—וויא געפעלט אייך דאס פערד, וועלכעס אייער ברודער האט געקויפט?—מיר געפעלט עס גאָר ניט.—מיר געפעלט עס אויך ניט.—ער האט בעצאהלט צו פיעל

Shall I fetch you another book?	זאל איך אייך ברייננען אן אנדער בוך?
Shall I go for another book for you?	זאל איך געהן נאך אן אנדער בוך פיר אייך?
No, I have already sent for one.	ניין, איך האב שוין געשיקט נאך איינס.

Both (באָוטה),ביידע; ביידעס.

דאָס ווערטעל the, וויא אויך my, your, his א. ז. וו. שטעהען אימער נאך both.

Both the brothers.	ביידע ברידער.
Both the keys.	ביידע שליסלען.
Both the houses.	ביידע הייזער.

מיר ביידע, איהר ביידע און זייא ביידע ווערען איבערזעצט: both of us, both of you, both of them.

You have seen both of us in this place.	איהר האט געזעהן אונז ביידען אין דיזען פלאץ.
We were both of us here.	מיר ביידע זיינען געוועזען היער.
I have spoken to both of you then.	איך האב צו אייך ביידען דאן געשפראָכען.
I have seen both of them.	איך האב זייא ביידען געזעהן.

ווען דיא פערזאָנען ווערען געשטעלט פאַר דעם וואָרט both ווערט אויסגעלאָזען דאָס וואָרט of:

I have them both.	איך האב זייא ביידען.

Both and— (באָוטה אֶנד), אי,—אי.

Have you seen my new horse?	האט איהר געזעהן מיין נייעס פערד?
I have both seen and tried it, and find it both handsome and good.	איך האב עס אי געזעהן אי פּרובירט, און געפין עס אי שעהן אי גוט.

Rather (ראָדהער), ליעבער.

I would (אָד. had) rather stay at home.	איך וואָלט ליעבער בלייבען צו הויז.
He says he would (אָד. had) rather not tell her.	ער זאָגט ער וואָלט איהר ליעבער ניט זאָגען.

Had ווערט זעהר אָפט געבּרויכט אנשטאָט would.

What had (אָד. would) you rather, go to the concert or to the play?	וואָס וואָלט איהר ליעבער, געהן אויף דעם קאָנצערט אָדער אין טהעאַטער?

נאך had rather, וויא אויך נאך would rather, ווערט פאַר האַגדלונגסווערטער ניט געשטעלט דאָס ווערטעל to:

I had reather make it.	איך וואָלט עס ליעבער מאַכען.
He had reather buy new shoes.	ער וואָלט ליעבער קויפען נייע שיך.
What had you rather do, read or write?	וואָס וואָלט איהר ליעבער טהאָן, לעזען אָדער שרייבען?
I had rather read.	איך וואָלט ליעבער לעזען.
Shall I give you a little more beef?	זאָל איך אייך געבען נאָך עטוואָס רינדפלייש?

אוונג.- איך לעג אימער מיינע זאכען אוועג.- דארף (=מוז) יאהאן געהן אויף לאנד?- ניין, לאז איהם ווארטען.

47th Lesson.—47סטע לעקציאן.

I do not go, nor my brother either. — איך געה ניט, מיין ברודער אויך ניט.

Nor either (נאר אי׳דהער), אויך ניט.

I never see the young Spaniard now. — איך זעה גאר דעם יונגען שפאניער יעצט ניט.

Never (נע׳ווער), גאר ניט, גאר ניט מעהר.

Nor I אד. nor I either. — איך אויך ניט.

Nor—either (נאר אי׳דהער), אויך ניט.

I shall not go into the country to-morrow; will you? — איך וועל מארגען ניט געהן אויף לאנד; וועט איהר?

No, I shall not go either. — ניין, איך וועל אויך ניט געהן.

Not—either (נאט אי׳דהער), אויך ניט.

I never see the Englishman either. — איך זעה דעם ענגלענדער אויך קיינמאל.

Never—either (נע׳ווער אי׳דהער), אויך קיינמאל.

מען איבערזעצט ניט דיא אויסדריקע אויך ניט, אויך ניעמאלס מיט also not, also never; זייא מוזען, וויא דיא געגעבענע ביישפיעלען ווייזען, איבערגעזעצט ווערען מיט nor, neither, nor—either, nor—ever.—נאך nor און not שטעהט קיינמאל ניט neither אדער never, זאנדערן: ever, either (not—either, not—ever, nor—either).

I cannot find it either. / Nor can I find it either. — איך קען עס אויך ניט געפינען.

I never see him either. / Nor do I ever see him. — איך זעה איהם אויך קיינמאל.

But (באט), נאר, אויסער.

You never come, but when I do not want you. — איהר קומט קיינמאל, אויסער ווען איך ברויך אייך ניט.

Economical (איקאנא׳מיקעל). — שפארזאם.

To have to, To be to. — מוזען, דארפען.

He is to dine with us to-day. — ער דארף בייא אונז היינט עסען מיטטאג.

My brother has to buy new books. — מיין ברודער דארף קויפען נייע ביכער

To go for—. — געהן נאך—.

To send for—. — שיקען נאך—.

*To look for. — זוכען.

איך האב אייך גאָרנישט צו זאָגען, אבער צו פרעגען עפּעס.—אלזאָ (then) פרעגט.—דער מאַן, וועלכען איהר האָט געזעהן שטעהן נעבען מיר אויף דער בערזע נעכטען, וויל (wants) באָרגען הונדערט דאָללער בייא (of) מיר; דארף (must) איך איהם לייהען?—לייהט איהם קיין געלד, איהר וועט עס ניט קריגען צוריק.—ווארום דענקט איהר אזוי?—איך ד ע נ ק ניט, איך ו ו י י ס עס; ער האט געבאָרגט הונדערט דאָללער בייא מיין ברודער, ניט וועניגער אלס צווייא יאהר צוריק, און (ער) איז נאָך זייא שולדיג.—ער וועט אייך בעצאָהלען אין דרייא מאָנאַטען פון היינט.

136. צום איבערזעצען.

געהט איהר שוין?—יע, איך מוז געהן.—ביטע, לאָזט אונז נאָך ניט אוועג; בלייבט און לאָמיר שפּיעלען נאָך א קאָן (another game) שאך.—ניין, איך האב שוין געשפּיעלט דרייא קאָנען, און איך קען ווירקליך ניט מעהר שפּיעלען (play no more).—אלזאָ, לאָמיר שפּיעלען א קאָן קאָרטען.—ניין, איך שפּיעל קיינמאָל אין (at) קאָרטען.—איהר זייט ניט אונגערעכט; מען (one) קען טהאָן עפּעס בעסערעס (something better) אלס שפּיעלען אין קאָרטען.—וואָס טהוט איהר יעצט?—איך מאך (I am doing) מיין פראַנצויזישע אויפגאַבע.—הערט איהר יעצט אויף שרייבען? (צייט צולעצט).—איך הער אויף שרייבען.—וועט איהר טרינקען וואַסער אדער וויין?—גיסט מיר אָן א גלאָז וויין, זייט אזוי גוט.—ווילהעלם, אייער נאָכבאַר (שכן) האט קיין וויין מעהר (=איבריג) אין זיין גלאָז; בעט איהם ער זאָל נעהמען (=בעט איהם צו נעהמען) א גלאָז וויין מיט אייך.—וועט איהר נעהמען נאָך א פּענעץ (slice) רינד-פלייש?—ניין, דאַנקע אייך, איך האב געהאַט גענוג.—איך בין פערטיג מיט דעם שרייבען דיא בריף; וואָס זאָל (=מוז) איך יעצט טהאָן?—צעהל דאָס געלד. וועלכעס (that) הער גאָרדאָן האָט געבראַכט.—האט איהר געזעהן מיין שוואָגער היינט אין דער פריה?—ניין (=ניין, איך האב ניט); ווארום פרעגט איהר?—איהר האט בייא איהם מאָרגען צו עסען מיטטאָג.—איך קען ניט; איך מוז געהן מאָרגען נאָך ניו יאָרק.—ווארום איז דער וויין נאָך ניט אבגעשיקט געוואָרען?—איך האב איהם ניט געשיקט, ווייל איך האב ניט געהאַט קיין צייט.—האט איהר צו קאָפּירען דיזע בריף?—איך מוז קאָפּירען דעם ענגלישען; דער פראַנצויזישער בריף איז שוין געוואָרען געקאָפּירט.—ביטע, טהוט מיר א געפאַלען.—געוויס; וואָס איז עס?—לעגט אוועג דיזען בריף אויף (in) דיא פּאָסט, ווען איהר געהט פאַרביי.—מעג איך יעצט אוועגגעהן? (צייט צולעצט).—זייט רוהיג; איהר זעהט איך צעהל צוזאַמען דיזע בעטרעפען (amounts), און איהר אונטערברעכט מיך אימער.—לעגט אייער טאַשענ-טיכעל אין אייער טאַש.—זאָל איך קויפען דיזען שטאָק?—איהר טהוט גאָרנישט נאָר איהר גיט אויס געלד.—וואָס לעזט איהר?—איך לעז א דייטשעס בוך.—איהר לעזט גאָרנישט אויסער (=נאָר) דייטש; ווארום לעזט איהר ניט ענגליש?—קענט איהר מיר לייהען אייער פערד? איך וואָלט וועלען (like) רייטען (ride) אויף (into) דאָס לאַנד.—ניין (=ניין, איך קען ניט).—מיין ברודער האט פערדונגען דאָס הויז (=זיין הויז) אויף (for) א (one) יאהר.—וועמעס בוך איז עס, וועלכעס ליעגט אויף דעם טיש?—עס איז מיין שוועסטערקינד׳ס.—ווען איהר זייט פערטיג מיט דעם ארבייטען, לעגט אייערע זאַכען

That young man spends all his money. — יענער יונגער מאן גיט אוים זיין גאנצעס געלד.

*To fetch (פעטש). — ברייננען.

Fetch me a spoon from the kitchen. — ברייננ מיר א לעפעל פון קיך.

From, out of, אוים, פון.

The choice (טשאָים) — דער פרייער ווילען | The necessisy (ניסעסיסיטי) — דיא נויטה

From choice. — אוים פרייען ווילען (פריווויליג).

From necessity. — אוים נויטה (נעצוואונגען).

134. צום איבערזעצען.

אייער ברודער האט געזאָגט מיין שוועס־טער און זיא האט מיר געזאָגט.	Your brother told my sister, and she told me.
איך וועל ניט געהן, אָהן אייך צו וויסען צו געבען (וואו איך וועל אייך ניט געבען צו וויסען).	I shall not go, without letting you know.

39th Lesson.—39סטע לעקציאָן.

You should avoid doing such a thing.	איהר האט געזאָלט פערמיידען טהאָן אזא זאַך (אזוינס).

,Such a thing אזא זאַך, אזוינס.

א געגענװערטיגעס מיטעלװאָרט װערט זעהר אָפט געברױכט אין פערבינדונג מיט אַ זאַכ=װאָרט צו בעצייכענען אַ זאַך; צ. צ.

A riding-horse (ראַיידינג האָרס).	א רייט=פערד.
Playing-cards (פּלייאינג=קארדז).	שפּיעל=קאָרטען.
A dancing-lesson (דאֶנסינג=לעססן).	א טאַנץ=לעקציאָן.
A knitting-needle (ניטטינג=נידל).	א שטריק=נאָדעל, א פרענטעל.
A drinking-cup (דרינקינג קאָפּ).	א טרינק קובאָק, א טרינק בעכער.
A washing-stand (װאָשינג=סטאֶנד). A washing-table (װאָשינג=טייבל).	א װאַש=טישעל.
A dressing-table (דרעססינג=טייבל).	א טואַלעט=טישעל, א פּוץ=טישעל.
A dressing-room (דרעססינג=רום). A dressing-parlor (דרעססינג=פּארלאָר).	אן אָנקליידונגס צימער, א צימער צום אָנטהאָן זיך.
A sitting-room (סיטטינג=רום). A parlor (פּארלאָר).	א זיץ=צימער, א זאַל.
A dining-room (דאַינינג=רום).	א שפּייז=צימער, אן עס צימער.
A dwelling-house (דװעללינג=האַוס).	א װאױנ=הױז.
A reading-desk (רידינג=דעסק).	א לעזע=טישעל, א לעזע=פּולט.
A writing-table (ראַיטינג=טייבל). A writing-desk (ראַיטינג=דעסק).	א שרייב=טיש, א שרייב=פּולט.
To ride (ראַיד); rode (ראָוד), ridden (רידדן).	רייטען; געריטען.
The ride (ראַיד).	דער שפּאַציער=רייט.
To take a ride.	מאַכען א שפּאַציער=רייט, רייטען שפּאַציערען.
To wake(װייק); woke (װאָוק), waked(װייקט).	װעקען, אױפװעקען; געװעגט, אױפגעװעקט.
*To wash (װאָש).	װאַשען.
To sit (סיט); sat (סאֶט), sat.	זיצען; געזעסען.
To sleep (סליפּ); slept (סלעפּט), slept.	שלאָפען; געשלאָפען.
To dwell (דװעל); dwelt (דװעלט), dwelt.	װאױנען; געװאױנט.
*To die (דאַי).	שטאַרבען.
Dying (דאַיאינג).	שטערבענד.
To lie (לאַי); lay (ליי), lain (ליין).	ליעגען; געלעגען.
Lying (לאַיאינג).	ליעגענד.
*To lie (לאַי).	זאָגען ליגען.

זעהר וועלען שפּיעלען מיט איהם, אבער אזויא וויא איך בין (=וויענדיג) א שלעכטער
שאך־שפּיעלער, און איך געפין (=געפינענדיג) א סך מעהר פערגניגען צו בלייבען אין דער
געזעלשאפט פון דיזע ליעבענסווירדיגע (amiable) יונגע דאמען, האף איך אייער ברודער
וועט געפינען אימעצען אנדערס צו שפּיעלען מיט איהם.—איבער וואס האט איהר גע־
רעדט מיט דעם יונגען ענגלענדער?—איך האב גערעדט איבער דעם, דאס ער האט
(=איבער זיין האבען) דאס שענסטע פערד אין דער גאנצער שטאדט.—זייט איהר גע־
גאנגען צו הערען דזשאהנסאן היינט אין דער פריה?—ניין, אנשטאט צו געהן (=אנ־
שטאדט מיין געהן) צו איהם, איז ער געקומען צו מיר.—ווען וועט איהר מאכען (=נעה־
מען, take) א שפּאציער היינט נאכמיטטאג?—איך וועל מאכען א שפּאציער נאך דעם,
וויא איך וועל האבען (=נאך האבען) געענדיגט מיין געשעפט.—האט איהר איך איינ־
געשניטען?—ניין, אבער איך האב מיך נאך א האאר איינגעשניטען (I was near cutting
myself).—האט דער מאן אנגענומען (וועלכעס) געלד פיר וואס ער האט געטהאן פיר
איך?—ער איז צו הויך (above) צו נעהמען געלד.—האט איהר געארבייטעט פיעל היינט?
—איך האב געארבייטעט דעם גאנצען טאג; איך האב געמאכטען דיזע פופצעהן שטי־
קער טוך, אויסער דעם, וואס איך האב געשריבען (besides writing) דרייא לאנגע בריף.

104. צום איבערזעצען.

האט אייער לעהרער איך געלויבט?—ער האט מיך געלויבט דאפיר, ווייל איך
האב געלערנט (=פיר דאס לערנען, פיר דאס האבען געלערנט) מיין אויפגאבע בעסער
אלס לעצטעס מאל.—איז אייער פאטער אונצופרידען (displeased) מיט אייך?—ער איז
אונצופרידען מיט מיר דאפיר, ווייל איך בין געגאנגען אין טהעאטער אין האב איהם
ניט געפרעגט (without asking him).—ווארום איז אייער מוטער בייז אויף (angry with)
אייער שוועסטער?—זיא איז בייז אויף זיא, ווייל זיא איז געקומען (=פיר איהר קומען)
אזוי שפּעט.—האט איהר פּראבירט שרייבען אן ענגלישען בריף?—איך האב פּראבירט
שרייבען איינעם.—האט דער איטאליענער ווייטער גערעדט (=פארטגעזעצט רעדען)
נאך דעם, וויא איך בין אוועקגעגאנגען?—ער האט גערעדט ווייטער און ער האט גע־
רעדט פיר א שטונדע.—ווארום מיידט אייער פעטער אויס צו זעהן דעם שפּאניער?—
ווייל דער שפּאניער וויל אימער בארגען געלד בייא איהם.—געהט אייער קוזינע מיט
אייך היינט אויף לאנד?—זיא האט זיך ענטזאגט (declined) צו געהן מיט מיר אויף
לאנד.—ווארום פירכטעט איהר צו גערן צו אייער פעטער?—איך האב מורא צו געהן צו
איהם, ווייל איך האב פיינד (detest) צו שפּיעלען אין קארטען.—ווען וועט איהר זיין פער־
טיג מיט דעם מעכטען דיזע שטיקער?—איך וויל, וואהרשיינליך (probably), ניט זיין
פערטיג מיט מעסטען זייא ביז פינף א זייגער.—ווארום האט איהר איינגעלאדען דעם
האללענדער צום אבענדעסען?—איך האב ניט געקאנט ניט (I could not help) איינ־
לאדען איהם.—ווארום האבט דוא ניט געקאנט?—איך האב ניט געקאנט ניט איינלאדען
איהם, ווייל (a) ער איז געוועזען דערבייא (=צוגעגען, present), אלס איך האב איינגע־
לאדען דיין ברודער.—וועלען אייערע שוועסטערס מארגען געהן אויף דעם באל?—ניין, זייא
האבען ליעבער (prefer) צו בלייבען צו הויז.

To forbear(פאָרבע־ר); forbore (פאָרבאָור), forborn (פאָרבאָרן).	ערטראָגען, איינהאלטען; איינגעהאלטען.
To forbid (פאָרביד); forbid, forbid. To forbid; forbade (פאָרבעד), forbidden (פאָרבידדן).	פערבאָטען, פערוועהרען; פערוועהרט.
To understand (אָנדערסטאֶנד); under-stood (אָנדערסטוּד), understood.	פערשטעהן; פערשטאַנען.
I abhor lying.	איך פעראַכט ליגען זאָגען.
*To lie (לאַי).	זאָגען ליגען.
He attempted speaking to her.	ער האט פערזוכט רעדען מיט איהר
Displeased (דיספּליזד).	אונצופרידען.

102. צום איבערזעצען.

וואָס טהוט יעצט דער בעדיענטער?—ער פוצט (=בערשטעט) אייערע קליידער.—האט דער שפּאַניער איך בעצאָהלט דאָס געלד?—ער האט עס מיר ניט בעצאָהלט; דער שפּאַניער פערשפּרעכט אימער מעהר אַלס ער קען טהאָן.—וואָרום איז דער יונגע געקומען צולויפען (=לויפענדיג) צו אייך יעצט עבען?—ער איז געקומען צולויפען צו מיר, ווייל ער האט געזעהן א מאַן פערקויפענדיג שטעק, און ער האט געוואָלט קויפען איינעם.—האט איהר איהם געגעבען (וועלכעס) געלד? (was wishing)—איך האב איהם געגעבען וועלכעס.—האט ער געקויפט א שטאָק?—ניין, ווייל זעהענדיג א מענשען, וועלכער האט ניט געהאַט קיין שיך, (קיין) הוט, ניט קיין ראָק, האט ער איהם געגעבען דאָס געלט, וואס (that) איך האב איהם געגעבען צו קויפען א שטאָק.—ער איז א גוטער יונגע, וואָס זיין (=וועמעס) גרעסטער פערגניגען איז טהאָן (doing) גוטעס.—וואָרום רעדסט דוא ניט מיט (to) דיזען יונגען מאַן?—איך רעד ניט מיט איהם, ווייל, נאָך דעם, וויא איך האָב פיר איהם געטהאָן (having done) אלעס, וואס איך האב געקענט, טהוט ער נאָך אַלץ ניט (נאָך אַלץ, still) וואָס ער האט געדאַרפט.—ווען האָסט דוא געפונען דיזעס געלד?—איך האב עס געפונען אום זיבען א זייגער היינט אין דער פריה (=דיזען מאָרגען), ביי'ן (on) הערויסגעהן פון הויז.—זייענדיג געצוואונגען צו בלייבען צו הויז דעם גאַנצען טאָג, וואָלט איך אייך זיין זעהר דאַנקבאַר (=פערפליכטעט, obliged), ווען איהר וואָלט קומען היינט (דיזען) נאָכמיטטאָג און בלייבען איינינע (a few) שטונדען בייא מיר.—ביי'ן (on) ערהאַלטען אייער פריינדליכען (געפעליגען) בריף איז מיין ברודער גלייך געגאַנגען צו הערן רשאָהנסאָן, וועלכער האָט פערשפּראָכען איהם צו לייהען (to spare) זיין פערד פיר איינינע שטונדען.

103. צום איבערזעצען.

זעהענדיג (=געפינענדיג), דאס עס וועט זיין אונמעגליך פיר מיך צו האַלטען מיין פערשפּרעכען און פערברענגען (to spend) דיזען אַבענד אין אייער אַנגענעהמער געזעלשאַפט, מוז איך צוריקהאַלטען (reserve) דיזעס פערגניגען פיר מיך פיר מאַנכע אַנדערע צייט.—וואָרום שפּיעלט איהר ניט א פּאַרטיע שאַך מיט מיין ברודער?—איך וואָלט

Here is a pretty book for you, for being (אַד. having been) so diligent. — היער איז א שעהנעס בוך פיר דיך, פיר דיין זיין (ווייל דוא ביסט געוועזען) אזוי פלייסיג.

He praised me for calling him so early this morning. — ער האט מיך געלויבט פיר (מיין) אויפוועקען איהם (ווייל איך האב איהם אויפגעוועקט) אזוי פריה דיזען מאָרגען.

The pleasure (פּלעזשור). — דאָס פערגניגען.

I have the pleasure of seeing you — איך האָב דאָס פערגניגען אייך צו זעהן.

נאָך דער פראַזע האָבען דאָס פערגניגען צו קען אימער קומען דאָס געגענ-ווערטיגע מיטעלוואָרט אנשטאָט דיא אונבעשטימטע אַרט פון האַנדלונגס וואָרט.

Do you like walking? — האָט איהר ליעב צו געהן?

He ceased speaking. — ער האט אויפגעהערט צו רעדען.

*To cease (סיס). — אויפהערען.

נאָך פיעלע האַנדלונגסווערטער קומט דאָס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט אנשטאָט דיא אונ-בעשטימטע צרט; פאָלגענדע זיינען דיא געוועהנליכסטע פון דיזער קלאַסע האַנדלונגסווערטער:

*To abhor (אַבהאָר) פעראבשייען, האסען
*To attempt (אַטטעמפּט) פערזוכען, פּרו-בירען.
*To avoid (אָוואָיד) פערמיידען
*To continue (קאָנטיניו) פאָרטזעצען
*To decline (דיקלאַיך) אבלעהנען, ענטזאגען
*To defer (דיפאָיר) אבלעגען
*To delay (דיליי) פערציהען, אָבלעגען
*To detest (דיטעסט) פעראבשייען, פער-אכטען.
*To dread (דרעד) פירכטען, מורא האָבען פיר—.
*To endure (ענדיור) דולדען, ערטראָגען
*To enjoy (ענדזשאָי) געניסען, האָבען פערגניגען פון—.
*To escape (עסקייפּ) ענטלויפען; אויס-מיידען.
*To fail (פייל) פערפעהלען
*To fear (פיר) פירכטען
*To finish (פיניש) ענדיגען, פערטיג ווע-רען מיט—.
*To help (העלפּ) העלפען; זיך איינהאלטען
*To hinder (הינדער) הינדערן, שטערן

*To intend (אינטענד) בעאבזיכטיגען, רעכ-נען, האָבען בדעה.
*To interrupt (אינטעררופּט) אונטער-ברעכען.
*To lament (לאַמענט) בעקלאָגען, בעדויערן
*To miss (מיס) פערפעהלען; פערזאמען
*To neglect (נעגלעקט) פערנאכלעסיגען
*To omit (אָמיט) אויסלאַזען
*To oppose (אָפּפּאָוז) זיך געגנען, זיך דער-ווידערן.
*To practise (פּראַקטיס) פראקטיצירען, זיך איבען אין—, איינשטודירען.
*To prefer (פּריפאָיר) פאָרציהען, ליעבער האָבען.
*To prevent (פּריווענט) פערהינדערן, פער-היטען.
*To propose (פּראָפּאָוז) פארשלאָגען, רעכ-נען, דענקען.
*To refuse (ריפיוז) ענטזאגען, אָבשלאָגען
*To regret (ריגרעט) בעדויערן
*To repent (ריפּענט) בעדויערן, האָבען חרטה אויף—.
*To risk (ריסק) ריזיקירען
*To scruple (סקרופּל) זיך בעדענקען, צווייפלען

Respecting (.אָד in regard to) my returning, I cannot yet say anything positive.	וואָס אנבעטרעפט מיין צוריקקומען, קען איך נאָך גאָרנישט זאָגען געוויסעס.
Positive (פאָזיטיוו).	געוויס, בעשטימט.
He saved himself by jumping through the window.	ער האָט זיך גערעטעט הערויסשפרינגענדיג פון פענסטער.
*To save (סייוו).	רעטען.
He accomplished it by dint of working night and day.	ער האָט עס עררייכט, דורך ארבייט (ארבייטענדיג) טאָג און נאכט.
*To accomplish (אַקקאָמפּליש).	עררייכען, ערלאנגען.
She will do nothing without asking her husband.	זיא וויל גאָרנישט טהאָן, אָהן פרעגען (ניט פרעגענדיג) איהר מאַן.
I have nothing against your going there.	איך האָב גאָרנישט געגען אייער געהן דאָרטען (אהין).
She does not believe in his coming.	זיא גלויבט ניט אין זיין קומען.
That comes from your lying in bed so long.	דאָס קומט פון אייער ליעגען אין בעט אזוי לאנג.
Except his having much money.	אויסער, ווען ער האט פיעל געלד.
Besides her being rich.	אויסער איהר רייך זיין (אויסער דעם, וואָס זיא איז רייך).
He insisted upon (.אָד on) my taking his horse.	ער איז בעשטאנען דארויף, דאס איך זאָל נעהמען זיין פערד.
*To insist (אינסיסט).	בעשטעהן, אָנשטעהן.
She insists on his living in her house.	זיא בעשטעהט דארויף, דאָס ער זאל וואוינען אין איהר הויז.
I wrote without my father's knowing it.	איך האב געשריבען, אָהן מיין פאָטער'ס וויסען (עס).
He wished to copy the letter before his uncle's seeing it.	ער האט געוואָלט איבערשרייבען דעם בריף פאר זיין פעטער'ס זעהן (איידער זיין פעטער האט איהם געזעהן).
We knew it before the Spaniard's coming to our house.	מיר האָבען עס געוואוסס פאר דעם שפּאַניער'ס קומען (איידער דער שפּאניער איז געקומען) צו אונז.
He was punished for not learning his lesson.	ער איז בעשטראָפט געוואָרען פיר זיין ניט לערנען (ווייל ער האט ניט געלערנט זיין לעקציאָן).
*To punish (פאָניש).	בעשטראָפען.

גענען, ווידער.	Contrary to (קאָנטראָרי טו).
אין בעטרעף, ווענען, וואָס אנבעטרעפט.	With regard to (ווידה רינארד טו). With respect to (ווידה ריספעקט' טו). In regard of (אין רינארד' אָוו).
ווענען, אום, צוליב.	For the sake of (פאָר דהי סייק אָוו).
צופאָלגע, ווענען, מחמת.	In consequence of (אין קאָנסיקווענס אָוו).
דורך.	By dint of (באי דינט אָוו).
ווענען, צוליעב.	On account of (אָן אָקקאונט' אָוו).
אנשטאָט צו, אנשטאט דאס.	Instead of (אינסטעד' אָוו).
ניט קוקענדיג, ניט געאַכטעט.	In spite of (אין ספאיט אָוו).
איך האָב גערעדט פון געהן נאָך טשיקאגאָ.	I spoke of going to Chicago.
איך האב גערעדט פון מיין געהן נאָך טשיקאגאָ. איך האב גערעדט פון דעם, דאָס איך געה נאָך טשיקאגאָ.	I spoke of my going to Chicago.
איך האָב גערעדט פון מיין ברודער'ס געהן נאָך פילאדעלפיא. איך האב גערעדט פון דעם, דאָס מיין ברודער געהט נאָך פילאדעלפיא.	I spoke of my brother's going to Philadelphia.
מיין שוועסטערקינד האט גערעדט פון שפיעלען אין קאָרטען.	My cousin spoke of playing at cards.
ער איז אוועגגעגאנגען נאָכדעם, וויא ער האָט מיך גערופען.	He went away, after having called me.
איהר מוזט מיר ווייזען דעם בריף פאר'ן שיקען (איידער איהר שיקט איהם) אויף דיא פאָסט.	You must show me the letter, before sending it to the post-office.
איך בין גאַנץ מיד פון געהן.	I am quite tired with walking.
זייט מיין שרייבען צו איהם. זייט איך האב איהם געשריבען.	Since my writing to him.
ער איז ענטשלאָסען עס צו טהאָן.	He has decided on doing it.
ענטשליסען, אבמאַכען.	*To decide (דיסאיד).
ער איז צו הויך צו נעהמען געלד פיר דיזען דיענסט (טובה).	He is above taking money for this service.
דער דיענסט, דיא טובה.	The service (סאָירוויס).
איהר זייט געווען נאָהענט פון פאלען, איהר זייט נאָך א האָאָר געפאַלען.	You were near falling.
בייגאָהנע, במעט, נאָך א האָאר, שיר.	Near (ניר).

My mother being very much dissatisfied with the cook, sent her away. — אזוי וויא מיין מוטער איז געוועזען זעהר אונצופריעדען מיט דער קעכין, האָט זיא זיא אװעגגעשיקט.

*To dissatisfy (דיססאֶ׳טיספאַי). — אונצופרידען מאכען.

Dissatisfied (דיססאֶ׳טיספאַיד). — אונצופרידען.

דאָס וואָרט זעהר נאָך אַ פערגאַנגענעם מיטעלוואָרט ווערט אויסגעדריקט מיט דעם וואָרט much, אָדער very much, קיינמאָל מיט very אַליין.

My brother, not being a card-player, did not stay after eight. — אזוי וויא מיין ברודער איז קיין קאָרטען-שפיעלער, איז ער ניט געבליבען (ביז) נאָך אכט.

עס איז היער צו בעמערקען, דאָס אין אַזעלכע זעצע וויא דיא עבען=געגעבענע, ווערען אַם ענדע ניט ווידערהאָלט דיא פערזאָנען וואָס קומען פאָר אין אָנהייב; און אין דעם איז ענגליש אַנ=דערס וויא יודיש, וואו דיא פערזאָנען אָדער זאַכען ווערען יע ווידערהאָלט מיט דיא ווערטער ער, זיא, עס או. אַז. וו. צ. ב. My mother not being old, works very hard, אזוי וויא מיין מוטער איז ניט אַלט, אַרבייטעט זיא זעהר שווער. דאָס פערזאָנ=וואָרט זיא קומט אין ענגליש ניט פאָר.

נאָך ווערטער, וויא אין, פאָר, נאָך, ביי א, קומט דאָס האַנדלונגסוואָרט אין דער פאָרם פון דעם געגענווערטיגען מיטעלוואָרט.

דיא ווערטער אין, פאָר או. אַז. וו. הייסען פערהעלטניס=ווערטער.

פערהעלטניס=ווערטער זיינען אַזעלכע ווערטער, וואָס ווייזען דאָס פערהעלטניס (דיא שייכות) פון געגענשטענדע אין אָרט, אין צייט, אין ווענדונג און אין נאָך מעהרערע הינזיכטען.

דיא פערהעלטניס=ווערטער, וועלכע קומען אין פערבינדונג מיט דעם געגענווערטיגען מי=טעלוואָרט, זיינען:

About (אֶבאַוט׳)	אום, וועגען, איבער
Above (אֶבאָוו)	איבער, העכער, צו הויך
After (אֶפ׳טער)	נאָך, נאָכדעם, נאָכהער
Against (אֶגענסט׳)	ווידער, געגען
At (אֶט)	אויף, ביי, אין, צו
Before (ביפאָור)	פאָר, בעפאָר, אֵיידער
Below (בילאָו)	אונטער, נידריגער
Beneath (ביני׳טה׳)	אונטער
Besides (ביסאַידז)	אויסער, אויסער דעם
Between (ביטווין׳)	צווישען, אונטער
Betwixt (ביטוויקסט׳)	צווישען
Beyond (בי=יאָנד)	איבער, העריבער
By (באַי)	דורך, פון; אום
For (פאָר)	פיר, וועגען; ווייל
From (פראָם)	אויס, פון
In (אין)	אין; ווערענד
Near (ני׳ר)	נעבען; ביינאהע, כמעט
Regarding (ריגאַר׳דינג)	אין בעטרעף,
Respecting (ריספעק׳טינג)	וועגען, איבער
Save (סייוו)	אויסער
Since (סינס)	זייט; זייט דעם; אזוי וויא
Through (טהרו׳)	דורך; פון
To (טו)	צו, ביז; אויף
Towards (טאָואָרדז)	געגען
With (ווידה)	מיט, דורך
Within (ווידהאין)	אין
Without (ווידהאוט׳)	אָהן

Concerning (קאָנסאֶיר׳נינג). — וועגען, וואָס אנבעטרעפט.

Except (עקסעפט׳). — אויסער, אויסגענומען.

אזוי וויא איך ווינש איהם צו זעהן און איך קען איהם אין ערגעין ניט געפינען, האב איך געשריבען צו זיין פרוי.

Wishing to see him, and not being able to find him anywhere, I wrote to his wife.

אזוי וויא איך ווינש איהם צו זעהן און איך קען איהם ניט געפינען, מוז איך שרייבען צו זיין פרוי.

Wishing to see him, and not being able to find him anywhere, I must write to his wife.

אזוי וויא ער האט מיט אייך צו רעדען וועגען געשעפט, אָבער ער האט אייך נעכטען ניט געקענט געפינען אין ערגעין, איז ער געוועזן געצוואונגען צו בלייבען היער ביז היינט.

Having to speak to you on business, but not being able, yesterday, to find you anywhere, he was compelled to stay here till to-day.

אזוי וויא זייא האָבען מיט אונז געוואָלט רעדען, אבער זייא האבען אונז ניט געקענט געפינען אין ערגעין, האָבען זייא היינט געמוזט בלייבען היער.

Wishing to speak to us on business, but not being able to find us anywhere, they were obliged (.אָד compelled) to stay here till to-day.

אזוי וויא זיא האט איהם ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט געבען דאס געלד, האט זיא איהם געמוזט זאָגען, עס צו באָרגען אנדערש וואו.

Not being able or willing to give him the money she was forced (obliged .אָד compelled) to tell him to borrow it elsewhere.

אזוי וויא איהר קענט ניט אדער איהר ווילט איהם ניט געבען דאס געלד, זייט איהר גאנץ גערעכט, ווען איהר זאגט עס איהם.

Not being able or willing to give him the money, you are quite right in telling him so.

אין זאָגען, ווען מען זאָגט.

In telling.

איך בין גערעכט, ווען איך זאָג איהם.

I am right in telling him.

זיא האט איהם געבעטען צו בלייבען און זיך צו ערקלערען; אבער אזוי וויא ער האָט געגלויבט, דאס ער האט גענוג געזאָגט פיר יעצט, איז ער גלייך אוועקגעגאנגען.

She asked him to stay and explain himself, but he, thinking he had said enough for the present, went away immediately.

דיא געגענווערטיגע צייט, דיא יעצטיגע צייט.

The present (פרעזענט).

פיר יעצט.

For the present.

אזוי וויא מיין פאָטער האָט ניט האָלט דעם וויין, שיקט ער איהם צוריק.

My father not liking the wine sends it back.

אזוי וויא מיין פאָטער האט דעם וויין ניט גערן געהאט, האט ער איהם געשיקט צוריק.

My father not liking the wine sent it back.

אזוי וויא מיין פאָטער האט פערזוכט דעם וויין, און ער געפעלט איהם ניט, וועט ער איהם שיקען צוריק.

My father having tried the wine and not liking it, will send it back.

פילאדעלפיא (מייט צולעצט).—קענסט דוא דיזע פרוי?—ניין, אָבער מיין ברודער קען זיא. —זעהט איהר דאָס יונגעל, וואָס (that) רעדט (געגענוו. מיטעלוו.) מיט מיין זוהן?—איך זעה קיין יונגעל, וואָס רעדט מיט אייערן, אָבער איך זעה א יונגעל (אנשטאָדט דער ווידער־האָלונג פון יונגעל קומט one), וואָס גיט (צו) מיינעם א בוך (מיינעם צולעצט).

38th Lesson.—38סטע לעקציאָן.

*To carry (קאָרי).	טראָגען.
Carrying (קאָריאינג).	טראָגענד, וואָס טראָגט.

דאָס געגענוווערטיגע מיטעלוואָרט שטעהט מאַנכמאָל וואו עס ווערען געברויכט דיא בעצי־הונגס ווערטער וועלכער, וואָס:

There is a man selling (who sells) sticks.	דאָרטן איז א מאַן, וועלכער פערקויפט שטעק.
Do you see the woman carrying (who carries) the two little children?	זעהט איהר דיא פרוי, וואָס טראָגט דיא צוויא קליינע קינדער?
A good father praising (who praises) his child.	א גוטער פאָטער, וועלכער לויבט זיין קינד.
An industrious boy reading with attention.	א פלייסיגער יונגע, וועלכער לעזט מיט אויפמערקזאַמקייט.
Attention (אַטטענשאָן).	אויפמערקזאַמקייט, אכט.
A woman doing good to everybody.	א פרוי, וואָס טהוט יעדען גוטעס.
Good (גוד).	גוטעס.
A person having never (who has never) lived in the country.	א פערזאָן, וואָס האָט קיינמאָל געוואוינט אויף דעם לאַנד.

דאָס געגענוווערטיגע מיטעלוואָרט שטעהט אימער וואו מען בעדיענט זיך אין יודיש מיט דיא ווערטער אַלס, אַזוי וויא אין אָנפאַנג פון א זאַץ.

Having seen him, I went to his father.	אלס איך האב איהם געזעהן, בין איך גע־גאַנגען צו זיין פאָטער.
Having seen him, he now goes to his father.	אזוי וויא ער האט איהם געזעהן, געהט ער יעצט צו זיין פאָטער.
Having seen him, we shall go to his father.	אזוי וויא מיר האָבען איהם געזעהן, וועלען מיר געהן צו זיין פאָטער.
Having seen him, they went to his father.	אלס זייא האָבען איהם געזעהן, זיינען זייא געגאַנגען צו זיין פאָטער.
Having seen him you ought to (אד. should) go to his father.	אזוי וויא איהר האט איהם געזעהן, האָט איהר געדאַרפט געהן צו זיין פאָטער.
After having seen you, he intends to go to his father.	נאכדעם, וויא ער וועט אייך האָבען געזעהן, רעכענט ער צו געהן צו זיין פאָטער.

.100 צום איבערזעצען.

וועמעס שרייבען איז דאָס?—עס איז מיין זוהנ'ס שרייבען.—עס איז אַ שעהנעס שרייבען פיר אַ יונגעל פון אַכט יאָהר (דאָס ווערטעל אַ, a, ווערט אויסגעלאָזען).—איז ער פלייסיג?—ער געהט קיינמאָל לעדיג (he is never idle), ער טהוט אימער עטוואָס: ער איז זעהר אַ גוטער יונגע.—ווילט איהר נעהמען אַ בוך און לעזען, וועהרענד (=אין דער דער צייט וואָס) איך שרייב אַ בריף?—איך וויל געהן אין דעם גאָרטען און לעזען, וועהרענד איהר שרייבט דיזען בריף.—וואָס האָט דער האָללענדער געטהאָן ווען איהר זייט געוועזען בייא איהם היינט אין דער פריה?—ער האָט געבריהשטיקט, ווען איך בין געוועזען בייא איהם.—ייען האָט אייער מומע געלעזען דעם בריף, וועלכען זיא האָט נעכטען ערהאַלטען פון איהר מאַן?—זיא האָט איהם עבען געלעזען (been reading), אַלס (ווען) אייער פאָטער איז געוועזען בייא איהר.—איז געוועזען דער קליינער פראַנצויז בייא דעם האָללענדער, אַלס איהר זייט דאָרטען געוועזען?—ניין, ער איז גראַדע אַוועקגעגאַנגען, אַלס (as) איך בין הערייגעגאַנגען אין (entering אָד. going into) דאָס הויז.—האָט זיך מיין פעטער אָנגעטהאָן, ווען אייער ברודער איז געוועזען בייא איהם?—ניין, ער איז געגאַנגען שפּאַצירען אין (דעם) גאָרטען.—מאַכט איך דער שניידער ווידער אַ ראָק? (ווידער צורעצט)—ער מאַכט מיר אַ ראָק און צווייא פּאָאָר הויזען.—האָט דער סטאָליער איך שוין געשיקט דיא שטוהלען?—ער שיקט מיר עבען זעקס: דיא לייטע טראָגען זייא הערייַן אין (into) מיין ציממער.—וואו איז דער בעדיענטער?—ער נעהמט דיא קינדער אין (to) שולע.—איז אייער ברודער צו הויז?—ער איז אין גאָרטען און רעדט (=רעדענדיג) מיט דעם גערטנער.—האָט עס שוין געשלאָגען צווייא?—עס שלאָגט עבען.

.101 צום איבערזעצען.

אויף (for) וויא לאַנג געהט איהר אין (to) ניו יאָרק?—איך געה אויף אַ וואָך.—וויא לאַנג וואַרט איהר שוין אויף מיך?—איך וואַרט שוין זייט (these) צעהן מינוטען.—לערנען אייערע שוועסטערס ענגליש?—זייא לערנען עס שוין זייט (these) דרייא מאָנאַטען.—וואָס האָט איהר געטהאָן דעם גאַנצען פאָרמיטטאַג?—איך האָב געאַרבייטעט דעם גאַנצען פאָרמיטטאַג.—וואוינט אייער פריינד יעצט ווידער אין שטאָדט?—ניין, ער וואוינט נאָך אויף (דעם) לאַנד.—איז אייער נאַכבאַר געוועזען לאַנג בייא איך?—ער איז געוועזען בייא מיר אַ שטונדע לאַנג (=פיר אַ שטונדע, for an hour).—וואָס האָט איהר געטהאָן בייא דעם שפּאַניער נעכטען בייא נאַכט?—איך האָב געשפּיעלט אין שאַך מיט איהם.—קען איך רעדען מיט אייער ברודער?—ער וואַרט אויף איך אין דעם גאָרטען.—וואָס טהוט אייער טאָכטער יעצט?—זיא איז אין נעכסטען ציממער און שטריקט (=שטריקענד).—איז אייער מומע אָנגעטהאָן?—זיא טהוט זיך עבען אָן.—וואו זייט איהר געוועזען אום האַלב צעהן (=האַלב נאָך ניין) היינט נאָכמיטטאַג?—איך בין געוועזען ביין פערד־הענדלער און פראָבירט (=פּראָבירענדיג) אַ פערד.—וויא לאַנג שרייבט איהר שוין ([illegible])?—איך שרייב ניט לאַנג.—וואָס האָט איך געזאָגט דער איטאַליענער אַלס (ווען) איך האָב איך געזעהן שטעהן מיט איהם אין גאַס היינט אין דער פריה?—ער האָט זיך בעמיהט מיך צו איבעררעדען צו געהן מיט איהם אויף אַ מאָנאַט נאָך (to)

I was writing from seven to nine.	איך האב געשריבען פון זיבען ביז ניין.
Have you been waiting for me long?	ווארט איהר שוין אויף מיך לאנג?

דארטן, וואו מען דריקט זיך אין יודיש אוים מיט א געגענווערטיגע צייט־פארם, וועלכע ווייזט אויף א האנדלונג, וואס געהערט צו דער פערגאנגענהייט, ווערט אין ענגליש אימער גע־ברויכט דיא געגענווערטיג־פערגאנגענע צייט־פארם; דעריבער ווערט געזאגט have you been waiting long אנשטאט are you waiting long, ווייל ווען איך זאג long הייסט עס, דאס דיא האנדלונג האט זיך שוין אנגעהויבען פון פריהער. ענגליש איז זעהר פינקטליך אין דעם גע־ברויך פון דיא צייט־פארמען פון דיא האנדלונגסווערטער; דער לעזער זאל עס זיך גוט מערקען.

I have been waiting this hour for your brother.	איך ווארט שוין א שטונדע אויף אייער ברודער.
I have been writing these three hours.	איך שרייב שוין דרייא שטונדען.

This, these, דיזע, דיזע.

This hour.	דיזע א שטונדע.
These two hours.	דיזע צווייא שטונדען.
We have been playing a whole (אד. full) hour.	מיר האבען געשפיעלט א גאנצע שטונדע.
Full (פול).	פול, גאנץ.

99. צום איבערזעצען.

ווארום וויינט אייער מוטער?—זיא וויינט, ווייל זיא האט ערהאלטען זעהר א בע־טריבענדען בריף פון איהר שוועסטער.—האט אייער שוועסטער געוויינט?—מיין שוועס־טער האט נאך ניט געזעהן דעם בריף.—ווארום וויינט דיזעס קינד?—עס וויינט אימער, ווען זיין קליינער ברודער איז ניט אין צימער.—איז עס געוועזען אן אונטערהאלטענדעס בוך, וועלכעס אייער מומע האט אייך געגעבען נעכטען?—עס איז ניט געוועזען איינס פון דיא אמוזאנטעסטע (אונטערהאלטענדסטע).—איז עס ניט געוועזען זעהר פריינדליך (גע־פעליג) פון מיין קוזינע עליזע צו בלייבען בייא מיר נעכטען דיא גאנצע נאכט (the whole of last night)?—זיא איז אימער זעהר געפעליג.—געפינט איהר עס ניט לעסטיג (tiresome) צו מוזען (=זיין געצוואונגען) איבערשרייבען דעם בריף נאך א מאל (ווידער, again)?—קיין זאך (nothing) קען זיין לעסטיגער אלס דאס איבערשרייבען א בריף, וועלכען מען (=איינער, one) האט אליין געשריבען.—האט איהר פערקויפט דיא וואל, וועלכע איהר האט געקויפט פאריגע וואך?—ניין, איך האב זיא נאך ניט פערקויפט; קויפען (buying) איז פיעל לייכטער אלס פערקויפען.—האט איהר פיעלע ביכער?—ניין, איך ווינש איך וואלט געהאט (I had) פיעלע; אבער ווינשען (געגענוו. מיטעלוו.) איז ניט האבען.—וואס לעזט איהר דארטן?—איך לעז א פראנצויזישעס בוך.—איהר לעזט אימער; ווארום שרייבט איהר ניט אייער איבונגאבע (exercise)?—לעזען איז אנגענעהמער אלס שרייבען; פיעל שרייבען (געגענוו. מיטעלוו.) איז פיר מיך דיא לעסטיגסטע זאך.—ווארום האט איהר ווידער געקויפט א פען מעסערל? (ווידער, again, צולעצט)—איהר קויפט אימער, וואס איהר ברויכט ניט.—איהר טהוט קיינמאל, וואס איהר פערשפרעכט; איהר דענקט אימער פון עפעס (עטוואס) אנדערעס.

דאָס געגענוועַרטיגע מיטעלוואָרט ווערט אויך געבּרויכט, ווען מען וויל בּעשרייבּען אַ האַנדלונג, וואָס געשעהט אין דער צייט וואָס מען רעדט. עס בּערשפּאָרט פיעל מאָל דאָס וואָרט און.

מיין שוועסטער ארבּייטעט אין נעכסטען צימער.	My sister is working in the next room.
מיין ברודער איז אין גאָרטען און ער רעדט מיט דעם גערטנער.	My brother is in the garden, speaking to the gardener.
שרייבּט אייער פאָטער?	Is your father writing?
ער שרייבּט יעצט.	He is writing now.
עס שלאָגט עבּען זעקס.	It is just striking six.
שלאָגען; געשלאָגען.	To strike (סטראַיק); struck (סטראָק), struck.
איך קום (שוין).	I am coming.
זיא געהט עבּען אוועג.	She is just going away.
וואָס טהוט איהר דאָרטען?	What are you doing there?
איך מאַך אַ קלייד.	I am making a dress.
דאָרטען קומט ער לויפענדיג (צולויפען).	There he comes running.
לויפען; געלאָפען.	To run (ראָן); run, run.
ער איז געשטאַנען לעהנענדיג זיך (אָנגעשפּאַרט) אָן אַ בּוים.	He stood leaning against a tree.
לעהנען, זיך אָנשפּאַרען; געלעהנט, אָנגעשפּאַרט.	To lean (לין); leant (לענט), leant.

Against (אַגענסט), געגען, אָן.

לויפענד.	Running (ראָנינג).
אַ לויפענדע רעכנונג.	A running account.
דיא רעכנונג.	The account (אָקקאונט).
געהן; געהן שפּאַצירען.	*To walk (וואָק).
דער שפּאַציער.	The walk.
מאַכען אַ שפּאַציער.	To take a walk.
דאָס שטיק.	The piece (פּיס).
איך האָבּ אַ שטיק (שטיקעל) ברויט.	I have a piece of bread.

While (הוואַיל), whilst (הוואַילסט) / During (דיוּרינג) — וועהרענד, אין דער צייט וואָס.

While, whilst ווערען געבּרויכט פאַר אַ האַנדלונגסוואָרט, וויא אין דעם זאַץ: while I am reading, וועהרענד איך לעז; during ווערט געבּרויכט פאַר אַ זאַכוואָרט, וויא אין דעם זאַץ: during the time, וועהרענד דער צייט.

נעכטען בּין איך געבּליבּען צו הויז דעם גאַנצען טאָג.	Yesterday I was staying at home all day (אָד. the whole day).

איינפאכע צוקינפטיגע צייט־פארם.

איך וועל שרייבען.	I shall be writing.
דוא וועסט שרייבען.	You will be writing.
ער, זיא, עס וועט שרייבען.	He, she, it will be writing.
מיר וועלען שרייבען.	We shall be writing.
איהר וועט שרייבען.	You will be writing.
זייא וועלען שרייבען.	They will be writing.

בעענדיגטע צוקינפטיגע צייט־פארם.

איך וועל האבען געשריבען.	I shall have been writing.
דוא וועסט האבען געשריבען.	You will have been writing.
ער, זיא, עס וועט האבען געשריבען.	He, she, it will have been writing.
מיר וועלען האבען געשריבען.	We shall have been writing.
איהר וועט האבען געשריבען.	You will have been writing.
זייא וועלען האבען געשריבען.	They will have been writing.

דיא אבענ־געגעבענע צייט־פארמען ווערען געברויכט צו בעצייכנען א האנדלונג, וועלכע געשעהט צו גלייכער צייט מיט אן אנדער האנדלונג, אדער, ווען עס ווערט אנגעגעבען דיא דויערונג, דיא פארזעצונג אדער דיא פערלענגערונג פון א טהואונג וועהרענד א געוויסער צייט.

איך רייד מיט אייך, ווען איהר זייט היער.	I am speaking to you, when you are here.
ער האט געשריבען, אלס איך בין געוועזען בייא איהם.	He was writing, when I was with him.
דוא קענסט צעהלען דיזע שטיקער, וועהרענד איך מעסט יענע.	You may count these pieces while (אד. whilst) I am measuring those.

*To measure (מעזשור) מעסטען | *To count (קאונט) צעהלען

While (הוואיל), whilst (הוואילסט), וועהרענד, אין דער צייט וואס.

דוא זאלסט ניט שפיעלען וועהרענד (אין דער צייט וואס) דיין ברודער ארבייטעט.	You should not be playing, whilst your brother is working. You should not (אד. ought not) to play, when your brother is working.

ווען מען געברויכט אין יודיש א ווארט, וואס ענדיגט זיך מיט ענדיג, וויא גייענדיג, שטעהענדיג או. אז. וו., ווערט אין ענגליש געוועהנליך געברויכט א געגענווארטיגער מיטעל־ווארט, ד. ה. א ווארט, וואס ווערט געמאכט פון א האנדלונגסווארט דורך דיא צוזעצונג פון ing.

איהר וועט איהם געפינען לעזענדיג.	You will find him reading.
ער ארבייטעט אימער; ענטוועדער ער לעזט אדער ער שרייבט; ער טהוט אימער עטוואס.	He is always working; he is either reading or writing; he is always doing something.

ווען דאס ווארט always בעצייכנעט א געוואוינהייט, ווערט בייא איהם אימער דיא האנדלונג אויסגעדריקט מיט דעם געגענווארטיגען מיטעלווארט.

*To fatigue (פאַטיג).	ערמידען, מיד מאכען.
Fatiguing (פאַטיגינג).	ערמידענד, מיד מאַכענד, מידינג.
Writing (.אד to write) much is very tiresome and fatiguing.	שרייבען פיעל איז זעהר לעסטיג און מידינג.
Tiresome (טאַירסאָם).	לעסטיג, ערמידענד, שווער.

דאס געגענווערטיגע מיטעלוואָרט קען געברויכט ווערען צו בעצייכנען אַ האנדלונג פיר אַלע צייטען: געגענווערטיגע, פערגאַנגענע און צוקינפטיגע. דיא פערשיעדענע צייטען ווערען בעצייכענט דורך דיא פערשיעדענע צייט־פאָרמען פון דעם האנדלונגסוואָרט to be (am, is, are, was, were, have been, shall be, will be).

נעגענווערטיגע צייט־פאָרם.

I am writing.	איך שרייב.
You are writing.	דוא שרייבסט.
He, she, it is writing.	ער, זיא, עס שרייבט.
We are writing.	מיר שרייבען.
You are writing.	איהר שרייבט.
They are writing.	זייא שרייבען.

איינפאכע פערגאנגענע צייט־פאָרם.

I was writing.	איך האב געשריבען.
You were writing.	דוא האסט געשריבען.
He, she, it was writing.	ער, זיא, עס האט געשריבען.
We were writing.	מיר האבען געשריבען.
You were writing.	איהר האט געשריבען.
They were writing.	זייא האָבען געשריבען.

נעגענווערטיג־פערגאנגענע צייט־פאָרם.

I have been writing.	איך האָב געשריבען.
You have been writing.	דוא האסט געשריבען.
He, she, it has been writing.	ער, זיא, עס האט געשריבען.
We have been writing.	מיר האבען געשריבען.
You have been writing.	איהר האָט געשריבען.
They have been writing.	זייא האָבען געשריבען.

פאָר־פערגאנגענע צייט־פאָרם.

I had been writing.	איך האָב געהאט געשריבען.
You had been writing.	דוא האָסט געהאט געשריבען.
He, she, it had been writing.	ער, זיא, עס האט געהאט געשריבען.
We had been writing.	מיר האָבען געהאט געשריבען.
You had been writing.	דוא האָסט געהאט געשריבען.
They had been writing.	זייא האָבען געהאט געשריבען.

Is this an entertaining book?	איז דאס אן אונטערהאלטענדעס (אמוזאנ־טעם) בוך?
*To amuse (אֶמיוז).	אמוזירען, מאכען פערגניגען.
Amusing (אֶמיוזינג).	אמוזאנט, אנגענעהם.
*To interest (אינטערעסט).	אינטערעסירען.
He is the most obliging man that I know	ער איז דער געפעלינסטער מאן, וועלכען איך קען.
The story (סטאָררי).	דיא געשיכטע.
This story is very amusing.	דיזע געשיכטע איז זעהר אמוזאנט (שעהן).
This is a very interesting story.	דאס איז זעהר אן אינטערעסאנטע געשיכטע.
These stories are highly (.אָד most) interesting.	דיזע געשיכטען זיינען העכסט אינטערע־סאנט.

Highly (הײלי), most (מאָוסט), העכסט.

Reading (רי־דינג).	דאָס לעזען.
Is not reading (.אָד the reading of) good books very necessary for young people?	איז ניט דאָס לעזען גוטע ביכער זעהר נעטהיג פיר יונגע לייטע?
Necessary (נעסעססאֶרי).	נעטהיג, נאָטהווענדיג.
Not only reading, but remembering too, is necessary.	ניט נאָר לעזען, נאר אויך געדענקען, איז נעטהיג.
*To remember (רימעמבער).	געדענקען.
Remembering (רימעמבערינג).	דאָס געדענקען.
In what does this man's business consist?	אין וואָס בעשטעהט דיזען מאנ'ס געשעפט?
*To consist (קאָנסיסט).	בעשטעהן.
This man's business consists in buying and selling all sorts (.אָד in the buying and selling of all sorts) of interesting objects.	דיזען מאנ'ס געשעפט בעשטעהט אין קויפען און פערקויפען אלע זאָרטען (אלער ארט) אינטערעסאנטע זאכען.

ווען אַ געגענוואַרטיגעס מיטעלוואָרט ווערט געברויכט אין דעם זין פון אַ זאַכוואָרט, וויא reading, דאָס לעזען, selling, דאָס פערקויפען או. אַז. וו., קען פאַר איהם קומען דאס ווער־טעל the, אָבער אין דיזען פאַל מוז נאָך דעם מיטעלוואָרט קומען דאָס ווערטעל of; צ. ב. the buying and selling of all sorts, דאָס קויפען און פערקויפען פון אלע זאָרטען.

All sorts of (אָ־ל סאָרטס אָוו) } אלע זאָרטען, אלערליי, אלער ארט.
All kinds of (אָ־ל קאינדז אָוו) }

Speaking (.אָד to speak) so long must be very fatiguing.	רעדען אזוי לאנג מוז זיין זעהר ערמידענד.

crying, loving (פון cry, וויינען, love, ליעבען) און אזוי ווייטער, טראָגען אין ענגליש דעם נאָמען גענענווערטיגעס מיטעלוואָרט.

ביי דער צוזעצונג פון ing צו אַ האַנדלונגסוואָרט אום דערפון צו מאַכען אַ גענענווער־טיגעס מיטעלוואָרט מוז מען אָבהיטען פאָלגענדע רעגלען:

ווען דאָס האַנדלונגסוואָרט ענדיגט זיך מיט איין שטומען e, ווערט דאָס e הערויסגעוואָר־פען ביי דער צוזעצונג פון ing; צ. ב. to save, רעטען—sav-ing, רעטענד; to have, האָבען —hav-ing, האבענד.

ווען דאָס האַנדלונגסוואָרט ענדיגט זיך מיט ie, ווערען דיזע צוויא בוכשטאַבען פערביטען אויף y פאַר דער צוגעזעצטער ענדונג ing; צ. ב. to lie, ליעגען—lying, ליגענד; to die, שטאַרבען—dying, שטאַרבענד.

ווען דאָס האַנדלונגסוואָרט ענדיגט זיך מיט אַן איינצעלנעם קאָנסאָנאַנט־בוכשטאַב, פאַר וועלכען עס געפינט זיך אַן איינצעלנער וואָקאַל־בוכשטאַב, ווערט דער לעצטער בוכשטאַב פער־דאָפּעלט פאַר דער ענדונג ing; צ. ב. to drop, העראָבוואַרפען—dropping, העראָבוואַרפענד; to stop, אָבשטעלען—stopping, אָבשטעלענד. דיזע רעגעל גילט אימער ביי איינזילביגע ווער־טער; ביי מעהרזילביגע ווערטער גילט דיזע רעגעל נאָר ווען דיא לעצטע זילבע האָט אויף זיך דעם אַקצענט אָדער דעם דריק: to regret, בעדויערן—regre'tting, בעדויערנד; אַן אויסנאַהמע מאַכען דיא האַנדלונגסווערטער, וואָס ענדיגען זיך אויף l, אין וועלכע דער ענד־בוכשטאַב (l) ווערד אימער פערדאָפּעלט, סייא דער אַקצענט איז דאָ אויף דער לעצטער זילבע, סייא ניט דאָ.

דאָס גענענווערטיגע מיטעלוואָרט (דאָס וואָרט וואָס ווערט געמאַכט פון אַ האַנדלונגסוואָרט דורך דיא צוזעצונג פון ing) קען האָבען פערשיעדענע בעדייטונגען—אַ בעדייטונג פון אַ זאַכ־וואָרט, וויא the reading, דאָס לעזען; אַ בעדייטונג פון אַ וואָרט, וואָס ענדיגט זיך אין יודיש מיט ענד אָדער ענדיג, וויא loving, ליעבענד, crying, וויינענדיג; אַ בעדייטונג פון אַ האַנדלונגסוואָרט גופא, וויא walking אין דעם זאַץ: do you like walking? האָט איהר ליעב צו געהן? א. אַז. וו.

To practise (פּראַקטיס).	פּראַקטיצירען.
A practising physician.	א פּראַקטיצירענדער דאָקטאָר.
*To love (לאָוו).	ליעבען.
A loving mother.	א ליעבענדע מוטער.
*To cry (קראַי).	וויינען.
A crying child.	א וויינענדיגעס קינד.
*To follow (פאָללאָו).	פאָלגען, נאָכגעהן, נאָכקומען.
The following number.	דיא פאָלגענדע (נעכסטע) נומער.
To weep (וויפּ); wept (וועפּט), wept.	וויינען; געוויינט.
Afflicting (אָפפליקטינג). Distressing (דיסטרעססינג).	בעטריבענד.
*To oblige (אָבלאַידזש).	וויזען א געפעליגקייט טהאָן א טובה.
Obliging (אָבלאַידזשינג).	געפעליג, פריינדליך, גוט.
Is he not very obliging?	איז ער ניט זעהר געפעליג?
His brother is more obliging than he.	זיין ברודער איז געפעליגער אלס ער.
*To entertain (ענטערטיין).	אונטערהאַלטען, אמוזירען.
Is this book entertaining?	איז דיזעס בוך אונטערהאלטענד (אמוזאנט)?

—אין געלד אדער אָהן געלד?—מיר שפּיעלען אָהן געלד; דענקסט דוא ניט, (דאָס) מיר זיינען גערעכט?—יעדער וויא ער האט האָלט: איך האב האָלט אם בעסטען (best) צו שפּיעלען אין געלד.—וועל איך אייך געפינען צו הויז היינט בייא נאכט (to-night)?—איך וועל זיין צו הויז, אָבער מיין פאָטער און מוטער און ברידער און שוועסטערס געהען צו הערן ד. שאָהנסאָן, אונזער דאָקטאָר און איניגסטען (most intimate) פריינד.—קענסט דוא איהם?—יע, איך בין נעכטען געוועזען בייא איהם.—האט ער ניט זעהר א שעהנע פרוי?—יע, זיא איז שעהנער אין הויז אלס אין גאס.—וואָלט איך טהאָן בעסער ווען איך קויף (=צו קויפען) דיזען הוט אלס יענעם?—איך דענק איהר וואָלט טהאָן בעסער, ווען איהר קויפט (=צו קויפען) דיזען.—ווארום דענקט איהר אזוי?—וויל ער איז קלענער; איך האָב ניט האָלט גרויסע היט.—וואָלט איהר מיר גלויבען, ווען איך וואלט אייך פערזיכערט דאס איך האב (=האב געהאט, had; דיא צייט-פאָרם פון דעם שפּעטערדיגען זאַץ מוז שטימען מיט דער צייט-פאָרם פון דעם פאָרדער-זאַץ), דאָס איך האָב פיעל געלד?—איך וואָלט אייך ניט גלויבען, וויל איהר באָרגט בייא (of) יעדען.—קענען אייערע קינדער שוין לעזען ענגליש?—זייא קענען עס לעזען און שרייבען (;ס צו-לעזען).—ניט אייער ברודער אויס אזוי פיעל געלד וויא איהר?—ער זאָגט ער גיט אויס װעניגער אלס איך.—ווער האט מעהר אויסגעגעבען אויף (on) זיין גאָרטען, אייער פאָטער אָדער אייער פעטער?—מיין פאָטער האט, איך דענק, אויסגעגעבען מעהר אויף זיינעם.—ווען אייער ברודער קענען ענדיגען זיינע אויפגאַבען (tasks) היינט?—איך דענק יע.—און אייער שוועסטער איהרע?—זיא בעמיהט זיך זייא צוא האבען פערטיג (זייא נאָך האָבען); זיא האט צו שרייבען נאָך צווייא פיר איהר פראַנצויזישען לעהרער.—ווען קומט אייער שרייב-לעהרער?—אום צווייא.—און אייער טאַנצ-לעהרער?—אום דרייא.—וואו איז אייער מוטער?—זיא איז געגאַנגען צו אונזער נאָכבאָר.—ווען מיר זיין בייא אונז אדער בייא אייך היינט בייא נאכט?—איך דענק מיר וועלען בלייבען בייא אונז.

37th Lesson.—37סטע לעקציאָן.

A loving mother.	א ליעבענדע מוטער.
A crying child.	א וויינענדינעס קינד.
Loving (לאָווינג) ליעבענד	Crying (קראַיאינג) וויינענד
Is not reading good books useful?	איז ניט דאָס לעזען גוטע ביכער ניצליך?
Reading good books is very useful.	דאס לעזען גוטע ביכער איז זעהר ניצליך.
Reading (רי־דינג).	דאָס לעזען.
This man's business consists in buying and selling.	דיזען מאַנ'ס געשעפט בעשטעהט אין קויפען און פערקויפען.
Buying (באַיאינג) דאָס קויפען	Selling (סעללינג) דאָס פערקויפען
*To consist (קאָנסיסט).	בעשטעהן.

ווערטער, וואָס ווערען געמאַכט פון האַנדלונגסווערטער דורך דיא צוזעצונג פון ing, וויא

.97 צום איבערזעצען.

ווערסט דוא מיט מיר געהן צו העררן דזשאָהנסאָן, דעם וויינ־הענדלער?—גראַדע יעצט קען איך ניט (גראַדע יעצט צולעצט): ווען דוא קענסט ווארטען ביז דיזען נאָכמיטטאָג, וועל איך געהן מיט דיר.—ניין, איך מוז גלייך געהן (גלייך, directly, צולעצט); איך קען ניט פערזוכען קיין (any) ווייז נאָך מיטטאָג (dinner).—האט ער וועלכען גוטען וויין יעצט עבען?—ער זאָגט יע (so).—רעכענט איהר צו קויפען פיעל?—איך דענק יע, ווען ער געפעהלט מיר.—האט איהר אויסגעגעבען פיעל אויף (for) וויין פאָרינעם (=לעצטעס) יאהר?—זעהר פיעל; איך האָב ניט ליעב צו דענקען פון דעם (of it), וויא פיעל איך האב אויסגעגעבען.—וועט דער שפּאַניער זיין היינט בייא אייך נאכט?—איך דענק יע. —וואו איז דזשאָהן (John)?—ער איז ניט צו הויז: איך האב איהם געשיקט צו דזשאָהנסאָן, דעם שוסטער.—וועלען אייערע שוועסטערס קומען באַלד אהיים?—זייא זיינען נאָר נעגאַנגען צו זייער מומען; זייא קענען ניט אויסען בלייבען פיעל לענגער, וויל מיר ערוואַרטען וועלכע געזעלשאפט היינטיגען אבענד.—וועט איהר אויך קומען? (אויך, too, צולעצט)—ווען ערווארטעט איהר?—עטליכע (several) דאמען און העררען.—איך ווייס הויקליך ניט, אויב (whether) איך קען קומען.—עס נוצט נאָר ניט (=עס איז נאָר פון קיינע נוצען) דיך צו בעטען, דוא קומסט קיינמאָל (קיינמאָל פאַר קומסט).—איך פערזיכער (assure) אייך, איך האב אזוי פיעל צו ארבייטען, דאס איך קען נאָר זעהר זעלטען (rarely) אויסגעהן און אבענד.—קען (מעג) איך אלזאָ (then), דיך ערווארטען?—איך וועל טהאָן מיין בעסטעס.—ווערסט דוא שפּיעלען אין (at) קאָרטען?—מיין פאָטער, מיין בעטער און דיא צווייא אמעריקאנער וועלען שפּיעלען אין קאָרטען.—וואָס וועט איהר טהאָן?—איך וועל נעוויס מוזען (=זיין געצוואונגען) צו שפּיעלען שאך מיט מיין מומען.—וואס וועלען דיא יונגע לייטע טהאָן?—זייא וועלען שפּיעלען מאנכעס (some) געזעלשאפטס שפּיעל (round-game).—שפּיעלט אייער ברודער אויך שאך?—ניין, ער שפּיעלט ביליארד, ער קען ניט שפּיעלען קיין (any) אנדער שפּיעל.—איז ער א גוטער ביליארד־שפּיעלער?—ער שפּיעלט בעסער אלס אונזער שוועסטערקינד פון ניו יאָרק, וועלכער האט זיך אימער געהאלטען פיר (co[n]sidered himself) דעם בעסטען ביליארד־שפּיעלער, ביז ער האט געשפּיעלט מיט מיין ברודער.—שפּיעלט איהר אָפט אין (for) געלד?—ניין, איך שפּיעל קיינמאָל אין געלד.—ווארום ניט?—וויל איך האָב פערשפּראָכען מיין פאָטער דאָס ניט צו טהאָן (n[o]t to do so).—אויף אזאָן אויפן (=דאָן, then) זייט איהר געוויס גאנץ גערעכט.

.98 צום איבערזעצען.

האט איהר ווען (ever) געשפּיעלט אין דאמען?—ניין, איך האָב עס ניט האלט.—ווער איז א בעסערער שאך־שפּיעלער, דער פראנצויז, וועלכען איך האָב געזעהן נעכטען בייא אייך, אדער מיין נעפע?—איך גלויב אייער נעפע שפּיעלט זעהר פיעל (א כך) בעסער.—וויא פיעלע פארטיען ביליארד (=פּק ביליארד) האט איהר געשפּיעלט?—איך האב געשפּיעלט זעקס.—וואס וועט איהר טהאָן בייא אייער פעטער דיזען אבענד?—איך ווייס נאָך ניט (נאָך, yet, צולעצט): איך גלויב מיר וועלען שפּיעלען אין קאָרטען.

—מיין ברודער לעזט זייא איידער (before) ער שיקט זייא איף (to) דיא פאָסט.—ווען געהט איהר נאָך באַלטימאָר?—איך וואָלט וועלען (like) אברייזען אום צוועלף און עסען מיטטאָג אין (at) באַלטימאָר.—ווען וועט איהר ווידער זיין צוריק? (ווידער צולעצט)—איך וועל זעהן (=מיך בעמיהען, try) זיין צוריק צום אבענד־עסען.—וואָלסט דוא ניט געקענט שרייבען דיינע בריף מאָרגען?—וואָס דענקסט דוא? וואָס וואָלט מיין פאָטער זאָגען?—וואוהין איז אייער פאָטער געגאַנגען?—איך גלויב ער איז געגאַנגען צום פערד־הענדלער אין לאָדלאָו גאַס (Ludlow Street), צו פּרובירען א פערד.—איך האב געראכט, ער האט געקויפט איינס נעכטען.—ער האט עס ניט גערן געהאַט.—ווערסט דוא מיר פערשפּרעכען צו לעזען דיזע וואָך דאָס בוך, וועלכעס איך האב נעכטען דיר געשיקט?—איך וויל דיר ניט פערשפּרעכען, ווייל (for) איך וויים ניט, אויב איך וועל האָבען צייט.—ווייסט דוא, וואו דער אמעריקאַנער וואוינט יעצט?—ניין, איך וואָלט געוואָלט וויסען, ווייל איך האָב איהם עפּעס צו זאָגען (איהם צולעצט).

.96 צום איבערזעצען.

קומט דער איטאַליענער צו אייך (=צו אייער הויז) היינט פארנאכט?—ניין, ער זאָגט ער קען ניט קומען; ער האט פערשפּראָכען צו געהן צו מיין פעטער.—האט ער איהם איינגעלאַדען?—ער האט איהם איינגעלאַדען צו פערברייגגען דעם אבענד בייא איהם (=אין זיין הויז).—געהט איהר צו אייער ענגלישען לעהרער, אָדער ער קומט צו אייך?—מיר געהען צו איהם.—איך האב געזעהן אייער דיענער מיט אייער פערד היינט אין דער פריה; וואוהין איז ער געגאַנגען מיט איהם?—ער איז געגאַנגען צו דעם פערד־שמיעד.—איז אייער ווירטהין צו הויז?—ניין, זיא איז געגאַנגען צו איהר ניכטע (פלעמע־ניצע) אויף לאַנד.—וועט איהר מאָרגען עסען מיטטאָג בייא אונז? (צייט צולעצט).—איך האָב פערשפּראָכען דעם ענגלענדער צו עסען מיטטאָג בייא זיין פאָטער.—זייט איהר איינגעלאַדען צו הערן דזשאָהנסאָן (Johnson) דיזען אבענד?—יע, און מיין יונגערע מאָכטער אויך.—איך וועל אויך געהן (אויך צולעצט); וועלען מיר געהן צוזאמען?—איך וואָלט זעהר וועלען (I should like very much) געהן מיט דיר, אבער איך האב פערשפּראָכען צו נעהמען מיינע צווייא קוזינעס, וועלכע זיינען געקומען פון לאַנד, און וועלכע זיינען אויך איינגעלאַדען.—זייט איהר געוועזען בייא מאדאם דזשאָהנסאָן פאָריגע (last) נאכט?—יע, איך בין געוועזן דאָרטען מיט מיינע קוזינעס.—האסט דוא דאָרטען געזעהן דעם יונגען שפּאניער, וועלכער האָט געפריהשטיקט נעכטען בייא אונז? (צייט צולעצט).—איך האב איהם דאָרטען געזעהן.—האסט דוא איהם געגעבען דעם בריף, וועלכען דוא האסט ער־האַלטען פיר איהם?—ניין, איך האב איהם געהאַט געהאַלטען צו הויז; איך האָב ניט געוואוסט, דאָס איך וועל (וואָלט, should) איהם זעהן.—האט איהר געקויפט דעם וויין, וועלכען איהר האָט נעכטען פערזוכט?—איך האב איהם ניט געקויפט; איך האָב עס נאָר ניט גערן געהאַט (גאָר ניט, at all, צולעצט).—איך האָב איהם זעהר גערן געהאַט (זעהר ווערט פאַר א האַנדלונגסוואָרט איבערזעצט very much אָדער very well).—האט איהם דער מאַן פערקויפט? (איהם, it, צולעצט).—ניין, דוא קענסט (מעגסט) איהם האָבען (איהם צולעצט).

איך ווייס דאָס ניט וויא צו שרייבען.	I do not know how to write this.
גלויבען, דענקען.	*To believe (בילי־וו).
איך גלויב אייך.	I believe you.
ער וועט מיר ניט גלויבען.	He will not believe me.
איך גלויב אין אַלעס וואָס ער זאָגט.	I believe in all that he says.
איז אייער פאָטער צו הויז?	Is your father at home?
איך דענק יע.	I believe (.אָד think) so.
האַלטען; געהאַלטען.	To keep (קי־פּ); kept (קעפּט), kept.
וועט איהר האַלטען אייער פערשפּרעכען?	Will you keep your promise?
איך וועל האַלטען מיין פערשפּרעכען.	I shall keep my promise.
וועסט דוא האַלטען דיזעס בוך פיר מיך?	Will you keep this book for me?
איך וועל עס האַלטען פיר אייך.	I shall keep it for you.
דאָס פערשפּרעכען, דער צוזאָג.	The promise (פּראָמיס).
דער לעהרער.	The teacher(טי־טשער), master(מאַס־טער).
דער ענגלישער לעהרער.	The English teacher .אָד master.
דער פראַנצויזישער לעהרער.	The French teacher .אָד master.
דער דייטשער לעהרער.	The German teacher .אָד master.
דער טאַנצ=לעהרער.	The dancing-master (דאַנסינג=מאַסטער)
דער שרייב=לעהרער.	The writing-master (ראַיטינג=מאַסטער)
דער שול=לעהרער.	The school-master (סקו־ל=מאַסטער).
דער הענדלער.	The dealer (די־לער).
דער פערד=הענדלער.	The horse-dealer.
דער וויינ=הענדלער.	The wine-dealer. The wine-merchant.
דער קויפמאַן, דער הענדלער.	The merchant (מאָירטשאַנט).

.95 צום איבערזעצען.

עדוואַרד, וואַרום (why) האָסט דוא צובראָכען מיין גלאָז?—פּאַפּאַ, עס איז ניט געוועזען מיין שולד.—וועמעס שולד איז עס געוועזען, דען (then)?—עס איז געוועזען דעם קינד'ס שולד.—וואַרום קומט איהר אַזוי שפּעט נאָך הויז?—עס איז ניט אונזער שולד; אונזער שול=לעהרער האט אונז געהאַלטען אין שולע אַזוי לאַנג.—וואַרום האַלט אייער שוועסטער מיין בוך אַזוי לאַנג?—עס איז ניט איהר שולד; איהר קוזינע האט עס מיטגענומען אַ היים (= גענומען אַהיים מיט איהר), און האט עס איהר נאָך ניט געבראַכט צוריק.—האָט איהר לוסט מיט מיר צו געהן נאָך טשיקאַגאָ?—איך וואָלט וועלען (like) געהן מיט אייך, ווען איך וואָלט געהאַט געשריבען מיינע בריף.—וויא פיעלע נאָך (more) האַט איהר צו שרייבען?—איך האָב שוין געשריבען דרייא, און איך האָב נאָך פיער צו שרייבען.—ווער לעזט דיא בריף, ווען זייא זיינען אויפגעשריבען (written)?

פערברייגנען, צוברייגנען; פערבראכט (צייט). פערבריינגען, אויסגעבען; פערבראכט, אויסגעגעבען (געלד).	To spend (ספענד); spent (ספענט), spent.
דער לעהרער	The instructor (אינסטראַקטאָר).
שפּיעל ן.	*To play (פּליי).
שפּיעלען אום געלד (אין געלד).	To play for money.
שפּיעלען אויס ליעבע (אהן געלד)	To play for love.
שפּיעלען אין קאָרטען, אין שאך.	To play at cards, at chess.
The chess (טשעס) דער שאך	The cards (קארדז) דיא קאָרטען

ביי אַלע שפּיעלען ווערט דאָס ווערטעל at געװענליך גענוצט צו בעצייכנען אין: at cards, אין קאָרטען, at chess, אין שאך או. אַז. וו.

זיך שפּיעלען אין בעהעלטענעס.	To play at hide and seek (אָד. bo-peep).
שפּיעלען אין באַפּענעס.	To play at blind man's buff.
בעהעלטענעס (אַ שפּיעל),	Hide and seek (האַייד אֶנד סיק). Bo-peep (באָו-פּיפּ).
בלינדע קוה, באַפּענעס (אַ שפּיעל).	Blind man's buff (בלאַיינד מאֶנז באַף).
דאָס שפּיעל; דיא פּאַרטיע, דער קאָן.	The game (גיים).
אַ פּאַרטיע קאָרטען.	A game of cards.
אַ פּאַרטיע שאך.	A game of chess.
אַ געזעלשאַפטס שפּיעל (אַ קאָרטען-שפּיעל אין וועלכען עס נעהמען אַנטהייל מעהרערע פּערזאָנען).	A round game.
דער שפּיעלער.	The player (פּליייער).
The billiard-player דער ביליארד-שפּיעלער	The chess-player דער שאך-שפּיעלער
דאַמען-שפּיעל.	Draughts (דראַפטס).
ביליארד, ביליארד-שפּיעל.	Billiards (ביל'ליאַרדז).
קענט איהר שפּיעלען שאך?	Can you play at chess?
קענט איהר שפּיעלען בילליארד?	Can you play at billiards?
קענען; געקענט.	Can (קאֶן); could (קוד), could.
וויסען, קענען; געוואוסט, געקענט.	To know (נאָו); knew (ניו), known (נאָן).

Can הייסט קענען—זיין אין שטאַנד, האָבען דיא מעגליכקייט; to know הייסט קענען—וויסען, האָבען בעקאַנטשאַפט; I can do, איך קען מהאָן; I can speak, איך קען רעדען; I know English, איך קען (ווייס) ענגליש; he knows his business, ער קען (ווייס) זיין געשעפט או. אַז. וו.

קענסט (ווייסט) דוא דיין לעקציאָן?	Do you know your lesson?
קענט איהר ענגליש?	Do you know English?
קענט איהר רעדען ענגליש?	Can you speak English?
האט ער געקענט זיין לעקציאָן?	Has he known his lesson?

He says so.	ער זאָגט יע, ער זאָגט עס.
You think I am rich, but I am not (.אָד not so).	איהר דענקט איך בין רייך, אבער איך בין עס ניט.
You should not do so.	איהר זאָלט עס (אָד. דאָס) ניט טהאָן.

ווען עס אָדער דאָס בעציהט זיך אויף עפּעס וואָס איז פריהער געזאָגט געוואָרען, ניט אויף אַ געגענשטאַנד, ווערט עס אין ענגליש איבערזעצט so. ווען דאָס יודישע וואָרט יע געהט ניט אַליין נאָר צוזאַמען מיט אַ האַנדלונגסוואָרט צו ענטפערן אויף אַ פראַגע אוב עפּעס געשעהט יע אָדער ניט, ווערט עס עבענפאַלס איבערזעצט so.

Will you come to see me?	ווערסט דוא מיך קומען זעהן?
I hope so.	איך האָף יע.
Will he write to his brother?	וועט ער שרייבען צו זיין ברודער?
He says so.	ער זאָגט יע.

To (טו) צו; at (אַט), בייא.

At my house	בייא מיר	To my house	צו מיר
At his house	בייא איהם	To his house	צו איהם
At her house	בייא איהר	To her house	צו איהר

To come, go to our house.	קומען, געהן צו אונז.
To be, stay, live at our house.	זיין, בלייבען, וואוינען בייא אונז.
To come, go to your house.	קומען, געהן צו אייך.
To be, stay, live at your house.	זיין, בלייבען, וואוינען בייא אייך.
To come, go, send to their house.	קומען, געהן, שיקען צו זייא.
To be, stay, live at their house.	זיין, בלייבען, וואוינען בייא זייא.
To go to the shoemaker's.	געהן צו דעם שוסטער.
To be at the joiner's.	זיין בייא דעם סטאָליער
To go to my father's.	געהן צו מיין פאָטער.
To be at his brother's.	זיין בייא זיין ברודער.
Was the young Spaniard at your house yesterday?	איז געוועזען דער יונגער שפּאַניער בייא אייך נעכטען?
He would have come to our house, if he had not been obliged to go to his brother's.	ער וואָלט געקומען צו אונז, ווען ער וואָלט ניט געהאַט געמוזט געהן צו זיין ברודער.
John, have you taken the horse to the farrier's?	יאָהאַן, האָסט דוא גענומען דאָס פערד צו דעם פערד־שמיעד?
The farrier (פאַררִיער).	דער פערד־שמיעד, דער פאַדקעווע־שמיעד.
I have taken the horse to Dan, the farrier's (.אָד to Dan's, the farrier).	איך האָב גענומען דאָס פערד צו דאַן, דעם פערד־שמיעד.
I spent the evening at Doctor Helm's my friend and instructor.	איך האָב צוגעבראַכט דעם אבענד בייא דאָקטאָר העלם, מיין פריינד און לעהרער.

טען געבעןען (ציים צולענצט).—וועט איהר מיר ניט געבען נאָך צעהן פלאָרין?—איך וועל דיר זייא ניט געבען, ווען איהר בעט מיך נאָך אזוי פיעל.—האט אייער זוהן געלעזען דאס בוך, וועלכעס איך האב איהם געגעבען, אלס (ווען) ער איז געוועזען היער לעצטעס מאָל?—ער לעזט קיינמאָל, איהר מעגט איהם געבען (=ווען איהר גיט איהם) נאָך אזוי פיעלע ביכער.—ווארום בעהאלט איהר דיזען בריף?—איך בעהאלט איהם, דאָס מיין שוועסטער זאָל איהם ניט זעהן (=טאָמער זעהט איהם מיין שוועסטער).—ווארום האט איהר ניט גערעדט מיט דעם יונגען האָללענדער?—איך ווינש מיט איהם ניט צו רעדען, טאמער לאדעט ער מיך איין.—וועט דער שפאַניער מאָרגען האָבען דאס געלד?—ער וועט קיינס האָבען, סיידען ער באָרגט וועלכעס.—מעג מיין טאָכטער נעהמען דיין רענענשירם?—זיא מעג איהם נעהמען, בתנאַי (פאָרויסגעזעצט) זיא ברייננט איהם מיר צוריק באלד.—ווען ווערסט דוא איהם ברויכען?—איך מוז איהם האָבען צוריק באלד.—דארף (ought) ניט יעדערער זוכען זיך צו מאכען ניצליך?—יעדערער מוז זיך מאכען אזוי ניצליך, וויא ער קען, ווארום פון דעם אויגענבליק, וואָס (that) א מענש—און ווען אויך ער האט נאָך אזוי פיעל געלד—הערט־אויף זיך צו מאכען ניצליך פיר (to) אנדערע, ווערט ער א לאסט (burden) פיר זיך אליין.—וואָלט איהר אלזאָ (then) זיין א פוילענצער (לעדיגגעהער)?—ניין, געוויס ניט; איך וואָלט ניט וועלען זיין א פוילענצער, ווען איך וואָלט נאָך אזוי רייך געוועזען און געהאט נאָך אזוי פיעל געלד און נאָך אזוי פיעלע קארעטען און פערד.—אבער טהוט יעדערער, וואָס ער האט געדארפט?—נאר זעהר וועניגע; פיעלע האבען גרויסע שוויריגקייט זיך צו איבעררעדען צו טהאָן דאָס, וואָס זייא דארפען טהאָן.

36th Lesson.—36סטע לעקציאָן.

To promise (פראָמיס).	פערשפרעכען.
Do you come to our house this evening?	קומט איהר צו אונז היינט אבענד?
I cannot promise you, for I am invited to go to my uncle.	איך קען אייך ניט פערשפרעכען, דען איך בין איינגעלאַדען צו געהן צו מיין פעטער.

ווען מען פערשטעהט אונטער דיא ווערטער צו אָדער ביי, וואָס בעציהען זיך אויף אַ פערזאָן, ניט אזוי פיעל דיא פערזאָן אַליין, וויא דעם אָרט פון דער פערזאָן—דאָס הויז, דעם געשעפטס פלאַץ, דיא ווערק־שטאַט און דערגלייכען—קומט אין ענגליש דיא פערזאָן מיט דעם אָנגעהעריגקייטס צייכען s' און דער אָרט קען אויסגעלאָזען ווערען: to my uncle's, צו מיין פעטער (=נאָך מיין פעטער'ס הויז), to the tailor's, צו דעם שניידער (=נאָך דעם שניידער'ס ווערק־שטאַט); at my uncle's, ביי מיין פעטער, at the tailor's, ביי דעם שניידער.

So (סאָו), עס, דאָס, יע.

Will your father return (אָד. come back) to-day?	וועט אייער פאָטער היינט קומען צוריק?
I hope so.	איך האָף יע, איך האָף עס.
Has your brother really written this letter?	האט אייער ברודער ווירקליך געשריבען דיזען בריף?

קויפען העמדער און זאָקען.—וואָלטען אייערע פריינד'ס זיהן קומען, ווען איך וואָלט זייא איינגעלאַדען?—זייא וואָלטען קומען, ווען איהר וואָלט זייא געבעטען און גערעדט מיט (to) זייערע פאַטערס דאריבער (about it).—וואָלט אייער שוועסטער קומען צו מיינער, ווען זיא וואָלט געבליבען צו הויז?—זיא וואָלט דאָך (still) ניט קענען קומען, ווייל זיא קען ניט אויסגעהן היינט אבענד.—וואָלטען אייערע זיהן האבען גערעדט מיט אונזערע, ווען זייא וואָלטען זייא געהאט געזעהן?—זייא וואָלטען געוויס האבען גערעדט מיט זייא.—רעדט דער ענגלענדער מיט דעם אמעריקאנער, ווען ער זעהט איהם?—געוויס, ער רעדט מיט איהם.—ווארום זאָל (should) ער ניט רעדען מיט איהם?—איך האב געדאכט זייא זיינען פיינדע (אבשטאַט זיינען ווערט געברויכט דיא פערגאַנגענע צייט-פאָרם ווייל דאָס האַנדלונגס-וואָרט פון פאָרדער-זאַץ איז אין דיזער פאָרם).—ווארום האָסט דוא געדאכט, דאס זייא זיינען שונאים?—איך ווייס ווירקליך ניט, ווארום איך האָב אזוי געדאכט.

93. צום איבערזעצען.

וואָס האט אייער פאטער געזאָגט (צו) מיין בעדיענטען היינט אין דער פריה?—ער האט איהם גאָרנישט געזאָגט. דען ער האט איהם גאָר ניט געזעהן.—וואָס זאָגט אייער פריינד, דער קליינער אמעריקאנער, צו מיין נייעם פערד?—ער זאָגט, עס איז איינס פון דיא שעהנסטע פערד, וועלכע ער האט ווען געזעהן—איז דער בעדיענטער געוועזען בייא דעם שניידער?—יע, ער האט געזאגט ער וועט (—ער האט געזאָלט, he would) קומען צו אייך היינט נאכמיטאָג.—האט איהר געפרעגט אייער קוזינע, אייב זי האט ניט גענומען מיין ענגלישעס בוך?—יע, איך האב זיא געפרעגט.—נוא (well), וואס האט זיא געזאגט? (איינ. פערג.)—זיא זאָגט עס איז זעהר אינרעכט פון אייך צו דענקען, דאס זיא נעהמט אייער בוך; עס קען איהר פון קיינע נוצען זיין (איהר נוצען).—האבען אייערע מומעס ערהאַלטען (received) א בריף פון פאַריז?—זייער פריינדין שרייבט (צו) זייא, דאס זיא וועט בלייבען צוויא מאָנאַטען לענגער.—געהט אייער ברודער אויף דאס לאנד?—ער געהט אהין (there) נעכסטע וואָך: ער האָפט דיא לאנדלופט וועט איהם טהאָן גוטעס.—אָבער וואָס האט דער האָללענדער געשפּראָכען מיט אייער פעטער?—ער האט מיט איהם געשפּראָכען איבער געשעפטע.—קענט איהר ניט איבעררעדען אייער ניכטע (פּלעמעניצע) היער צו בלייבען (היער נאָך בלייבען) איינינע טעג מעהר (=לענגער)?—מיר וועלען האבען א באל אין אונזער הויז נעכסטע וואָך.—זיא זאגט זיא קען ניט בלייבען היער לענגער (any longer); זיא טאָר (מעג) ניט.—ווען קומט אייער ברודער אהיים?—איך ערוואַרט איהם יעדען אויגענבליק.—האט איהר עפּעס איהם צו זאָגען (איהם נאָך זאָגען)?—איך האב צו רעדען מיט איהם איבער געשעפטען.

94. צום איבערזעצען.

וועט אייער ברודער געהן אין טהעאטער היינט אבענד?—ער וועט ניט געהן, סיידען ער בעענדיגט זיינע ברוף אום פינף א זייגער.—האט איהר נאָך לוסט צו קויפען דאס פערד פון דעם אירלענדער?—איך האב נאָך לוסט עס צו קויפען; אבער איך וועל עס ניט קויפען, סיידען ער פערקויפט עס מיר זעהר פיעל וועניגער אלס ער האט נעכ-

מומע געבען מיין שוועסטער א גוטעס בוך, ווען זיא וואָלט עס געבעטען?—זיא וואָלט איהר געגעבען איינס, ווען דיין שוועסטער וואָלט עס געבעטען.—וואָלט איהר געקויפט מיין הויז, ווען איך וואָלט עס פערקויפט?—מיר וואָלטען עס געקויפט, ווען איהר וואָלט עס פערקויפט בילינ, און ווען מיר וואָלטען געהאַט גענוג געלד.—וואָלט דיזער בוים געוואַקסען בעסער (any better), ווען ער וואָלט געשטאַנען אין אַן אַנדער אָרט?—איך דענק ניט, דאָס ער וואָלט וואַקסען בעסער.—וואָלט דיזעס גלאָז זיך צוברעכען, ווען איך וואָלט עס הערונטערגעוואָרפען?—עס וואָלט זיין זעהר פערדריסליך, ווען דוא וואָלסט צובראָכען מיין בעסטעס גלאָז.—וואָלט ניט דיזער בוים זיין פיעל שעהנער, ווען ער וואָלט געוואַקסען בעסער?—ווען ער וואָלט געוואַקסען בעסער, וואָלט ער זיין דער שעהנסטער בוים פון אייער גאָרטען.—וואָלט איהר נעמען דיזען בריף אויף דיא פּאָסט פיר מיך, ווען איך וואָלט אייך געבעטען?—מיר וואָלטען איהם ניט גענומען.—וואָרום וואָלט איהר עס ניט געטהאָן?—ווייל איהר זייט צו פויל עס צו טהאָן אליין.—וואָלט איהר מיטגעהן (=געהן מיט מיר), ווען איך וואָלט איהם אַוועגגעטראָגען (if I took it) אליין?—ווען איהר וואָלט געגאַנגען אויף דיא פּאָסט און גענומען דעם בריף אליין, וואָלטען מיר מיטגעהן (=געגאַנגען מיט אייך).—וואָלט איהר ניט מוזען אליין אָבפּוצען אייער ראָק (to brush your own coat), ווען איהר וואָלט ניט געהאַט קיין דיענסט?—ווען איך וואָלט ניט געהאַט קיין דיענסט, וואָלט איך אליין אָבגעפּוצט מיין ראָק.—וואָלטען אונזערע בעדיענטע האָבען עטוואָס צו טהאָן, ווען מיר וואָלטען אליין געפּוצט אונזערע ראָק?—זייא וואָלטען גאָרנישט האָבען צו טהאָן.—וואָלט עס ניט געוועזען בעסער, ווען איהר וואָלט געשריבען אייערע בריף אליין?—ווען מיר וואָלטען געשריבען אונזערע בריף אליין, וואָלט אונזער שרייבער (clerk) גאָר נישט געהאַט צו טהאָן.—וואָלט איהר ניט זיין געצוואונגען עס צו טהאָן, ווען ער וואָלט עס ניט געטהאָן?—ווען ער וואָלט עס ניט געטהאָן, וואָלטען מיר זיין געצוואונגען עס צו טהאָן אליין.—וואָלטען אייערע קינדער זיך אָנטהאָן?—ווען זייא וואָלטען געקענט, וואָלטען זייא זיך אָנטהאָן.

92. צום איבערזעצען.

וואָלט איהר אייך אָנגעטהאָן, ווען איהר וואָלט געקענט (געמעגט) אויסגעהן?—וואָלט איך געקענט אויסגעהן, וואָלט איך מיך געהאַט אָנגעטהאָן.—וואָלט איהר אויסגעהן, ווען איך וואָלט געקענט?—ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך אויסגעגעהן.—וואָלטען דיא קינדער געהן אין שולע, ווען זייא וואָלטען געקענט בלייבען צו הויז?—ווען דיא קינדער וואָלטען געקענט בלייבען צו הויז, וואָלטען זייא ניט געהן אין שולע.—וואָלטען אייערע שוועסטערס אליין שטריקען זייערע זאָקען (their own stockings), ווען זייא וואָלטען קיינע ניט געקענט קויפען?—ווען זייא וואָלטען ניט געקענט קויפען קיין זאָקען, וואָלטען זייא מוזען (=זיין געצוואונגען) זיך אליין צו שטריקען (to knit their own).—וואָלט עס ניט זיין פיעל בעסער, ווען זייא וואָלטען זיך אליין געשטריקט (knit their own) זאָקען און זיך אליין געמאַכט העמדער (=פרויען־העמדער, chemises).—עס וואָלט געוויס זיין פיעל בעסער, און זייא וואָלטען עס (=אזוי, so) טהאָן אויך (too), ווען מיין מוטער וואָלט זייא ניט געגעבען קיין געלד צו

I could not give him the book, though he wished it ever so much. — איך האב עס ניט געקענט געבען דאָס בוך אבוואָהל ער האט עס געוואונשען.

I shall not give him the book, though he wish it ever so much. — איך וועל איהם דאָס בוך ניט געבען, ווען ער ווינשט עס אויך זעהר פיעל.

I should not give him the book, though he wished it ever so much. — איך וואָלט איהם ניט געגעבען דאָס בוך, ווען ער וואָלט עס אויך געוואונשען זעהר פיעל.

Ever so much, וויא איך נאָך, נאָך אזוי פיעל.

Ever so many, נאָך אזוי פיעלע.

Ever so long, נאָך אזוי לאנג.

He would not read, if he had ever so many books. — ער וואָלט ניט געלעזען, ווען ער וואָלט נאָך אזוי פיעלע ביכער געהאט.

The moment (מאָרמענט). — דער אויגענבליק, דיא רגע.

Without (ווידהאַוט'), אָהן.

To be of use. — זיין פון נוצען, ניצען.

*To cease (סי־ס)	אויפהערען	*To ask (אָסק)	פרעגען, בעטען
*To persuade (פערסוויידּ)	איבעררעדען	*To demand (דימאָנד) / *To ask for	פאָדערן, פערלאנגען
*To hope (האָופּ)	האָפען		

You may speak to him now. — איהר קענט מיט איהם יעצט רעדען.

To speak (ספי־ק), spoke (ספאָוק), spoken (ספאָוקן). — רעדען, שפּרעכען; גערעדט.

דאָס וואָרט מיט נאָך רעדען ווערט אין ענגליש איבערזעצט to (צו).

To speak about something. — רעדען איבער עפּעס.

To speak about (.אָד on) business. — רעדען איבער געשעפט.

About (אַבאַוט'), on (אָן), איבער, וועגען.

About what? — איבער וואָס?

About what has he spoken to you? — איבער וואָס האט ער גערעדט מיט אייך?

I must speak to him. — איך מוז רעדען מיט איהם.

91. צום איבערזעצען.

ווילט איהר רופען אייער ברודער?—איך וואָלט איהם גערופען, ווען איך וואָלט געוואוסט, וואו ער איז (=וואו ער איז געוועזען, was; דיא צייט־פאָרם מוז שטימען מיט דער צייט־פאָרם פון פאָרדער־זאַץ).—וואָלט ער געקומען, ווען איהר וואָלט איהם גערופען?—ווען איך וואָלט איהם גערופען, וואלט ער געווים קומען.—וואָלט איהר געגאנגען צום שפּאציער ווען איהר וואָלט איהם געקענט?—ווען איך וואָלט איהם געקענט און איהר וואָלט מיך מיטגענומען (=גענומען מיט אייך), וואָלט איך געהן צו איהם.—וואָלט אייער

If he, she, it were.	ווען ער, זיא, עס וואָלט געוועזן.
If we were.	ווען מיר וואָלטען געוועזן.

או. אז. וו.

He would not come, even if we called him.	ער וואָלט ניט געקומען, זעלבסט ווען מיר וואָלטען איהם גערופען.

ווען עס קומט אין זאַץ נים פאָר איינס פון דיא אויבענ־געבראַכטע בינדווערטער if, though, till או. אַז. וו., ווערט דיא בעדינגונגס אַרט אויסגעדריקט, וחא געוועהנליך—מיט should און would.

I should not do it.	איך וואָלט עס ניט געטהאָן.
I know he would give it me.	איך ווייס ער וואָלט עס מיר געגעבען.
We should go away directly.	מיר וואָלטען גלייך אוועגגעגאַנגען.
He would not stay.	ער וואָלט ניט געבליבען.

ביי did, had, were און should קען מען אויסלאָזען דאָס וואָרט if, אָבער דאַן קומען דיזע האַנדלונגסווערטער פאַר דער פערזאָן:

Were he rich (if he were rich).	ווען ער וואָלט זיין רייך.
Were it true (if it were true).	ווען עס וואָלט זיין וואהר.
Had we known it (if we had known it).	ווען מיר וואָלטען עס געוואוסט.
Had they seen me (if they had seen me).	ווען זייא וואָלטען מיך געזעהן.
Did I know (if I know).	ווען איך ווייס.
Should I see him (if I see him).	ווען איך זעה איהם.
Should he not come (if he do not come).	ווען ער קומט ניט.
Did we like her (if we liked her).	ווען זיא וואָלט אונז געפעלען.
Did you know (if you knew).	ווען איהר וואָלט וויסען.
My brother says, the man has been here.	מיין ברודער זאָגט, דער מאַן איז היער געוועזען.
To say (סיי); said (סעד), said.	זאָגען; געזאָגט.
The servant said, if he did not come to-day, he would certainly come to-morrow.	דער בעדיענטער האט געזאָגט, ווען ער קומט ניט היינט, קומט ער געוויס מאָרגען.

ווען עס שטעהן צוויא זעצע אין פערבינדונג, שטעהען דיא האַנדלונגסווערטער אין ביידען אין דער זעלבער צייט־פאָרם; שטעהט אין דעם פאָרדער־זאַץ דאָס האַנדלונגסוואָרט אין דער געגענווערטיגער צייט־פאָרם, שטעהט עס אין דעם נאָכ־זאַץ אויך אין דער געגענווערטיגער, שטעהט עס אין דעם פאָרדער־זאַץ אין דער פערגאַנגענער צייט־פאָרם, שטעהט עס אין דעם נאָכ־זאַץ אין דער פערגאַנגענער צייט־פאָרם או. אז. וו.

He says he can not come.	ער זאָגט ער קען ניט קומען.
He said he could not come.	ער האט געזאָגט ער קען ניט קומען.
I cannot give him the book though he wish it.	איך קען איהם ניט געבען דאָס בוך אָבוואהל ער ווינשט עס.

If we praise.	ווען מיר לויבען.
If you praise.	ווען איהר לויבט.
If they praise.	ווען זייא לויבען.

נאָך דעם וואָרט if (אויב, ווען), וויא אויך נאָך אַלע ווערטער, וועלכע קומען גלייך נאָך דיזער רעגעל, ווערט געברויכט דיא איינפאַכע פאָרם פון האַנדלונגסוואָרט, דאס הייסט דיא אונבעשטימטע אַרט, ווען עס ווערט געדייטעט אויף אַ ניט־בעשטימטע צוקינפטיגע האַנדלונג.

אַבוואָהל, כאָטש	Although (אָ־לדהאָר) / Though (דהאָו)	בתנאי / פארויסגעזעצט	Provided (פּראָו־וואַי־דער)
אויסער, סיידען	Except (עקסעפּט) / Unless (אַנלעס)	דאס ניט, טאָמער	Lest (לעסט)
		ביז	Till (טיל), until (אָנטיל)
אזוי דאָס	So that (סאָו דהאָט)	אויב, צי	Whether (הוועדהער)

Will my brother dine with you to-day?	וועט מיין ברודער היינט עסען מיטטאָג בייא אייך?
If he be here in time, not if he come so late as the last time.	ווען ער איז היער אין צייט (בעצייטענס), ניט ווען ער קומט אזוי שפּעט, וויא דאס לעצטע מאָל.

In time, (אין טאַים), אין צייט, בעצייטענס.

Time (טאַים), אַ מאָל.

The last time.	לעצטעס מאָל.
The next time.	נעכסטעס מאָל.
Will you give that book to my little sister?	וועט איהר געבען יענעס בוך מיין קליינער שוועסטער?
I must see whether she behave well to-morrow, as she did last time.	איך מוז זעהן, אויב זיא ביהרט זיך אויף מאָרגען גוט, וויא פאריגעס מאָל.
Will you give my cousin William, what you have promised him?	וועט איהר געבען מיין שוועסטער־קינד וויל־העלמען, וואָס איהר האט איהם פערשפּראָכען?
I shall give it him provided he do what he has promised me; but certainly not till he do it.	איך וועל עס איהם געבען, פאָרויסגעזעצט (בתנאי) ער זאָל טהאָן, וואס ער האט מיר פערשפּראָכען; אבער זיכער ניט ביז ער טהוט.

ווען עס ווערט געדייטעט אויף אַן אונבעשטימטע האַנדלונג אין דער פערגאַנגענער צייט, ווערט געברויכט דיא פערגאַנגענע צייט־פאָרם: If I had, ווען איך וואָלט געהאַט; If I came, ווען איך וואָלט געקומען או. אַז. וו.

בייא דעם האַנדלונגסוואָרט to be, ווערט אין דיזען פאַל אימער געברויכט דיא מעהר־צאָהל: were.

If I were (ניט was).	ווען איך וואָלט געווען.
If you were.	ווען דוא וואָלסט געווען.

דער אויסדרוק וואָלט ווערט אין ענגליש איבערזעצט פיר דיא ערשטע פערזאָן (I, we) מיט דעם וואָרט should, פיר דיא איבריגע פערזאָנען—מיט would. דיזע צרט אויסדרוק הייסט בעדינגונגס אַרט.

You would not do that.	דוא וואָלסט דאָס ניט געטהאָן.
Would you read this letter, if—?	וואָלט איהר געלעזען דיזען בריף, ווען—?
I should not read it.	איך וואָלט איהם ניט געלעזען.
Should we find him at home now?	וואָלטען מיר איהם געפינען יעצט צו הויז?
You would not find him.	איהר וואָלט איהם ניט געפינען.
Would your sister invite me, if—?	וואָלט אייער שוועסטער מיך איינגעלאדען, ווען—?
They would certainly invite them.	זייא וואָלטען זייא געווים איינגעלאדען.
Would not your brother go into the country with us?	וואָלט ניט אייער ברודער געגאַנגען מיט אונז אויף לאַנד?
He should (אָד. ought to) go with you, for he is not quite well and the country air would do him good.	ער האט געדארפט געהן מיט אייך, דען ער איז ניט גאַנץ געזונד, און דיא לאַנד=לופט וואָלט איהם געטהאָן גוטס.

Would פיר דיא ערשטע פערזאָן (I, we) בעדייטעט געוואָלט, און should פיר דיא איבריגע פערזאָנען בעדייטעט געזאָלט, געדאַרפט: I would go, איך האָב געוואָלט געהן; you should go, דוא האָסט געזאָלט געהן, he should go, ער האָט געדאַרפט געהן.

To do good.	טהאָן גוטס, זיין פון נוצען.
The country (קאָנטרי) — דאָס לאַנד	The air (עיר) — דיא לופט
The country air.	דיא לאַנד=לופט.
Should not our friend Henry go to see our uncle?	זאָל ניט אונזער פריינד הענריך געהן זעהן אונזער פעטער?
He should not; it is not necessary.	ער זאָל ניט; עס איז ניט נעטהיג.
Would you have gone into the country?	וואָלט איהר געהאט געגאַנגען אויף לאַנד?
I should have gone.	איך וואָלט געהאט געגאַנגען.
I should have praised.	איך וואָלט געלויבט.
You would have praised.	דוא וואָלסט געלויבט.
He, she, it would have praised.	ער, זיא, עס וואָלט געלויבט.
We should have praised.	מיר וואָלטען געלויבט.
You would have praised.	איהר וואָלט געלויבט.
They would have praised.	זייא וואָלטען געלויבט.

דיא פערגאַנגענע צייט=פאָרם פון דער בעדינגונגס צרט ווערט געמאַכט דורך have מיט דעם פערגאַנגענהייטס מיטעלוואָרט.

If I praise.	ווען איך לויב.
If you praise.	ווען דוא לויבסט.
If, he, she, it praise.	ווען ער לויבט.

מיר שארלאָטע.—וויא פיעלע פּאָאַר זאָקען האט מאריע געשטריקט פיר זיך?—ווען זיא האט פערטיג דיזעס פּאָאַר, וועט זיא פיר זיך האבען געשטריקט (זיך צולעצט) א גאנצע (whole) דוצענד.

90. צום איבערזעצען.

ווען וועלען מיר זיין פערטיג מיט דעם מיטטאָגעסען?—מיר וועלען ניט האבען געגעסען מיטטאָג (dined) ביז דרייא.—וועט איהר זיין פערטיג מיט דעם אבענד־ברויט אום האלב נײַן?—מיר וועלען שוין האבען אבגעגעסען אבענד־ברויט (supper) פריהער (before then).—אום וויא פיעל א זייגער זייט איהר געוועהנליך פערטיג מיט דעם פריהשטיק?—מיר זיינען פערטיג מיט פריהשטיק אום האלב זיבען יעדען מאָרגען.—האט איהר געפריהשטיקט?—נאָך ניט, אבער איך וועל זיין גלייך פערטיג.—איז דיין מוטער אָנגעטהאָן (dressed)?—נאָך ניט, אבער זיא וועט גלייך זיין פערטיג.—ווען וועל איך אייך היינט געפינען אויף דער בערזע?—איהר וועט מיך געפינען אויף דער בערזע אום דרייא פערטעל אויף צוויא (=א פערטעל צו צוויא).—זייט איהר נאָך געוועזען צו הויז א שטונדע צוריק?—ניין, איך האב אבגערייזט צוויא שטונדען צוריק.—האט איהר קיין געשמאַק?—איך וועל זאָגלייך קויפען איינעם (זאָגלייך צולעצט).—וועט איהר קויפען א זייקען אדער א דינעם?—איך וועל קויפען דעם דינסטען, וואס (that) איך קען געפינען.—ווארום ערווארטעסט דוא קיין העפליכקייט פון דיזען מענשען?—וויל ער איז צו גינציג (גינכטיג) צו זיך אליין און דיזע זאָרט מענשען האבען זעלטען העפליכקייט און אנגענעה־מינקייט איבערצולאָזען פיר אנדערע.—איז דיין ברודער פערטיג מיט מיין פעדער?—ער איז פערטיג דאמיט (with it).—ווענסט דוא געבען דיין שוועסטער דאס בוך, ווען דוא ביסט דאמיט פערטיג?—איך וועל גלייך זיין פערטיג דאמיט און איך וועל עס איהר געבען.—האסט דוא עטוואס אנדערס (anything else) איהר צו געבען? (איהר צולעצט).—איך האב נאָך עטוואס (something more) איהר צו געבען.—וואס איז עס?—דאס איז א פּאָאַר נייע זאָקען.

35th Lesson.—35סטע לעקציאָן.

איך וואָלט שרייבען.	I should write.
דוא וואָלסט שרייבען.	You would write.
ער וואָלט שרייבען.	He would write.
מיר וואָלטען שרייבען.	We should write.
איהר וואָלט שרייבען.	You would write.
זייא וואָלטען שרייבען.	They would write.
איך וואָלט.	I should.
דוא וואָלסט.	You would.
ער, זיא, עס וואָלט.	He, she, it would.
מיר וואָלטען.	We should.
איהר וואָלט.	You would.
זייא וואָלטען.	They would.

89. צום איבערזעצען.

ווען ווערט אייער זוהן אברייזען?—מיין זוהן און מיין נעפע (פלעמעניק) וועלען בליי-
בען היער ביז מאָרגען נאָכמיטטאָג.—ווען מוז דער שניידער שיקען אייער ראָק?—ער
מוז איהם שיקען בייא צעהן אַ זייגער מאָרגען אין דער פריה.—ווען וועט איהר מעגען
(—זיין ערלויבט, be allowed) אויסגעהן ווידער?—איך וועל מעגען אויסגעהן ווידער אַ נ-
געפעהר (by) מאָרגען.—וועלען מיר מעגען אויסגעהן מאָרגען נאָכמיטטאָג?—מיר וועלען
ניט טאָרען (—זיין ערלויבט) אויסגעהן.—וועט דער אַמעריקאַנער וועלען פערקויפען זיין
פערד דעם ענגלענדער?—ער וועט עס איהם וועלען פערקויפען (עס איהם צולעצט),
ווען אייער פאַטער האט עס לוסט צו קויפען (עס צולעצט).—ער וועט עס געוויס וועלען
קויפען.—וועלען מיר קענען (—זיין אין שטאנד, be able) מאכען געשעפטען צוזאמען, ווען
(if) איהר וועט פערקויפען אַזוי ביליג, וויא איך מוז קויפען?—וועט איהר קענען קומען
היינט אַבענד?—איך וועל ניט קענען קומען היינט אבענד?—וועט איהר מוזען (—זיין
געצוואונגען, be obliged) קאָפּירען דיזען בריף?—איך וועל מוזען קאָפּירען דיזען און
שרייבען נאָך פינף (five more).—וועט איהר מאָרגען קענען איבערלאָזען (to spare) אַ
ביסעל געלד? (צייט צולעצט).—איך וועל ניט האבען פיעל איבערצולאָזען.—ווען דוא
ברויכסט ניט מעהר אלס זעקס פלאָרין, וועל איך זייא דיר קענען געבען (זייא דיר
צולעצט).—ווען וועט איהר זיין פערטיג מיט דיא בריף?—איך וועל זיין פערטיג בייא
פינף אָדער האלב זעקס (half past).—ווען מוז דיא קארעט זיין בייא (at) דער טהיר?—
זיא מוז בעשטימט (positively) זיין בייא דער טהיר אונגעפעהר אום (by) אַ פערטעל
נאָך דרייא.—וויא לאַנג וועט איהר פערבלייבען אין פאריז?—איך וועל דארטן בלייבען
ביז נעכסטען מאָנאט.—זייט איהר געוועזען פערטיג מיט'ן פריהשטיק אום אַכט?—מיר
האבען שוין געהאַט פערטיג אום זיבען.—ווען וועט איהר האבען געזעהן דעם שפּאַניער?
—איך וועל איהם האָבען געזעהן בייא דרייא אַ זייגער.—וועט איהר האבען פערקויפט
אייער גאַנצעס (all your) האָלץ ביז (by) מאָרגען?—איך ווייס ניט, אויב איך וועל עס
האבען פערקויפט אין גאַנצען (all) בייא יענער צייט (by then).—וועט אייער פריינד
האבען געקויפט זיין נייעס פערד אונגעפעהר מאָרגען?—ער וועט עס ניט האבען גע-
קויפט בייא יענער צייט.—וועט ניט דיזער בוים זיין (have) אויסגעוואקסען פיעל בייא
נעכסטען יאהר?—ער וועט זיין אויסגעוואקסען פיעל בייא יענער צייט.—וויא לאַנג זייט
איהר (—זייט איהר געוועזען) היער?—נעכסטע וואָך בין איך (—וועל איך האָבען געווע-
זען) היער דרייא מאָנאַטען.—וויא לאַנג איז דער אַמעריקאַנער היער?—נעכסטען מאָנאַט
איז ער היער דרייא יאהר.—וויא פיעלע שטוהלען האט דער טישלער (סטאָליער) גע-
שיקט?—ער האט געשיקט דרייא שטוהלען, ער האט נאָך צו שיקען נאָך דרייא (three more)
און דאַן וועט ער האבען געשיקט צווייא דוצענד אין גאַנצען (in all).—וויא פיעלע פלא-
שען ווין האט דער בעדיענטער גענומען אויף לאַנד?—ער האט גענומען פינף און ער
האט נאָך פופצעהן פלאַשען צו נעהמען און דאַן וועט ער האבען גענומען ניין דוצענד
אין גאַנצען.—האט דיא פרוי נאָך פיעלע העמדער צו מאכען?—ניין, נאָר נאָך צווייא.—
וויא פיעלע וועט זיא דאַן האָבען געמאַכט?—זיא וועט דאַן האָבען געמאַכט, אין גאַנצען,
אַ דוצענד העמדער פיר ווילהעלמען און אַ דוצענד העמדער (—פרויען-העמדער, chemises)

I shall wish (אָד. want).	איך וועל וועלען.
I shall be obliged.	איך וועל מוזען.
I shall be allowed.	איך וועל קענען (מעגען).
I shall have wished (אָד. wanted).	איך וועל געוואָלט (פערלאַנגט) האבען.
I shall have been obliged.	איך וועל האָבען געזאָלט (געמוזט).
I shall have been allowed.	איך וועל האָבען געמעגט.
I shall not be able to come.	איך וועל ניט קענען קומען.
I shall be obliged to go there.	איך וועל מוזען געהן אהין (דאָרטן).
Will she be permitted to come to-morrow?	וועט זיא מעגען קומען מאָרגען?
Shall we be able to do much business?	וועלען מיר קענען מאכען פיעל געשעפט?
Will you be able to write till five o'clock?	וועט איהר קענען שרייבען ביז פינף אוהר?
If I can see till then.	ווען איך קען זעהן ביז דאן.
I shall not leave till to-morrow.	איך וועל ערשט מאָרגען אָברייזען.

Not till (נאָט טיל), ניט פאר, ניט ביז, ערשט.

I shall not have done till six o'clock this evening (אָד. to-night).	איך וועל ניט זיין פערטיג פאר זעקס אוהר היינט אבענד. איך וועל ערשט זיין פערטיג זעקס אוהר היינט אבענד.
When must you have your boots?	ווען מוזט איהר האָבען אייערע שטיפעל?
I must have them positively by nine to-morrow morning.	איך מוז זייא האבען בעשטימט בייא ניין מאָרגען פריה.

By (באַי), בייא, אום, אונגעפעהר.

By then	בייא יענער צייט	Till (אָד. until) then	ביז דאן

To-morrow (טו־מאָר'ראָו), מאָרגען.

To-morrow morning.	מאָרגען פריה.
To-morrow in the morning.	מאָרגען אין דער פריה.
We shall have dined by two. We shall have done dinner by two o'clock.	מיר וועלען האבען געגעסען מיטטאָג בייא צוויא א זייגער.
I was here at twelve.	איך בין היער געוועזען אום צוועלף.
I was here by twelve.	איך בין היער געוועזען אונגעפעהר צוועלף.
My mother will be in our house by five o'clock this afternoon.	מיין מוטער וועט זיין אין אונזער הויז אונגע־פעהר אום פינף א זייגער היינט נאָכ־מיטטאָג.
To leave (ליוו), left (לעפט), left.	פערלאָזען, אברייזען; פערלאזען, אבגערייזט.
Has he left?	האט ער אבגערייזט?
He left yesterday.	ער האט אבגערייזט נעכטען.

34th Lesson.—34סטע לעקציאָן

Soon (סו־ן), באַלד; after (אֶפ־טער), נאָך.

When do you go out this afternoon?	ווען געהט איהר אויס היינט נאָכמיטטאָג?
I shall remain (אָד. stay) at home till after four o'clock.	איך וועל בלייבען צו הויז ביז נאָך פיער אוהר.
I shall have done directly.	איך וועל גלייך (באַלד) זיין פערטיג.
When I have read this book, I shall have to read another (אָד. one more).	ווען איך האב אבגעלעזען דיזעס בוך, האָב איך נאָך איינס צו לעזען.
Next week I shall have been here three months.	נעכסטע וואָך בין איך דרייא מאָנאַטען היער.

Then (דהען), דאַן.

Immediately (איממי־דיאַייטלי), directly (דירעקט־לי), גלייך, באַלד.

אין יודיש ווערט מאנכמאָל געברויכט דיא געגענווערטיגע פאָרם פיר דיא צוקונפטיגע צייט, וויא „נעכסטע וואָך בין איך" אנשטאָדט „נעכסטע וואָך וועל איך זיין", „דאַן האָב איך" אנשטאָדט „דאַן וועל איך האָבען" או. אַז. וו. אין ענגליש מוז אימער פיר דיא צוקונפטיגע צייט שטעהן דיא פאָרם פון דער צוקונפטיגער צייט.

I shall not have written my letters before eight o'clock this evening.	איך וועל מיינע בריף ניט האָבען געשריבען פאַר אַכט אוהר היינט אבענד.
The thing (טהינג), the matter (מאַט־טער)	דיא זאך.
Politness (פּאָולאיט־נעס).	העפליכקייט, אנשטענדיגקייט.
Complaisance (קאָמ־פּלעזאֶנס).	אננעהמליכקייט, געפעליגקייט, פריינדליכקייט.
Foolish (פו־ליש).	נאריש, דום.
Indulgent (אינדאַל־דזשענט).	פריינדליך, גוט, גינסטיג.
Have you money enough?	האט איהר גענוג געלד?
O, I have to spare.	אָ, איך האָב איבריג.
To have to spare.	האבען איבערצולאָזען, האָבען איבריג.
He has nothing to spare.	ער האט גאָרנישט איבריג.
*To spare (ספּע־ר).	איבערלאָזען, ענטבעהרען, לייהען.
I cannot spare any money to-day.	איך קען היינט ניט ענטבעהרען (איבערלאָזען) קיין געלד.
Will you be able to spare me your carriage to-morrow?	וועט איהר מיר מאָרגען קענען איבערלאָזען (לייהען) אייער קארעט?
Will your father be willing to sell the horse?	וועט אייער פאטער וועלען פערקויפען דאס פערד?
Will the people be obliged to wait?	וועלען דיא לייטע מוזען ווארטען?

צימער זיין גרויס גענוג פיר אזוי פיעלע לייט?—מיר וועלען האבען פלאץ (room) גענוג.— וועל איך אייך זעהן אויף (at) דעם באל מארגען אבענד?—איהר וועט מיך זעהן, ווען איהר בלייבט זעהר לאנג.—וועלען אייערע שוועסטערס און אייערע קוזינס (אייערע ניט ווידערהאָלט) ניט געהן אויף (to) דעם באל? (not נאָך will).—זייא וועלען געהן מיט מיין מוטער אום ניין אָדער האלב-צעהן (=האלב נאָך; ווען דיא שטונדע איז שוין איינמאל ערוואָהנט ווירד זיא נאָך דעם וואָרט past ניט ווידערהאָלט).—וועט איהר און אייערע קינדער זיין היער היינט אבענד?—מיר וועלען זיין היער היינט אבענד, ווען מיר וועלען האבען צייט.—רעכענסט דוא (do you intend) צו געהן זעהן אונזער ליעבען (dear) פריינד?— איך רעכען איהם צו געהן זעהן (איהם צוליעב).—ווען וועסט דוא מיר שיקען דאָס בוך, וועלכעס דוא האסט מיר פערשפראָכען (promised) נעכטען אבענד?—איך וועל עס דיר שיקען מאָרגען: איך קען עס דיר ניט שיקען היינט.—דאַרפסט (=האָסט) דוא היינט ארבייטען פיעל? (צייט צוליעב).—היער קומט א יונגער מאן, ווער איז ער?—ער איז מיין שוועסטערקינד'ס זוהן.—פון וואנען קומט דיזער יונגער מאן?—ער קומט פון אמע- ריקא.—אין וועלכען אָרט האָט דער יונגער אמעריקאנער געוואוינט?—ער האט געוואוינט אין באלטימאָר.—האט ער אימער געוואוינט אין באלטימאָר, און קיין אנדערן אָרט?— ער האט אויך געוואוינט אין טשיקאגא.—איז טשיקאגא א גרויסע שטאָדט?—טשיקאגא איז איינע פון דיא גרעססטע שטעדט פון אמעריקא.

88. צום איבערזעצען.

ווען ווערט איהר אברייזען?—איך וועל אברייזען אום פיער אוהר היינט (this) נאכ- מיטטאָג.—וועט אייער פאָטער ארבייטען פריהער פאר (פריהער פאר, before) איך?— (מיין פאָטער וועט ארבייטען היינט אין דער פריה.—ווען האט דער אמעריקאנער אבגערייזט? —ער האט אבגערייזט צוויא טעג צוריק.—ווען וועט איהר קומען צוריק (זיך צוריקקעהרען, return)?—איך וועל היער זיין ווידער אין א וואך.—וועט אייער פאָטער באלד קומען צוריק?—ער וועט קומען צוריק אזוי באלד וויא ער האט פערטיג (אָר. האָט געענדיגט) זיינע געשעפטע.—ווען וועט אייער נייעס הויז זיין געענדיגט?—עס וועט זיין געענדיגט נעכסטען מאָנאט.—ווען וועט איהר עסען אבענד-ברויט (supper)?—מיר וועלען עסען אבענד-ברויט אום האלב נאָך ניין.—וועט איהר איינלאדען אייער נאכבאר?—איך וויים נאָך ניט, אויב איך וועל איהם איינלאדען.—וועט איהר דארפען (want) מיין בוך נאָך לענגער (much longer)?—איך וועל עס ניט דארפען נאָך לענגער.—וועלען דיא יונגע דאמען בלייבען היער נאָך לענגער?—זייא וועלען ניט קענען בלייבען היער נאָך לענגער. —וויא לאנג נאָך וועלען מיר האבען צו ווארטען אויף (=פיר, for) אונזער געלד?—איהר וועט ניט לאנג מעהר האָבען צו וואַרטען (לאנג מעהר צוליעב).—ווען וועל איך נעהמען דיא בריף אויף דיא פּאָסט?—איהר וועט זייא נעהמען אום זעקס.—ווער וועט אנטהאן דיא קינדער?—זייא וועלען זיך אליין אנטהאן.—דוא וועסט דיך איינשניידען.— ווער וועט זיך איינשניידען?—אייער קליינע שוועסטער וועט זיך איינשניידען.—וועסט דוא גערענקען, וואס דוא האסט מיר פערשפראָכען? (מיר צוליעב).—איך וועל גערענקען.

*To return (ריטאירן).	צוריקגעבען, צוריקקערען, אומקעהרען.
When will you return me my book?	ווען וועט איהר מיר צוריקגעבען (אומקעהרען) מיין בוך?
As soon as I have read it.	אזוי באלד וויא איך וועל עס האבען געלעזען.

As soon as, אזוי באלד וויא.

נאך דיא ווערבער after, when, as soon as און בייא to go און to come לאזט מען הערויס דיא ווערטער shall אדער will אין דער בעענדיגטער צוקונפטיגער צייט-פארם: as soon as I have read it, אזוי באלד וויא איך וועל עס האבען געלעזען.

As much as, אזוי פיעל וויא.

Possible (פאסיבל).	מעגליך.
As much as possible.	אזוי פיעל וויא מעגליך.
At what time will you go into the country this evening?	אום וועלכע צייט וועט איהר געהן אויף לאנד היינט אבענד?
After I have read my letters.	נאך דעם וויא איך וועל האבען געלעזען מיינע בריף.
*To dine (דאין).	עסען מיטטאג.
*To sup (סאפ).	עסען אבענד-ברויט, עסען וועטשערע.
*To breakfast (ברעקפאסט).	פריהשטיקען, אנבייסען.
America (אמעריקא).	אמעריקא.
The American (אמעריקאן).	דער אמעריקאנער.

באלטימאר Baltimore (באלטימאור) | טשיקאגא Chicago (טשיקאגאו)

87. צום איבערזעצען.

וועט איהר שיקען אייער זוהן נאך טשיקאגא?—איך וועל איהם שיקען.—וועט ער מאכען געשעפטען (any business) אין טשיקאגא?—ער וועט פרובירען מאכען וועלכע.—וועט איהר מיר געבען, וואס איהר האט מיר פערשפראכען?—איך וועל עס אייך געוויס געבען (certainly צוויטען shall און give).—וועט איהר לעזען דאס בוך, וועלכעס איך האב אייך געבראכט?—מיר וועלען עס לעזען אזוי באלד, וויא מיר האבען צייט.—וואו וועלען מיר היינט עסען מיטטאג?—מיר וועלען היינט עסען מיטטאג, וואו מיר האבען געכטען גע-געסען מיטטאג (צייט צולעצט), צו הויז.—ווער וועט זיין אין (at) אונזער הויז היינט אבענד?—דער דאקטאר (physician) מיט זיין פרוי, זיינע צוויא טעכטער (זיינע איבגעלאזען), דרייא ניבטען (פלעמעניצעס) און צווייא נעפען (פלעמעניקעס); דיא קליינע פראנצויזין (Frenchwoman) מיט איהר מאן און איהר שוועסטער (איהר ניט ווידערהאלט), מיין פע-טער און מיין מומע (מיין ניט ווידערהאלט), דער יונגער אמעריקאנער, וועלכער איז געק-כען געקומען פון באלטימאר, און דער ענגלענדער, בייא וועלכען איהר האט געקויפט דאס פערד; אין אלעמען (all together) וועלען קומען זעכצעהן פערזאן (זעכצעהן פערזא-פער וועלען קומען) היינט אבענד צו אונז אין הויז (to our house).—וועט אייער

Will you eat early or late to-day?	וועט איהר היינט עסען פריה אָדער שפּעט?
I shall not eat at all, if I must set off this morning.	איך וועל גאָר ניט עסען, ווען איך מוז אָבּ=רייזען דיזען מאָרגען.
When will you return?	ווען וועט איהר צוריקקומען?
*To return (ריטאָירן).	צוריקקומען, זיך צוריקקעהרען.
I shall return, when I have finished (אָד. done) my business.	איך וועל צוריקקומען, ווען איך האב געענ=דיגט (אָד. פערטיג) מיינע געשעפטען.
The business (בּיזנעס).	דאָס געשעפט, דיא געשעפטען.
To do business.	מאַכען געשעפטען.
Ready (רעדי), finished (פינישט), done (דאָן).	פערטיג.
*To finish (פיניש).	ענדיגען, בּעענדיגען, פערטיג מאַכען.
To have done.	האָבען פערטיג, פערטיג זיין.
We had done dinner.	מיר זיינען געוועזען פערטיג מיט דעם מיט=טאָג=עסען.
Have you done?	זייט איהר פערטיג?
Have you done with my book?	זייט איהר (שוין) פערטיג מיט מיין בוך?
I have not done with it yet.	איך בין נאָך מיט איהם ניט פערטיג.

With ווערט געשטעלט, ווען מען האַלט עפּעס אין ניצען אָדער אין געבּרויך, וויא דאָס בּוך אין דעם עבּענ=געגעבּענעם זאַץ.

*To invite (אינוואַיט).	איינלאַדען, בּעטען.
*To ask (אֶסק).	פרעגען, בּעטען.
Will the young Englishman invite the Spaniard?	וועט דער יונגער ענגלענדער איינלאַדען דעם שפּאַניער?
I shall have been.	איך וועל האָבען (אָד. זיין) געוועזען.

עס זיינען דאָ צוויא צייט=פאָרמעס פיר דיא צוקינפטיגע צייט: דיא איינפאַכע און דיא בּעענדיגטע. דיא איינפאַכע צוקינפטיגע צייט=פאָרם דריקט אויס אַ האַנדלונג, וואָס וועט ערשט פּאַסירען אין דיא צוקינפטיגע צייט, וויא I shall make, איך וועל מאַכען; דיא בּעענדיגטע צוקינפטיגע צייט=פאָרם דריקט אויס אַ האַנדלונג, וואָס וועט שוין אין דיא צוקינפטיגע צייט זיין בּעענדיגט; צ. בּ. I shall have made, איך וועל האָבּען געמאַכט.

דיא בּעענדיגטע צוקינפטיגע צייט=פאָרם ווערט געמאַכט דורך have מיט דעם פערגאַנגענ=הייטס מיטעלוואָרט פון האַנדלונגסוואָרט צוגעזעצט נאָך shall אָדער will.

I shall have had.	איך וועל האָבען געהאַט.
I shall have praised.	איך וועל האָבען געלויבט.
You will have praised.	דוא וועסט האָבען געלויבט.
He, she, it will have praised.	ער, זיא, עס וועט האָבען געלויבט.
We shall have praised.	מיר וועלען האָבען געלויבט.
You will have praised.	איהר וועט האָבען געלויבט.
They will have praised.	זייא וועלען האָבען געלויבט.

(גאָרנישט צולעצט).—וואָס האָט דיזעס מיידעל ווידער פערגעסען? (ווידער צולעצט).—זיא האָט פערגעסען איהר שרייב-בוך.—האָט איהר נעכטען אויך ניט עפּעס פערגע-סען?—ניין, איך האָב נעכטען גאָרנישט פערגעסען.—האָט איהר ניט פערגעסען מיר צו שיקען מיין בוך?—דאָס איז געווען מיין ברודער'ס שולד (fault); ער האָט עס איך געוואָלט שיקען (איך צולעצט).—וואָרום האָט ער עס (=אַזוי, so) ניט געטהאָן? (so צו-לעצט).—איך ווייס ניט, וואָרום ער האָט פערגעסען; ער פערגעסט אָפט (אָפט פאַר דעם האַנדלונגכוואָרט).

33rd Lesson.—33סטע לעקציאָן.

I shall. We shall.	איך וועל. מיר וועלען.
You will.	דוא וועסט, איהר וועט.
He, she, it will.	ער, זיא, עס וועט.
They will.	זייא וועלען.

דיא צוקינפטיגע צייט פון האַנדלונגכווערטער ווערט געמאַכט דורך דאָס וואָרט shall פיר דיא ערשטע פערזאָן (I, we) און will פיר דיא צווייטע און דריטע פערזאָן (he, she, it, they).

Will פיר I און we בעדייטעט וועלען, און shall פיר דיא צווייטע און דריטע פער-זאָן בעדייטעט זאָלען:

I will. We will.	איך וויל. מיר ווילען.
You shall. He shall. They shall.	דוא זאָלסט. ער זאָל. זייא זאָלען.

נאָך shall אָדער will ווערט אין אַ פראַגע אָדער אין אַ פערניינונגס זאַץ ניט געשטעלט דאָס וואָרט do; צ. ב. shall I go? וועל איך געהן? will you go? וועסט דוא געהן? או. אַז. וו.

Will you praise me?	וועסט דוא מיך לויבען?
I shall praise you if you are good.	איך וועל דיך לויבען, ווען דוא ביסט גוט.
Will your father buy this house?	וועט אייער פאָטער קויפען דיזעס הויז?
He does not want to buy it.	ער וויל עס ניט קויפען.
We shall not remain here much longer.	מיר וועלען נאָך לאַנג היער ניט פערבלייבען.
Much longer.	פיעל לענגער, נאָך לאַנג.
Not much longer.	ניט פיעל לענגער, ניט לאַנג מעהר.
How much longer?	וויא פיעל לענגער? וויא לאַנג נאָך?
Will you write much longer?	וועט איהר נאָך לאַנג שרייבען?
I shall not write much longer.	איך וועל ניט לאַנג מעהר שרייבען.
When will you set out (אָד. set off)?	ווען וועט איהר אַברייזען?
I shall set out when my brother returns.	איך וועל אַברייזען, ווען מיין ברודער קומט צוריק.
To set out, to set off.	אַברייזען, אַוועגפאָהרען.
Set out, set off.	אַבגערייזט, אַוועגגעפאָהרען.

If (איף), **ווען, אויב; when** (הווען), ווען (אויף צייט).

ברודער געמיינט געבליבען ווידער אויסגעהן?—יא, ער האט געמיינט אויסגעהן פארמיטטאג.—וויא פיעלע ביכער מוז איך אייך נאך (more) שיקען?—איהר מוזט מיר שיקען נאך דרייא.—וויא פיעלע פאאר זאקען מוז איך אייך נאך שיקען? (more פאר pair).—איהר מוזט מיר שיקען נאך זעקס פאאר (more צולעצט).—זאל איך קויפען האנדשוה (any gloves) פיר דיא קינדער?—דוא קענסט יעדען קויפען א פאאר (יעדען צולעצט).—איז דער שניידער פארבייגעגאנגען הייער היינט?—ער האט געקענט פארבייגעהן (he may have passed), אבער איך האב איהם ניט געזעהן.—האט אייער שוועסטער נים מעהר אלס נאך דרייא פלאררין?—זיא קען האבען נאך (left) מעהר, אבער איך וויס ניט.—האט דער שוסטער ניט געוואלט (been willing) שיקען דיא שיך?—ער האט זיא געוואלט שיקען, אבער ער האט ניט געקענט (נ.פ., he has not been able).

86. צום איבערזעצען.

נעהמט איהר אויף לאנד מיט אונז?—ניין, איך טאר (may) ניט אויסגעהן; איז עס ניט געפערליך?—האבט דיא מיר געבראכט מיינע ביכער צוריק?—ניין, עס איז זעהר געפערליך, מיין שוועסטער האט זיא געגעבען (צו) איהר שוועסטער-קינד.—ווילט איהר מיר ערקלערען, וואס אייער ברודער ברויכט?—האט איהר האלט דיזען מענשען?—איך האב איהם זעהר (very well) האלט (זעהר גאר האלט).—האט איהר האלט קארטאפעל?—איך האב זיא זעהר האלט.—וויא געפעלט אייך (how do you like) דיזעס ברויט?—איך האב עס האלט זעהר פיעל.—וויא געפעהלט אייך אונזער נייעס הויז?—עס געפעלט אונז בעסער אלס דאס אנדערע אויף (in) קאנאל נאס.—האט איהר האלט דיזען וויין אזוי פיעל וויא יענעם?—דיזער געפעלט מיר בעסער.—קען (מעג) איך היינט אויסגעהן?—דוא קענסט (מעגסט), אויב דיר געפעלט.—מעג מיין פריינד קומען צו מיר היינט?—יא, אויב איהם געפעלט.—מעגען דיא קינדער געהן אין גארטען דיזען נאכמיטטאג?—יא, אויב זיא געפעלט.—וועלכען פון דיזע צווייא היט האסט דוא בעסער ליעב, דיזען אדער יענעם?—איך האב דעם אנדערן בעסער ליעב.—וויא איז אייך געוועזען געפעלען (did you like) דער איטאליענער, וועלכער איז געוועזען היער נעכטען בייא נאכט (last night)?—ער איז מיר נאר ניט געוועזען געפעלען (גאר ניט צולעצט).—האט אייער ברודער ליעב צו געהן פריה צום בעט?—ער האט ניט ליעב צו געהן צו בעט פאר עלף אדער האלב אויף צוועלף (half past).—ליעבען (to love) מוטערס זייערע קינדער?—יעדע מוטער ליעבט איהרע קינדער.—ליעבט איהר מיך?—איך ליעב אייך.—ליעבט זיא איהם?—זיא ליעבט איהם.—ליעבט ער זיא?—ער ליעבט זיא.—ליעבען מיר אונז זעלבסט?—מיר ליעבען אונז זעלבסט.—ליעבט איהר אייערע שוועסטערס?—איך ליעב זייא.—ליעבט ער זיך זעלבסט?—ער ליעבט זיך זעלבסט, ער ליעבט קיין אנדערן (anybody else).—וועמען ליעבט איהר?—איך ליעב דיא, וועלכע ליעבט מיך.—ליעבט אונז אייער מומע?—זיא ליעבט אייך און לויבט אייך (האט געשעצט אייך ווערט אויסגעלאזען).—ערהאלט דער שפאניער זיינע בריף היינט?—ער ערהאלט קיינע בריף היינט.—נעהמען אייער פעטער און מומע אויף זייערע פריינד היינט?—זיא נעהמען זייא אויף.—האט איהר ערהאלטען, וואס איך האב אייך געשיקט?—איך האב גארנישט (anything) ערהאלטען

און האבען געלערנט זייערע לעקציאנען.—וואו איז דער בעדיענטער?—ער איז נאָך ניט געקומען צוריק פון שטאָדט.—ער האט געדארפט זיין צוריק, איך האב איהם געשיקט צווייא שטונדען צוריק.—ווארום האָסט דוא געמאכט אזוי פיעלע פעהלערן אין דיזען בריף?—איך האב עס געשריבען אזוי וואויל, וויא איך האב געקענט.—איך האב ניט געדארפט מאכען אזוי פיעלע פעהלערן—(צו) וועמען האט דער רייכער מאן געזאָלט געבען געלד (any money)?—ער האט עס געדארפט געבען דעם, וועלכער (to him who) ברויכט וועלכע

84. צום איבערזעצען.

ווארום האט מיך אייער ברודער ניט גערופען?—ער האט ניט געוואָלט.—האט אייער זוהן ניט געוואָלט הערייןקומען (come in)?—ער האט געוואָלט (wished) הערייןקומען, אבער ער האט ניט געקענט.—האבען דיא קינדער ניט געוואָלט לערנען זייערע אויפגאבען (tasks)?—זייא האבען זייא געוואָלט לערנען, אבער זייא האבען זייא געפונען פיר צו שווער.—ווארום האט איהר ניט געוואָלט פערקויפען אייער פערד צו דעם שאָטלענדער?—וויל ער האט מיר ניט געוואָלט געבען אזוי פיעל, וויא איך האב פערלאנגט.—האט אימעצער פערלאנגט מיך צו זעהן?—קיינער האט פערלאנגט דיך צו זעהן.—וואָס האבען דיזע לייטע געוואָלט (wish) קויפען?—זייא האבען געוואָלט קויפען זייד (some silk) און באוועל.—האבען אייערע ברידער ניט געוואָלט (=גערעכענט, intended) נעכטען געהן נאָך פילאדעלפיא? (צייט גולעצט).—זייא האבען געוואָלט געהן, אבער זייא האבען ניט ניט געקענט.—האט איהר געקענט לעזען (=זייט איהר געווען אין שטאנד צו לעזען, have you been able to read) מיין בריף?—איך האב איהם ניט געקענט לעזען.—האט דער בעדיענטער געפונען מיינע האנדשוה?—ער האט זייא ניט געקענט געפינען.—וועלכע קארעט האט אייער פאָטער געוואָלט (=גערעכענט) קויפען?—ער האט געוואָלט קויפען דעם ענגלענדער'ס קארעט.—האט דער איטאליענער פערלאנגט (ז. ג.) צו זעהן דיזען גארטען אדער יענעם?—זייא האבען פערלאנגט צו זעהן ניט דיזען ניט יענעם.—וויא לאנג האט איהר געמוסט (were you obliged) בלייבען צו הויז נעכטען?—איך האב געמוזט בלייבען נעכטען צו הויז ביז שפעט אין אבענד.—האט איהר געמוזט אליין אבפוצען (to brush) אייער ראָק?—איך האב אליין געמוזט אָבפוצען.

85. צום איבערזעצען.

ווער האט גענומען מיין לעש־פאפיער?—אימעצער האט געמוזט זיין (must have been) אין אייער צימער און האט עס גענומען (פאר דעם צווייטען האנדלונגסוואָרט ווערט has אויסגעלאָזען).—האט קיינער געזעהן מיין הונד?—אימעצער האט איהם געמוזט זעהן.—איך האב ניט געטאָרט (I was not allowed) אויסגעהן.—האט איהר געלעזען דיא ביכער, וועלכע איך האב אייך געשיקט?—מיר האבען ניט געטאָרט (=מיר זיינען ניט געוועזען ערלויבט) לעזען דיזע ביכער.—וויא לאנג האט איהר געמעגט (have you been allowd) בלייבען נעכטען אויף דעם לאנד?—מיר האבען געמעגט פערבלייבען דאָרטען דעם גאנצען נאכמיטטאָג.—ווארום האט איהר נימי געמעגט אויסגעהן דיזען פאָרמיטטאג?—מיר האבען געמוזט ארבייטען דעם גאנצען פאָרמיטטאג.—האט אייער קליינער

מיט איך.—דארפען (מוזען) דיזע שטוהלען שטעהן היער?—ניין, זיא דארפען שטעהן, וואו זייא זיינען געשטאנען נעכטען.

82. צום איבערזעצען.

קענסט דוא צוברעכען דיזען שטאָק?—איך קען איהם צוברעכען.—קענסט דוא דיך זעהן אין דעם שפיעגעל פון הייער?—איך קען א י ך זעהן, אבער ניט מ י ך.—קען ניט אייער שוועסטער בלייבען ביי אונז דעם גאנצען אבענד?—זיא קען ניט בלייבען לענגער (any longer) אלס איך.—קען דער בעדיענטער מיר ברינגען א בוך פון שטאָדט?—ער קען אייך קיינס ברינגען (he cannot bring you one), ווייל ער פערבלייבט אין שטאָדט.—קענסט דוא דיך ניט ערינערן, וואו איך האב געקויפט מיינע לעצטע האנד־שוה?—איך קען עס ניט וויסען, ווייל איך בין ניט געוועזען ביי דיר, ווען דוא האָסט זיא געקויפט.—קענסט דוא און דיינע ברידער קומען אום (at) פינף?—איך קען, אבער מיינע ברידער קענען ניט קומען פאר זיבען אדער האלב אכט (=האלב נאך).—קען דיזעס קליינע מיידעל שוין שטריקען?—איך קען דיר פערזיכערן, דאס זיא האט שוין אליין געשטריקט אלע איהרע שטרימפף (= זיא האט געשטריקט אלע איהרע איינענע שטרימפף).—וויא קענען אזוי פיעלע לייטע וואוינען אין דיזע קליינעם הויז?—איך וויים ניט, וויא זייא קענען, אבער זייא מוזען.—ווארום מוזען זייא?—ווייל זייא האָבען קיין גרעסערעס.—קענען זייא קיינס קויפען?—קענט איהר קויפען איינס?—איך קען ניט, ווייל איך האב קיין געלד.—דאס איז עבען דיא אורזאך (reason), ווארום דיזע ארימע לייטע קענען ניט קויפען א גרעסערעס הויז.—מאמא, מעג איך היינט שרייבען א בריף צום פאפא?—יע, דוא מעגסט, אויב דוא קענסט. אבער דוא דארפסט ניט מאכען קיינע (any) פעהלערן.—מעג איך עס איך נעהמען אויף דיא פאָסט אליין?—דוא מעגסט עס זעלבסט נעהמען, אבער דוא מוזסט באלד קומען צוריק (ניט צוזעצען).—וויא לאנג מעג איך אויסען בלייבען (stay out)?—דוא מעגסט אויסען בלייבען ביז אכט: אום אכט אוהר מוזסט דוא זיין צו הויז?—קענען (מעגען) דיא קינדער געהן אין גארטען?—ניין, זייא קענען (מוזען) ניט.—מעג איך לעזען דיזען בריף?—דוא מעגסט, אויב דוא קענסט.

83. צום איבערזעצען.

וויא פיעל געלד קענט (מעגט) איהר נאך האָבען איבעריג? (נאך ניט איבערזעצען).—מיר קענען ניט האָבען פיעל איבעריג, ווייל מיר האָבען געקויפט זעהר פיעלע ביכער.—וועמעס הוט קען (מעג) דאס זיין?—דאס מוז זיין דעם הערר׳ס, וועלכער איז הייער געוועזען נעכטען פארנאכט.—וויא שפּעט קען (מעג) עס זיין?—עס מוז שוין זיין נאך ניין.—עס קען נאך ניט זיין אזוי שפּעט (נאך צולעגען).—ווער קען (מעג) זיין דער יונגער הערר, וועלכער איז הייער פארבייגעגאנגען יעצט עבען?—ער מוז זיין דער זוהן פון דעם אלטען מאן, וועלכער איז געוועזען (was) ביי איהם.—ווארום געהסט דוא ניט אויך?—איך קען ניט אויסגעהן; איך דארף (= איך האב צו שרייבען) נאך איניגע (a few more) בריף, וועלכע מוזען זיין אויף דער פּאָסט פאר פיער.—מעג יאהאן קויפען דיזעס בוך?—ער מעג עס קויפען, ווען ער האט געלד גענוג.—וועלכעס פון דיא קינדער מעגען מיט מיר געהן אויף לאנד? (מיט מיר צולעגען).—זייא מעגען אלע געהן, ווען (אויב) זייא זיינען גוט

I do what I like.	איך טהוא וואס איך וויל (=וואָס מיר געפעלט).
You may have it if you like.	איהר קענט עס האָבען, ווען איהר ווילט.
How do you like this wine?	וויא געפעלט אייך דיזער וויין?
I do not like your coat.	מיר געפעלט ניט אייער ראָק.
He likes her very much.	ער האט זיא זעהר גערן.

Very much, זעהר פיעל, זעהר.

To like better.	ליעבער האָבען, גערנער האָבען.
I like much better to read than write.	איך האָב פיעל ליעבער צו לעזען אלס שריי=בען.
*To love (לאָוו).	ליעבען.
*To receive (ריסיװ).	קריגען, ערהאלטען; אויפגעהמען.
Have you received any letters?	האט איהר ערהאלטען (וועלכע) בריף?
To forget (פאָרגעט); forgot (פאָרגאָט). forgotten (פאָרגאָטטן).	פערגעסען; פערגעסען (פערגאַנג. צייט=פאָרם און מיטעלוואָרט).
He forgets everything.	ער פערגעסט אלעס.
Have you forgotten your book again?	האט איהר ווידער פערגעסען אייער בוך?
He forgot his book yesterday.	ער האט נעכטען פערגעסען זיין בוך.

81. צום איבערזעצען.

ווילט איהר מיר געבען אייער מעסער?—איך וויל עס אייך געבען.—וויל אייער
ברודער מיר שיקען זיין בעדיענטען?—ער וויל איהם שיקען צו אייך.—ווילט איהר רופען
דעם בעדיענטען?—איך וויל איהם רופען.—וויל אייער פעטער און אייער מומע קויפען
דיזעס הויז און דיזען גאָרטען?—זייא וועלען זייא ניט קויפען.—ווארום האט אייער זוהן
ניט געוואָלט געהן אין טהעאטער נעכטען אבענד?—ער האט ניט געוואָלט געהן, וויל
ער האט געוואָלט (wished) בלייבען בייא (with) זיין שוועסטער צו הויז.—האָבען דיא
קינדער ניט געוואָלט געהן אין שולע היינט אין דער פריה?—ניין, זייא האבען ניט ג=
וואָלט געהן.—ווילסט דוא מיר געבען דיזע פעדער?—ניין, איך וויל ניט; איך דארף זיא
האבען זעלבסט.—ווארום האט דער שפּאניער ניט געוואָלט פערקויפען דעם וויין היינט
אין דער פריה?—וויל דער פראַנצויז, וועלכער האט עס געוואָלט (wished) קויפען, האט
ניט געוואָלט געבען אזוי פיעל געלד, וויא דער שפּאניער האָט פערלאַנגט.—ווער
זאָל געהן אויף (דיא) פּאָסט?—יאָהאַן זאָל געהן.—זאל איך איבערשרייבען (קאָפּירען)
דיזען בריף?—ניין, ווילהעלם זאָל עס איבערשרייבען.—זאָל איך האבען א גלאָז וויין,
פּאַפּא?—יע, דוא זאלסט האָבען איינס.—זאל איך קויפען דיזען רעגענשירם אדער יע=
נעם?—דוא זאָלסט קויפען ניט דעם ניט יענעם (=ניט איינעם ניט דעם אנדערן).—
ווארום ניט, פּאַפּא?—דיין מוטער וועט דיר איינס קויפען.—זאל דער מאַן העריינקומען
(come in)?—ניין, ער דארף (must) ניט העריינקומען; ער מוז בלייבען, וואו ער איז.—
ווען זאָלען מיר געהן אויף (into) לאַנד?—היינט נאכמיטטאָג; דיא קינדער וועלען געהן

Were you obliged (forced .אָד compelled) to go out?	האט איהר געמוזט אויסגעהן?
He has been obliged (forced .אָד compelled) to stay at home the whole day.	ער האט געמוזט בלייבען צו הויז דעם גאַנצען טאָג.
Were we able to (.אָד could we) do it?	האבען מיר עס געקענט טהאָן?
He was not able to (.אָד could not) write.	ער האט ניט געקענט שרייבען.
He did not want (wish .אָד intend) to see it. He would not see it	ער האט עס ניט געוואָלט זעהן.
You were not willing to give it me. You did not wish to give it me. You did not intend to give it me. You would not give it me.	איהר האט עס מיר ניט געוואָלט געבען.
They must have passed here (.אָד this way.	זייא מוזען היער פארביינגעגאנגען זיין (=זייא האבען היער געמוזט פארביינגעהן).
She has not been allowed (.אָד permitted) to work.	זיא האט ניט געדארפט (געטאָרט) אַרבייטען.
What may he have been?	וואָס מעג ער געוועזען זיין? (=וואָס האָט ער געקענט זיין?)

ווען may און must שטעהען פאר דעם וואָרט have, נאָך וועלכען עס קומט א פערגאַנגענהייטס מיטעלוואָרט, בעצייכנען זייא דיא פערגאַנגענע צייט: I may have seen, איך האָב געקענט זעהן; I must have been, איך האָב געמוזט זיין או. אַז. וו.

Is it not very provoking that I am obliged (.אָד that I must) stay at home to-day?	איז עס ניט פערדריכליך, דאס איך מוז היינט בלייבען צו הויז?
Provoking (פּראָוואָוקינג).	פערדריסליך, ערגערליך.
*To explain (עקספּלייז).	ערקלערען.
*To like (לאַיק).	ליבען, האָלט האבען, גערן האבען, געפעלען זיין, וועלען.
Do you like him?	האט איהר איהם גערן?
Do you like to read French books?	האט איהר האָלט צו לעזען פראנצויזישע ביכער?
I do not like the book.	איך האב דאס בוך ניט גערן. דאס בוך געפעלט מיר ניט.
You will like our house	אונזער הויז וועט אייך געפעלען.
Do you like fish?	האט איהר האָלט פיש?
Do you like wine?	האט איהר גערן וויין.
You may go out if you like.	דוא מעגסט אויסגעהן ווען דוא ווילסט (=ווען דיר געפעלט).

It was nobody's fault.	עס איז ניט געוועזען קיינעמ'ס שולד.
Why would you not stay with us yesterday?	ווארום האט איהר ניט געוואָלט בלייבען ביי אונז נעכטען?
I could not; I was obliged to go home.	איך האב ניט געקענט; איך האב געמוזט געהן אהיים.
Can you go out with me now?	קענט איהר יעצט מיט מיר אויסגעהן?
I can not, I must do my task.	איך קען ניט, איך מוז מאַכען מיין אויפגאַבע.
The task (טאַסק).	דיא אויפגאַבע, דיא לעקציאָן.

To do בעדייטעט געוועהנליך טהאָן, מאנכמאל אבער מאַכען; to make בעצייכענט געוועהנליך מאַכען און מאַנכמאָל אויך טהאָן:

To do honor (אָד. credit).	מאַכען עהרע.
To do business.	מאַכען געשעפט.
To do a task אָד. an exercise.	מאַכען א לעקציאָן.
To do one's hair.	זיך מאַכען (צורעכט) דאס האָאר.
The lesson (לעסן), exercise (עק'סערסאַיז).	דיא לעקציאָן.
The honor (אָ'נאָר), credit (קרע'דיט).	דיא עהרע.
The business (ביז'נעס) דאָס געשעפט	The pleasure (פלעזשור) דאס פערגנינגען
To make a vow.	טהאָן א נדר.

To make האָט נאָך פיעלע מעהרערע בעדייטונגען:

To make a request.	שטעלען א ביטע.
To make oath.	געבען א שבועה.
To make war.	פיהרען קריג (מאַכען מלחמה).
To make a choice.	אויסקלייבען, אויסוועהלען.
The request (ריקוועסט) דיא ביטע	The oath (אָוטה) דיא שבועה
The fortune (פאָרטשן) דאָס פערמעגען	The choice (טשאָיס) דיא וואהל
The vow (וואַו) דער נדר	The war (וואָ־ר) דער קריעג, מלחמה
Ought not the children to go out?	האבען דיא קינדער ניט געדאַרפט אויסגעהן?
Should not the children go out?	האבען דיא קינדער ניט געזאָלט אויסגעהן?
You ought to wait till I come.	דוא האָסט געדאַרפט וואַרטען ביז איך קום.
*To wait (וועיט).	וואַרטען.

Till (טיל), until (אָנטילי), ביז.

דיא האַנדלונגסווערטער וואָס שטעהען נאָך will, shall, can, may, must, קומען אָהן דעם ווערטעל to.

Can you come to me?	קענט איהר קומען צו מיר?
No, I cannot.	ניין, איך קען ניט.

דיא ווערטער can און not ווערען געשריבען וויא איין וואָרט צוזאַמען: cannot.

פיר וועלען.

ווינשען, וועלען	*To wish (וויש)	רעכנען, וועלען	*To intend (אינטענד)
פערלאנגען, וועלען	*To want (וואָנט)	וועלען	To be willing

פיר זאָלען.

זיין גענעטהיגט (אָבלאַידזשד	To be obliged	זיין געצוואונגען (פאָורסט	To be forced
(קאָמפעללד)	To be compelled	זיין געצוואונגען, זאָלען.	

פיר קענען.

זיין אין שטאנד, קענען. To be able (אַייבל).

פיר מעגען.

זיין ערלויבט מעגען	To be permitted	זיין ערלויבט (אַללאַוד	To be allowed

מיר ווילען איהם ניט זעהן. — We will not see him.

אבער איהר זאלט איהם זעהן — But you shall see him.

איך האב עס ניט געוואָלט קויפען. — I would not buy it.

איהר האט עס געזאָלט פּרובירען. — You should try it.

ווילט איהר נעהמען דיזען בריף אויף דיא פּאָסט? — Will you take this letter to the post-office?

וויל אייער שוועסטער היינט אבענד געהן אין טהעאַטער? — Will your sister (אָד. does your sister intend to) go to the theatre this evening?

ווילען אייערע ברידער יעדער קויפען א הוט? — Do your brothers want (אָד. intend) to buy a new hat each?

איך האב געקויפט א הוט. — I have bought a hat.

האט אייער פעטער געקויפט א קארעט? — Has your uncle bought a carriage?

דער וואָגען, דיא קארעט. — The carriage (קאֶררידזש).

איבערשרייבען, קאָפּירען. — *To copy (קאָפּי).

ער קאָפּירט—ער האט געקאָפּירט. — He copies—He copied.

דוא האסט געמאַכט אזוי פיעלע פעהלערן אין דעם לעצטען בריף, דאָס דוא זאָלסט גאָר ניט מעהר קאָפּירען קיין בריף פיר מיך. — You have made so many mistakes in the last letter that you shall not copy any more letters at all for me.

דער פעהלער, דער טעות. — The mistake (מיסטייק).

דער פעהלער, דער אירטהום, דיא שולד. — The fault (פאָ־לט).

דיא שולד, דאָס פערברעכען. — The guilt (גילט).

דיא שולד, דער חוב (פון געלד). — The debt (דעט).

עס איז ניט געוועזען מיין שולד. — It was not my fault.

וועמעס שולד איז עס געוועזען? — Whose fault was it?

טעז.—האט אימעצער איהר געגעבען א מעסער?—זיא האט געפונען א מעסער אויף דעם טיש.—האט זיך אייער ברודער היינט ווידער איינגעשניטען?—יע, ער שניידט זיך אימער איין.—ווער ליבט אייער שוועסטער?—יעדערער ליבט זיא, און זיא ליבט זיך אויך.—זייט איהר היינט געוועזען גוט, קינדער?—יע, פאפא, מיר זיינען היינט געוועזען זעהר גוט און זעהר פלייסיג.—איהר ליבט אייך, קינדער; ליבט אייך אייער מוטער?—מיר ליבען אונז, ווייל אונזער מוטער ליבט אונז אויך.—ביסט דוא היינט געוועזען א גוטער יונגע אין שולע? (זייט צולעצט).—יע, ליעבער (dear) פאפא, איך בין ווירקליך געוועזען זעהר גוט.—ליבסט דוא דיך, אדער דיין מוטער ליבט דיך?—איך ליב מיך, ווען איך בין גוט און ווען קיין אנדערער (nobody else) ליבט מיך.—בין איך אונגערעכט, פאפא?—ניין, דוא ביסט גערעכט, מיין זוהן.—ביסט דוא היינט געוועזען גוט?—איך בין היינט געוועזען גוט און דעריבער האב איך מיך געליבט.—דוא ביסט גערעכט, מיין זוהן; דוא ביסט א געשיקטער יונג.—זעהט איהר אייך אין דעם שפיגעל?—איך זעה מיך אין אייך.—זעהט אייער קוזינע אויגוסטא דעם שפיגעל?—זיא זעהט דעם שפיגעל, אבער זיא זעהט זיך זעלבסט ניט.—איז דאס אייער טוך, מאדאם?—יע, עס איז מיינס.—איהר האט עס עבען הערונטערגעוואָרפען.—איהר זייט זעהר פריינדליך (kind), מיין הערר.

32nd Lesson.—32סטע לעקציאָן.

I will (וויל)—I would (וואָרד).	איך וויל, איך וועל—איך האב געוואָלט, איך וואָלט.
I shall (שאָל)—I should (שרד).	איך זאָל, איך וועל—איך האב געזאָלט, איך וואָלט.
I can (קאָן)—I could (קרד).	איך קען—איך האָב געקענט, איך וואָלט געקענט.
I may (מיי)—I might (מאיט).	איך קען, איך מעג—איך האב געקענט, איך האב געמעגט.
I must (מאָסט).	איך מוז, איך דארף.
I ought (אָ־ט).	איך דארף, איך מוז—איך האב געדארפט.

Will, shall, can, may, must און ought זיינען מאַנגעלהאַפטע האַנדלונגס־ווערטער, דאָס הייסט זייא ווערען נאָר געברויכט אין דיא אויבען אָנגעגעבענע בעדייטונגען און האָבען מעהר קיינע אַנדערע פאָרמעס. דיזע האַנדלונגסווערטער ערהאַלטען קיין s פיר דיא דריטע פערזאָן איינצאָהל געגענווערטיגע צייט, וויא געוועהנליכע האַנדלונגסווערטער: he will, ער וויל, ער וועט; she may, זיא מעג או. אַז. וו.; אויך האָבען זייא קיין פאָרם פיר דיא ניט־בעשטימטע אַרט (ד. ה. פיר וועלען, זאָלען, קענען, מעגען, מוזען און דאַרפען).

ווען דיא האַנדלונגסווערטער וועלען, זאָלען, קענען, מעגען און מוזען דאַרפען געגעבען ווערען אין דעם זין פון דער ניט־בעשטימטער אַרט, ווערען זייא אויסגעדריקט דורך אַנדערע האַנדלונגסווערטער, וואָס האָבען עהנליכע בעדייטונגען; פאָלגענדע זיינען דיא געוועהנליכסטע:

פיר לייכטער, צו לערנען פראנצויזיש אָדער ענגליש?—זיא האלט עס פיר לייכטער צו לערנען פראנצויזיש.—לערנען אייערע קינדער ענגליש?—זייא לערנען עס.—לערנט אייער טאכטער שוין איטאליעניש?—זיא לערנט (ניט) עס שוין א יאָהר (שוין ניט איבערזעצט).—האבען אייערע קינדער געלערנט שרייבען איידער זייא האבען געלערנט לעזען?—זייא האבען זיך געלערנט לעזען, איידער זייא האבען זיך געלערנט שרייבען.—בייא (of) וועמען לערנט זיך דער האָללענדער פראנצויזיש?—ער לערנט זיך עס פון א פראנצויז.—לערנט דער ענגלישער העררר (gentleman), וועלכער וואוינט אין אייער הויז, דייטש?—ער לערנט עס ניט; זיין פרוי לערנט עס.—ווארום פרובירט איהר ניט לערנען שפאניש?—איך האב עס פרובירט, אבער איך געפין עס צו שווער.—איך פערזיכער אייך, דאס שפאניש איז גאָר ניט שווער (גאָר ניט צולעצט).—האט איהר עס פערזוכט (פרובירט)?—יע, געוויס; איך האב עס ניט נאָר פערזוכט, זאָנדערן איך האב עס געלערנט.

79. צום איבערזעצען.

לערנט זיך אייער קליינע טאָכטער שטריקען?—זיא לערנט זיך עס; זיא האט שוין געשטריקט זעקס פאָאר זעהר שעהנע שטרימפף.—פיר וועמען האט זיא זייא געשטריקט?—זיא האט זייא געשטריקט פיר זיך.—איהר האט מיר געבעטען פערשפראָכען צו ברייננען (מיר) אן ענגלישעס בוך: האט איהר עס געבראכט?—איך האב אייך געבראכט, וואס איך האב אייך פערשפראָכען: היער איז זעהר א גוטעס און ניצליכעס בוך.—געדענקט אייער מומע דיא שעהנע (pretty), קליינע פראנצויזין, וועלכע איז געוועזען היער א יאהר צוריק?—זיא געדענקט זיא.—געדענקט איהר, וויא פיעל געלד איך האב אייך געגעבען געבעטען?—איך געדענק ניט, אבער מיין פאטער געדענקט.—געדענקט איהר אלעס, וואס (that) איהר האט ווען געלעזען?—איך געדענק פיעל אָבער ניט אלעס.—וויא פיעל אוהר אין דער פריה טהוט איהר אייך אָן?—איך טהוא מיך אָן געוועהנליך אום (at) האלב אכט (=האלב נאָך זיבען).—ווער טהוט אָן דיא קינדער?—דיא קינדער טהוען זיך אָן אליין.—האט איהר אייך אנגעטהאן געכטען איידער אייער ברודער האט זיך אָנגעטהאָן?—מיין עלטערער ברודער האט זיך אנגעטהאן פאָר (before) מיר, אבער מיין יונגסטער ברודער האט זיך אָנגעטהאָן נאָך מיר.—טהוען זיך דיא קינדער אוים אליין אין אבענד?—זייא טהוען זיך אָן און טהוען זיך אוים אליין.—איז אייער פריינד א גוטער קאָמפאניאָן?—ער איז דער אנגענעהמכטער געזעלשאפטער, וועלכען (that) איך האב ווען געקענט.

80. צום איבערזעצען.

איז אייער טישלער (סטאָליער) א גוטער ארבייטער?—ער איז דער געשיקטעסטער (cleverest) ארבייטער אין דער גאנצער שטאָדט.—האט ער פיעל געארבייטעט פיר אייך? (פיעל נאָך געארבייטעט).—ער האט געמאכט אלע זיינע טישען און שטוהלען.—זיינען זייא טהייער?—ניין, זיינע שטוהלען זיינען דיא ביליגסטע, וועלכע איך האב ווען געזעהן.—ווערט איהר בלייבען בייא (with) מיר היינטיגען (this) אבענד?—ווען איהר פערלאנגט עס.—האט איהר אייך איינגעשניטען (cut yourself)?—איך האב מיך ניט איינגעשניטען.—ווער האט זיך איינגעשניטען?—מיין קליינע טאָכטער האט זיך איינגעשני=

*To behave (ביהייוו). To behave one's self.	זיך אויפפיהרען, זיך בענעהמען.
How has my son behaved?	וויא האט זיך מיין זוהן אויפגעפיהרט?
He always behaves well.	ער פיהרט זיך אימער אויף גוט.
Your sister has not behaved herself well.	אייער שוועסטער האט זיך ניט גוט אויפ-געפיהרט.
*To conduct (קאָנדאַקט).	פיהרען.
To conduct one's self.	זיך אויפפיהרען.
You have conducted yourself very well.	איהר האט אייך אויפגעפיהרט זעהר גוט.
Do you see yourself in the looking-glass?	זעהט איהר אייך אין שפּיגעל?
He had hid himself.	ער האט זיך בעהאלטען.
I never praise myself.	איך לויב מיך קיינמאָל.
Do we praise ourselves?	לויבען מיר אונז?
The workman (וואָירק'מאַן).	דער אַרבייטער.
The looking-glass (לו'קינג-גלאַס). The glass (גלאַס). The mirror (מירראָר).	דער שפּיגעל.

78. צום איבערזעצען.

וואָס דענקט איהר?—איך דענק, דאס עס איז בעסער צו בלייבען צו הויז אלס אויסצוגעהען.—ווייסט איהר, וואָס אייער פריינדין דענקט?—איך וויים ניט, וואָס זיא דענקט.—האט איהר נעכטען געדאכט פון מיר? (צייט צולעגט).—איך האב געדאכט נעכטען דעם גאַנצען טאָג (all yesterday) פון אייך.—האבען אייערע ברידער געדאכט פון זייערע פערד?—זייא האבען געדאכט מעהר פון זייערע פערד אלס פון זייערע ביכער.—פון וועמען האט אייער מומע געדאכט?—זיא האט געדאכט פון איהרע קינדער?—ווארום דענקט איהר ניט פון וואָס איהר האט צו טהאן?—איך דענק פון וואָס איך האב צו טהאָן.—דענקט איהר אָפט פון מיר?—איך דענק זעהר אָפט פון גאָרנישט.—שעצט איהר מיין פריינד?—איך שעץ איהם און זיין פאָטער.—שעצט איהר דיזען מאַן, ווייל ער איז רייך?—איך שעץ לייטע, ווען זייא זיינען גוט, אבער ניט, ווייל זייא זיינען רייך.—שעצט דער שפּאַניער דיא דייטשען?—ער שעצט זייא, ווען ער בארגט געלד בייא (of) זייא.—האלט איהר דיזען מאַן פיר געשיקט?—איך האלט איהם פיר א גרויסען נאַר.—וועמען האלט איהר פיר געשיקטער, דעם שפּאַניער אדער דעם איטאַליענער?—איך קען ניט איינעם ניט דעם אנדערן; אבער מיין פאָטער האלט דעם איטאַליענער פיר געשיקטער (cleverer) אלס דעם שפּאַניער.—האלט איהר עס פיר רעכט צו ברעכען וואָרט? (ווען מען רעדט פון ברעכען וואָרט כתּם אין דער וועלט הערויין, אָהן אַ פערזאָן, שטעלט מען צו דאָך וואָרט one's; to break one's word).—קיינער האלט עס פיר רעכט.—האלטען פאָטערס פיר רעכט, ווען זייערע זיהן זיינען ניט פלייסיג?—האלטען זייא עס פיר לייכט צו שרייבען א גוטען בריעף?—איך האלט עס פיר זעהר שווער.—וואָס האלט אייער שוועסטער

The companion (קאָמפּאֶנ׳יאָן).	דער קאָמפּאַניאָן, דער געזעלשאַפטער.
Is not my brother your best friend?	איז ניט מיין ברודער אייער בעסטער פריינד?
I esteem (.אָד think) him my best friend.	איך האלט איהם פיר מיין בעסטען פריינד.
I know also that he always was a friend to my eldest brother.	איך ווייס אויך, דאס ער איז אימער געווען א פריינד פון מיין עלטעסטען ברודער.

דאָס יודישע ווערטעל פון ווערט אין דער צוזאַמענשטעלונג אַ פריינד פון איבער־זעצט אין ענגליש to.

*To remember (רימעמ׳בער). *To recollect (רעקאָללעקט׳).	געדענקען, זיך ערמאַנערן אָן.
*To promise (פּראָ׳מיס).	פערשפרעכען, צוזאָגען.
*To wish (וויש).	ווינשען, פערלאַנגען.
Do you remember what you read yesterday?	געדענקט איהר (ערמאַנערט איהר אייך) וואָס איהר האט נעכטען געלעזען?
I remember it.	איך געדענק עס.
I remember him very well.	איך געדענק איהם זעהר גוט.
Does your sister remember what she promised me?	געדענקט אייער שוועסטער, וואס זיא האט מיר פערשפראָכען?
She remembers it.	זיא געדענקט עס.

זיך, מיך, אונז או. אַז. וו. אין אַזעלכע זעצע, וואו דיא האַנדלונג ווערט צוריקגע־וואָרפען אויף דיא פּערזאָן, פון וועלכער עס געהט דיא רייד, וויא „איך ליעב מיך״, „דוא ליעבסט דיך״, „ער ליעבט זיך״ או. אַז. וו., ווערען אין ענגליש איבערזעצט myself, yourself, himself או. אַז. וו.

I—myself	איך—מיך	I—to myself	איך—מיר
He—himself	ער—זיך	He—to himself	ער—זיך
She—herself	זיא—זיך	She—to herself	זיא—זיך
It—itself	עס—זיך	It—to itself	עס—זיך
One—one's self (oneself)	מען—זיך	One—to one's self (oneself)	מען—זיך
We—ourselves	מיר—אונז	We—to ourselves	מיר—אונז
You—yourself (.איינצ)	איהר—אייך	You—to yourself (.איינצ)	איהר—אייך
You—yourselves (.מ)	איהר—אייך	You—to yourselves (.מ)	איהר—אייך
They—themselves	זייא—זיך	They—to themselves	זייא—זיך

Is it right to praise one's self?	איז עס רעכט זיך צו לויבען?
You praise yourself, because no one else praises you.	דוא לויבסט דיך, ווייל קיין אנדערער לויבט דיך.
*To dress — אָנטהאָן, זיך אָנטהאָן	*To undress — אויסטהאָן, זיך אויסטהאָן
Do you not dress (yourself) yet?	טהוט איהר אייך נאָך ניט אָן?
At what o'clock in the evening do you undress (yourself).	וויא פיעל א זייגער אין אבענד טהוט איהר אייך אויס?

איז מיר נאָכגעגאַנגען.—ווען איז ער אייך נאָכגעגאַנגען?—ער איז מיר נאָכגעגאַנגען נעכטען און היינט.—געהט אייך נאָך דער הונד?—ער געהט נאָך מיין ברודער, אָבער ער געהט מיר ניט נאָך.—געהט ער נאָך אייער שוועסטער?—ער געהט איהר נאָך.

31st Lesson.—31סטע לעקציאָן.

To think (טהינק); thought (טהאָ־ט), thought.	דענקען; געדאַכט.
*To esteem (איסטי־ם).	שעצען, הויכשעצען.
*To consider (קאָנסי־דער).	בעטראַכטען.
*To deem (די־ם).	מיינען.
To think of.	דענקען פון.
Do you think of me?	דענקסט דוא פון מיר?
Did you think of him?	האסט דוא געדאַכט פון איהם?
We thought of nothing.	מיר האָבען געדאַכט פון גאָרנישט.

די האַנדלונגסווערטער to think, to esteem, to consider און to deem ווערען אויך געברויכט אין דער בעדייטונג האַלטען פיר: I think it good, איך האַלט עס פיר גוט; he considers it useful, ער האַלט עס פיר ניצליך או. אז. וו.

To esteem ווערט נאָר געברויכט אין גוטען זין בייא אַ געגענשטאַנד וואָס פערדיענט שעצונג, די אַנדערע ווערטער ווערען געברויכט אין יעדער בעדייטונג.

Do you think it easy to learn the English language?	האַלט איהר עס פיר לייכט צו לערנען די ענגלישע שפּראַך?
I do not consider the English language difficult.	איך האַלט ניט די ענגלישע שפּראַך פיר שווער.
Easy (אי־זי) לייכט, גרינג	Difficult (דיפ־פיקאָלט) שווער
*To attempt (אַטטעמפּט).	פערזוכען, פּראָבירען, וואַגען.
Have you attempted to read the French letter?	האט איהר פערזוכט לעזען דעם פראַנצויזישען בריף?
*To learn (לאָירן).	לערנען, זיך לערנען.
Do you learn to read?	לערנט איהר אייך לעזען?
My children learn to write.	מיינע קינדער לערנען זיך שרייבען.
Do you consider the young Spaniard a clever man?	האַלט איהר דעם יונגען שפּאַניער פיר אַ געשיקטען מאַן?
Clever (קלעווער).	געשיקט, פעהיג.
I think him a clever man and very pleasant companion.	איך האַלט איהם פיר אַ געשיקטען מענשען און פיר אַ זעהר אַנגענעהמען קאָמפּאַניאָן.

.76 צום איבערזעצען.

האט איהר געשיקט אייער זוהן אין (to) פאריז?—ניין, איך האב איהם ניט אוועגגעשיקט: איך האב איהם גענומען פיר מיין געשעפטס בעדיענטען (פיר אויסגעלייזען).—האט איהר דאס (this) גענומען פיר אייער שלאפצימער?—יא, מיר האבען דאס גענומען פיר אונזער שלאפצימער, ווייל דאס נעבענטע צימער איז צו קליין.—ווארום בעמיהט איהר אייך ניט צו מאכען דיזען יונגען מאן מיר אייער פריינד?—איך האב איהם גענומען פיר מיין פריינד.—שניידעט דיזע שער?—ניין, עס איז זעהר א פראסטע (common) שער, זיא שניידעט גאר ניט.—שניידעט אייער פעדער מעסערל?—יא, עס שניידעט זעהר גוט (well).—שניידעט אימעצער ברויט פיר דיא קינדער?—דער בעדיענטער שניידעט וועלכעס פיר זייא.—ווער שרייבט אייערע בריף?—אונזער געשעפטס בעדיענטער שרייבט דיא פראנצויזישע בריף.—האט ער געשריבען דיזען בריף?—ניין, מיין זוהן האט געשריבען דיזען בריף.—האט ער געשריבען נאר דיזען איינציגען (איינעם) בריף?—ער האט געשריבען נאך איינעם.—וואו איז דער אנדערער בריף, וועלכען ער האט געשריבען?—איך האב איהם געגעבען (צו) מיין פרוי.—שרייבט אייער פאטער אלע זיינע בריף און צעטלאך אליין?—ער שרייבט אלע זיינע בריף אליין.—ווען האט איהר געשריבען צו דעם פראנצויז?—איך האב (צו) איהם געשריבען נעכטען.—שרייבט אייער מוטער דער איטאליענישער דאמע א בריף אדער א צעטעל?—זיא שרייבט איהר א צעטעל.—לעזט אייער זוהן אייערע בריף?—ער לעזט זייא.—לעזט אייער טאכטער פיעלע ענגלישע ביכער?—זיא לעזט מעהר דייטשע אלס ענגלישע ביכער.—ווען האט איהר געלעזען דיזעס בוך?—מיר האבען עס געלעזען צווייא מאנאט צוריק.

.77 צום איבערזעצען.

האבען מיינע שוועסטערס געשריבען זייערע בריף?—זייא האבען זייא געשריבען.—ווער האט זייא געלעזען?—אייער מוטער האט זייא געלעזען. איידער זייא האבען זייא געשיקט אויף (to) דיא פאסט.—שרייבט איהר דעם שפאניער דייטשע צעטלאך?—ער לעזט זייא ניט, ווען איך שרייב איהם דייטשע צעטלאך.—איז (has) דער שפאניער היינט היער פארבייגעגאנגען?—דער שפאניער איז היער ניט פארבייגעגאנגען, אבער דער איטאליענער איז פארבייגעגאנגען אונזער הויז א פערטעל צו צעהן.—האט איהר היינט געזעהן דעם איטאליענער'ס פאטער? (זייט צולעצט).—יא, ער איז מיר פארבייגעגאנגען אין (דער) גאס.—מאכט דיא קעכין אייער פריהשטיק פיר אייך?—ניין, מיר מאכען אונזער פריהשטיק אליין (we make our own breakfast).—שטריקט איהר פיעל, מאדאם?—איך האב אימער צו (too) פיעלע אנדערע זאכען צו טהאן; אבער מיינע מיידלאך שטריקען, ווען זייא האבען קיין אנדער זאך (nothing else) צו טהאן; זייא שטריקען אלע זייערע שטרימפף (זאקען) אליין.—מאכען זייא אויך זייערע העמדער אליין?—ניין, זייא מאכען זייא ניט אליין.—ווארום פוצט (בערשטעט) איהר ניט אליין אייער ראק און הויזען?—איך ווייס ניט, וואו דאס בערשטעל איז.—ווער איז דיזער יונגער מאן?—ער איז אונזער געשעפטס בעדיענטער.—האט איהר נאך מעהר (any more) געשעפטס בעדיענטע?—ניין, מיר האבען נאר דיזען איינעם.—איז אימעצער אייך נאכגעגאנגען?—א מאן

ניט אליין, שיקט זיא (זיא פאַר שיקט) **איהר קעכין.—זיים איהר אח אייער פאָטער** היינט געוועזען אויף דער בערזע? (צייט צולעצט).—מיר זיינען ראַרטען ניט געוועזען זעלבסט. —געהט קיינער אנדערס פיר אייך אויף (to) דיא בערזע, ווען איהר געהט ניט אליין?— יע, ווען מיר געהען ניט אויף דיא בערזע אליין, שיקעי מיר (=מיר שיקען) אונזער געשעפטס בעדיענטען.—ווארום שיקט מיר ניט אייער ברודער מיין פראנצויזישעס בוך צוריק?—ער פערזיכערט מיר, דאס ער האט עס אייך געשיקט.—געהט איהר זעלבסט **אויף דיא פאָסט?—איך פערזיכער אייך, דאס איך געה אימער (=אימער געה) זעלבסט.**

75. צום איבערזעצען.

האט אייער שוועסטער זעלבסט געשריבען דיזען בריף? (זעלבסט צולעצט).—זיא פערזיכערט מיר, דאס זיא האט איהם געשריבען זעלבסט.—זיינען אייער הערר (ווירטה) און ווירטהין צו הויז?—מיין ווירטהין איז צו הויז, אבער מיין ווירטה איז אוועגגעגאנגען (is gone out).—וואו איז אייער ווירטהין?—זיא איז אין (דער) קיך.—געהט זיא זעלבסט אין קיך? (זעלבסט צולעצט).—יע, געוויס, זיא איז אימער זעלבסט אין קיך.—זיינען דיאביידע האָללענדער אליין געוועזען היער, אדער זייא האבען געשיקט זייער בעדיענטען?— זייא זיינען זעלבסט געוועזען היער.—געהען אייערע טעכטער זעלבסט צו זייער מומען, איהר אוועקצוטראָגען (to take to her) דאס קלייד, אדער זייא וועלען עס שיקען צו איהר? (צו קען אויכגעלאָזען ווערען).—ניין, זייא בריינגען עס זעלבסט.—איז דער יונגער מאן היער ווידער געוועזען נעכטען?—וועלכער יונגער מאן?—פון דער צווייטער (next) טהיר, וועלכער בלייבט אימער (=אימער בלייבט) אזוי לאנג.—ער איז דאָרטען געבליבען צוויי שטונדען.—ווארום איז ער געבליבען אזוי לאנג?—ער האט ניט געוואוסט וויא פיעל אוהר (what o'clock) עס איז געוועזען.—ווארום האט ער ניט געוואוסט?—ער האט הערא‌בגעוואָרפען זיין אוהר איין טאָג פאָריגע וואָך און זיא האט זיך צובראָכען.—בלייבט איהר לאנג אויף דער בערזע?—איך בלייב ניעמאלס לענגער אלס א שטונדע און צוואנציג מינוטען.—זיינען דיא יונגע לייט געבליבען לאנג ביי אייך נעכטען אבענד?—זייא זיינען געבליבען אונגעפעהר צוויי שטונדען.—בלייבט אייער זוהן געוועהנליך לאנג אויף (at) דעם באל?—ער בלייבט געוועהנליך (געוועהנליך פאַר בלייבט) נאָר א שטונדע.—ווארום בלייבט דיא קעכין אזוי לאנג אויף דעם מארק?—זיא בלייבט אזוי לאנג, ווייל זיא האט זעהר פיעל צו קויפען.—ווער פוצט (בערשטעט) אייער ראָק?—דער בעדיענטער פוצט איהם.—האט ער איהם היינט געפוצט?—איך ווייס ניט, אויב ער האט איהם שוין געפוצט.—פוצט איהר ניט אייער הוט?—איך פוץ איהם אימער, איידער איך געה אוועג (=געה אויס).—אבער היינט האט איהר איהם ניט געפוצט.—איך פערזיכער אייך, איך האב איהם געפוצט היינט אין דער פריה (=דיזען מאָרגען).—ווער האט געמאכט דיזע שטיפעל?—מיין שוסטער האט זייא געמאכט.—מאכט ער גוטע שטיפעל?— ער מאכט זייא זעהר גוט, ניט (neither) צו גרויס ניט (nor) צו קליין.—וואו וואוינט ער?— ער וואוינט אויף איסט בראָדוויי (East Broadway).—איז דאס ניט דער זעלביגער מאן, וועלכען מיר האבען נעכטען געזעהן אין אייער פאָטער'ס גאָרטען? (צייט צולעצט).—יע, **עס איז דער זעלביגער.—זיינען דיזע נייע שיך?—יע, זייא זיינען גאנץ נייא.**

I brush my clothes.	איך בערשט (רייניג) מיינע קליידער.
He brushes your coat.	ער בערשט (רייניגט) אייער ראָק.
*To brush (בראַש).	בערשטען, אויסבערשטען, רייניגען, פוצען.
I pass your house.	איך געה פארביי אייער הויז.
He passes here every day.	ער געהט היער פארביי יעדען טאָג.
*To pass (פּאַס).	פארביינגעהן, פאריבערגעהן.

האנדלונגבווערטער, וואָ ענדיגען זיך מיט sh, ss, x, z, נעהמען אין דער דריטער פּערזאָן איינצאָהל געגענווערטיגע צייט es אַנשטאָט s: to brush—he brushes, ער בערשטעט; to pass—she passes, זיא געהט פּארביי.

Have you made this your bed room?	האט איהר דאָס געמאַכט אַלס אייער שלאָפצימער?
He has made him his head-clerk.	ער האט איהם געמאַכט פיר זיין ערשטען געשעפטס בעדיענטען.

דיא ווערטער אַלס, פיר, צו אי עהנליכע, ווערען נאָך דעם האנדלונגבוואָרט to make אין ענגליש הערויסגעלאָזען.

The clothes (קלאָוז)	דיא קליידער	The dress (דרעס)	דאס קלייד, דער אנצוג
The clerk (קלאָירק)	געשעפטס בעדיענטער	The fool (פוּל)	דער נאַר

Away (אָוויי), אוועג.

Common (קאָממאָן)	געוועהנליך; איינפאך	Free (פריי)	פריי
The kitchen (קיטשען)	דיא קיך.		
The note	דאס בילעט, דער צעטעל	The letter (לעטטער)	דער בריף
Next door.	דיא נעכסטע (אָד. צווייטע) טהיר, אין דעם נעכסטען הויז.		
Our next-door neighbor.	אונזער נעכסטער נאַכבאַר (שכן).		

74. צום איבערזעצען.

ווען האט איך אייער פּאָטער געגעבען דיזע שעהנע, קליינע גאָלדענע אוהר?—ער האט זיא מיר געגעבען פאָריגע וואָך.—וואו האט ער זיא געקויפט?—ער האט זיא ניט געקויפט אליין (זעלבסט).—ווער האט זיא פיר איהם געקויפט?—מיין פעטער האָט געהאט צו קויפען א דוצענד קליינע פראנצויזישע, גאָלדענע אוהרען.—געהט דאס זייגערל' גוט (well)?—איך פערזיכער איך, דאס עס געהט זעהר גוט.—געהט אייער אוהר אזוי גוט וויא מיינע?—זיא געהט זעהר גוט, ווען זיא געהט, אבער זיא שטעלט זיך זעהר אָפט אָב.—וויא פיעל א זייגער איז עס יעצט?—איך ווייס ניט, מיין אוהר איז שטעהן געבליבען.—ווען איז זיא שטעהן געבליבען?—זיא איז געבליבען שטעהן היינט אין דער פריה אום דרייא פערטעל אויף זיבען (=א פערטעל צו זיבען).—זייט איהר היינט געגאנגענע צום שפּאַניער?—איך בין ניט געגאנגען אליין (זעלבסט), זאָנדערן (but) איך האב געשיקט מיין ברודער.—געהט אייער מוטער אויף דעם מארק אליין (זעלבסט)?—ווען זיא געהט

To write (ראיט); wrote (ראָוט), written (ריטן).	שרייבען; געשריבען.
Have you yourselves read what the man has written?	האט איהר אליין געלעזען, וואס דער מאן האט געשריבען?
To read (ריד); read (רעד), read (רעד).	לעזען; געלעזען.
We have read the letter ourselves.	מיר האבען אליין געלעזען דעם בריף.

די ווערטער myself, yourself או. אז. וו. קומען געוועהנליך אם ענדע פון זאץ.

My brother himself has seen the man.	מיין ברודער אליין האט געזעהן דעם מאן.
He has seen him himself.	ער האָט איהם אליין געזעהן.
She gave it to her herself.	זיא אליין האט עס איהר געגעבען.
They saw them themselves.	זייא אליין האבען זייא געזעהן.
Do you go to the post-office yourself?	געהט איהר (איינצאָהל) אליין אויף דיא פּאָסט?
I assure you that I always go myself.	איך פערזיכער אייך, דאָס איך געה אימער אליין.
*To assure (אֶשׁשרר).	פערזיכערן.
Do you make your own dresses, Madam?	מאַכט איהר אַליין אייערע קליידער, מאדאם?
I make all my own dresses.	איך מאך אליין אלע מיינע קליידער.

Own ווערט אין ענגליש געברויכט אנשטאָט **אליין** אָדער **זעלבסט** אין אַזעלכע פעלע וויא אין דיא עבענ-געגעבענע צווייא ביישפּיעלען.

Does your daughter knit her own stockings?	שטריקט אייער טאָכטער אליין איהרע זאָקען?
To knit (ניט); knit, knit.	שטריקען; געשטריקט.
We make our own breakfast.	מיר מאַכען אליין אונזער פריהשטיק.
I cut my own hair.	איך שנייד אליין מיינע האָאר.
I gave it into his own hand.	איך האב עס איהם אליין אוועקגעגעבען אין האנד.
This is the very same man that we saw yesterday.	דאס איז גראדע דער זעלבער מאן, וועלכען מיר האָבען געזעהן נעכטען.
The very same.	גראדע דער זעלבער, עבען דער זעלבינער.

Quite (קוואיט), גאנץ; well (וועלל), גוט, וואויל.

Do you write to your father to-day?	שרייבט איהר צו אייער פאָטער היינט?
I shall write to him.	איך וועל צו איהם שרייבען.
I shall write him a letter. I shall write a letter to him.	איך וועל איהם שרייבען א בריף.

ווען מען שטעלט פריהער דיא פּערזאָן צו וועמען מען שרייבט און נאָכהער דאָס וואָרט **בריף**, ווערט הערויסגעלאָזן דאָס ווערטעל to פאַר דער פּערזאָן, וויא עס איז צו זעהן פון דעם זאַץ: I shall write him a letter.

צוגעבען מיין גלאז (צו קארלען נאך געבען); ווארום גיט ער איהם ניט זיין אייגענעם?—זיין אייגענעס איז שוין געוואָרען צובראָכען.—איז שמאָלץ א טוגענד (אַ שעהנע מדה, virtue) אדער א זינד (vice)?—עס איז ניט קיין (neither) טוגענד ניט קיין (nor) זינד.

30th Lesson.—30סטע לעקציאָן.

Self (סעלף), זעלבסט, אליין.

איך בין ניט געגאַנגען אליין, איך האב געשיקט דעם בעדיענטען.	I did not go myself; I sent the servant.
איך זעלבסט; דוא זעלבסט.	I myself; thou thyself.
ער זעלבסט; זיא זעלבסט.	He himself; she herself.
עס זעלבסט; ער זעלבסט; זיא זעלבסט.	It itself.
מען זעלבסט.	One one's self (אָד. oneself).
מיר זעלבסט.	We ourselves (אוי־סעלווס).
איהר זעלבסט (איינצאָהל).	You yourself.
איהר זעלבסט (מעהרצאָהל).	You yourselves (יורסעלווז).
ווארום זייט איהר (איינצאָהל) ניט געגאַנגען אליין?	Why did you not (אָד. did not you) go yourself?
איך בין ניט געוועזען גאַנץ געזונד און דעריבער בין איך געבליבען צו הויז.	I was not quite well and, therefore, stopped (אָד. stayed) at home.

Therefore (דהער'פאָור), דעריבער.

שיקען; געשיקט.	To send (סענד); sent (סענט), sent.
פיהלען; געפיהלט.	To feel (פי־ל); felt (פעלט), felt.
בלייבען; געבליבען.	To stay (סטיי); staid (סטייד), staid. [אויך רעגעלמעסיג.]
בלייבען.	*To remain (רימייך).
זיך אבשטעלען, בלייבען שטעהן; בלייבען.	*To stop (סטאָפּ).
שניידען; געשניטען.	To cut (קאָט); cut, cut.
זייט איהר געוועזען אויף לאַנד פאָריגע וואָך?	Were you in the country last week?
איך בין ניט געוועזען אויף לאנד דעם גאַנצען פאָריגען מאָנאט.	I was not in the country all (אָד. the whole of) last month.

Last month	פאָריגען מאָנאט	Last week	פאָריגע וואָך

דער מאָנאט.	The month (מאָנטה).
מיין פאָטער האט געשריבען דיזען בריף; ער שרייבט אימער זיינע בריף אליין (זעלבסט).	My father has written this letter; he always writes all his letters himself.

72. צום איבערזעצען.

וועמעס ראָק האט דער שניידער געבראַכט (ג.פ.)?—ער האט געבראַכט אייער פּלעמעניק'ס.—האט איהר מיין לעש-פּאַפּיער?—ניין, איך האב מיין אייגענעס.—האט דער דיענער זיין רעגענשירם אדער דיין מוטער'ס?—ער האט זיין אייגענעם.—ווען ברייננט דער בעדיענטער דיא קינדער אהיים?—ער ברייננט זייא אום האלב צוועלף (=האלב נאָך עלף).—נעהמט איהר אייער קינד צהיים, אידער איהר געהט אויף לאַנד?—ניין, איך נעהם איהם (it) מיט (with me) אויף לאַנד.—האט איהר נאָך ניט געבראַכט מיינע נייע שטיפעל?—איך האב געבראַכט אייערע און אייער זוהנ'ס נעכטען אבענד.—האט דער שוכטער שוין איך געבראַכט (=געבראַכט איך) דיא געוועגדענע שיך?—ער האָט זייא געבראַכט איינינע (a few) טעג צוריק.—פיר וועמען האט דער מאַן געבראַכט דיזע העמדער?—ער האט זייא געבראַכט פיר מיך.—האט דיא פרוי נאָך ניט געבראַכט מיין טאָכטער ליינענע העמדער?—זיא האט זייא איהר געגעבען דיזען מאָרגען.—ווער ברייננט דיא בריף אויף (to) דיא פּאָסט?—יאָהאַן האָט זייא גענומען.—וואוהין נעהמט איהר דיזען טיש?—איך נעהם איהם אין (to) אייער צימער.—זיינען דיזע מיין טאָכטער'ס העמדער (אָד. געהערען דיזע העמדער צו מיין טאָכטער?)—ניין, מאדאם, זייא זיינען אייער ניכטע'ס.—האט איהר געבראַכט דעם ארימען מאַן דאס געלד, וואס איך האב איהם געגעבען פיר איהם נעכטען?—איך האב עס נאָך ניט געבראַכט צו איהם.—האט דער בעדיענטער געבראַכט דיא בריעף פון (from) דער פּאָסט?—יע, ער האט געבראַכט דרייא.—וויא פיעלע בריף האט איהר היינט צו נעהמען אויף דיא פּאָסט? (to-day צולעצט). —איך האב צו נעהמען פינף (to take צולעצט).

73. צום איבערזעצען.

האט אייער פעטער איך געגעבען (אייך נאָך געגעבען) וועלכעס (any) געלד? —יע, אבער נאָר זעהר וועניג; ער איז צו קאַרג צו געבען מיר פיעל.—ער איז ניט קאַרג, וויל ער גיט איך ניט אזוי פיעל, וויא א הר ברויכט; ער גיט איך געלד זעהר אָפט.—איז (has) אייער פריינד, דער שפּאַניער, היינט געקומען אהער (here) פון ניו יאָרק? (ניט צולעצט).—ניין, איך האב איהם ערוואַרטעט (א. פ.), אבער ער האט געבראָכען (ג.פ.) זיין וואָרט.—ברעכט ער אָפט זיין וואָרט? (does he צווישען often און break).—ניין, ער ברעכט עס זעהר זעלטען.—האט אייער מוטער אימעצען מיטגענומען אויף לאַנד? (=האט אייער מוטער גענומען אימעצען מיט זיך (her) אויף לאַנד?)—זיא האט גענומען דיא קינדער.—ווער נעהמט אייערע קינדער אין (to) שולע אין דער פריה?—דער בעדיענטער פיהרט (נעהמט) זייא.—טראָגט ער זייערע ביכער?—ער טראָגט דיא ביכער (אָנשטאָט דיא ביכער קומט those) פון דיא דרייא יונגסטע; דיא צווייא עלטעסטע טראָגען זייא אליין (=זייערע אייגענע).—וועלכער פון אייערע זיהן איז דער פלייסיגסטער? —ווילהעלם איז דער פלייסיגסטער פון אלע (=פון זייא אלע).—איז ער דער עלטעסטער? —ניין, דער עלטעסטער איז דער פוילסטער.—וואו איז מיין גלאָז?—קאַרל האט עס צו בראָכען.—קאַרל צובראָכט אלעס (every thing).—ווער האט עס איהם געגעבען (א. פ.)?—עדוואַרד האט עס איהם געגעבען.—עס איז זעהר אונרעכט פון (of) עדוואַרדן (צו) קאַרלען

Take (טייק); took (טוק), taken (טייקן).	נעהמען, ברייננען, אוועגטראָגען; גענומען.
The post (פּאָוסט) אָדר. Post-office (אָפּפיס).	דיא פּאָסט, דיא פּאָטשט.
*To carry (קאֶררי).	טראָגען.
He, she carries.	ער, זיא טראָגט.
The master (מאַסטער)	דער הערר, ווירטה
The mistress (מיס'טרעס)	דיא ווירטהין
The pride (פּראַיד)	דער שטאָלץ
The word (וואָירד)	דאָס וואָרט
*To try (טראַי).	פּרובירען, זיך בעמיהען.
He, tries; she tries.	ער פּרובירט; זיא פּרובירט.
Why do you not try to find the man at home?	ווארום בעמיהסט דוא זיך ניט צו געפינען דעם מאַן צו הויז?
I have tried.	איך האב מיך בעמיהט.
Avaricious (אֶוואֶריישאָס).	קארג, גייציג.

.71 צום איבערזעצען.

וואו האט אייער ניכטע (פּלעמעניצע) איהר זייגערל?—זיא האט עס יעצט ניט; זיא האט עס צובראָכען.—ווער האט עס?—מיין נעפע (פּלעמעניק) האָט עס.—ווען האט אייער פּלעמעניצע עס איהם געגעבען?—זיא האט עס איהם געגעבען נעכטען.—איז עס וואהר (true), דאָס אייער ברודער האט אזוי פיעלע ביכער?—ניין, עס איז ניט וואהר; ער פערגרעסערט (איבערטרייבט) אלעס.—וואָס פערגרעסערט ער?—ער פערגרעסערט דיא צאָהל (number) פון זיינע ביכער.—ווארום בעפּרידיגט איהר ניט אייער פעטער'ס פריינד?—איך האב איהם שוין בעפּרידיגט.—האט איהר דעם קליינעם פראַנצויז איבערציגט, דאס איהר האט ניט זיין בוך?—איך האב איהם יעצט איבערציינגט ([illegible]).—ווארום בעמיהט איהר זיך ניט צו איבערצייגען אייער פאטער, דאס ער איז אונגערעכט?—איך האב עס זיך שוין זעהר אָפט בעמיהט.—מיידעט אייך דיזער שפּאַניער אויס?—ער מיידט מיך ניט אויס.—האט אייער שוועסטער אויסגעמיידט דיזע אלטע הארגע פרוי?—זיא האט זיא אויסגעמידען.—האבען אייערע זיהן נעכטען אויסגעמיידט דיא יונגע לייט, וועלכע זייא האבען געזעהן אין זייער פאָטער'ס גאָרטען?—זייא האבען זייא אויסגעמיידט.—האבען זייא עפּעס הערבגעוואָרפען?—איך האב הערבגעוואָרפען מיין נאָזטיכעל.—וואס האט אייער קוזינע (שוועסטערקינד) הערבגעוואָרפען?—זיא האט הערבגעוואָרפען איהר זייגערל.—האט זיא דאס זייגערל צובראָכען אלס זיא האט עס הערבגעוואָרפען?—עס האט זיך צובראָכען, אבער דאס גלאָז האט זיך ניט צובראָכען.—האט איהר אייער אייגענעם פראַנצויזישעם בוך אדער אייער שוועסטע־קינד'ס?—איך האב מיין אייגענעס.—האט איהר גענאָמט אייער פעטער'ס פערד נעכטען אדער אייער אייגענע.—מיר האבען גענאָמט ניט אייער פעטער'ס ניט אונזערע אייגענע.—וועמעס פערד האט איהר גענאָמט?—מיר האבען גענאָמט אונזער פריינד'ס, דעם ענגלענדער'ס פערד.—ברייננט איהר מיר מיינע שטיפעל?—ניין, איך בריינג אייער ברודער'ס.—רופט דער בעדיענטער אייער הונד אדער דעם אירלענדער'ס?—ער רופט ניט מיינעם ניט דעם אירלענדער'ס.—וועמעס הונד רופט ער?—ער רופט זיין אייגענעם.

פערגרעסערן, פערגרעסערט.	To magnify (מאַג'ניפאי), magnified.
בעפרידיגען, בעפרידיגט.	To satisfy (סאַ'טיספאי), satisfied.
ער פערגרעסערט.	He magnifies.
זיא בעפרידיגט.	She satisfies.

איינ=זילביגע האַנדלונגכווערטער, וויא אויך מעהר=זילביגע האַנדלונגכווערטער מיט דעם אַק=צענט אויף דער לעצטער זילבע, וואָס ענדיגען זיך מיט אַן איינצעלנעם קאָנכאָנאַנט=בוכשטאַב, פאַר וועלכען עס שטעהט אַן איינצעלנער וואָקאַל=בוכשטאַב, פערדאָפּלען דעם ענד=קאָנכאָנאַנט פאַר דער צוגעזעצטער ענדונג ed:

מיידען, אויסמיידען—געמיידט.	To shun (שאַן)—shunned (שאַנד).
הערונטערוואַרפען—הערונטערגעוואָרפען.	To drop (דראָפּ)—dropped (דראָפּט).
קארל, וויא פיעל א זייגער איז עס?	Charles, what o'clock is it?
איך וויים ניט; מיין זייגערל איז צובראָכען.	I do not know; my watch is broken.
צוברעכען; צובראָכען.	To break (ברייק); broke (בראָוק), broken.
וועמעס אוהר (זייגערל) האסט דוא צו=בראָכען?	Whose watch have you broken?

Own (אָון), אייגען.

האט דיין ברודער דיין בוך אדער זיין איי=גענעם?	Has your brother your book or his own?
ער האט ניט מיינס ניט זיין אייגענעס; ער האט זיין שוועסטערקינד'ס.	He has neither mine nor his own; he has his cousin's.
האט איהר אן אייגענעם פערד?	Have you a horse of your own?
איך האב קיין אייגענעם.	I have not one of my own.

אייגענעם ווערט זעהר אָפט איבערזעצט מיט דיא אויסדריקע of my own, of his own, of her own או. אַז. וו. צוגעשטעלט נאָך דעם געגענשטאַנד; צ. ב. האָסט דוא אַן איי=גענעם הויז? Have you a house of your own?; האָט ער אַן אייגענעם גאָר=טען? Has he a garden of his own? או. אַז. וו.

האט איהר אן אייגענעם פערד?	Have you a horse of your own?
איך האב קיין אייגענעס.	I have not one of my own.
זייא האבען אן אייגענעם צימער.	They have a room of their own.
זיא האט אן אייגענעם הויז.	She has a house of her own.
ער האט געהאט דרייא אייגענע הייזער.	He had three houses of his own.
מיר וועלען ניט האבען אן אייגענעם דינער.	We shall not have a servant of our own.
ברייננען; געבראכט.	To bring; brought (בראָ־ט), brought.
פאָלגען, נאָכגעהן.	*To follow (פאָל'לאָו).
ווארום געהט אייך דער מאן נאָך?	Why does the man follow you?
איך וויים ניט, ווארום ער געהט מיר נאָך.	I do not know, why he follows me.
נעהמט ווילהעלם דיא בריעף אויף דיא פּאָסט?	Does William take the letters to the post-office?
ער האט זייא שוין גענומען.	He has already taken them.

דערן.—וויא אלט איז אייער עלטעסטער זוהן?—ער איז צוועלף יאהר אלט.—ווימיעל איז אייער עלטעסטער זוהן עלטער, אלס אייער יונגסטער? (נאך דער העכסטער שטופע קומט ניט one).—ער איז פינף יאהר עלטער; מיין יונגסטער יונגע איז זיבען יאהר אלט.—איז ער ניט זעהר גרויס פיר זיין אלטער?—ער איז זעהר גרויס פיר זיין אלטער; ער איז בייגאהע אזוי גרויס וויא מיין עלטעסטער, וועלכער איז שוין ניין יאהר אלט.—האט דער מאן געהאט (א. פ.) קיין (an) גרעכערעס פערד?—ער האט געהאט (א. פ.) א גרע=כערעס, אבער עס איז געוועזען (א. פ.) צו טהייער פיר איך.—ווער גיט אייך בעסערע ביכער, אייער מומע אדער אייער פעטער?—מיין פעטער גיט מיר אימער דיא בעסטע און ניצליכסטע ביכער.—שיינט ניט דיזער מאן צו זיין אלט?—יע, ער שיינט (צו) מיר צו זיין זעהר אלט.—ווארום בארגט דיזער מאן געלד בייא (of) איך?—וויל ער ברויכט וועלכעס.—איז ער ארמער אלס איהר?—ניין, אבער ער האט געקויפט אזוי פיעלע דינגער, שטרימפף (זאקען), שיך, שטיפעל און האנדשוה, דאס ער האט קיין געלד מעהר (איבריג, left).—ווארום בעהאלט איהר אייער שרייב-פעדער?—וויל דאס איז דיא בעסטע שרייב-פעדער, וועלכע (that) איך האב וועו (ever) געהאט.—פון (from) וועמען בעהאלט איהר זיא?—איך בעהאלט זיא פון מיין שוועסטער.

70. צום איבערזעצען.

ווארום ניט איהר מיר דיזען זויערן וויין?—עס איז דער זעלבינער וויין, וועלכען איהר האט געהאט נעכטען.—איז אייער הויז אזוי שעהן (handsome) וויא אונזערס?—עס איז גרעכער אין שענער אלס אייערס.—האט איהר ניט וועניגער צימערן, אלס מיר, און זיינען ניט אייערע צימערן קלענער, אלס אונזערע?—ניין, מיר האבען אזוי פיעלע צימערן, וויא איהר, און זייא זיינען אזוי גרויס, וויא אייערע.—ווער וואוינט נעהענטער צו איך, דער שאטלענדער אדער דער פראנצויז?—דער שאטלענדער וואוינט נעהענטער צו אונז, דען ער וואוינט אין דעם נעכסטען (next) הויז.—איז קארל געקומען אהיים?—ניין, ער איז נאך ניט צו הויז (yet, צולעצט).—קארל איז אימער דער לעצטער.—ווארום קומט ער ניט מיט דיא אנדערע?—ער קומט אימער שפעטער, וויל ער איז דער עלטעסטער.—זייט איהר אימער גליקליך, ווען איהר האט פריינד?—איך בין גליקליך, ווען איך האב זייא, אבער ניט, ווען איך בעדארף זייא (when I am in need of them).—איז דיזער מאן זעהר געלעהרט?—ער איז זעהר קלוג און געלעהרט: אבער ער וויל אימער (אימער פאר he wants) צו שיינען קליגער און געלעהרטער, אלס אלע איבריגע אין דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער איז.

29th Lesson.—29סטע לעקציאן.

בייא האנדלונגכווערטער, וואס ענדיגען זיך מיט y, פאר וועלכען עס שטעהט א קאנסאנאנט=בוכשטאב, ווערט דאס y פערביטען אויף i פאר דער צוגעזעצטער ענדונג ed פיר דיא פערגאנגענע צייט און פיר דאס פערגאנגענהייט מיטעלווארט, און אויף ie פאר דעם בוכשטאב s, וואס ווירט צוגעזעצט פיר דיא דריטע פערזאן איינצאהל געגענווערטיגע צייט:

איך דאס בעסטע, וואס (that) איך האב.—זיינען ניט דיזע זאָקען ערגער אלס יענע?—יע, נעווים; זייא זיינען דיא ערגסטע זאָקען, וועלכע איך האָב ווען געקויפט (א. פ.).—ווארום קומט איהר אזוי שפּעט נאך הויז?—עס איז ניט שפּעט, עס איז ערשט (נאָר, only) האלב ניין.—ווער איז געוועזען (א. פ.) דער לעצטער, וואָס איז געקומען אהיים?—יאָהאַן און הענריך זיינען געקומען צוזאמען אום א פערטעל אויף פינף (=א פערטעל נאָך פיער); עדוואַרד איז געקומען א שטונדע שפּעטער און קאַרל איז געוועזען דער לעצטער; ער איז געקומען דער שפּעטסטער (the latest).—האבען דיא לייטע, וועלכע זיינען געוועזען (א. פ.) אין אייער הויז, פיעל געלד?—איך ווייס ניט, אויב זייא האבען פיעל געלד; זייא האבען פיעלע קינדער און פיעלע בעדיענטע.

68. צום איבערזעצען.

ברויכט איהר אזוי פיעל זייד וויא וואָל?—איך ברויך מעהר זייד אלס וואָל.—ווער פון אייך (which of you) האט דיא מעהרסטע ביכער?—איך האב דיא מעהרסטע (דיא ווערט ניט איבערזעצט); איך האב פיער מעהר אלס ער.—איהר גיט מיר צו וועניג פלייש; ווארום גיט איהר מיר וועניגער אלס (צו) מיין ברודער?—איך גיב דיר וועניגער אלס איהם, ווייל דוא ביסט דער קלענסטער יונגעל בייא [illegible] דעם טיש.—ווארום גיסט דוא ניט דיין ברודער דאס ברויט, וואס איז לעבען (near) דיר?—עס איז נעהענטער צו איהם אלס צו מיר (צו ווערט נאָך נעהענטער ניט איבערזעצט).—וועלכעס בוך ברויכט איהר?—יענעס וועלכעס איז נעכסט צו אייך (וועלכעס איז ווערט אין דער איבערזעצונג אויסגעלאָזען).—איז אימעצער אין נעכסטען צימער?—צוויי הערען זיינען בייא מיין פאָטער.—ווער וואוינט אין דעם צווייטען (נעכסטען, next) הויז?—איך קען ניט דיא לייטע.—וואוינען זייא (נאָך) ניט לאַנג (ג.=פ.) אין דעם הויז?—ניין, זייא זיינען געקומען ערשט (only) צוויי טעג צוריק.—וועלכעס פון דיזע ביכער ווילט איהר האָבען (=ברויכט איהר)?—דאס סאמע (very) אונטערסטע פון זייא אלע.—וואו זייט איהר געשטאַנען (א. פ.) נעכטען אבענד?—איך בין געשטאַנען לעבען (near) אייער פאָטער.—וויא לאַנג שטעהט (ג.=פ.) דיזער שטוהל היער?—ער שטעהט ניט לאַנג היער.—וואו שטעהט מיין רעגענשירם?—ער שטעהט אין א ווינקעל פון מיין צימער.—ער איז נעכטען דאָרטען געשטאַנען, אבער ער שטעהט יעצט ניט (צייט צולעצט).—ווארום בעהאלט איהר אימער אייערע ביכער? (always פאַר דעם האַנדלונגסוואָרט).—איך בעהאלט זייא ניט; זייא זיינען אימער היער אויף דעם טיש.—איז (is אָד. has) מיין זוהן ניט זעהר פיעל געוואקסען?—ער איז זעהר פיעל געוואקסען.—איז ער מעהר געוואקסען אלס מיינער?—ער איז ביינאהע אזוי גרויס וויא זיין עלטערער ברודער.—איז אייער פריינד געוואָרען רייך?—ער איז געוואָרען זעהר רייך צוויי יאהר צוריק (ווערען, to grow).—באָרגט איהר אָפט געלד (אָפט פאַר דעם האַנדלונגסוואָרט) פון דעם שפּאַניער?—איך באָרג קיינמאָל קיין (any) געלד פון וועמען עס איז (any body).—האט ניט דער שאָטלענדער געבאָרגט וועלכעס (some) געלד בייא (of) דעם האָללענדער?—איך ווייס ווירקליך ניט, אויב ער האט געבאָרגט וועלכעס בייא איהם אָדער ניט.

69. צום איבערזעצען.

בייא וועמען באָרגען דיא שפּאַניער געלד (any money)?—דיא באָרגען בייא יע-

How old (אָדר. what age) is your son William?	וויא אלט איז אייער זוהן ווילהעלם?
He is ten years old (אָדר. he is ten).	ער איז צעהן יאהר אלט.
He is tall for his age.	ער איז גרויס (הויך) פיר זיין אלטער.
I stood near your father.	איך בין געשטאנען לעבען דיין פאטער.

Near (ניר), לעבען, בייא.

The corner (קאָרנער).	דער ווינקעל, דיא עקע.
The company (קאָמפּאֶני).	דיא געזעלשאפט.

Most (מאָוסט), דאס מעהרסטע, דיא מעהרסטע, דער גרעסטער טהייל.

He has most.	ער האט דאס מעהרסטע.
Most houses (אָדר. of the houses) in this town are large.	דיא מעהרסטע הייזער אין דיזער שטאָדט זיינען גרויס.
Most boys know this.	דיא מעהרסטע יונגלאך וויסען דאָס.
Most people buy of these.	דיא מעהרסטע לייטע קויפען פון דיזע.
Most of this field belongs to my father.	דער גרעסטער טהייל פון דיזען פעלד גע־הערט צו מיין פאָטער.

67. צום איבערזעצען.

איז אייער פערד אזוי גרויס וויא אונזערס?—אונזערס איז פיעל גרעסער אלס
אייערס.—וועלכער פון אייך דרייא יונגלאך איז דער גרעסטער?—איך בין דער גרעס־
טער, איך בין פיעל גרעסער אלס יאהאן און (or) ווילהעלם.—ווער איז געוועזען (s. p.)
דיא דיקע (fat) פרוי, וועלכע איז געוועזען היער יעצט עבען (just now)?—עס איז געווע־
זען מיין אלטע מומע; זיא איז ביינאהע דיקער אלס איהר מאן, און ער איז דער דיק־
סטער מענש, וועלכען איהר האט ווען געזעהן.—וואו האט איהר געקויפט דיזען דינעם
שטאָק?—איך האב איהם געקויפט בייא (of) דעם מאן אין קאנאל גאס.—איז ער ניט
דינער און שעהנער (prettier) אלס דער, וועלכען דער פראנצויז האט?—ער איז צו דין:
דיא דינסטע שטעק זיינען ניט אימער דיא שעהנסטע.—ווארום קויפט איהר דיזעס דיקע
פאפיער?—דער מאן האט ניט געהאט קיין (had no) דינערעס.—עס איז פיעל צו דיק:
עס איז דאס דיקסטע פאפיער, וואס (that) איך האב ווען געהאט.—איז דאס (this) א
גוטעס בוך?—עס איז זעהר א גוטעס, פיעל בעסער אלס יענעס, וועלכעס מיין פאטער
האט געגעבען (s. p.) מיין שוועסטער.—ווער פערקויפט דיא בעסטע שרייב־פעדערן?—
דער מאן אין דיזען קליינעם לאדען פערקויפט דיא בעסטע (נאך דער העכסטער שטו־
פע קומט ניט one אָדער ones).—דיא שער איז זעהר שלעכט: האסט דוא קיין אנדערע
(others, וויל שער איז אין ענגליש אין דער מעהרצאהל).—איך האב אן אנדערע, אבער
זיא איז נאך ערגער.—דוא האסט אימער דיא ערגסטע שער אין גאנצען הויז.—ווארום
גיט איהר מיר אזעלכעס שלעכטעס פאפיער?—וויל איך האב קיין בעסערס; איך גיב

גלייך נאָך איהם; צ. ב. the next house, דאָס נעכסטע, דאָס **צווייטע הויז**; next to me, נעכסט צו מיר, גלייך נאָך מיר.

Older, oldest ווערען נאָך געבּרויכט פיר ווירקליכע אַלטקייט, elder און eldest—פיר **עלטערקייט**, איבערהויפּט ווען מען רעדט פון דיא יאָהרען פון שוועסטער און ברידער: the oldest man, דער עלטעסטער מאַן; the elder brother דער עלטערער ברודער; the eldest sister, דיא עלטעסטע שוועסטער או. אַז. וו.

פאָלגענדע אייגענשאַפטסווערטער ווערען אימער נאָך געבּרויכט צו בעצייכענען דיא העכסטע שטופע:

The foremost (פאָור־מאָוסט).	דער, דיא, דאָס פאָרדערסטע.
The hindmost (האינדמאָוסט).	דער, דיא, דאָס הינטערסטע.
The innermost (אינ־נערמאָוסט).	דער, דיא, דאָס אינווענינגסטע.
The lowermost (לאָוערמאָוסט).	דער, דיא, דאָס ניעדעריגסטע.
The nethermost (נעדהערמאָוסט). The undermost (אָנדערמאָוסט). The bottommost (באָטטאָממאָוסט).	דער, דיא, דאָס אונטערסטע.
The outmost (אוטמאָוסט). The outermost (אוטערמאָוסט).	דער, דיא, דאָס אויסערסטע.
The utmost (אָטמאָוסט).	דער, דיא, דאָס אויסערסטע, מעגליכסטע
The upmost (אָפּמאָוסט). The uppermost (אָפּפּערמאָוסט). The topmost (טאָפּמאָוסט).	דער, דיא, דאָס אויבערסטע.

Very (ווערי), סאַמע, ווירקליך.

The hindmost of all.	דאָס הינטערסטע פון אלע.
The undermost book of all.	דאָס אונטערסטע בוך פון אלע.
The very foremost man of all.	דער סאַמע פאָרדערסטער מאַן פון אלע.
To stand (סטאָנד); stood (סטוד), stood.	שטעהן; געשטאַנען.
*To appear (אַפּפּיר). *To seem (סים).	שיינען, שיינען צו זיין.
To hide (האיד); hid (היד), hidden (הידן).	בעהאלטען, פערבערגען; פערבאָרגען.
To grow (גראָו); grew (גרו), grown (גראָון).	וואַקסען; געוואַקסען.
*To borrow (באָרראָו).	באָרגען, לייהען.
Need (ניד).	נויט, בעדירפניס.
To be in need. To have need.	בעדאַרפען, האבען נויטה.
The age (איידזש).	דאס אלטער, דיא יאהרען.
Old age, great age.	גרויסעס אלטער, הויכעס אלטער
How old?	וויא אַלט?
What age?	וועלכעס אלטער? וויא אלט?

28th Lesson.—28סטע לעקציאָן.

וואָס פיר א פעטער אָקס דאָס איז!	What a fat ox that is!
איך האב נעכטען איינעם געזעהן, וועלכער איז געוועזען פעטטער; עס איז געוועזען דער פעטטסטער אָקס, וועלכען איך האב אמאָל געזעהן.	I saw one yesterday that was fatter; it was the fattest ox that I had ever seen.
איז דאס ניט א גרויסעס קינד?	Is not this a big child?
ווירקליך, עס איז גרעסער אלס מיין שוועסטער'ס.	Indeed, it is bigger than my sister's.
עס איז דאס גרעסטע קינד.	It is the biggest child.

ווען אַן איינזילביגעס אייגענשאַפטסוואָרט ענדיגט זיך מיט אַן איינציגען קאָנסאָנאַנט, פאַר וועלכען עס געפינט זיך אַן איינציגער וואָקאַל־בוכשטאַב, ווערט דער ענד־קאָנסאָנאַנט געדאָפּעלט פאַר די צוגעזעצטע ענדונגען er, est.—ביישפּיעלע:

			איינפאַכע שט.	העכערע שט.	העכסטע שט.
גרעסט.	גרעסער,	גרויס,	Big,	bigger,	biggest.
פעטטסט.	פעטטער,	פעט, דיק,	Fat,	fatter,	fattest,
דינסט.	דינער,	דין,	Thin,	thinner,	thinnest.

פאָלגענדע אייגענשאַפטסווערטער האָבען אונרעגעלמעסיגע פאָרמען פיר די העכערע און די העכסטע שטופע.

			איינפאַכע שט.	העכערע שט.	העכסטע שט.
בעסט.	בעסער,	גוט,	Good,	better,	best.
ערגסט.	ערגער,	שלעכט,	Bad, Ill, Evil,	worse(וואָירס),	worst(וואָירסט).
שפּעטסט.	שפּעטער,	שפּעט,	Late,	later (לייטער),	latest. [מיט בעצוג אויף צייט.]
לעצט.	לעצטער,	שפּעט,	Late,	latter(לאַטער),	last. [מיט בעצוג אויף אָרדנונג.]
קלענסט. ווענינסט.	קלענער, ווענינער,	קליין, ווענינ,	Little,	less,	least (ליסט).
מעהרסט.	מעהר,	פיעל, פיעלע,	Much, Many,	more,	most.
נעהענטסט. נעכסט.	נעהענטער,	נאָהענט,	Near,	nearer,	nearest. next.
עלטעסט.	עלטער,	אַלט,	Old,	older, elder,	oldest. eldest.
ווייטעסט.	ווייטער,	ווייט,	Far,	farther,	farthest.

Next מיינט פּאָמע נעכסט, וואָס געפינט זיך גלייך לעבען א געגענשטאַנד אָדע

אבער יעצט ארבייטען מיר פאָרמיטטאָג, נאכמיטטאג און זעהר אָפט זעהר שפּעט אין אבענד.—ארבייטעט אייער פעטער יאָהאן פיעל? (much; פייא אַ פראַגע געברויכט מען ניט דעם אויסדרוק a great deal).—ער ארבייטעט זעהר ווענינ; ער איז דער פוילסטער יונג (boy), וועלכען איך האב ווען געקענט.—איז ניט מיין פריינד, דער אירלענדער, זעהר וויציג?—יע, איך האב איהם געזעהן איינינע (a few) טעג צוריק; ער איז ווירקליך וויציגער, אלס איך האב ערוואַרטעט (א. פ.).—איז ער ניט דער וויציגסטער מענש (person), וואס איהר האט ווען געזעהן?—יע, ער איז פיעל וויציגער אלס מיין פעטער.—וואָרום איז אייער שרייב-בוך אזוי שמוציג?—איך האב ניט געהאט קיין לעש-פּאַפּיער נעכטען.—אייער שרייב-בוך איז שמוציגער אלס וועלכעס (any) פון דיא אנדערע; אלע אייערע ביכער זיינען דיא שמוציגסטע אין דער שולע.

66. צום איבערזעצען.

ווער איז געוועזען דער מאַן, וועלכען איך האב נעכטען געזעהן אין (at) אייער הויז?—ער איז אונזער דאָקטאָר און זעהר א (a פּאַר very) געלעהרטער מאַן.—איז ער געלעהרטער אַלס דער ענגלישער דאָקטאָר, וועלכער וואוינט אין פילאַדעלפיא (Philadelphia) און וועלכער איז געוועזען היער איינינע (some) טעג צוריק?—איך וויים ניט, אויב ער איז געלעהרטער, אלס דער ענגלישער דאָקטאָר; אבער ער איז איינער פון דיא געלעהרטעסטע מענער, וועלכע מיר האָבען אין דער שטאָדט.—האט איהר שוין געזעהן מיין פעטער'ס שעהנעם (beautiful) גאָרטען?—איך האב איהם געזעהן איינינע (a few) טעג צוריק; ער איז שעהנער אַלס אונזערער.—איז עס ניט דער שעהנסטער גאָרטען אין שטאָדט?—יע, עס איז דער שעהנסטער און גרעסטער גאָרטען, וועלכען איך האב געזעהן אין דיזער נאַכבאַרשאַפט; ער האט איהם געקויפט א מאָנאַט צוריק פון א מאַן, וועלכער וואוינט אויף גראַנד גאַס.—האט דער מאַן נאָך מעהר פערד?—יע, ער האט נאָך זעהר פיעלע (a great many more); אבער יענעס, וועלכעס מיין פעטער האט געקויפט, איז געוועזען דאס שעהנסטע פון אלע (=פון זייא אַלע, of them all).—געפינט איהר עס אזוי אנגענעהם צו וואוינען אויף לאַנד, וויא איהר האט ערוואַרטעט?—איך געפין עס פיעל אנגענעהמער; עס איז געוויס אנגענעהמער צו זיין אין דער פריה און אין אבענד אויף דעם לאַנד אלס צו זיין אין דער שטאָדט.—געפינט איהר ניט דעם פריה-מאָרגען דיא אנגענעהמסטע צייט אויף דעם לאַנד?—איך געפין דיא אבענדען דיא אנגענעהמסטע צייט, ווייל אין דער פריה געה איך אין שטאָדט (צייט צולעזען) און איך קום פון דער שטאָדט אין אבענד.—איז אייער זוהן זעהר פלייסיג יעצט, מאַדאַם?—יע, ער איז פלייסיגער, אלס ער איז געוועזען מאנכע (some) צייט צוריק.—וועלכער פון דיזע יונגען איז דער פלייסיגסטער (diligent, industrious)?—דיזער איז דער פלייסיגסטער; ער ארבייטעט מעהר, אלס דיא צווייא אנדערע (others) צוזאַמען.—וואָרום ביסט דוא ניט פריינדליכער (געפעליגער) געגען (צו) דיין שוועסטער?—איך בין זעהר געפעליג געגען איהר; איך בין געוויס דער געפעליגסטער ברודער אין דער גאַנצער שטאָדט, איך גיב איהר אימער וואס זיא פערלאַנגט (to want) פון מיר.—אבער עס איז גאָר ניט געפעליג (גאָר ניט נאָך געפעליג) ניט אויסצוגעהן מיט איהר.—איך האב עטוואס אנדערס צו טהאָן.

64. צום איבערזעצען.

איז מיין גלעזערנע (glass) פלאַש אזוי גרויס און אזוי שעהן וויא אייערע?—זיא איז
גרעסער און שעהנער אלס מיינע.—איז דעם ענגלענדער'ס פעטער עלטער אלס מיין פאַ=
טער?—ניין, אייער פאַטער איז עלטער אלס ער.—וועלכע פון דיזע מיידלאך איז דאס
עלטעסטע?—וועמעס שטאָק איז לענגער, אייערער אדער מיינער?—מיינער איז לענגער;
עס איז דער לענגסטער שטאָק, וואָס (that) איך האָב אמאָל (ever) געזעהן.—האט
אייער מומע א גרעסערעס הויז אלס מיר האָבען?—מיין מומע'ס הויז איז פיעל גרעסער;
עס איז איינס פון דיא גרעסטע הייזער וואָס (that) איך האב אמאָל געזעהן.—איז דיזעס
פראַנצויזישע בוך אזוי טהייער וויא יענעס, וועלכעס איך האב נעכטען געקויפט?—עס
איז פיעל טהייערער, אלס אייערס; עס איז איינס פון דיא טהייערסטע ביכער, וואס
דער מאַן האט מיר ווען (ever) געשיקט.—איז דאס טהעאטער געוועזן פול נעכטען
אבענד?—עס איז געוועזן פיעל פולער, אלס איך האב ערוואַרטעט.—איז עס געוועזן
פולער, אלס עס איז געוועזן אכט טעג צוריק?—עס איז געוועזן דאס פולסטע הויז,
וועלכעס (that) איך האב אמאָל געזעהן.—זיינען דיא שיפען פון דיא ענגלענדער אזוי
גרויס וויא דיא שיפען (אַמעריקאַנער וואָס דיא שיפען פון דיא קומט those) פון דיא שפאַניער?
—פיעלע פון דיא ענגלישע שיפען זיינען פיעל גרעסער אלס דיא שפאַנישע און מאַנכע
זיינען ניט אזוי גרויס.—איז דיזעס געוואַנד (cloth) בילינגער אלס יענעס?—ניין, עס איז
ניט בילינגער; דען איך האב ניעמאלס געקויפט בילינגערעס געוואַנד, אלס יענעס.—איז
ניט מיין ראָק צו לאַנג?—ניין, ער איז ניט צו לאַנג, דען ער איז קירצער אלס מיינער
און דאס (that) איז דער קירצעסטער ראק, וועלכען איך האב ווען (ever) געהאַט.—איז
ניט דער וויין, וועלכען דער פראַנצויז האט אייך פערקויפט (ג.פ.), זויער?—געוויס,
ער איז זויערער אלס יענער, וועלכען איהר האט געקויפט פאַר דרייא וואָכען; עס איז
דער זויערסטער וויין, וועלכען איך האב ווען געקויפט.—זיינען דיזע גלעזער אזוי טהייער
וויא יענע?—יענע זיינען טהייערער אלס דיזע.

65. צום איבערזעצען.

האט איהר געזעהן דעם מיאוסען (ugly) הונד, וועלכען מיין ברודער האָט?—ניין,
איך האב איהם ניט געזעהן; איז ער מיאוסער אלס דער (that), וועלכען דער האָללענ=
דער האָט?—עס איז ווירקליך (indeed) דער מיאוסטער הונד, וועלכען איך האב ווען
געזעהן (ג. פ.).—וויא פיעלע קינדער האט אייער מומע?—זיא האט זיבען זעהר שעהנע
(pretty) מיידלאך.—זיינען זייא אלע שעהן?—זייא זיינען אלע פיעל שעהנער אלס וועלכע
איינע (any) פון דיא יונגע מיידלאך, וואס (who) זיינען נעכטען געוועזן אין (at) אונזער
הויז (נעכטען צו'טאָג)—זייא זיינען דיא שעהנסטע מיידלאך אין דער שטאָדט.—זייט
איהר זעהר בעשעפטיגט (busy) יעצט?—יע, איך ארבייט זעהר פיעל (a great deal);
איך בין קיינמאל געוועזן בעשעפטיגטער אלס יעצט (just now).—איז דאס (this) א
געשעפטיגע (busy) צייט בייא (with) אייך?—דאס איז אונזער געשעפטיגע צייט אין דעם
יאהר.—זייט איהר יעצט בעשעפטיגטער, אלס איהר זייט געוועזן א מאָנאט צוריק?—
יע, געוויס; א מאָנאט צוריק האבען מיר געארבייטעט נאר פאַרמיטטאָג (in the forenoon),

Positive	Comparative	Superlative	אייגפאַכע שטופע.	העכערע שט.	העכסטע שט.
Pretty,	prettier,	prettiest.	שעהן,	שעהנער,	שעהנסט.
Happy,	happier,	happiest.	גליקליך,	גליקליכער,	גליקליכסט.
Busy (ביזי),	busier,	busiest.	געשעפטיג,	געשעפטיגער,	געשעפטיגסט.
Lazy,	lazier,	laziest.	פויל,	פוילער,	פוילסט.
Witty(וויטטי),	wittier,	wittiest.	וויציג,	וויציגער,	וויציגסט.
Dirty,	dirtier,	dirtiest.	שמוציג,	שמוציגער,	שמוציגסט.

My friend, the Italian, is more learned than the Spaniard, but the French physician is the most learned man that I saw.

מיין פריינד, דער איטאַליענער, איז געלהר-טער אלס דער שפּאַניער, אבער דער פראַנצויזישער ארצט איז דער געלעהר-טעסטער מאַן, וועלכען איך קען.

The physician (פיזישאֶן). דער דאָקטאָר, דער ארצט.

בייא צוויי-זילביגע אייגענשאַפטסווערטער, וואָס ענדיגען זיך אויף ain, al, ed, en, ful, id, ile, ing, ive, less, ous, some און ate, ווא אויך בייא אַלע דריי-זילביגע און מעהר-זילביגע אייגענשאַפטסווערטער, ווערט פיר דיא העכערע שטופע געשטעלט דאָס וואָרט more (מעהר), פיר דיא העכסטע—most (מעהרסט).

בייא handsome קענען דיא העכערע און העכסטע שטופען אויך געמאַכט ווערען דורך r, st.

Positive	Comparative	Superlative	איינפאַכע שט.	העכערע שט.	העכסטע שט.
Obliging,	more obliging,	most obliging.	געפעליג,	געפעליגער,	געפעליגסט.
Useful,	more useful,	most useful.	ניצליך,	ניצליכער,	ניצליכסט.
Learned,	more learned,	most learned.	געלעהרט,	געלעהרטער,	געלעהרטעסט.
Beautiful,	more beautiful,	most beautiful.	שעהן,	שעהנער,	שעהנסט.

Than (דהאֶן), אלס.

Is not your stick longer than that of your brother?

איז ניט אייער שטאָק לענגער אלס אייער ברודער'ס?

Yes, it is the longest stick that I ever had (אָד. that I have ever had).

יע, עס איז דער לענגסטער שטאָק, וועל-כען איך האָב אמאָל געהאַט.

Ever (עווער), אַמאָל, ווען.

בייא דיא ווערטער ever, never און when ווערט מעהרסטענס געברויכט דיא איינפאַכע פערגאַנגענע צייט-פאָרם.

My uncle's house is larger and more beautiful than yours; it is the largest and most beautiful house in the whole neighborhood.

מיין פעטער'ס הויז איז גרעסער און שעהנער אלס אייער'ס; עס איז דאס גרעסטע און שעהנסטע הויז אין דער גאַנצער נאַכבאַרשאַפט.

Neighborhood (נייבאָרהוד) נאַכבאַרשאַפט | Whole (האָול) גאַנץ

ווען עס געהען צוויא אייגענשאַפטסווערטער צו איין זאַכוואָרט און איינס נעהמט פיר דיא שטופען er, est און דאָס אַנדערע more, most, דאַן שטעהט דאָס אייגענשאַפטסוואָרט מיט er, est צוערשט.

27th Lesson.—27סטע לעקציאן.

Which of these two pretty little girls is your daughter, Madam?

וועלכעס פון דיזע צווייא שעהנע קליינינ מיידלאך איז אייער טאכטער, מאדאם?

The taller one is my daughter, the other one is my niece.

דיא גרעסערע איז מיין טאכטער, דיא אנדערע איז מיין ניכטע (פלעמעניצע).

Is your son as old as mine?

איז אייער זוהן אזוי אלט וויא מיינער?

He is younger than yours, and my nephew, my brother's son, is the youngest of the three.

ער איז יונגער אלס אייערער, און מיין נעפע (פלעמעניק), מיין ברודער'ס זוהן, איז דער יונגסטער פון דיא דרייא.

ביא צאהל=ווערטער ווערט ones ניט געשטעלט פיר א פריהער=ערמאהנטע זאך; מען זאגט קיינמאל ניט two ones, three ones אויף דער ארט וויא מען זאגט good ones, young ones א. אז. וו.

The niece (נים) דיא ניכטע (פלעמעניצע) | The nephew (נעוויו) ער נעפע (פלעמעניק)

אייגענשאפטען האבען דרייא גראדען אדער שטופען: דיא געוועהנליכע, דיא העכערע און דיא העכסטע; און אייגענשאפטס ווערטער נעהמען געוויסע ענדונגען אדער ווערטער צו בעצייכנען דיא העכערע און דיא העכסטע שטופע.—ביא איינזילביגע און עטליכע צווייזילביגע אייגענשאפטסווערטער ווערט צו בעצייכנען דעם העכערן גראד צוגעזעצט er, דעם העכסטען—est, און וואו דאס ווארט ענדיגט זיך מיט e ווערען בלויז צוגעזעצט r, st.

איינפאכע שטופע.	העכערע שט.	העכסטע שט.			
Old,	older,	oldest.	אלט,	עלטער,	עלטעסט.
Great, / Large,	greater, / larger,	greatest. / largest.	גרויס,	גרעסער,	גרעסט.
Sour (סאור),	sourer,	sourest.	זויער,	זויערער,	זויערסט.
Sweet,	sweeter,	sweetest.	זיס,	זיסער,	זיסעסט.
Full (פול),	fuller,	fullest.	פול,	פולער,	פולסט.
Long,	longer,	longest.	לאנג,	לענגער,	לענגסט.
Short,	shorter,	shortest.	קורץ,	קירצער,	קירצעסט.

You are a happy man: you are happier than I am, for labor is sweeter than idleness.

דוא ביסט א גליקליכער מענש; דוא ביסט גליקליכער אלס איך בין ווייל ארבייט איז זיסער אלס לעדיג=גאנג.

Idleness (איידל'נעס) לעדיג=גאנג | Labor (לייבאר) ארבייט

אייערע בעדיענטע זיינען אין שטאָדט?—צוויא פון מיינע בעדיענטע זיינען אין שטאָדט און דריא זיינען אויף לאַנד.—זיינען אימער דריא פון אייערע בעדיענטע אויף לאַנד?—ניט אימער, אבער מאַנכמאָל.—ווער גע־ט מיט איך אין פעלד?—מיינע לייטע געהען מיט מיר אין פעלד.—וואו זיינען אלע אייערע בעדיענטע?—זייא זיינען אַלע אין פעלד.—וואוהין געהט אייער שוועסטער?—זיא גע־ט אין קירכע.—וואו איז אייער מוטער?—זיא איז אין קירכע.—וויכט איהר וויא פיעלע קירכען עס זיינען אין אייער שטאָדט?—יאַ, מיר האבען אכט קירכען.—זעהט איהר דעם מאַן דאָרטן?—וועלכען מאַן?—יענעם קליינעם מאַן אויף (in) דער גאַס.—איך זעה איהם זעהר אָפט אויף דער גאַס.—קומט דער שפּאַניער היינט אַבענד אהער?—ניין, ער קומט ניט, וועיל ער געהט אויף דעם באָל.—געהט אייער ברודער אויף דעם באָל?—יע, זייא געהען צוזאמען.—וואו איז אייער שוועסטער?—זי איז אויף (at) דעם באָל.—ווער געהט מיט איהר, ווען זיא געהט אויף דעם באָל?—געוועהנליך געהט מיין מוטער מיט איהר און מאַנכמאָל מיין מומע.—וואָרום געהט איהר ניט מיט איהר?—וועיל איך געה ניט אזוי פריה, וויא זיא; איך געה פאר צעהן אדער האלב עלף.—איז דאס ניט צו שפּעט?—ניין, עס איז ניט צו שפּעט, עס איז פריה גענוג.

48. צום איבערזעצען.

געהט איהר היינט (this) נאָכמיטטאג א יף לאַנד? (צייט צולעצט).—יע, מיין מוטער און איך געהען אהין.—ווען קומט איהר ווידער צוריק?—מיר קומען היינט אבענד ווידער צוריק.—געהען דיא קליינע קינדער מיט איך?—יאַ, זייא געהען מיט (מיט מוז נאָך זיך האָבען דיא זאַך אָדער פערזאָן; אין דיזען פאַל דאַרף זיין: מיט אונז, with us).—איז אייער פעטער שון ווידער אין שטאָדט?—ניין, ער איז נאָך אַלין (till) אויף לאַנד.—איז אייער מומע אויך אויף לאַנד?—יע, געוויס, זייא זיינען אימ־ר צוזאַמען.—וואו איז מיין הוט?—וועלכער הוט?—מיין נייער, דער זיידענער.—איך וויס ניט, וואו ער איז; ער איז ערגענ־וואו אין הויז.—ברויכט איהר איהם יעצט?—יע, געוויס, ברוך איך איהם; זעהט איהר איהם ערגעין?—ניין, איך זעה איהם אין ערגעין ניט.—געהען שון אייערע קליינע קינדער אין שולע?—געוויס, דרייא געהען שוין אין שולע, אבער פיער זיינען נאָך צו הויז.—איהר האָט זעהר פיעלע קינדער, מאַדאם.—ניט צו פיעלע, מיין הערר; זייא זיינען אַלע זעהר גוט.—און זייא זיינען אויך זע־ר שעהנע קינדער, מאַדאם, גראדע וויא זייער מוטער.—וואו זיינען דיא קליינע (little ones), וועלכע זיינען נאָך צו הויז?—זייא זיינען ענטוועדער אין (דער) גאַס אדער אין (דעם) גאָרטען.—געהען אייערע שעהנע, קליינע קינדער אָפט אין גאַס?—ניין, זעהר זעלטען, מיין הערר; אבער זיי זיינען זעהר אָפט אין (דעם) גאָרטען.—זיינען זייא יעצט אין דער שולע?—יאַ, זייא זיינען דאָרטן.—געהען זייא אויך אונ מיטטאג־צייט אין שולע?—דרייא נאכמיטטאַגען (afternoons) געהען זייא אין שולע או דרייא נאָכמיטטאָגען האבען זייא לעקציאָנען (lessons) צו הויז.

49. צום איבערזעצען.

געהט איהר ניט אויף דיא בערזע?—ניין, ניט היינט; מיין זוהן געהט דרייא טעג און איך געה דיא דרייא אַנדערע טעג.—וואָס טהוט אייער זוהן אויף דער בערזע?—ער

צוליב וועלכען מען געהט אין זייא. ווען דאָס וואָרט Exchange שטעהט ניט אָבגעקירצט מוז דאָס ווערטעל the מיט איהם געברויכט ווערען.

דיא שטאָדט	The town (טאַון)	דיא זעע, דער ים	The sea (סי׳)
דאָס לאַנד	The country (קאָנטרי)	דאָס בעט	The bed (בעד)

דאָס ווערטעל the שטעהט ניט פאַר town, ווען עס ווערט געברויכט אין געגענזאַץ צו country ; צ. ב. ? is he in town or in the country, איז ער אין שטאָדט אָדער אויף לאַנד? The שטעהט אויך ניעמאַ׳ס פאַר bed אין דעם אויסדרוק געהן צו בעט אָדער זיין אין בעט; אויך ניט פאַר sea, אין דעם אויסדרוק צור זעע, אויפ׳ן ים או. אז. וו.

He goes to sea—he is at sea.	ער געהט צור זעע—ער איז צור זעע.
Is he in prison?	איז ער איז געפענגניס?
Does your mother go to church to-morrow?	געהט אייער מוטער מאָרגען אין קירכע?
No, she goes with the children into the country.	ניין, זיא געהט מיט דיא קינדער אויף לאַנד.
Does she go anywhere else?	געהט זיא ערגעץ אנדערס-וואו?
She goes nowhere else; in the afternoon she goes into the field, and then back again into (אָד. to) town.	זיא געהט זאָנסט ערגעץ ניט; נאָכמיטטאָג געהט זיא אין פעלד און דאַן ווידער צוריק אין שטאָדט הערייז.

(דהען), דאַן. Then

Back (באָק), צוריק; again (אֶגע־ן), ווידער.

Back again.	ווידער צוריק.

Again שטעהט נאָך דעם וואָרט, וואָס בעצייכענט אָרט; צ. ב. ווידער היער, here again.

Does he come back again?	קומט ער ווידער צוריק?
Is he here again?	איז ער ווידער היער?
Somewhere (סאָמ׳הוועַר). Anywhere (אֶניהוועַר).	ערגעץ־וואו, ערגעץ־וואוהין.
Nowhere (נאָו׳הוועַר). Not anywhere.	אין ערגעץ ניט.
Everywhere (עוועריהוועַר).	איבעראַל, אומעטום.
Elsewhere (עלס׳הוועַר) Somewhere else. Anywhere else.	אנדערס וואו, אנדערס וואוהין.

47. צום איבערזעצען.

ווען געהט איהר אויף דאָס לאַנד?—איך געה נאָר ניט אויף דאָס לאַנד.—וואוהין געהען אייערע ברידער דיזען פאָרמיטטאָג?—זייא געהען אין שטאָדט.—וויא פיעלע פון

ניין, איך געה ניט אהין.	No, I do not go there.
קומט אייער פריינד, דער ענגלענדער, היינט אהער?	Does your friend, the Englishman, come here to-day?

האנדלונגס ווערטער, וואס ענדיגען זיך מיט o, נעהמען פיר דיא דריטע פערזאן איינצאהל געגענווערטיגע צייט דיא ענדונג es: to go—he goes, ער געהט.

ניין, ער געהט צום יונגען שפאניער און זייא געהען היינט נאכמיטטאג צוזאמען נאך מאינץ.	No, he goes to the young Spaniard, and they go together to Mayence this afternoon.

Together (טוגע'דהער), צוזאמען.

צוזאמען מיט.	Together with.
מאינץ (א שטאדט אין דייטשלאנד).	Mayence (מיי'ענס).

Where (הווע־ר), וואו, וואוהין; here (היר), הירער, אהער; there (דהע־ר), דארטען, אהין.

דער ארט, דער פלאץ.	The place (פליים).

At (אט), אויף, צו; in (אין), אין; on (אן), אויף; to (טו), צו, נאך, אין (אן ארט); into (אינ'טאו), אין, נאך.

אויף דעם באל. ביי'ן באל.	To the ball. At the ball.
אין טהעאטער (העריין).	To the theatre.
אין אן ארט.	To a place.
צו מיין פאטער.	To my father.

Into און to בעציכנען אין, אויף, אויף דיא פראגע וואוהין? in און at בעדייטען אין, אויף, אויף דיא פראגע וואו? on אויף, אויף דיא פראגע וואו?

אין שטאדט (העריין).	Into (the) town.	אין דער שטאדט.	In (the) town.
אויף דאס לאנד.	Into the country.	אויף דעם לאנד.	In the country,
אין פעלד (העריין).	Into the field.	אויף דעם פעלד.	In the field.
אין גאס.	Into the street.	אין דער גאס.	In the street.
אין קירכע.	To, into church.	אין דער קירכע.	At church.
אין (צו) בעט.	To, into bed.	אין (צו) בעט.	In bed.
אין געפענגניס.	To, into prison.	אין דעם געפענגניס.	In prison.
אויף דיא בערזע.	To 'Change.	אויף דער בערזע.	On 'Change.
אין דיא שולע.	To school.	אין דער שולע.	At, in school.
צו זעע (אויפ'ן ים).	To sea.	אויף דער זעע.	At sea.

The exchange (עקסטשענדזש')	דיא בערזע	The church (טשאירטש')	דיא קירכע
The prison (פריזן)	דאס געפענגניס	The school (סקרל)	דיא שולע

ביא church, school, 'Change (אבגעקירצט פון exchange) און ביא prison ווערט דאס ווערטעל the ניט געזעצט, ווען עס האנדעלט זיך ניט פון דיא געביידען זאנדערן פון דעם צוועק.

קויפט?—איינער איז אזוי טהייער וויא דער אנדרער.—איז דיזע לייוועגד ביליג?—זיא
איז זעהר ביליג.—איז אייער טוך (געוואנד) אזוי ביליג, וויא מיין פאָטער'ס (that of my father)?
—מיינס איז אזוי ביליג, וויא זיינס.—ווארום קויפט איהרא זוי פיעל לייוועגד?—איך קויף
זיא, וויל איך ברויך זיא, אבוואהל זיא איז אזוי טהייער.—ווארום קויפט איהר דיזען
טהייערן ווין?—איך קויף איהם, אבוואהל ער איז טהייער; דען ער איז זעהר גוט.—
ווארום קויפט איהר ניט אייער טוך בייא מיין פריינד?—איך קויף מיין טוך ניט בייא
איהם, אבוואָהל ער פערקויפט ביליג; ווייל איך קויף נאָר גוטעס טוך, און זיינס איז
זעהר שלעכט.—לויבט אייך אייער פאָטער אָפט?—ער לויבט מיך זעהר זעלטען, אבוואהל
איך ארבייט אימער (אין דער איבערזעצונג קומט אימער פאַר ארבייט) זעהר פיעל
(a great deal).—גיבען דיא דייטשען דיא שפאניער געלד?—זייא גיבען זייא וועלכעס,
אבוואהל דיא שפאניער גיבען קיינמאל (קיינמאָל פאַר גיבען) דיא דייטשען וועלכעס.
—וואָס פיר טישען און שטוהלען פערקויפט דער טישלער (סטאָליער)?—ער פערקויפט
גוטע אווי שלעכטע (מיט אָדער אָהן ones).

46. צום איבערזעצען.

וואָס פיר (what sort of) האנדשוה זיינען דיא, וועלכע (they that) דיזער מאן
קויפט?—ער קויפט באָוועלנע.—וואָס פיר מעסערס זיינען דיזע? זיינען זייא זילבערנע?
—יע, זייא זיינען זילבערנע מיט עלפענביינערנע שטיעלען.—וואָס פיר א מאן איז דער
אלטער שפאניער?—ער איז זעהר א (a פאַר very) גוטער מאן.—וואָס פיר א הויז האָט
אייער פעטער יעצט?—ער האט זעהר א שעהנעס, גרויסעס הויז.—וואו איז דער בעריהמ-
טער?—ער איז אין מיין צימער; וואס ווילט איהר פון איהם?—איך וויל א גלאָז וואַ-
סער.—ווארום רופט איהר מיך?—איך וויל א פלאַש וויין.—וויא פיעלע פאָאָר שיך קויפט
אייער טאָכטער?—זיא קויפט צווייא פאָאָר שיך און מיין זוהן קויפט עבען (גראדע) אזוי
פיעלע פאָאָר שטיעפעל.—גיט איהר דיזען מאן א פלאַש (a bottle of) גוטען וויין?—איך
גיב איהם א פלאַש וויין, צווייא פאָאָר אלטע שיך, א דוצענד זאָקען און א פאָאָר וואַ-
לענע האנדשוה.—וואָס פיר א סך (quantity)!—ווארום גיט איהר איהם אזוי פיעל?—
וויל ער ברויכט עס.—זעהט איהר דיא מענגע מענשען (people) פאָר מיין הויז?—איך
זעה א גרויסע מאסע מענשען.—ווארום זיינען אלע דיזע לייטע דאָ?—זייא זיינען ארימע
לייט און איך גיב יעדען פון זייא א שטיק (piece) ברויט און א גלאָז וויין.—וויא פיעלע
פאָאָר שטיעפעל האט איהר?—איך האב זיעבען פאָאָר שטיעפעל און פיער פאָאָר שיך.
—וואס פיר א גרויסע מענגע!—פערקויפט אייער פריינד פיעל?—יע, ער קויפט און פאַר-
קויפט א גרויסע מענגע (great deal) וויין.

22nd Lesson.—22סטע לעקציאָן.

I go. I do not go.	איך געה. איך געה ניט.
Where do you go this evening?	וואוהין געהט איהר דיזען אבענד?
To the theatre (.אָד play).	אין טהעאטער.
Do not you (.אָד do you not) go to the ball?	געהט איהר ניט אויפ'ן באל?

יעדען מאָרגען און אבענד?—זיא ארבייטעט יעדען מאָרגען, אבער זעהר זעלטען אין אבענד.—האָט איהר צו פיעל אדער צו וועניג וויין?—איך האָב ניט צו פיעל ניט צו וועניג; איך האב גראדע אזוי פיעל, וויא איך ברויך.—האבען דיא שפאניער גענוג שיפען? —זייא האבען צו וועניגע.—האט דער פראנצויז אזוי פיעלע פערד, וויא ער ברויכט?—ער האט ניט אזוי פיעלע, וויא ער ברויכט, ער האט צו וועניגע.—ניט אייך אייער פאַטער גענוג ביכער?—ער גיט מיר צו וועניגע ביכער.—קענט איהר פיעלע לייטע?—איך קען צו וועניגע לייטע.—האט איהר גענוג פלייש און קארטאָפעל?—איך האב צו וועניג.—האבען אייערע טעכטער גענוג פאפיער און פעדערן?—זייא האבען צו וועניג פאפיער און צו וועניגע פעדערן.—האט איהר אייניגע גולדען?—איך האָב אייניגע.—האט איהר ביכער? —איך האב אייניגע.—פערקויפט איהר גלעזער?—איך פערקויף אייניגע.—האבען ניט אייערע שוועסטערקינדער צו פיעלע ביכער?—זייא האבען ניט צו פיעלע ניט צו וועניגע ביכער; זייא האבען גראדע אזוי פיעלע, וויא זייא ברויכען.—האבען דיא לייטע גענוג וויין און גלעזער?—זייא האבען צו פיעל וויין און צו פיעלע גלעזער.—האָט דיזער מאן ניט צו פיעלע קינדער?—יע, ער האט צו וועניג געלד און צו פיעלע קינדער.—איז דער שטיעל פון אייער מעסער ניט צו דין?—ער איז ניט צו דיק ניט צו דין: ער איז גראדע, וויא איך ברויך איהם.—איז דער מאַן רייך?—ער איז פיעל (a great deal) צו רייך, דען ער גיט קיינעם עפעס.—קומט דיא העסליכע פרוי אָפט צו אייך?—זיא קומט פיעל צו אָפט.—קום איך ניט אָפט גענוג?—ניין, איהר קומט פיעל צו זעלטען (seldom).

44. צום איבערזעצען.

ברויכט אייער זוהן העמדער, מאדאם?—ניין, ער ברויכט קיינע (none אָד. not any).—וויא פיעלע העמדער האט ער?—ער האט פינף דוצענד.—וואס פיר א כך (a great many) העמדער!—האט אייער מאַן אויך אזוי פיעלע?—מיין מאַן האט מעהר אלס מיין זוהן.—איז דאָס (this) א ליינענעס העמד אדער א באוועלנעס?—עס איז א ליינענעס.—וויא פיעלע העמדער (ברויען=העמדער, chemises) האבן אייערע טעכטער?—יעדע פון מיינע דרייא טעכטער האט אכצעהן העמדער.—פערקויפט איהר וויין?—איך פערקויף יעצט קיינעם, וויל (for) איך האב קיינעם.—קויפט איהר פיעל וויין?—איך קויף פיעל און אָפט.—מיין ליעבער פאָטער (my dear father) איך ברויך העמדער.—וויא פיעלע העמדער ברויכסט דוא?—איך ברויך א דוצענד.—ווילסט דוא ליינענע אין באוועלנע?—איך ברויך ליינענע; מיינע באוועלנע זיינען נאָך (yet אָד. still אָדער עבדין) זעהר גוט.—וואו קויפט איהר אייערע זאָקען?—איך קויף מיינע זאָקען, וואו איך קויף מיינע האנדשוה.—פערקויפט דער מאַן גוטע האנדשוה?—יע, איך קויף נאר גוטע; שלעכטע (bad ones) קויף איך גאר ניט.—וויא פיעלע זאָקען קויפט איהר?—איך קויף נאָר דרייא פּאאָר: אָבער מיין ברודער קויפט א דוצענד (a dozen pair).—קויפט אייער פאָטער אן אנדערעס הויז?—ער קויפט אן אנדערעס.—קויפט דער ענגלענדער אייער פערד?—ער קויפט עס.—קויפט דער טישלער אייער ברודער'ס האָלץ?—ער קויפט עס ניט.—ווארום קויפט איהר ניט דיזע זאָקען?—מיר קויפען זייא ניט, וויל זיי זיינען צו טהייער.

45. צום איבערזעצען.

איז דער וויין, וועלכען איהר קויפט, אזוי טהייער וויא דער, וועלכען אייער פעטער

I buy (באַי); I do not buy.	איך קויף; איך קויף ניט.

Dear (דיר)	טהייער	Too dear	צו טהייער
Cheap (טשיפּ)	וואָלוועל, ביליג	Too cheap	צו ביליג

Of whom do you buy your gloves?	בייא (פון) וועמען קויפט איהר אייערע האַנדשוה?
I buy of—.	איך קויף בייא אדער פון—.
What sort of gloves does he sell?	וואָס פיר (א סאָרט) האנדשו פערקויפט ער?
What kind of, what sort of.	וואָס פיר, וואס פיר א זאָרט.

פאַר אַן איינצאַל קומט נאָך דיזע אויסדריקע דאס ווערטעל a, צ. ב.: what kind of a book, וואס פיר א בוך.

The sort (סאָרט), the kind (קאַינד).	דיא אַרט, דיא סאָרט.
What sort of a horse has your brother at present (אָד. now)?	וואָס פיר א פערד האט אייער ברודער יעצט?
He has a young one.	ער האט א יונגעס.
I have six dozen shirts.	איך האב זעקס דוצענד העמדער.
What a many (אָד. great many) shirts! / What a number (אָד. great number) of shirts!	וואס פיר א מעננע (א סך) העמדער!
What a great many people! / What a crowd of people!	וואס פיר א מעננע (א סך) מענשען!

A number (נאָמבער)	א צאָהל, א סך	A quantity (קוואָנטיטי)	א מאָס, א סך

A crowd (קראַוד), א מעננע, א מאסע, א סך (פון מענשען).

What a quantity of books! / What a number of books! / What a many books!	וואס פיר א מעננע (סך) ביכער!
What a quantity of wine, paper, meat etc. / What a deal of wine, paper, meat etc.	וואס פיר א סך ווין, פאפיער, פלייש או. אז. וו.

בייא זאַכען, וואָס קענען געצעהלט ווערען, ברויכט מען פיר מעננע אָדער סך דיא ווערטער number, many, וועלכע נעהמען פאָר זיך דיא ווערטער great, very great, ווען עס קומט אוים צו בעצייכענען אַ גרויסע מעננע; בייא זאַכען, וואָס קענען ניט געצעהלט ווערען (וויא „וואַסער", „וואָל" או. אַז. וו.), קומט quantily of אָדער deal of צו בעצייכענען אַ מעננע אָדער אַ סך.

The cotton (קאָטטן), דיא באוועל; באוועלנע.

Cotton stockings	באוועלנע זאָקען	Cotton shirts	באוועלנע העמדער

43. צום איבערזעצען.

האט אייער זוהן נענוג געלד? (אָם ענדרע זאַין enough).—ניין, ער האט צו ווענינ.— ארבייטעט אייער טאכטער גענוג?—זיא ארבייטעט צו וועניג.—ארבייטעט זיא ניט

21-st Lesson.—21-סטע לעקציאָן.

Little (ליטטל), ווענינ; a little, א ביסעל.

איך האב צו וועניג געלד.	I have too little money.

Too (טו־), צו.

האָט איהר גענוג שטיפעל?	Have you boots enough?
איך האב צו וועניגע.	I have too few.

Few (פיו), וועניגע; a few, אייניגע.

צו וועניג; צו פיעל.	Too little; too much.
צו וועניגע; צו פיעלע.	Too few; too many.
איהר האט אזוי פיעלע העמדער.	You have so many shirts.
אזוי וועניג; אזוי פיעל.	So little; so much.
אזוי וועניגע; אזוי פיעלע.	So few; so many.
דאס העמד (מענער־העמד).	The shirt (שאָירט).
דאס פרויענ־העמד.	The chemise (שימיז).

The glove (גלאָוו)	דיא האנדשוה	The stocking (סטאָקקינג)	דיא זאָק
A pair (פעיר)	א פּאָאר	A dozen (דאָזן)	א דוצענד

אן אֵייל, א יארד.	A yard (יארד).
לייכען, לייוועגד.	Linen (ליגען).
אן אֵייל לייוועגד.	A yard of linen.

צווישען געוויכט, צאָהל אדער מאָס און דעם נאָמען פון דער זאך קומט דאָס ווערטעל of.

א גלאָז וואסער.	A glass of water.
א פלאש וויין.	A bottle of wine.
צווייא פּאָאר שיך.	Two pair of shoes.

ביי dozen, דוצענד, ווערט of מעהרסטענטהיילס הינווענגעלאָזען.

דרייא דוצענד זילבערנע מעסערס און גאָפּלען.	Three dozen silver knives and forks.
א דוצענד האנדשוה.	A dozen pair of gloves.
צווייא דוצענד וואלענע שטרימפף (זאָקען).	Two dozen pair of woollen (אָד. worsted) stockings.

Worsted (וואָירסטעד), וואָלענע.

ווער פערקויפט גוטע לייגענע העמדער?	Who sells good linen shirts?
איך ברויך לייגענע העמדער.	I want some linen shirts.

Though (דהאָ), although (אָלדהאָ), אָבּוואָהל, כאָטש.

Yet (יעט), still (סטילל), דאָך.

דיא האנדשריפט פון אייער טאכטער אזוי גוט, וויא דיא האנדשריפט פון מיינער? (that אנשטאַט דעם ווידערהאָלטען וואָרט האַנדשריפט).—מיין טאכטער'ס האנדשריפט איז ניט אזוי גוט וויא אייער טאכטער'ס (that of yours).—ווארום איז זיא ניט אזוי גוט? —ווייל איהרע בוכשטאבען זיינען ניט אזוי גרויס.—האט איהר דאס זעלביגע צימער, וועלכעס (that) אייער ברודער האט?—איך האב דאס זעלביגע צימער, וועלכעס ער האט?—ערווארטעט איהר דיזען נאכמיטטאג דיא זעלביגע לייטע, וועלכע איך ערווארט היינט (this) פאָרמיטטאָג?—איך ערווארט ניט דיא זעלביגע, וועלכע איהר ערווארטעט; איך ערווארט אנדערע (some others).—וואס פיר לייטע ערווארטעט איהר?—איך ערווארט דעם יונגען איטאליענער, דיא צווייא שפאניער און דעם האָללענדער מיט זיין שעהנער, קליינער פרוי.—פערקויפט איהר פאפיער?—יע, מיין קליינער יונגע; וואס פיר פאפיער ווילסטו האבען?—איך ברויך זעהר דינעס (some very thin—אָהן one נאָך דעם וואָרט thin, ווייל פאַפיער איז אַ שטאָפ-נאָמען און פיר אַ שטאָפ-נאָמען קען one ניט שטעהן); האט איהר וועלכעס?—איך האב דינעס און דיקעס.—ווער איז דיזעס שעהנע, קליינע מיידעל?— עס (she) איז מיין שוועסטער.—ברויכט זיא קיין פאפיער?—יע, זיא ברויכט אויך וועל-כעס, אבער זיא וויל דיקעס און אויך א ליניע (ליניקע, ruler).

42. צום איבערזעצען.

איז ניט דיזע האנדשריפט גראדע דיא זעלביגע וויא מיין פאטער'ס?—ניין, זיא איז ניט גראדע אזוי, וויא אייער פאטער'ס; אייער פאטער'ס האנדשריפט איז ניט אזוי קליין (small).—איז אייער צימער אזוי גרויס וויא מיינס?—עס איז גראדע אזוי גרויס, וויא אייערס, אבער עס איז ניט אזוי גוט וויא יענעס, וועלכעס דער קליינער שפאניער האט.—וואס גיט אייך אייער פאטער?—מיין פאטער גיט מיר, וואס אייער פעטער גיט אייך.—מיין פעטער גיט מיר אַ גאלדענעס אוהר-קייטעל, א גאלדענעם שליסעל און א גאלדענעם זייגערל (אין ענגליש ווערט דאָס אייגענשאַפטס וואָרט ניט ווידערהאלט).—האט איהר שוין אייער נייעס זייגערל און אייער נייעס אוהר-קייטעל? (אייער נייעס ווערט אין דער איבערזעצונג ניט ווידערהאלט).—איך האב מיין זייגערל, אבער דאס קייטעל האב איך נאָך ניט.—ווארום האט איהר נאך ניט דאס קייטעל?—ווייל איך וויל האבען (איך ברויך) איינס, וועלכעס (that) איז אזוי לאנג, וויא מיין ברודער'ס (that of my brother), און דער מאן האט נאך קיינס.—זעהט איהר מעהר הערען אדער מעהר דאמען?—איך זעה גראדע אזוי פיעלע פון דיזע וויא פון יענע.—ווילט איהר אזוי פיעל פון דעם דיקען פאפיער וויא פון דעם דינעם?—איך וויל גראדע אזוי פיעל פון דיזען, וויא פון יענעם.—ווילט איהר האבען גראדע אזוי פיעלע שרייב-ביכער, וויא אייער ברודער?—יע, איך וויל האבען גראדע אזוי פיעלע, וויא ער.—ברויכסט דוא אויך א ליניע, מיין קליינע? (my little one.— וואו עס ווערט אויסגעלאָזען דאס זאַכוואָרט נאָך אן אייגענשאפטס ווארט שטעלט מען אנשטאט דער זאַך אדער פערזאָן דאָס וואָרט one).—ניין, איך ברויך קיינס (I do not want one); מיין ברודער גיט מיר זיינס, ווען איך ברויך איינס.

און מיין ברודער האט אויך נויטיג וועלכעס.—ווילסטו האבען (ברויכסט דוא) וואסער?—איך וויל האבען וועלכעס.—האט מיין פערד נויטיג נייע פאדקעוועס?—עס (it) האט וועלכע נויטיג.—ברויכט אייער מוטער מיין זייד נאך?—זיא ברויכט זיא נאך.—ווער וויל האבען (ברויכט) א גוטעס פעדער-מעסערל?—מיין ברודער ברויכט איינס.—וועלכעס פון דיזע שרייב-ביכער ווילט איהר האבען (ברויכט איהר)?—איך וויל האבען דיזעס.—ברויכט אייער זוהן פיעל געלד?—ער ברויכט זעהר פיעל.—וויא פיעל געלד ברויכט ער?—ער ברויכט פינף און אכציג גולדען.—ברויכט ער ניט מעהר (any more)?—ניין, ער ברויכט ניט מעהר.—רופט איהר מיך?—יא, איך האב דיר נויטיג.—ווער רופט מיך?—מיין פאטער רופט אייך, ער ברויכט אייך.—וועלכע שיך ווילט איהר האבען (ברויכט איהר)?—איך וויל האבען דיא טוכענע (cloth one).—איך ברויך שרייב ביכער; האט איהר וועלכע?—איך האב זעהר גוטע; וויא פיעלע ברויכט איהר?—איך און מיין שוועסטער ברויכען זעקס; מיר ברויכען יעדע דרייא (each קען אויך שטעהן אם ענדע זאץ).

40. צום איבערזעצען.

וועלכעס פערד פערקויפט איהר?—איך פערקויף יענעס, וועלכעס איך האב ניט זעהר נויטיג, דאס קליינע.—וועלכעס צימער ווילט איהר האבען?—איך וויל יענעס, וועלכעס האט נאר איין טהיר.—אין וועלכען צימער ארבייטעט איהר?—איך ארבייט אין דעם, וועלכעס האט גרויסע פענסטער.—וועלכע שליסלען ווילט איהר?—איך וויל יענע, וועלכע דער בעדיענטער האט.—וואס ערווארטעט איהר?—איך ערווארט וואס איהר ערווארטעט.—און וואס איז דאס?—עס איז געלד, וואס (that) איך ערווארט.—ווער גיט אייך געלד?—דער יעניגער, וועלכער (he who) האט וועלכעס.—וואס גיט אייך דער יעני-גער, וועלכער האט קיינס? (מיר קומען צווישען he און who give).—דער יעניגער, וועלכער האט קיין געלד, גיט מיר קיינס.—ווער רופט מיך?—דער בעדיענטער רופט אייך.—וועלכער בעדיענטער?—דער, וועלכער האט דיא נייע בערשטלאך.—וועלכע שטיפעל האט דער בע-דיענטער?—דיא יעניגע, וועלכע איהר גיט דעם ארימען מאן.—וועלכע פון מיינע שוועס-טערס איז צו הויז?—דיא יעניגע, וועלכע ארבייטעט אימער אין איהר צימער.—וועלכע פון דיא פראנצויזישע יונגע דאמען האט מיין זייד?—דיא יעניגע, וועלכע ניט אייך איהר וואל.—וועלכען (to which) פון מיינע זיהן גיט איהר א בוך?—דעם יעניגען, וועלכער איז גוט.—וועלכען פון דיא בעדיענטע רופט מיין ברודער?—ער רופט דעם (him), וועלכען ער ברויכט.—וועלכען פערלאנגט ער?—ער פערלאנגט דעם יעניגען, וועלכען איהר קענט נאך ניט.

41. צום איבערזעצען.

וועלכען פון דיא ענגלענדער ערווארטעט איהר?—איך ערווארט דעם יעניגען, וועל-כען אייער פאטער קען.—וועלכער (to which) פון יענע דאמען פערקויפט איהר זיידענע שיך?—איך פערקויף דער יעניגער (I sell some to her), וועלכע איהר זעהט דארטען.—וועלכען פון דיא קליינע מיידלאך גיט איהר דיזע שעהנע שרייב-ביכער?—איך גיב איינס יעדען פון יענע, וועלכע (to whom) איהר גיט גוטעס לעש-פאפיער.—וועלכע פון דיא פע-דער-מעסערלאך ווילט איהר האבען?—דיא (יענע), וועלכע איהר ווילט ניט האבען.—איז

I have not the same that you have, but another.	איך האב ניט דאס זעלבינגע, וועלכעס איהר האט, נאר אן אנדערעס.

The same (סיים), דער זעלבינגער, דעם זעלבינגען; דיא זעלבינגע, דאס זעלבינגע; דיא זעלבינגע (מ.).

To whom do you give any money?	וועמען גיט איהר געלד?
To him who (אַר. that) wants it.	דעם יעניגען, וועלכער ברויכט עס.
To which of the girls do you give a book?	וועלכען פון דיא מיידלאך גיט איהר א בוך?
To her who is good.	דער יענינער, וועלכע איז גוט.
Whom do you praise.	וועמען לויבט איהר?
Him who praises me.	דעם יענינען, וועלכער לויבט מיך.
The shoe (שר).	דער שוך.
The horse-shoe (האָרס־שר).	דיא פאָדקעווע.
The copy-book (קאָפּי־ברק).	דאָס שרייב־בוך.
The blotting-paper (בלאָטינג־פּייפּער).	לעש־פּאַפּיער.
The ruler (רולער).	דיא ליניע.
The watch-chain (וואָטש־טשיין).	דאס אוהר־קייטעל.
The watch-key (וואָטש־קי).	דער אוהר־שליסעל.
The seal (סי־ל).	דער זיגעל.
The letter (לעטער). / The character (קאַראַקטער).	דער בוכשטאב.
The handwriting (האַנדראיטינג).	דיא האנדשריפט.
The pen-knife (פּען־נאיף).	דאס פען־מעסערל.

Nice (נאיס), שעהן. Thin (טהין), דין. Thick (טהיק), דיק.

Yet (יעט), still (סטיל), נאָך, נאך מעהר.

No more, not any more, ניט מעהר.

Do you still want my pen-knife?	ברויכט איהר נאך מיין פען־מעסערל?
I do not want it any more.	איך ברויך עס ניט מעהר.
The window (ווינדאָו), the windows.	דאס פענסטער, דיא פענסטער.

39. צום איבערזעצען.

ברויכט אייער ברודער מיין אוהר־שליסעל?—ער ברויכט איהם יעצט ניט.—ברויכען אייערע שוועסטער מיינע ביכער?—זייא ברויכען זייא נאך.—ווען ברויכט איהר אייערע נייע שיך?—איך ברויך זייא דיזען מארגען.—האט איהר ניט נויטיג א נייעם הוט?—ניין, איך ברויך קיין נייעם הוט.—ווער ברויכט ברויד (any bread)?—איך ברויך וועלכעס.—וואו זיינען דיינע (your) שרייב־ביכער מיין זוהן?—איך האב קיינע שרייב־ביכער; איך ברויך וועלכע (some).—ווער האט נויטיג לעש־פאפיער?—איך האב נויטיג וועלכעס

זאכען, וואו עס לאזט זיך ניט געברויכען who אָדער which; צ. ב. the boy and dogs that I see, די יונגלאך און הינד, וועלכע איך זעה; עבענפאלס ווערט that אימער געברויכט נאך די ווער־טער nothing, גאָרנישט, all (אָ־ל), אַלע, אַלעס, the same (כיים), דער זעלבער, וויא אויך נאך א וואָרט וואס בעצייכענט די העכסטע שטופע פון אן אייגענשאפט; צ. ב. all that I see, אלעס וואס (אָד. וועלכעס) איך זעה; the same that I have, דאָס זעלבע וואָס איך האָב; the best that I have, דאס בעסטע וואס איך האָב; nothing that I know, גאָרנישט וואָס (וועלכעס) איך וויים.

She does not exactly (אָד. just) wan' that which you have.	זיא ברויכט ניט גראדע דיא, וועלכע איהר האָט.

Not just (נאָט דושאָסט) אָד. not exactly (עגזאָקט׳לי), ניט גראדע.

As (אָז), just as, exactly as, גראדע אזוי, עבען אזוי וויא.

That which, דער יעניגער וועלכער, דעם יעניגען וועלכען; דיא יעניגע וועלכע; דאס יעניגע וועלכעס.

Those which, דיא יעניגע וועלכע (מ.).

Which of the servants is at home?	וועלכער פון דיא בעדיענטע איז צו הויז?
He who (אָד. that) has the keys.	דער יעניגער, וועלכער האט דיא שליסלען.
He who אָד. that.	דער יעניגער, וועלכער.
She who אָד. that.	דיא יעניגע, וועלכע.
He whom.	דער יעניגער, וועלכען.
He to whom.	דער יעניגער, צו וועלכען.
She whom.	דיא יעניגע, וועלכע.
She to whom.	דיא יעניגע, צו וועלכער.
Those who אָד. that. They who אָד. that.	דיא יעניגע, וועלכע.

That which, דאָס יעניגע וועלכעס, דאָס וואָס.

אין דעם אויסדרוק דאָס וואָס, ווערט וואָס אימער איבערזעצט מיט which; צ. ב. that which I have, דאָס, וואס איך האָב.

Which of your cousins comes home at eleven a'clock?	וועלכע פון אייערע קוזינעס קומט אום עלף א זייגער א היים?
She who has your silk umbrella.	דיא יעניגע, וועלכע האט אייער רעגענ־שירם.
Do you expect the same shoemaker that I expect?	ערווארטעט איהר דעם זעלביגען שוסטער, וועלכען איך ערווארט?
I expect him whom you expect.	איך ערווארט דעם יעניגען, וועלכען איהר ערווארטעט.
Have you the same book that I have?	האט איהר דאס זעלביגע בוך, וואס (וועל־כעס) איך האב?

א פערטעל; עס פעהלען (it wants) נאך זיבצעהן מינוטען.—איז עס שוין האלב צעהן?—ניין, עס פעהלען נאך זעקס מינוטען צו האלב צעהן (=האלב נאך ניין).—זיינען דאס (these) מיינע פעדערן?—יע, זייא זיינען אייערע.—ווער האט דעם שליסעל צו דעם פראנצויז און ענגלענדער'ס צימער?—זייערע בעדיענטע האבען אימער זייערע שליסלען; זייא גיבען זייא אימער צו זייערע בעדיענטע.—וויא פיעלע מינוטען האט א שטונדע?—א שטונדע האט זעכציג מינוטען און א מינוט האט זעכציג סעקונדען.—וויא פיעלע שטונדען האט א טאג (מעת-לעת)?—א טאג האט פיער און צוואנציג שטונדען.—צווייא מעת-לעת (טעג) האבען אכט און פערציג שטונדען, דרייא האבען צווייא און זיבעציג און פיער האבען זעקס און ניינציג.—וויא פיעל איז פופצעהן, פערצעהן, דרייצעהן און דרייא און צוואנציג?—אזוי פיעל וויא צווייא און דרייסיג, דרייצעהן און צוואנציג: פינף און זעכציג.—וויא פיעל איז פופצעהן, דרייסיג און פופציג?—אזוי פיעל וויא דרייצעהן, פערצעהן, דרייסיג און אכט און דרייסיג: פינף און ניינציג.—וויא פיעל איז איינס, דרייא, פינף, זיבען, ניין און עלף?—איינס (one) מעהר אלס צעהן, זעכצעהן, אכט און איינס: זעקס און דרייסיג.—וואס איז מעהר, זיבען און צוואנציג און צווייא און פערציג, אדער דרייצעהן, דרייא און צוואנציג און דרייא און דרייסיג?—איינס איז אזוי פיעל וויא דאס אנדערע: ניין און זעכציג.—וויא פיעל איז איין און צוואנציג און דרייא און צוואנציג?—אזוי פיעל וויא זעכצעהן, זיבצעהן און עלף?—פיער און פערציג.—וויא פיעל איז זיבעציג און זיבצעהן?—זיבצעהן און זיבעציג איז (are) זיבען און אכציג.—וויא פיעל איז אכצעהן און אכציג?—אכצעהן און אכציג איז (are) אכט און ניינציג.—וויא פיעל איז ניינצעהן און ניינציג?—דאס וויים איך ווירקליך ניט.—איז עס ניט זיבען און צוואנציג מעהר אלס (than) צווייא און אכציג?—יע, איהר האט רעכט.—האב איך ווען (ever) אונרעכט?—ניין, איהר האט אימער רעכט.—וויא פיעל איז (are) זיבעציג און זיבצעהן מעהר אלס אכציג און אכצעהן?—זיבעציג און זיבצעהן איז (are) ניט אזוי פיעל וויא אכציג און אכצעהן, ווארום (for) אכציג און אכצעהן זיינען אכט און ניינציג, און זיבצעהן און זיבעציג זיינען נאר זיבען און אכציג; אכציג און אכצעהן זיינען עלף מעהר אלס זיבעציג און זיבצעהן.

Twentieth Lesson.—צוואנציגסטע לעקציאן.

I want. I do not want.	איך ברויך, איך וויל, איך דארף. איך ברויך ניט, איך וויל ניט, איך דארף ניט.
Who wants my pen?	ווער וויל מיין פעדער?
Does she want the pen that I have?	ברויכט זיא דיא פעדער, וועלכע איך האב?

That (דהאט), וואס, וועלכער, וועלכע, וועלכעס; וועלכע (מ.).

עס זיינען דא דרייא ווערטער פיר וועלכער: who, which און that. Who בעציהט זיך אויף פערזאנען, which—אויף טהיערע און ניט-לעבעדיגע זאכען, that—אויף ביידע. That אונטערשיידעט זיך פון who און which מיט דעם, וואס עס קען ניט געברויכט ווערען מיט א פרעפאזיציאן, וויא to, of, או. אז. וו. That ווערט זעהר אפט געברויכט, איבערהויפט ווען דער אויסדרוק וועלכער בעציהט זיך צוגלייך אויף פערזאנען און טהיערע אדער ניט-לעבעדיגע

איהר, אויב מיינע ברידער זיינען צו הויז?—איך ווייס ניט, אויב זייא זיינען צו הויז.—ווייס דער בעדיענטער פון דיא פראנצויזען, אויב דיא ענגלענדער זיינען צו הויז?—ער ווייס ניט, אויב זייא זיינען צו הויז.—איז אימעצער אין דיזען הויז צו הויז?—דער בעדיענטער איז צו הויז.—איז זאנסט קיינער (nobody else) צו הויז?—זיין פרוי איז אויך צו הויז.—וועמעס זיהן זיינען צו הויז?—דיא זיהן פון אייערע פריינד זיינען צו הויז.—ווען קומט אייער פאטער נאך הויז (אהיים)?—ער קומט אהיים אום זיבען יעדען אבענד.—ווען קומט אייער ברודער אהיים?—ער קומט זעלטען פאר אכט נאך הויז.—געהט איהר יעצט נאך הויז?—ניין, איך געה נאך ניט נאך הויז (נאך ניט הערט איינער געזעצט not yet; not קומט פארן האנדלונגס ווארט, yet צם שלוס פון זאץ).—ווען געהט איהר אהיים?—איך ווייס נאך ניט, ווען איך געה אהיים.—וויא פיעל איז דער זייגער?—איך ווייס ניט וויא פיעל דער זייגער איז.—איז עס שוין צוועלף?—עס איז שוין נאך צוועלף.—וויא פיעל איז עס נאך צוועלף?—עס איז נאך ניט פיעל נאך צוועלף: עס איז ערשט (נאר) עלף מינוטען נאך צוועלף.—איז עס נאך ניט א פערטעל אויף איינס (=א פערטעל נאך צוועלף)?—יע, עס איז פאסט (כמעט) א פערטעל.—וויא פיעלע מינוטען איז עס נאך א פערטעל אויף איינס (=נאך צוועלף)?—עס איז דרייצעהן מינוטען נאך א פערטעל אויף איינס; עס פעהלען (it wants) נאר צוויא מינוטען צו האלב איינס (=האלב נאך צוועלף).

37. צום איבערזעצען.

איז עס נאך ניט מעהר אלס האלב צוויא?—ניין, עס איז נאך ניט האלב צוויא. ווען קומען אייערע בעדיענטע נאך הויז?—אונזערע בעדיענטע קומען אום דרייא פערטעל אויף ניין (=א פערטעל צו ניין) נאך הויז.—קומען אייערע זיהן אהיים פריהער פאר (before) אייערע טעכטער?—ניין, מיינע טעכטער קומען אהיים פריהער פאר מיינע זיהן (זיין ענגליש גיז מען ווידערהאלען come home).—ארבייטען אייערע קינדער אימער אין אבענד?—זייא ארבייטען ניט אימער אין אבענד.—ארבייטעט אייער פאטער אימער אין דער פריה?—ער ארבייטעט אימער אין רער פריה, אבער ער ארבייטעט נאר צייטענווייז (sometimes) נאכמיטאג-צייט (in the afternoon) און אין אבענד.—ווען לויבט מיך מיין פאטער?—ער לויבט אייך ווען איהר זייט גוט און ווען איהר וועקט (רופט, call) איהם אין דער פריה.—וועקט (call) איהר דעם איטאליענער פריה?—יע, איך רוף איהם זעהר פריה.—וועקט אייער ברודער מיינעם פריה אדער שפעט?—ער וועקט איהם זעהר שפעט: דען ער וועקט איהם ניעמאלס פאר האלב זיבען.—דאס איז ניט זעהר שפעט; עס איז ניט אזוי שפעט, וויא דער בעדיענטער רופט מיך.—ווען רופט ער אייך?—ער רופט מיך יעדען פריה-מארגען אום א פערטעלאויף ניין (=א פערטעל נאך אכט).—דאס איז ווירקליך ניט נאר ניט פריה, נאר עס איז זעהר שפעט.—קומט אייער פריינד איידער (before) זיין קליינער ברודער קומט?—יע, ער קומט פריהער פאר (before) איהם.—ווען קומט זיין פאטער געוועהנליך?—ער קומט געוועהנליך אום צוועלף א זייגער; ער קומט אזוי פריה וויא זיין פאטער.

38. צום איבערזעצען.

איז עס נאך ניט אכט?—ניין, עס איז ערשט (נאר) דרייא פערטעל אויף אכט (=א פערטעל צו אכט).—וויא פיעל פעהלט צו אכט?—עס פעהלט עפעס מעהר אלס

The hour (אור); an hour (אֶן אור).	דיא שטונדע; א שטונדע.
The second (סעקאָנד)	דיא סעקונדע
The minute (מי׳ניט)	דיא מינוט
What o'clock is it?	וויא פיעל א זייגער איז עס?
A quarter past (.אָד after) four.	א פערטעל אויף פינף.
Half past four.	האלב פינף.
A quarter to five (.אָד before five).	דרייא פערטעל אויף פינף.
It wants to . . .	עס פעהלט צו . . .
It wants a quarter to five.	עס פעהלט א פערטעל צו פינף (=דרייא פערטעל אויף פינף).
Twenty minutes before five.	צוואנציג מינוטען צו (אָד. פאר) פינף.
Twenty minutes past (.אָד after) five.	צוואנציג מינוטען נאָך פינף.

אין ענגליש רעכענט מען דיא ערשטע האלבע שטונדע צייט נאך דער פערגאנגענער אך ניט אויף דיא צוקונפטיגע שטונדע, און דעריבער ווערט צ. ב. געזאָגט a quarter past twelve ו; „אַ פערטעל נאָך צוועלף" און ניט „אַ פערטעל אויף איינס", half past twelve, „האַלב נאָך צוועלף" און ניט „האַלב איינס" או. אַז. וו. דיא אַנדערע האַלבע שטונדע צייט ווערט גערעכענט אויף דיא ווי־ טערדיגע, וויא אין יודיש; צ. ב. a quarter to one, אַ פערטעל צו איינס, ten minutes to one, צעהן מינוטען צו איינס, twenty minutes to one, צוואַנציג מינוטען צו איינס או. אַז. וו.

Twenty-one	איין און צוואנציג	Thirty-one	איין און דרייסיג או. אז. וו.
Twenty-two	צווייא און צוואנציג	Forty-one	איין און פערציג או. אז. וו.
Twenty-three	דרייא און צוואנציג	Fifty-one	איין און פופציג או. אז. וו.
Twenty-four	פיער און צוואנציג	Sixty-one	איין און זעכציג או. אז. וו.
Twenty-five	פינף און צוואנציג	Seventy-one	איין און זיבעציג או. אז. וו.
Twenty-six	זעקס און צוואנציג	Eighty-one	איין און אכציג או. אז. וו.
Twenty-seven	זיבען און צוואנציג	Ninety-one	איין און נייינציג או. אז. וו.
Twenty-eight	אכט און צוואנציג		
Twenty-nine	ניין און צוואנציג		

ביז פופציג קען מען דיא איינער זעצען פאַר דיא צעהנער; מען קען זאָגען one and twenty אַנשטאַט twenty-one או. אַז. וו. אָבער דיזע אַרט צעהלען ווערט זעהר זעלטען גע־ ברויכט.

The afternoon (אֶפ׳טערנון).	דער נאָכמיטאָג.
The forenoon (פאָור׳נון).	דער פאָרמיטאָג.
In the afternoon.	אום נאָכמיטאג צייט.
In the forenoon.	אום פארמיטאג־צייט.

36. צום איבערזעצען.

איז אייער ברודער צו הויז?—ער איז ניט צו הויז.—איז אייער ברודער'ס פרוי צו הויז?—זיא איז צו הויז.—זיינען אייערע קוזינען צו הויז?—זייא זיינען ניט צו הויז.—ווייסט

און פּלעַכיעַניצעס הייזער.—זיינען דאָס (those) מיינע זיהנ׳ס און טעכטער׳ס פּערדען, וועלכע איהר האָט?—זייא זיינען ניט אייערע זיהנ׳ס ניט אייערע טעכטער׳ס פּערדען; זייא זיינען מיינע (mine—ווען עס ווערט הערויסגעלאָזען דיא זאַך).

Nineteenth Lesson.—ניינצעהנטע לעקציאָן.

Is your father at home?	איז אייער פאָטער צו הויז?
He is not at home, Sir.	ער איז ניט צו הויז, מיין חערר.
When does he come home?	ווען קומט ער אהיים?

At home (אָט האָום), צו הויז, אין דער היים.

Home (האָום), אהיים, נאָך הויז.

He always comes home at four o'clock.	ער קומט אימער אהיים אום פיער א זייגער.
Does not he sometimes come home at half past three?	קומט ער ניט מאַנכמאל א היים אום האלב פיער (=האלב נאָך דריי)?
He never comes home so early.	ער קומט קיינמאָל אהיים אזוי פריה.
How late is it now?	וויא שפּעט איז עס יעצט?
It is a quarter past (.אָד after) four.	עס איז א פערטעל אויף פינף (=נאָך פיער).

Always (אָ־ל׳ווייז), אימער; sometimes (סאָמ׳טאַימז), מאַנכמאָל;

early (איר׳לי), פריה; late (לייט), שפּעט.

He is usually at home at ten.	ער איז געוועהנליך אום צעהן צו הויז.

Usually (יו׳זשואָללי), generally (דזשע׳נעראָללי), געוועהנליך.

Early און late שטעהען נאָך דיעס האַנדלונגכוואָרט, usually און generally—פאַר דיעם האַנדלונגס וואָרט.

When does your servant usually call you in the morning?	ווען רופט אייך אייער בעדיענטער געוועהנ־ליך אין דער פריה?
He generally (.אָד usually) calls me at half past six.	ער רופט מיך געוועהנליך אום האלב זיבען.

אנשטאָט וועקען זאָגט מען אין ענגליש מייסטענס רופען, call.

At four o'clock.	אום פיער א זייגער.

O' איז אן אבקירצונג פון of the: of the clock=o'clock.

At (אָט), אום.

A quarter (קוואָרטער) א פערטעל	Half (האַף) האלב

After (אָפ׳טער), נאָך, נאָכדעם; past (פּאָסט), פאַריבער, פאַרביי;

before (ביפאָור׳), פאַר, בעפאָר, איידער.

זעצונג פון s מיט אַ שטריכעלע (s') אין איינצאָהל און דורך דיא צוזעצונג פון אַ שטריכעלע (') אין מעהרצאָהל: the boy's arm, דעם יונגעלס ארם; the boys' arms, דיא יונגלאַכ'ס אָרמס.

Their servants' sons (אָדער the sons of their servants) call them.	דיא זיהן פון זייערע בעדיענטע רופען זייא.
They have the young gentleman's books (אדער the books of the young gentleman).	זייא האָבען דעם יונגען העררענ'ס ביכער.

בייא זאַכווערטער, וועלכע האָבען אַן אונרעגעלמעסיגע מעהרצאָהל, וויא man (מ. men), ווערט דיא אנגעהעריגקייט אין דער מעהרצאהל בעצייכענט וויא אין דער איינצאהל, ד. ה. דורך s' און ניט מיט (') אליין: the men's houses, דאָס הויז פון דיא מענשען. בייא נעמען פון פעלקער ווערט דיא אנגעהעריגקייט אין מעהרצאָהל אימער בעצייכענט מיט of.

Do you expect the children of the Frenchmen to-day?	ערוואַרטעט איהר היינט דיא קינדער פון דיא פראַנצויזען?
I expect the sons of the Frenchmen and of the Englishmen this evening.	איך ערוואַרט דיא זיהן פון דיא פראַנצויזען און פון דיא ענגלענדער היינט אבענד.
These are his sons' and his daughters' children (אָדער the children of his sons and daughters).	דאס זיינען זיינע זיהנ'ס און טעכטער'ס קינדער.

ווען עס קומען עטליכע זאַכווערטער, וואָס בעצייכנען בעזיצער, איינע נאָך דיא אַנדערע ווערט דאָס אנגעהעריקייטס צייכען (s' אָד. ') צוגעזעצט צו יעדען פון זייא.

35. צום איבערזעצען.

וואס פיר ביכער זיינען דיזע?—זייא זיינען פראַנצויזישע ביכער.—וואס פיר מעסערס זיינען דיזע?— זייא זיינען שטאָהלענע מיט הילצערנע שטיעלען (הענטלאך).—וואָס פיר נאָפּלען זיינען דיזע?—זייא זיינען זילבערנע.—וואס פיר א מאַן איז דאס (that) אין אייער צימער?—דאס (he) איז מיין ברודער'ס בעדיענטער.—איז ניט דיזען מאַנ'ס פרוי א זעהר שעהנעס פרויענצימער?—זיא איז א זעהר שעהנעס פרויענצימער.—ווער איז דיזער קליינער מאַן?—ער איז מיין ברודער.—ווער איז דיזעס גרויסע מיידעל?—זיא איז מיין שוועסטער.—רופט אימעצער זיא ניט?—יע. מיינע יונגלאַכ'ס שוועסטערקינדער רופען זיא.—האט איהר דיא קינדער'ס שטיפעל?—וועלכע קינדער'ס (פון וועלכע קינדער?)—פון דיא קינדער פון דיא פראַנצויזען און ענגלענדער.—זיינען דאס דיא פערד פון דיא איטאליענער אדער דיא פערד (those—אָבשטאַמט ווידערהאָלונג) פון דיא שפּאַניער?—זייא זיינען ניט (neither) דיא פערד פון דיא שפּאַניער ניט (nor) דיא פערד (those) פון דיא איטאַליענער, נאר זייא זיינען דיא פערד פון דיא דייטשען.—וואו זיינען מיינע שוועסטער'ס און ברידער'ס ביכער?—אייערע שוועסטער'ס און ברידער'ס ביכער זיינען ענטוועדער אין זייער צימער אדער אין אייערן; איך ווייס ניט אין וועלכען צימער זייא זיינען.—זיינען דאָס אייערע מומע'ס און פעטערס הייזער?—זייא זיינען ניט מיינע מומעס ניט מיינע (those) פעטערס הייזער.—ועמעס הייזער זיינען זייא?—זייא זיינען מיין פריינד'ס פלעמעניקעס

שוועסטערקינד'ס?—אין מיינע ביכער זיינען מעהר, דען איינס האט דרייסיג און דאס אנדערע אכציג; און אין דיא דרייא ביכער פון מיין שוועסטערקינד זיינען נאר פערצעהן אין איינעם און פערציג אין יעדען פון דיא אנדערע.

34. צום איבערזעצען.

ניט דער ענגלענדער דיא דרייא ארימע יונגלאך עפעס?—ער גיט יעדען א פעניג.—גיט דיא ענגלענדערין (Englishwoman) דיא קליינע קינדער געלד?—זיא גיט יעדען פון זייא פינף פעניג (pennies).—וויא פיעלע פעניג (pence) ענגלישעס געלד זיינען אין א גולדען?—צוואנציג פעניג זיינען א גולדען, פערציג פעניג זיינען צווייא, זעכציג פעניג זיינען דרייא גולדען, און פיער גולדען זיינען אכציג פעניג.—וויא פיעל איז זיבען און זעקס?—זיבען און זעקס איז אזוי פיעל וויא ניין און פיער: דרייצעהן.—וויא פיעל איז (are) פערצעהן מעהר אלס פינף?—אזוי פיעל וויא דרייצעהן איז מעהר אלס פיער.—וואס (וועלכעס) איז מעהר, מיין קליינער יונגע, אכצעהן אדער זעכצעהן?—אכצעהן איז (are) מיט צווייא מעהר אלס זעכצעהן—ווייסט דוא (you) אויך, מיט וויא פיעל צוואנציג איז מעהר אלס זיבצעהן?—יע געוויס ווייס איך: צוואנציג איז מיט דרייא מעהר אלס זיבצעהן.—איז ניט פערציג און צוואנציג אזוי פיעל וויא דרייסיג, אכצעהן און צוועלף?—יע, איינס איז אזוי פיעל וויא דאס אנדערע.—וואס (וועלכעס) האט מעהר פיס, א פערד אדער א גאנז?—א פערד האט מעהר פיס אלס א גאנז: דען פערד האבען פיער פיס און גענז נאר צווייא.—א הירש און א שאף האבען יעדעס פיער פיס: וויא פיעלע פיס האבען זיבען הירשען און אכט שאף?—אזוי פיעל וויא דרייצעהן שאף און צווייא הירשען: זעכציג.—היער זיינען דרייא פרויען, פון וועלכע (of whom) איינע האט איין קינד, און דיא צווייא אנדערע האבען יעדערע פיער קינדער; וויא פיעלע קינדער האבען דיא דרייא פרויען?—דיא דרייא פרויען האבען ניין קינדער.—גיט איהר אייער קעכין א טיכעל (handkerchief), מאדאם?—איך גיב יעדערער פון מיינע קעכינס צווייא טיכלאך.—גיט איהר אייער טאכטער א מופע?—איך גיב מיין טאכטער און מיין פלעמעניצע יעדערער א מופע.—ווייסט איהר וואר פערקויפט גוטע מופעס?—מיין זוהנ'ס פריינד פערקויפט זעהר גוטע.

Eighteenth Lesson.—אכצעהנטע לעקציאן.

Whose sons are these two young gentlemen?	וועמעס זוהן זיינען דיזע צווייא יונגע הערען?
They are my father's friends' sons (אָד. they are the sons of my father's friends).	דאס זיינען מיין פאטער'ס פריינד'ס זוהן.

ווען דאס בעציהט זיך אויף א מעהרצאָהל קומט אין ענגליש דאָס וואָרט these, they אָדער those.

אנגעהעריגקייט צו א זאַך אָדער פערזאָן ווערט געוועהנליך בעצייכענט מיט דעם ווערטעל of: the room of the house, דאָס צימער פון הויז; the arm of the man, דער אָרם פון מאַן (אָד. דעם מאַנ'ס אָרם). דיא אנגעהעריגקייט ווערט אויך בעצייכענט דורך דיא צו=

דיא איטאליענישע?—דיא וואָל פון דיא איטאליענישע איז ניט אזוי גוט, וויא דיא (that) פון דיא שפאנישע.—פיעלע ארטען פון דייטשע שאָף האבען אזוינע גוטע וואָל, וויא דיא שפאנישע שאָף.—האבען דיא דרייא דייטשען אזוי פיעלע פערד, וויא דיא דרייא ענגלענדער?—דיא דרייא דייטשען האבען ניט אזוי פיעלע וויא (so many as) דיא ענגלענדער, אבער זייא האבען אזוי פיעלע וויא דיא פינף פראנצויזען, וועלכע (whom) אייער פאטער קען.—האבען דיא האָללענדער אזוי פיעל זייד, וויא דיא איטאליענער?—זייא האבען ניט אזוי פיעל זייד.—זיינען דיא שפאניער אזוי רייך וויא דיא איטאליענער און דיא האָללענדער?—זייא זיינען אזוי רייך וויא דיא איטאליענער, אבער זייא האבען ניט אזוי פיעל געלד וויא דיא האָללענדער.—ליבט מיך אייער מומע אזוי אָפט וויא אייער פעטער?—מיין מומע ליבט איך ניט אזוי אפט וויא מיין פעטער.—ערווארטעט אייער מוטער היינט אבענד אזוי פיעלע הערריען וויא דאמען און אזוי פיעלע יונגלאך וויא מיידלאך?—זיא ערווארטעט אזוי פיעלע הערריען וויא דאמען, אבער זיא ערווארטעט ניט אזוי פיעלע יונגלאך וויא מיידלאך.—אין וועלכע הייזער זיינען מעהר פליעגען, אין דיא [those] פון דיא פראנצויזען אדער אין דיא פון דיא ענגלענדער?—אין דיא הייזער פון דיא ענגלענדער זיינען אזוי פיעלע וויא אין דיא פון דיא פראנצויזען.—אין וועלכע גארטענס זיינען מעהר בוימען, אין מיינע אדער אין אייערע?—אין מיינע גארטענס זיינען אזוי פיעל וויא אין אייערע.—וועמעס בענדער זיינען אזוי שעהן וויא מיין קוזינע'ס (אָד. וויא דיא [those] פון מיין קוזינע)?—מיין שוועסטער'ס בענדער זיינען אזוי שעהן וויא אייער קוזינע'ס (אָד. וויא דיא פון אייער קוזינע).—וועמעס הויז איז אזוי גרויס וויא מיין פעטער'ס (=וויא יענעס (that) פון מיין פעטער)?—מיין פעטער'ס הויז איז אזוי גרויס וויא דאס הויז פון אייערן (as that of yours).—ווארום האט אייער יונגעל ניט אזוי פיעלע ביכער, וויא מיינער?—ווייל איך גיב איהם ניט אזוי פיעלע.—ווארום גיט אייער ברודער זיינע יונגלאך מעהר בלייפעדערס, אלס איהר גיט אייערע?—ווייל ער האט מעהר בלייפעדערס, אלס איך האב, און ניט אזוי פיעלע יונגלאך.—איז דער וויין, וועלכען דער פראנצויז פערקויפט, אזוי גוט וויא דער (that), וועלכען דער שפאניער פערקויפט?—ער איז ניט אזוי גוט.

33. צום איבערזעצען.

ערווארטעט אייער מומע פיעלע לייט (people) היינט?—זיא ערווארטעט ניט פיעלע לייט, אבער מיין מוטער ערווארטעט פיעלע.—וויא פיעלע פערזאָן (persons) ערווארטעט אייער מוטער?—זיא ערווארטעט דרייצעהן אדער פערצעהן.—איז אייער פריינד'ס מומע א גוטע פרוי?—זיא איז זעהר א גוטע פרוי (a פאר very) און איהר מאן איז זעהר א גוטער מאן; זייא זיינען זעהר גוטע לייט.—גיבען דיזע גוטע לייטע (פערזאָנען) פיעל צו ארימע לייט?—זייא גיבען זעהר פיעל (צו) ארימע לייט.—זיינען אייערע לייטע היער?—ניין, מיינע לייטע זיינען נאך ניט היער.—גיט איהר עפעס (צו) דיזע לייטע?—איך גיב זייא עפעס.—גיט איהר דיזע לייטע פיעל געלד?—איך גיב זייא אזוי פיעל וויא (as much as) איך האב.—וואס גיבען יענע לייטע (צו) דיא קינדער אין זייער גארטען?—זייא גיבען יעדען פון דיא יונגלאך אכט וועפלאך (שפיעל-ביינדלאך) און יעדען פון דיא מיידלאך גיבען זייא פיער.—אין וועלכע ביכער זיינען מעהר בלעטער, אין אייערע אדער אין אייער

Twenty (טוּוענ'טי)	צוואַנציג	Thirteen (טהאָיר'טין)	דרייצעהן
Thirty (טהאָיר'טי)	דרייסיג	Fourteen (פאָור'טין)	פערצעהן
Forty (פאָר'טי)	פערציג	Fifteen (פיפ'טין)	פופצעהן
Fifty (פיפ'טי)	פופציג	Sixteen (סיקס'טין)	זעכצעהן
Sixty (סיקס'טי)	זעכציג	Seventeen (סעווענ'טין)	זיבעצן
Seventy (סעווענ'טי)	זיבעציג	Eighteen (אֵיי'טין)	אַכצעהן
Eighty (אֵיי'טי)	אכציג	Nineteen (נאַינ'טין)	ניינצעהן

Ninety (נאַינ'טי) ניינציג

31. צום איבערזעצען.

קומען דיא פראַנצויזען מיט זייערע פערד?—ניין, אבער דיא ענגלענדער קומען מיט זייערע פערד און הינד.—זעהט איהר דיא זעקס מעננער אין יענעם גארטען?—ניין, איך זעה נאר פינף מעננער.—האט איהר א גיטעס מעסער?—איך האב נאר גוטע מעסערס און גאר קיינע שלעכטע.—האט איהר גאלדענע מעסערס?—איך האב ניט קיינע גאלדענע און קיינע זילבערנע, איך האב נאר שטאהלענע מעסערס.—וויא פיעלע בלעטטער זיינען אין אייער פראַנצויזישען בוך?—איך וויים נים; וויא פיעלע זיינען אין אייערן?—אין מיינעם זיינען מעהר בלעטטער אלס אין מיין ברודער'ס (אלס אין יענעם פון מיין ברודער— than in that of my brother).—זעהט איהר יענע מעננער מיט זייערע פרויען?—איך זעה פיעלע מעננער און פרויען, אבער איך וויים ניט, אויב דיזע פרויען זיינען דיא ווייבער (פרויען) פון דיא מעננער.—האט דיא פרוי א קינד?—זיא האט מעהר קינדער אלס איינס.—וויא פיעלע קינדער האט זיא?—זיא האט דרייא קינדער.—זעהט איהר דיזע קליינע מייז?—איך זעה זיא.—האט איהר פיעלע מייז אין אייער הויז?—מיר האבען זעהר פיעלע מייז אין א נזער הויז.—האט דער אָרימער מאַן א שאָף?—דער מאַן איז ניט ארים, ער האט צעהן שאָף און אֵיין (a) אָקס.—האט ער אזוי פיעלע אָקסען וויא אייער בעדיענטענ'ס פאטער?—ער האט ניט אזוי פיעלע, דען ער האט פופצעהן שאָף און צוועלף אָקסען.—זעהט איהר דיא הירשקוה (deer) אין יענעם גאָרטען?—איך זעה זיא.—וויא פיעלע הירשקיה זעהט איהר?—איך זעה מער אלס צוואנציג.—פערקויפט דער מאַן דיזע הירשקיה?—ער פערקויפט זייא, אבער זיין ברודער פערקויפט זיינע ניט.—וואָס פיר א צאָהן איז דאס (this)?—עס איז דער צאהן פון א הירשקוה.—וויא פיעלע צאָהן האט אייער קליינעם קינד, מאדאם?—עס האט שוין פיר צאָהן (ווען מען רעדט פון א קינד אין דער וועלט אריין זאגט מען it; ווען כען האט אבער דאביי אין זינען א יונגעל זאגט מען he, א מיידעל—she).—האט אייער קליינער זוהן שוין אזוי פיעל צאָהן וויא מיינער?—ער האט מעהר; ער האט זעקס צאָהן.—האבען דיזע ארימע לייט (people) פיעלע קינדער?—זייא האבען זעהר פיעלע (a great many) קינדער און ניט פיעל ברויט.

32. צום איבערזעצען.

קענט איהר דיזע לייטע?—איך קען זייא ניט; אבער מיין פאטער קען זייא.—זיינען דיא ארימע לייטע?—זייא זיינען זעהר ארימע לייטע, דען זייא האבען ניט קיין האָלץ, ניט קיין ברויט, ניט קיין פלייש.—האבען דיא שפּאַנישע שאָף אזוינע (as) גוטע וואָל וויא (as)

As much as (אַז מאַטש אַז), אזוי פיעל וויא.

Not so much as, ניט אזוי פיעל וויא.

As rich as he.	אזוי רייך וויא ער.
Not so rich as he.	ניט אזוי רייך וויא ער.
Have you as many boys as I?	האט איהר אזוי פיעלע יונגלאך וויא איך?
I have not so many as you.	איך האב ניט אזוי פיעלע וויא איהר.

As many as, אזוי פיעלע וויא.

Not so many as, ניט אזוי פיעלע וויא.

Have the three Frenchmen as fine horses as the Dutchmen whom I know?	האבען דיא דרייא פראנצויזען אזעלכע (אזוינע) שעהנע פערד וויא דיא האללענדער, וועלכע איך קען?
They have as fine ones.	זייא האבען אזעלכע (אזוינע) שעהנע.
They have not so fine ones.	זייא האבען ניט אזעלכע (אזוינע) שעהנע.

ווען דאס ווארט man קומט אין פערבינדונג מיט אנדערע ווערטער און שטעהט אם ענדע ווערט עס אין דער מעהרצאהל אימער פערוואנדעלט אין men: Frenchman, א פראנצויז (פון Franch און man)—Frenchmen, פראנצויזען. עס זיינען דא ווערטער וואס ענדיגען זיך אויף man, וואס איז גאר ניט דאס ענגלישע man, וויא firman, א בעפעהל [פון טירקיש]; אין אזעלכע זאכווערטער איז דיא מעהרצאהל רעגעלמעסיג: firmans, בעפעהלען, ניט firmen. צו דיזע לעצטע געהערען: German (דזשאירמאן), א דייטש, Ottoman (אט טאמאן), א טערק, Mussulman (מאס'סאלמאן), א מאהאמעדאנער, Norman (נארמאן), א נארמאנדיער, וועלכע זיינען אין דער מעהרצאהל:

Germans	דייטשען	Mussulmans	מאהאמעדאנער
Ottomans	טערקען	Normans	נארמאנדיער

How many people (אָדער persons) do you see?	וויא פיעלע לייטע זעהט איהר?
I see more than twenty people (אָדער persons).	איך זעה מעהר אלס צוואנציג לייטע (מענשען).
The person (פּאירסאָן), the persons.	דיא פערזאן, דיא פערזאנען.
The people (פּי־פּל).	דאס פאלק, דיא לייטע (מענשען).

נאך דעם ווארט people קומט אימער דאס הויפּטווארט אין דער מעהרצאהל.

Are you a friend of this man's brothers?	זייט איהר א פריינד פון דיזען מאנ'ס ברידער?
I am everybody's friend; are we not all brethren?	איך בין יעדערנ'ס פריינד; זיינען מיר ניט אלע ברידער?

His (היז), זיין, דער זייניגער, דיא זייניגע, דאס זייניגע.

ווען דאָס וואָרט man בעצייכענט מענש, האט עס קיינמאָל ניט פאָר זיך דעם בעשטימענדען אַרטיקעל the: man, דער מענש, men, דיא מענשען.

פאָלגענדע זאַכווערטער זיינען אונרעגעלמעסיג אין דער מעהרצאָהל:

The man (מאַן), the men (מען).	דער מאַן, דיא מענער.
The woman (וואומאַן), the women (וויממען).	דיא פרוי, דיא פרויען.
The child (טשאַילד), the children (טשילדרען)	דאס קינד, דיא קינדער.
The mouse (מאַוס), the mice (מאַיס).	דיא מויז, דיא מייז.
The louse (לאַוס), the lice (לאַיס).	דיא לויז, דיא לייז.
The goose (גוס), the geese (גיס).	דיא גאַנז, דיא גענז.
The foot (פוט), the feet (פיט).	דער פוס, דיא פיס.
The tooth (טוטה), the teeth (טיטה).	דער צאהן, דיא צאָהן.
The ox (אָקס), the oxen (אָקסען).	דער אָקס, דיא אָקסען.

נאָכפאָלגענדע זאַכווערטער האבען צווי פאָרמען אין מעהרצאָהל, איינע אַ רעגעלמעסיגע און דיא אַנדערע אַן אונרעגעלמעסיגע, און יעדע פאָרמע האט אַ בעזונדערע בעדייטונג:

(בראָדהער) Brother, אַ ברודער, אַ פריינד.

1) Brothers (בראָדהערז).	ברידער (פון געבורט).
2) Brethren (ברעדהרען).	ברידער (בעקאַנטע, פריינדע).

(דאַי) Die, אַ מינצ־שטעמפעל, אַ שפּיעל־ביינדעל.

1) Dies (דאַיז).	מינצ־שטעמפּלען.
2) Dice (דאַיס).	שפּיעל־ביינדלאך.

(פּי) Pea, אַרבעס.

1) Peas (פּיז).	ארבעס (איינצעלנע אַ בעשטימטע צאָהל).
2) Pease (פּיז).	ארבעס (אַן אונבעשטימטע צאָהל).

(פּעני) Penny, אַ פּעני (אַן ענגלישע מטבע); אַ פּעניג.

1) Pennies (פּעניז).	פּענים (אַ בעשטימטע צאָהל).
2) Pence (פּענס).	פּענים (דער סאָרט מטבע).

פאלגענדע זאַכווערטער האבען דיא זעלביגע פאָרם פיר איינצאָהל און מעהרצאהל:

The deer (דיר).	דער הירש, דיא הירשען.
The swine (סוואַין).	דער שווין, דיא שווינען.
The sheep (שיפּ).	דאס שאָף, דיא שאָף.
The people (פּיפּל).	דאס פאלק, דיא לייט.
The series (סיריז).	דיא סעריע (אָרדנונג), דיא סעריעס.
The species (ספּישיז).	דיא ארט, דיא ארטען.
Have the Italians as much money as the Germans?	האבען דיא איטאליענער אזוי פיעל געלד וויא דיא דייטשען?
They have not so much as the Germans.	זייא האבען ניט אזוי פיעל וויא דיא דייטשען.

פראנצ יזישער הערר עלף בעדיענטע אדער צוועלף?—ער האט ניט עלף ניט צוועלף.— וויא פיעלע האט ער?—איך ווייס ניט, אדער ער האט אכט אדער ניין, אבער איך ווייס, ער האט ניט מעהר אלס ניין.—ווייס דיזער מאן וואו מיין הוט איז?—ניין, דער (he אָד. this man) ווייס עס ניט, אבער יענער ווייס.—ווארום ליבט מיך יענע דאמע?—וויל זיא קען א יך ניט.—ליבט מיך אימעצער אנדערס?—ניין, קיין אנדערער (nobody else) ליבט אייך, דען אלע דיזע דאמען קענען אייך.—זיינען דיזע דאמען מיינע פיינדינען?—זייא זיי= נען ניט אייערע פיינדינען ניט אייערע פריינדינען.—זיינען דאס פראנצויזישע ביכער?— ניין, עס (they) זיינען ענגלישע.—פערקויפט דיזער מאן גוטע רעגענשירמס?—ניין, ער פערקויפט זעהר שלעכטע.—זיינען דאס (these) גאלדענע אדער זילבערנע שמעק טאבאק פושקעס?—עס זיינען גאלדענע.—האט איהר נאר גאלדענע?—ניין, איך האב אויך זיל= בערנע.—ווער איז גערעכט?—קיינער איז אונגערעכט.—ווארום איז יעדערער אונגערעכט? —וויל קיינער איז ניט גערעכט.—יע, אימעצער איז גערעכט; איך קען איינעם, וועלכער איז גערעכט.—איז אייער שוועסטער גערעכט?—זיא איז אויך גערעכט, זייא זיינען אלע גערעכט.—דאס (that) איז רעכט, יעצט האבען מיר (we have) נענוג פון רעכט און אונרעכט.—ניין, נאך ניט; איז ניט איינער גערעכט, ווען דער אנדערער איז אונגע= רעכט?—יע, איהר האט רעכט (איהר זייט גערעכט).

Seventeenth Lesson.—זיבצעהנטע לעקציאן.

Who has my steel knives (נאיווז).	ווער האט מיינע שטאָהלענע מעסערס?
Which steel knives?	וועלכע שטאָהלענע מעסערס?
Those with the ivory handles.	דיא וואס זיינען מיט דיא זילבערנע שטילען.

דער וואָס איז, דיא וואָס איז, דאָס וואָס איז, דיא וואָס זיינען ווערען אין ענגליש אויסגעדריקט מיט דיא ווערטער that, those, ווען עס האנדעלט זיך אום זאכען: ווען עס האנדעלט זיך כון פערזאָנען געבּרויכט מען אין דעם זעלבען זינען דיא פערזאָנ=פּירוויר= טער he (ער), she (זיא), they (זייא).

with (ווידה), מיט.

The handle (האָנדל).	דאָס הענטעל.
The knives (נאיווז).	דיא מעסערס.

זאַכווערטער וואָס ענדיגען זיך אין איינצאהל אויף f אדער fe ענדערן אין דער מעהרצאהל f אָדער fe אין ves. עס זיינען דאָ מאַנכע אויסנאַהמען צו דיזער רעגעל. ווערטער וואָס ענדי= גען זיך אויף ff, oof האבען אַ רעגעלמעסיגע מעהרצאהל.

The leaf (ליף), the leaves (ליווז).	דאָס בלאַט, דיא בלעטער.
The wife (וואיף), the wives (וואיווז).	דיא פרוי, דיא פרויען.
The muff (מאָף), the muffs.	דיא מופע, דיא מופעס.
The roof, the roofs.	דאס דאך, דיא דעכער.
Those men have your knives.	יענע מענער האבען אייערע מעסערס.
The man, the men.	דער מאן, דיא מענער.
Man, men.	דער מענש, דיא מענשען.

שוועסטער, ווען אייער מומע ערוואַרטעט אונזער פעטער?—אונזערע שוועסטער ווייסען
עם ניט, אבער אונזערע קוזינעס (שוועסטערקינדער) ווייסען.—קענט איהר מיין הונד?—
